STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07390

DI GRINDER UN BOYER FUN YUDENTUM

Isaac Hirsch Weiss

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייזיק הירש ווייס

די גרינדער און בויער פון יודענטום

(דור דור ודורשיו)

אדער

די געשיכטע פון דער תורה שבעל פה

צווייטע סעריע:

פון דער שליסונג פון תלמוד ביז די בעלי תוספות

אין דריי ביכער

בוך א.

איבערזעצט פון י. י. שווארץ

אונטער דער רעדאקציע פון ש. צ. זעצער

ארויסגעגעבען פון פערלאג אידיש, ניו־יארק.

תרפ"ב — 1922.

Copyright 1922
JEWISH BOOK AGENCY

איניגע באמערקונגען.

א) מיינע אייגענע באמערקונגען אדער ערקלעהרונגען קומען אין בוך גופא צום סוף פון די עמודים און ווערען באצייכענט מיט שטערענד־לעד (*). א צוויי דריי צווישען זיי זיינען ניט מיינע, און באלאנגען צום מחבר, רבי אייזיק הירש ווייס. עס ווערט טאקע אונטער זיי זיין נאמען אנגעגעבען. די אלע איבעריגע זיינען פון מיר.

ב) ארומגערינגעלטע אותיות אין טעקסט גופא, ווי למשל (ב) (י"א) — באווייזען, אז וועגען דעם עניין געפינט זיך דעם מחבר'ס א באמערקונג. אין העברעאישען טעקסט געפינען זיך די דאזיגע באמער־קונגען אין בוך גופא צום סוף פון די עמודים. אין אונזער אידישער איבערזעצונג קומען זיי צום סוף פון ספר.

ג) די אויבענדערמאנטע באמערקונגען פון מחבר, וואס קומען צום סוף פון ספר, זיינען אלע איבערזעצט געווארען פון מיר.

ד) אויסער די באמערקונגען און די מראי־מקומות זיינען אויך פיעלע שטעלען פון ספר גופא — ווי אויך די ערשטע דפים זיינע — פון מיר איבערזעצט געווארען.

ה) דאס גאנצע ספר איז פון מיר זארגפעליג און אויפמערקזאם רעדאקטירט געווארען און איך טראג די פולע פאראנטווארטליכקייט פאר דער איבערזעצונג.

ו) די איבערזעצונג איז א טרייע צום אריגינאל. עס זיינען אין איהר קיינע ענדערונגען ניט געמאכט געווארען. עס איז גאר ניט אראפ־גענומען געווארען פון אריגינאל און גאר ניט צוגעגעבען געווארען צו איהם. אויסער גאר קליינע קלייניגקייטען וואס זיינען מעהר פון טעכני־שען כאראקטער ווי פון רעדאקציאנעלע.

ז) אויך די איבערזעצונג פון די „מראי־מקומות" און די ענטצי־פערונג זייערע איז פון מיר געמאכט געווארען.

צולעצט וויל איך אויסדריקען מיין האפנונג, אז אויך אין זיין אידי־שער איבערזעצונג וועט דער „דור דור ודורשיו", וועלכער איז איינער פון די עטליבע וויכטיגסטע ספרים, וואס די מאדערנע העברעאישע ליטעראַ־טור האט געשאפען, וועט דעם אייגענעם ערפאלג האבען, וואס ער האט אין אריגינאל — אין העברעאישען גהאט.

און דאס וועט אויך פאר מיר א גרויסע בעלוינונג זיין פאר דער גרויסער מיה און פיעלע ארבייט וואס אויך איך האב בייגעטראגען דער־צו, אז דער דאזיגער ביז אין העכסטען גראד וויכטיגער ספר זאל פאר דעם אידישען לעזער צוגענגליך ווערען.

ש. צ. זעצער.

י"ח טבת, תרפ"ב ניו יארק.

פון דער שליסונג פון תלמוד ביז די בעלי תוספות

בוך א.

ערשטעס קאפּיטעל.

די רבנן סבוראי און די ערשטע גאונים.*)

עוואָלוציע אין דער וועלט
פון אידעען און געדאַנקען.

די צייטען ענדערען זיך און צוזאַמען מיט זיי ענדערען זיך אויך די מענשען. דורות בייטען זיך און פאַרשווינדען. א דור קומט אָן און א דור פאַרגעהט, און אויך אנשויאונגען און מיינונגען, טעאָריען און דאָקטרינען ענדערען זייער אויסזעהען און כאַראַקטער. אייביג איז נאָר דאָס אומאויפהערליכע ענדערען און בייטען זיך. ווייטער איז קיין זאַך ניט אייביג. און דאַך טראָץ דעם, וואָס אין פאַרלויף פון פיעלע און לאַנגע פעריאָדען יאָהרען ווערען פאַרעלטערט און אויסגעטריקענט די אַלע פאַרשיידענע דאָקטרינען און טעאָריען — פון דעם שטאַם ביז צו די צווייגען זייערע, שטאַרבען אָבער על פי רוב זייערע וואָרצלען דאָך ניט אָב אינגאַנצען. דורות בייטען זיך און פאַרשווינדען. זיי אָבער האַלטען שטענדיג זייער קיום אָן און ברענגען פון זיך אַלץ נייע צווייגען ארויס, וועלכע טראָגען אויך אַלץ נייע פרוכטען אויף זיך.

און ווי דער פאַל איז מיט אַלע אנדערע דאָקטרינען און לעהרען, אַזוי איז אויך דער פאַל מיט דער אידישער תורה. טראָץ דעם, וואָס אויך זי האָט אין לויף פון דער צייט איהרע צווייגען און פרוכטען געביטען, זיינען

*) די פאָרשטעהער פון דער תורה שבעל פה, באַלד נאָכדעם ווי דער תלמוד איז שוין אין גרעסטען טייל זיינעם געשלאָסען געוואָרען, האָבען זיך גערופען רבנן סבוראי, ווייל זיי האָבען שוין קיין דירעקטע און אַקטיווען אנטייל ניט גענומען אין דעם אויפבויען פון דעם תלמודישען בנין. מעהר ווי זיינע שעפער זיינען זיי זיינע פּאָפּולאַריזאַטאָרען (סבוראי) און קאָמענטאַטאָרען געווען.

דאך אבער שטענדיג איהרע ווארצלען אומגעענדערט געבליבען און וועלען אויך אויף ווייטער אומגעענדערט בלייבען. איז דאך דאס דער שיקזאל, וואס איז פאר איהר שוין פון איהר ערשטען טאג אן באשטימט געווארען. שוין גלייך ווי זי איז אויף דער וועלט געקומען איז פאר איהר באשטימט געווארען אנצוהאלטען איהר קיום אויף אייביגע דורות, און נאר איהרע צווייגען צייטענווייז צו בייטען. שוין גאר אין אנהויב איז די תורה איבערגעגעבען געווארען צו די חכמים און לערער. זיי זאלען זיך ביז צו איהרע ווארצלען דערגרונטעווען און אין איהרע עיקרים זיך פארטיפען, און לויט ווי זיי וועלען באשליסען, הן דאן, ווען זיי וועלען פארברייטערען דעם זין פון איהרע פאראָרדנונגען און הן דאן, ווען זיי וועלען איהם פארשמעלערען, הן דאן, ווען זיי וועלען עטוואס פון אלטען פארווארפען און הן דאן ווען זיי וועלען עטוואס נייעס פארפלאנצען, אזוי זאל עס בלייבען. און זיי — די חכמים — האבען זיך ווירקליך שטענדיג מיט דיזען רעכט זייערען באנוצט. אזוי גיך, ווי די צייטען האבען זיך געביטען, אזוי גיך, ווי עס איז א נייע פאזע אין דער אנטוויקלונג און אין דעם קולטורעלען מצב פון פאלק אריינגעטראטען, אזוי גיך ווי די נייע צייטען און די באדינגונגען פון די נייע אידישע צענטרען זיינען געווארען צודרינגליך, האבען זיי פון אלטען ווארצעל א נייע צווייג אויפגעבראכט, וואס האט זיך גרוים און שעהן צעוואקסען און האט ארויסגעבראכט פון זיך אט יענע אלע נייע פרוכטען, אין וועלכע עס האט זיך די נייע צייט גענויטיגט. דער דאָזיגער פראצעס פון אומענדליכען ענדערען און בייטען זיך איז אן אומפארמיידליכער לויט דעם כאראקטער פון אלעם דעם, וואס לעבט און עקזיסטירט — און ווער עס וויל עס אפלייקענען, איז גלייך ווי ער וואלט דעם עקזיסטירענדען סדר העולם אפגעלייקענט.

די פארשיידענע פאזען
פון אנטוויקלונג אין דער
אויסטייטשונג פון דער תורה
ביז צו די רבנן סבוראי.

וואס פאר א שפורען עס האט דיזער פראצעס פון אומאויפהערליכען ענדערען און בייטען זיך איבערגעלאזט אויף אונזער תורה פאר דער צייט פון דער ווייטער אורשפרינגליכער געשיכטע פון אידישען פאלק וויסען מיר ניט. אויך פון די גלות צייטען

אין די לענדער בבל און פרס זיינען וועגען דעם נאר איינציגע אומבאדייטענדע און ווייניגע רמזים פארבליבען. אנדערש איז דאס אבער בנוגע דער צייט, ווען אלכסנדר מוקדון האט געמאכט זיין צוג איבער די מזרח־לענדער און איינציגע יאהרהונדערטער שפעטער. אין דעם הינזיכט איז יענע צייט אין ווייניגער פינסטערע נעבלען איינגעהילט. עס רייסען זיך איינציגע שטראהלען ליכט פון דעם אלגעמיינעם חושך ארויס און ווייזען אונז, אז שוין אין יענע צייטען האט די אידישע תורה איהר אויסזעהן געביטען. ווי גרויס און וויכטיג דיזע ענדערונג איז געוועזן קענען מיר ניט וויסען דערפון, ווער קען עס געגוי דערגעהן, וואס פון דעם, וואס מיר באזיצען פון יענער ענדערונג איז ווירקליך א פראדוקט פון אט יענער אלטער צייט? זעהענדיג אבער דעם ווידערשטאנד וואס די ענדערונג האט דאן באגעגנט, קענען מיר מיט רעכט אורטיילען, אז זי איז ווירקליך געוועזן א גרויסע. ווארים עס האט לאנג ניט גענומען און דאס אידישע פאלק האט זיך צעשפאלטען אויף צוויי לאגערן. ניט פארשטעהענדיג דעם גייסט פון ריכטיגען פארשען און שטודירען, אדער צוליב אנדערע אורזאכען, האט דער ערשטער לאגער, די צדוקים, באקעמפט יעדע ענדערונג אין דער אויסטייטשונג פון דער תורה. די אנפיהרער פון דיזען לאגער איז פרעמד געוועזן דער פרינציפ פון עוואלוציע, וועגען וועלכען מיר האבען אויבען גערעדט. זיי האבען ניט פארשטאנען, אז אזוי ווי די צייט און מענשען בייטען זיך, אזוי בייטען זיך אויך ביי די פעלקער די אנשויאונגען און די פאדערונגען, לויט וועלכע עס באדארפען שטענדיג די אלע דינים און מנהגים געפאסט ווערען, און דעריבער איז א שטענדיגער שטילשטאנד אהן ענדערונגען א זאך, וואס קען ניט געמאלט זיין. זיי האבען דאס אלעס ניט באגריפען און זיי זיינען צוזאמען מיט זייער לערע זעהר שנעל פארלארען געגאנגען און בלויז דער נאמען איז פון זיי פארבליבען. דער צווייטער לאגער אבער, די פרושים, האט פארשטאנען, וואס די נייע צייט און פלאץ פאדערען און ווי ווייט די באגריפען און אנשויאונגען פון מענשען און פעלקער בייטען זיך אין פארלויף פון לאנגע יאהרען, און האט אויך באגריפען וואס פאר א ווירקונג דאס אלעס באדארף און מוז האבען אויף אונזער שטודירען און פארשען פון דער תורה שבכתב. זיי האבען פארשטאנען, אז אין אנקלאנג מיט דעם כאראקטער פון דיזע אלע ענדערונגען, מוזען מיר אויך פאדערען ענדערונגען אין דער אויסטייטשונג פון איהרע פאראָרדנונגען. צי האבען זיי צו יעדער צייט געטראפען אין נויטיגען און געווינשטען ציל און צי האבען זיי אויפגעטאן שטענדיג דאס העכסטע וואס איז פאר זיי מעגליך געוועזן, ווילען מיר ניט

און קאָנען אויך ניט אורטיילען, ווייל מיר ווייסען ניט די אורזאַכען וואָס האָבען זיי באַוועגען צו זייערע באַשלוסען און טאַטען. נאָר דאָס קאָנען מיר אָבער יאָ מיט געוויסהייט זאָגען, אַז זייער כונה איז אימער אַ גוטע און גערעכטע געווען. די אַנפירער פון דעם ראַזיגען לאַגער זיינען געווען די חכמי־הפרושים, וואָס זייער לערע איז געוואָרען מאַסגעבענד פאַר אַלע רעכט־דענקענדע עלעמענטען פון פאָלק. באַגרייפענדיג דאָס אַלעס און באַנוצענדיג זיך מיט אַלעם דעם וואָס האָט זיך געפאָדערט אויף אויפצור־האַלטען דעם קיום פון דער תורה אין אַלע צייטען און לענדער, האָבען זיי זי געפירט פון איין פאַזע פון אַנטוויקלונג צו דער צווייטער. ווען מיר טראַכטען זיך אריין אין די פאַרשיידענע פאַזען פון אַנטוויקלונג, אין וועלכע זי האָט זיך אין פאַרשיידענע צייטען געפונען, זעהן מיר, אַז וויפיעל צייט עפּאָכען זי האָט דורכגעמאַכט, אין אַזויפיעל פאַרשיידענע פאַזען פון אַנטוויקלונג האָט זי זיך געפונען. דער וועג פון די חכמים, וואָס האָבען געלערנט און ערקלערט די תורה פאַר דעם פאָלק — פון „לשכת הגזית*) איז אַנדערש פון דעם וועג אין וועלכען עס זיינען געגאַנגען די ערשטע תנאים אין זייערע פאָרשונגען פון דער תורה. און פון ר' עקיבא'ס צייט אַן און ווייטער זיינען די וועגען זיך נאָך מעהר פאַנאַנדערגעגאַנגען. אין שפּעטער, ווען די משנה איז געשלאָסען געוואָרען הויבט זיך אָן נאָר אַ נייער קאַפּיטעל אין דער פאָרשונג פון דער תורה. דיזע פאָרשונג איז לויט איהר מעטאָד און כאַראַקטער זעהר ווייט אוועק פון דער פאָרשונג פון די פריהערדיגע דורות. די „תורה שבעל פה" איז דורך דיזע אַלע ענדערונגען און אַנטוויקלונגס־פאַזען דורכגעגאַנגען ביז זי איז צוגעקומען צו דער מדרגה, אויף וועלכער זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער צייט פון די לעצטע אמוראים, ווען זי האָט אָנגענומען אַט יענע פאָרם, אין וועל־כער זי ליגט אויפגעשריבען פאַר אונז.

דער מצב התורה אין ארץ ישראל
אַרום דער צייט ווען דער תלמוד ירושלמי
איז געשלאָסען געוואָרען.

און אויך דאָן ווען דער תלמוד האָט זיך געשלאָסען איז נאָך אַלע די תלמודישע וויסענשאַפט צו איהר לעצטען פונקט ניט געקומען. די

---

*) דער קאַבינעט פון די גלייך ארומגעהאַקטע שטיינער אין דער בית המקדש געביידע. דאָרטען האָבען די סנהדרין גע'משפט.

פאַרטזעצונג אין דער אנטוויקלונג פון „תורה שבעל פה" האָט אויך דאָן נאָך ניט אויפגעהערט. די פאַרענדיגער פון תלמוד, זיי גופא, האָבען אליין ניט געמיינט, צו זאָגען, אז מיט זיי ווערט די תורה געשלאָסען, און אז איהר שטודיום וועט מיט זיי צוזאַמען אָפּשטאַרבען. עס זיינען אָבער פאַרשיידענע סבות אנגעשטאַנען אויף די דורות באלד ווי דער תלמוד איז געשלאָסען געוואָרען, אזוי אז זיי האָבען בלויז דורך גרויסע שוועריגקייטען געקאָנט פאַרטזעצען זיין ווייטערדיגע אנטוויקלונג.

פון דער ווירקונג פון די חכמי ארץ ישראל, אין דער ערשטער צייט ווי זיי האָבען געשלאָסען דעם תלמוד ירושלמי, זיינען אָפּגעווישט אַלע שפּורען. מיר ווייסען ניט וואָס עס איז געוואָרען דאָרטען מיט די ישיבות. מיר ווייסען ניט, צי זיי זיינען חרוב געוואָרען און אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דעם פירשטענטום פון לאַנד אָדער צוליעב מאַנגעל אין „קנאת סופרים". דאָס ווייסען מיר אָבער זיכער, אז א לאַנגע צייט איידער דער תלמוד איז נאָך געשלאָסען געוואָרען איז די פאַרשונג פון הלכה געוואָרען דאָרטען פיל קלענער און שוואַכער, ווי זי איז אין דער פריהערדיגער צייט געווען. נאָך אונזער מיינונג, האָבען די צרות און יסורים, וואָס די אידען אין ארץ ישראל זיינען זיך אויסגעשטאַנען אין משך פון פילע דורות פריהער נאָך און וועלכע האָבען דערגרייכט צו דער ערגסטער שטופע אין די לעצטע טעג פון די אמוראים—גורם געווען דערצו זיי זאָלען בלייבען שטעהן אויף א פאַרגליווערונגס-פונקט בנוגע צום אַנגעהן ווייטער מיט דער פאַרשונג פון הלכה. אונטערדריקונג פון די ארומיגע פעלקער, צוואַנג און געוואַלדטאַטען פון די רעגירונגס-באַאַמטע, רעליגיאָנס-אונטערדריקונג פון די מוטוויליגע הערשער, אומזיסטיגע שנאה און רעליגיאָנס אייפער פון די ערשטע לערער פון קריסטענטום, וואָס האָבען זיך גערופען די פּריסטער פון גאָט פון ליבע, און די שווערע, ביטערע געזעצען, וואָס די ממשלה האָט אויף זיי ארויפגעצוואונגען — דאָס אַלעס איז גענוג געווען צו פאַרוואַרפען דעם גאַנצען לעבענס-וועג זייערען מיט שטרויכלונג-שטיינער און פאַרקלענערען זייערע פעהיגקייטען און מעגליכקייטען צו באַשעפטיגען זיך מיט דער קולטיווירונג און אנטוויקלונג פון תלמוד. און דאַריבער איז ארץ ישראל שוין מער ניט געווען א זיכערער פלאַץ צו פאַרשפּרייטען די תורה דאָרטען.

און עס זיינען צו אונז ווירקליך ניט צוגעקומען קיין קלאָרע ידיעות פון זייער לעבען ווי אויך קיינע שריפטען פון זייערע חכמים איבער הלכה פון יענע דורות. פון אייניגע פאַקטען קענען מיר אפילו אורטיילען, אז די פאַרשונג אין הלכה האָט דאָך ניט אינגאַנצען אויפגעהערט. מיר

געפינען אין איינעם פון די מעמואר־ביכער וועגן די לעבענס פאסירונגען פון די חכמים פון יענער צייט, אז אין יאהר 280 פון פינפטען טויזענד, לויט דער אידישער צייט רעכנונג,*) האט געלעבט א ראש גולה מיט'ן נאמען מר זוטרא בן מר זוטרא, וואס איז געווען געצוואונגען צוליעב אורזא־כען, וואס זיינען אונז נים באקאנט, פארלאזען זיין געבורט־לאנד און אנט־לויפען קיין ארץ ישראל, אוואו ער איז געווארען דער ריש פרקי (סוף סדר עולם זוטא). די דאזיגע צייט פאלט אוים אין די טעג פון די רבנן סבוראי, און פון דעם זעהען מיר, אז אין יענער צייט האט מען אין ארץ ישראל געלערנט תורה ברבים. אויך געפינען מיר, אז אין דער צייט פון גיורות און שמד אין פרס זיינען פיעלע חכמים און תלמידים אוועק קיין ארץ ישראל, און שפעטער זעהען מיר, אז ווען ר' אחא משבחא האט פארלאזען בבל, האט ער זיך אויך באזעצט אין ארץ ישראל און געווים וואלטען די אלע נים אנטלאפען אהין, ווען ארץ ישראל וואלט געווען ליידיג פון תורה און ווען דארטען וואלטען נים געווען קיין איינגעשטעלטע ישיבות. און נאך מעהר באגלויבטער עדות וועגען דעם איז די תפלה פון „יקום פורקן", וואס איז אהן ספק זעהר אז אלטע — ר' עמרם גאון נאך ברענגט זי אין זיין סדור. אין דער דאזיגער ברכה בענטשט מען: אונזערע הערען און רבנים, די הייליגע חבר'שאפטען (ישיבה לייט), וואס אין ארץ ישראל און אין בבל, די רישי**) כלי און ראשי הגולה, די ראשי ישיבות און די דייני דבבא***). פון דיזער תפלה קענען מיר זעהן, אז אין די אלע צייטען פון די רישי כלה, רישי גלותא און די רישי מתיבתא (ראש־ישיבות) פון בבל, זיינען אויך אין ארץ ישראל געווען הייליגע ישיבות פון תורה און אמונה. דאס אלעס איז גענוג אבער טאקע נאר דערויף, צו באווייזען אונז, אז אויך אין יענע צייטען איז דאך דער שטו־דיום פון הלכה נים אינגאנצען אונטערגעגאנגען. עס איז אבער נים

---

*) די רעכנונג איז פון זינט די וועלט איז באשאפען געווארען לויט אונזער טראדיציע. דאס יאהר 1920 — איז לויט אונזער רעכנונג 5680.

**) די זיבען גרעסטע חכמים פון ישיבה נאך דעם גאון און אב בית דין, האט מען גערופען ראשי כלה. זיי פלעגען איינלערנען מיט די תלמידים דעם „שיעור", וואס דער גאון האט געזאגט. כלה — א צוזאמענקונפט צו שטודירען און פארשען.

***) די עלטסטע פון די דיינים. בבא — א טויער. ביי די גאר אלטע פעל־קער איז געווען דער מנהג, די שופטים זאלען זיצען ביים טויער פון שטאט און משפט'ען.

גענוג אויף איבערצייגען אונז, אז די פארשונג פון דער תורה איז אויך דאן געשטאנען אויף דער אייגענער הויך, וואס אמאל, ווען מיר זעהען, אז עס זיינען פארלארען געגאנגען אלע שפורען פון זייער טעטיגקייט אויף דיזען געביט, און די קוואלען פון תורה האבען דאן מעהר ניט געפלאסען ווי פריהער. ווארים פון דער גאנצער עפאכע פון די רבנן סבוראי און די גאונים איז זעהר ווייניג צוגעקומען צו אונז פון די ארץ־ישראל׳דיגע לע־רער אין הלכה. און ווירקליך, ווי אזוי האט געקענט בליען און געדייען די חכמת התורה צווישען אידען אין א לאנד, וואו דער יאד פון אונטער־דריקונג האט זיי געשטיקט און די מיטווילליגקייט פון איהרע הערשער האט פון קיינע גרעניצען ניט געוואוסט. ווארים א לאנגע צייט האבען זיי דורכגעמאכט אין שטורם און דראנג און כמעט דורך דער גאנצער צייט פון דער ביזאנטישער הערשאפט האבען די אידען קיין רוה ניט געפונען אין ארץ ישראל.

וואס די רבנן סבוראי
האבען אויפגעטאן.

די אידישע לאגע אין בבל, זינט דער תלמוד איז געשלאסען און אויפגעשריבען געווארען ביז מיט א הונדערט יאהר שפעטער, איז אויך געוועזען א טרויעריגע. די אונטערדריקונגען פון קעניג און זיינע באאמטע האבען אפגעשוואכט זייערע כחות און אונטערגעגראבען זייער פרידען. די קעניגליכע באאמטע האבען זיי — די אידען — פון זייערע מענשליכע רעכט בארויבט, און דער רעליגיאנס־אייפער פון די אמגושים*) האט זיי לעבעדיגערהייט געגעסען און דאס לעבען זיי פארביטערט. פון צייט צו צייט איז אויפגעשטאנען אפילו א מלך־חסד וואס האט זיי געלאזט אביסעל פרייער אפאטעמען. דאס איז אבער בלויז אויף א ווייל געוועזען. ווארים באלד איז אנגעקומען א נייער מלך, אהן רחמנות אין הארצען, און די צרות האבען זיך ווידער אמאל באנייט. און דעריבער האבען די ישיבות ניט געקאנט אנהאלטען דאן זייער אמאליגען מצב. און דעריבער איז אויך קיין וואונדער ניט, וואס אלע פאסירונגען פון יענער צייט זיינען איבערגעצויגען מיט א שווארצען וואלקען, און עס איז כמעט קיין זכר

*) מכשפים. די אנהענגער פון זאראסטישען גלויבען. האבען פארהיליגט פייער און נזהר געווען אין די ענינים פון טומאה. די אראבער און די אידען האבען זיי געהאלטען פאר מכשפים.

ניט געבליבען פון דער לעבענס־געשיכטע פון די חכמים, וואס האבען געלעבט אין יענער צייט. ווייל אויסער פון זייערע צרות האבען זיי ניט געהאט וואס מיטצוטיילען. די טעג פון די רבנן סבוראי זיינען גע־צעהלטע און שלעכטע געווען. זיי זיינען אויסגעשטארבען איינער נאך דעם צווייטען אין א משך פון א קורצער צייט. מיר האבען שוין באווי־זען, אז רבינא בר הונא האט פארענדיגט דעם תלמוד און אז אין די צייטען פון ר' יוסי, וואס איז זיין נאכפאלגער געווען און אויף וועלכען מען האט געזאגט אז אין זיינע טעג איז דער תלמוד געשלאסען געווא־רען, האט זיך געענדיגט די ווירקונג פון די אמוראים. די תלמוד סטור־דענטען פון יענעם דור האבען באקומען דאן דעם נייעם נאמען „סבוראים" צוליב זייער ווירקונג, וואס איז באשטאנען אין דעם, מסביר צו זיין דעם תלמוד. רב שרירא גאון ברענגט זיי אלע ביי זייערע נעמען אין א כראנאלאגישער ארדנונג לויט דעם, וואס די גאונים האבען וועגען זיי פארצייכענט אין זייערע היסטארישע מעמואר־ביכער. און לויט אים קומט אויס, אז די תקופה פון דער רבנן־סבוראי האט בלויז א קורצע צייט געדויערט. דער ערשטער איז געווען דער אויבענדערמאנטער רב יוסי, און דער לעצטער — רב עינא (נאך אנדערע גירסות—רב גיזא, אדער נדא) און רב סימונא, וואס ווערט וועגען זיי געזאגט אין סדר „תנאים ואמוראים", וואס די גאונים האבען צענויפגעשטעלט: „רב גדא ורב סימונא סוף סברה" (א) — זיי זיינען די לעצטע סבוראים. און דער אמת איז, אז אלץ וואס מיר ווייסען וועגען זיי אויף קלאר און זיכער איז בלויז דער פאקט פון זייער עקזיסטענץ און זייערע נעמען וואס זיינען צו אונז דערגאנגען — אבער אלץ וואס זיי האבען אויפגעטאן און מסביר געווען איז ניט פארשריבען געווארען און געבליבען פאר אונז. בלויז די לעצטע גאונים האבען אונז מיטגעטיילט פון דעם, וואס זיי האבען געהאט בקבלה, אז עס זיינען פאראן אין תלמוד אזוינע זאכען, וואס די רבנן סבוראי האבען צוגעגעבען צום תלמוד (ב). אזוי דערמאנען אויך די גאונים איי־ניגע פסקי הלכות אויף זייער נאמען (רבי יצחק אלפסי — הרי"ף — מגלה, פרק ד'). און רב שרירא גאון זאגט אין איינע פון זיינע תשובות (שערי צדק, חלק ה', שער ח', סימן ה') נאכדעם, ווי ער ברענגט א לאנגען פירוש פון די רבנן סבוראי אין זייער לשון: „די דאזיגע ווערטער אין דער אויבענדערמאנטער ארדנונג און אין דער אויבענדערמאנטער שפראך, ווע־רען נאכגעזאגט אין נאמען פון די רבנן סבוראי און זיי זיינען אנגענומען פון אלע געלערענטע אין תלמוד". און בדרך השערה קען מען אפשר אויך צושרייבען צו זיי די צוזאמענשטעלונג פון די סוגיות אין דער גמרא לויט

דעם סדר המשנה. מעגליך, אז זיי האבען עס צוגעגעבען די גמרא צו דער משנה לויט דעם סדר פון איהרע פרקים, און אפשר געהערען אויך די סימנים פון די באזונדערע ענינים אין דער גמרא צו זיי. און אויף דעם געהען די ווערטער פון גאון, וואס ער האט געשריבען אין „סדר תנאים ואמוראים": און זיי — די רבנן סבוראי — האבען פון זייער אייגענס גאר ניט צוגעגעבען, נאר צוזאמענגעשטעלט דאס אלץ געלערענטע אין זייער ריכטיגער ארדנונג (ג). אויך די אלע אויסדריקע, וואס מיר געפינען אין תלמוד: „רב אחאי האט דעם פשט ערקלערט," „רב אחאי האט געפרעגט" (אין פיעלע ערטער), רב אחאי מבי חתים האט מפרש געווען (גיטין ז' לויט דער גירסא פון רב שרירא גאון), רב אחאי האט פארענטפערט (כתובות י') רב אחאי האט אפגעפרעגט (בכורות ה') זיינען הוספות פון רב אחאי מבי חתים, וואס איז געווען איינער פון די ערשטע רבנן סבוראי (הר"ר נחום ברילל אין זיין יאהרבוך, צווייטען יאהר, זייט 28 און ווייטער) ווארים די דאזיגע אלע אויסדריקע טראגען אויף זיך ניט דעם שטעמפעל פון די אמוראים (דארטען זייט 31 אין דער באמערקונג). פון אלע זיינע באמערקונגען אין תלמוד, זעהט מען, אז ער האט זיך פארטיפט אין די האנדלונגען פון תלמוד מיט א קלארען שכל און האט זיך ניט אפגעהאלטען צו פארווארפען די אנגענומענע מסקנות פון די אמוראים אומעטום, אוואו זיי זיינען איהם ניט געפעלען געווען, ווי אויך צו פארענטפערען די רייד פון די קדמונים אויף א איינפאכען וועג דארטען, וואו אנדערע האבען געקענט פארענטפערען זיי נאר מיט שוועריגקייטען. אזוי האט ער אויך געוואגט אפצואווייכען פון זייער דרש, ווען דאס האט זיך געפאדערט, און מחדש זיין א בעסערען (דארטען זייט 29—31). און צוליעב דיזע אלע מעלות זיינע האט זיך זיין נאמען ווי גוטער בוימעל איבער'ן גאנצען לאנד הערען געלאזט און זיין רוהם האט אזש ביז ארץ ישראל דערגרייכט, אזוי אז מען האט וועגען איהם געשריבען פון דארטען קיין בבל: זייט פארזיכטיג מיט רב אחאי, דען ער דערלייכט די אויגען פון גלות (דארטען 27). דען איינמאל האט זיך רב אחאי צעאמפערט וועגען א דין מיט רב שמואל, דער זוהן פון רב אבהו, וועלכער איז אויך געווען פון די רבנן סבוראי, רב אחאי האט גע־אסר'ט און רב שמואל האט מתיר געווען — האט מען געשיקט אנפרעגען די הלכה אין ארץ ישראל, האבען זיי פון דארטען געענטפערט: דער דין איז ווי רב שמואל זאגט. לייגט אבער כבוד אויף רב אחאי, ווארום ער דערלייכט די אויגען פון גלות (חולין נ"ט). און עס לייגט זיך אויפ'ן שכל, אז די מעשה איז צוגעגעבען געווארען אין דער גמרא שוין נאך רב

אחאי'ס טויט, פון דעם האבען מיר אגב נאך א נייע ראיה, אז אין דער צייט פון די רבנן סבוראי זיינען געווען איינגעארדענט ישיבות אין ארץ ישראל. וואס זייערע חכמים זיינען געווען אנגעזעהענע מענשען און האַ־בען אויסגעאיבט א גרויסען איינפלוס אויף דער אידישער בבל. אויסער דעם האבען ארויסגעזאגט זייערע השערות — ריכטיגע און ניט ריכטיגע — פילע מחברים פון די ראשונים, ווי אויך איניגע תלמוד־קריטיקער פון דער לעצטער צייט, בנוגע צו פיעל אויסדריקע און גאנצע סוגיות זאגאר פון תלמוד, אז זיי געהערען צו די רבנן סבוראי. די השערות אין דיזען ענין זיינען מיט א מערקווירדיגער פארמעהרונגס־קראפט געבענטשט גע־ווען און זיי האבען צייטענווייז פילע פון גראדען וועג אראפגעפיהרט צו באהויפטען, אז די גאנצע מסכתא תמורה זאלען די רבנן סבוראי האבען געשאפען און מסדר געווען (ד). מאנכע ווילען האבען, אז אויך די סימנים פון הלכות און סוגיות, וואס געפינען זיך אין תלמוד איז די ארבייט פון די רבנן סבוראי געווען. ווארים פון די סימנים קען מען זעהן, אז די תלמידים האבען שוין געלערענט די סוגיה לויט דעם סדר וואס מיר האבען פאר זיך, און וויבאלד אזוי מוזען מיר זאגען, אז דער תלמוד איז שוין געווען דאן צענויפגעשטעלט און פארטיג פארשריבען צו ווערען (כרם חמד, חלק ו', זייט 252). אבער דאס איז א טעות ווארים מען האט זיך שוין מיט סימנים באנוצט פון פריער נאך אין די צייטען פון די אמוראים. און נאך אונזער שיטה איז שוין דאך אויך רב אשי'ס צענויפשטעלונג פון תלמוד געווען פארשריבען. די ריכטיגקייט פון דער זאך איז פאלגענדעס: זיי האבען אימער געלערנט דעם תלמוד אויף אויסוויינינג, באטש זיי האבען אלעס געהאט פארשריבען (חלק ג' פרק כ) און אזוי ווי ניט יעדער איינער האט געהאט די געשריבענע העפ־טען, מחמת זיי זיינען געווען ווייניג, און די גרעסטע צאל תלמידים האבען געמוזט געדיינקען דעם תלמוד פון זכרון דעריבער זיינען איינגעפיהרט געווארען די סימנים ווענען די געגענשטענדע, וואס רעדט זיך אין געוויסע סוגיות, זיי זאלען צו הילף קומען דעם זכרון (דורש לציון מר"י בריל זייט 18). און פון דעם איז צו זעהן, אז נאך מעהר ווי מען האט זיך גענויטיגט אין די סימנים אין די שפעטעריגע דורות האט מען זיי גע־דארפט אין די אמוראים'ס צייטען. אין דער ווירקליכקייט זיינען טאקע די סימנים שוין דאן געווען איינגעפיהרט, און מען האט זיי שוין אויך געהאט אריינגענומען אין רב אשי'ס צענויפשטעלונג פון תלמוד, באטש דאן האט מען זיך שוין אין זיי ניט אזוי גענויטיגט ווי פריהער (אויך דאס דארטען). מיר ווילען זיך אבער ניט וואונדערען און פרעגען, צוליעב

וואס פאר א צוועק האט מען די סימנים אנגעהאלטען אויך דערנאך, ווען דער תלמוד איז שוין געווען פארשריבען; ווארים אויך דאן זיינען זיי געווען נויטיג פאר תלמידים, וואס האבען ניט געהאט קיין איבער־געשריבענעם עקזעמפלאר פון די ספרים, דען געוויס זיינען די מאנוס־קריפטען פון תלמוד אין א זעהר קליינער צאהל געווען די ערשטע צייטען, און ניט אלע האבען זיי פארמאגט. פון דעם אלעם איז קלאר, אז דאס רוב פון די סימנים קען מען אויף קיין אופן ניט צושרייבען צו די דורות פון סבוראים, עס קאן אבער אויך דאס געמאלט זיין, אז זיי האבען אויך צוגעגעבען אייגענע סימנים פאר דעם געברויך פון זייערע תלמידים (ה). ארום און ארום איז דאס אלעס וואס עס איז אונז איבערגעבליבען פון זיי פון אומבעדייטענדער קוואנטיטעט און פון זעהר מיטעלמעסיגער קוואַ־ליטעט און זייער גאנצע טעטיגקייט האט קיין ווערט ניט כמעט אין פארגלייך מיט דער טעטיגקייט פון די אמוראים. דער אמת איז, אז זיי גופא האבען קיינמאל ניט געטראכט און ניט געוואלט, צו פארגלייכען זיך מיט די אמוראים און טון דאס אלעס וואס זיי האבען געטאן. זע־הענדיג די שלעכטע צייטען וואס די אידען לעבען דורך, ווי זייער מעמד וואקעלט זיך, האבען זיי זיך באנוגענט בלויז אויפצוהאלטען דאס וואס די פריהעריגע האבען געשאפען און מסביר צו זיין זייערע רייד. זייער הויפט־שטרעבונג איז געווען אליין צו לערנען דעם תלמוד און איהם מאכען צוגענגליך אויך פאר אנדערע. אבער מיר קאנען ניט באשטרייטען דעם פאקט, אז מיט דעם, וואס זיי האבען אויפגעהערט צו טון דאס, וואס זייערע פארגענגער האבען געטון, זיינען זיי באגאנגען א פעלער. דורך דעם וואס זיי האבען זיך צוריקגעהאלטען פון שטעלען צו קריטיק און פראבע די רייד פון זייערע פארגענגער און צוגעגעבען זייערע אייגענע זאכען און האבען זיך באנוגענט בלויז מיט מסביר צו זיין זיי, האבען זיי דעם קוואל פון אנטוויקלונג אפגעשטעלט און פארוואנדעלט דעם תלמוד אין א טרוקענעם בוים. אנשטאט וואס דער מיין פון זיינע שעפער איז געווען, ער זאל תמיד פריש און זאפטיג זיין און צו יעדער צייט נייע פרוכטען פון זיך ארויסברענגען.

דער אנהויב פון דער תקופה
פון די גאונים.

וואס אנבעלאנגט דער באשטימונג פון דער צייט פון די דורות פון די רבנן סבוראי געפינען מיר מיינונגס־פארשיידענהייטען שוין אין די

גאר ערשטע קוועלען, וואס מיר פארמאגען וועגען דעם (ו). דער ראב"ד אין זיין „ספר־הקבלה" רעכענט אויס פינף דורות וואס האבען זיך גע־צויגען 85 יאהר. עס איז זיכערער אבער צו פארלאזען זיך אויף די פריהעריגע קוועלען, אויף דעם סדר תנאים ואמוראים, און רב שרירא גאון, וואס באהויפטען, אז רב עינא און רב סימונא זיינען געווען פון די לעצטע רבנן סבוראי, דען אלץ וואס מיר קענען ארויסזעהן פון די גע־וועזענע געשעהענישען איז, אז מיט זייער טויט האט זיך געשלאסען אן עפאכע. אין די לעצטע יאהרען פון דער פערסישער רעגירונג, נאכ'ן טויט פון רב עינא און רב סימונא, האבען די פערסיער געדריקט און גע־שטיקט דאס אידישע פאלק אהן אן אויפהער. די פרייהייט פון דער אידישער רעליגיאן, פון וועלכער זיי האבען פריהער גענאסען, איז אונ־טערדריקט געווארען פון דער רעגירונג, זייער זיכערקייט און רוה זיי־נען צובראכען געווארען. זיי האבען געטאן דאס זעלבע וואס אנטיוכוס און אדריינוס אין זייער צייט, און גוזר געווען שמד אויף די אידען און ניט געלאזט אפהיטען זיי די תורה און איהרע מצוות. אט די לעצטע עפאכע האבען דאס די גאונים געמיינט, זאגענדיג אין זייערע תשובות: (חמדה גנוזה, סימן צ"ה, רש"י, שבת כ"ד) „און אין די יאהרען פון די פערסיער, האבען זיי גוזר געווען שמד, מען זאל ניט לייענען מפטיר פון די נביאים". און אויב זיי האבען פארבאטען פארענדיגען דאס לייענען פון דער תורה שבת מיט א קאפיטעל מפטיר פון די נביאים, וואס דאס איז א קלייניגקייט און בלויז א מנהג (ז), האבען זיי דאך אודאי פארבאטען אלע מצוות אין אלגעמיין". אויך הערען מיר די עדות פון רב שרירא גאון אין זיין בריף, אז די לעצטע יאהרען פון דער פער־סישער הערשאפט זיינען געווען יאהרען פון שמד און צרות, ווייל זיי האבען ניט געקענט געפינען א זיכערען ארט וואו צו גרינדען ישיבות, און די פארניכטונג פון ישיבות האט אנגעהאלטען געגוויע 50 יאהר. פון דעם אלעם איז צו זעהן, אז עס איז נאטירליך און לאגיש צו באטראכטען יענע צייט אלס אזעלכע, אין וועלכער עס איז א באשטימ־טע עפאכע אפגעשלאסען געווארען און אין דעם הינזיכט האט רעכט דער אויבענדערמאנטער ציטאט, אז רב ענא און רב סימונא זיינען געווען די לעצטע פון די סבוראים. נאכדעם, ווען די שלעכטע צייטען זיינען אריבער און דאס פאלק האט זיך אביסעל אפגערוהט פון די שלעכטע גזירות, און די ישיבות האבען זיך צוריק געעפענט, הויבט זיך אן א נייע צייט־עפאכע, און עס קען זעהר מעגליך זיין, אז דאן האט זיך אנגעהויבען די צייט פון די גאונים. אמת, מיר זעהען, אז די נייע צייט־עפאכע

איז בלויז נייע מיט דעם, וואס עס האבען זיך געביטען די אומשטענדען און די יאהרען, אבער ניט מיט איהר גייסט און קולטור, וואס האבען דאן געהערשט. דען מיר מערקען ניט אין דער גייער צייט דעם קלענסטען שפור פון א נייעם גייסט. עס זיינען אוועק יאהרען און יאהרען און די ישיבות האבען זיך ניט געביטען און געווארען אנדערש, ווי זיי זיינען געווען פריהער. דער ערשטער ראש־ישיבה, נאכדעם וואס די ישיבות האבען זיך געעפענט נאך אמאל, וואס האט געטראגען דעם טיטעל „גאון" איז געווען (לויט דעם סדר פון רב שרירא גאון) מר רב חנן מאישקיא, (ח). נאך איהם איז געווען מר רב מארי, זוהן פון רב דימי סורגו, וואס האט אמאל געלערענט תורה אין פרוז שבור און זיין ישיבה אין פרוז שבור האט זיך גערופען אויף זיין נאמען דורך דער גאנצער צייט פון די גאונים (ט). אין דער זעלבער צייט וואס דער דאזיגער רב מארי איז געווען ראש־ישיבה אין פומבדיתא, איז ר ב מ א ר י בר רב הונא געווען ראש־ישיבה אין סורא. נאך רב מארי פון פומבדיתא איז מ ר ר ב ח נ י נ א י פ ו ן ג י ה ר א געווען גאון אין נהרדעא (רש"י), און לויט דעם ראב"ד, איז נאך דעם גאון געווען א גאון מיט'ן נאמען ר ב ח נ י נ א. דער משך פון דער צייט פון דיעזע ערשטע גאונים איז געווען זעקס און צוואנציג יאהר (ד"א שמ"ט—שע"ד) ביז דעם יאהר וואס מחמד איז ארויס אויף דער וועלט, און פון זיי אלעמען איז אונז קיין זאך, אויסער זייערע נעמען ניט געבליבען. מיר ווייסען כמעט ניט קיינע איינצעלהייטען וועגען זייער לעהרע.

מחמד און די אידען.

אויב די אידישע לאגע האט זיך אביסעל פארבעסערט אין די צייטען פון די לעצטע פערסישע קעניגען, האבען זיי דאך קיין שטארקען בטחון אין זיי ניט געקענט האבען, געדיינקענדיג וואס זיי האבען זיך געהאט אויסצושטעהן פאר די לעצטע דורות. שוין פון האפנונגסלאזיגקייט אליין איז געווען געגוג צו פארצווייפלען — אבער אומערווארט איז פאר זיי אויפגעגאנגען א נייע ליכט און א האפנונג אויף הילף פון אן ארט, וואס זיי האבען ניט ערווארטעט. אין יענער צייט האט זיך מחמד באוויזען אויף דער וועלט און געגרינדעט זיין נייע רעליגיאן, געבויט אויף די יסודות פון דער אידישער תורה. מיט לייב און לעבען האט ער זיך פארנומען פארשפרייטען צווישען די אראבער זיין תורה, וואס איז פאר זיי געווען געוואלדיג נייע. דען דאס בעסט פון זיין לעהרע און רעליגיאן

איז ענטנומען פון אונזערע הייליגע שריפטען, תנ"ך, תלמוד און מדרש. עס איז אמת, אז ניט ער האט זיי גענומען, דען ווי ווייט עס איז באַקאנט וועגען איהם, איז ער ניט געווען באַלערנט און באַלעזען, און האט אפילו שרייבען ניט געקענט, נאר געוויסע אידען האבען איהם געהאָלפען און פון זיי האט ער גענומען די בעסטע שטעלען פון קאָראַן. עס קען זיין, אז דאס גופא וואס ער האט ניט געקענט לעזען און שרייבען איז איהם בייגעשטאַנען צו געפינען פיעלע צווישען פּראָסטען המון, וואס זאָלען גלויבען אין זיין געטליכער שליחות; דיינקענדיג, אז אַזוי ווי ער קען ניט שרייבען און לעזען, איז דאָך אוממעגליך, אז ער זאָל לערנען און פרעדיגען צום פאָלק אַזעלכע ערהאַבענע אידעען פון וועלכע זיי האָבען קיינמאָל ניט געהערט פריהער, סיידען ער איז א נביא, וועלכער באַזיצט א געטליכען גייסט, אָדער א מלאך פון גאָט רעדט אַרויס דורך איהם. און כאָטש די אַראַבישע געלעהרטע האבען געוואוסט, אז ער האט גענומען זיינע לעהרען פון אידישע לעהרער, האט דאָס דאָך איהם ניט געקימערט, אַזוי לאַנג ווי דער המון האט געגלויבט אין איהם. אַזוי איז שוין די טאַקטיק פון די מעהרסטע רעליגאָנס-גרינדער. זיי זוכען צו ערוועַרבען אנהעננער פאַר זיך צווישען דעם פינסטערען המון, וואס גלויבט בלינדערהייט אָהן א קריטישען בליק. מיר ווילען ניט באַשולדיגען זיינע אידישע לעהרער וואָס האבען איהם געהאָלפען און אונטערשטיצט זיינע פּלענער — מחמת זיי גופא זיינען אויך פאַרפיהרט געוואָרען. וואָרים גלייך אין אנפאַנג פון זיין טהעטיגקייט האט זיך זיי געדאכט, אז דורך איהם וועט זיי מיט דער צייט געלינגען צו באַקערען די אַראַבער צו דער אידישער תורה. און אין אנפאַנג האט מחמד ווירקליך געגעבען די אידען פיעל הנחות, און האט איינגעפיהרט צווישען זיין פאָלק פיעלע אידישע מנהגים און געהייסען גלויבען אין די מעהרסטע עיקרים פון אונזער אמונה. אין גיכען אָבער האבען זיי אויסגעפונען, אז זיי האָבען זיך גענאַרט אין זייער האָפנונג, זיי האבען איינגעזעהן, אז דאָס וואס זיי האָבען געהאָפט און געגלויבט, אז ער וועט זיך דערנעהנטערען צום אידישען גלויבען און ברייננגען מיט זיך אויך זיין פאָלק צו איהם, איז ניט ערפילט געוואָרען, וואָרים ער האט גאָר עפּעס אנדערש אין זינען געהאַט. ער האט זיך אָרומגעטראַגען מיט דעם געדאַנק אויסצוראָטען די אידישע רעליגיאָן און באַקערען די אידען דורך גוואַלד און צוואַנגס-מיטלען צו זיין גלויבען. ער איז באַלד געוואָרען זייער פאַרביסענסטער שונא. די אידישע מנהגים וואָס ער האט געהאַט דורך זיי אַנגענומען, כדי צו פאַרפיהרען דורך זיי זיינע אידישע פריינד, האט ער אָפּגעשאַפט. די ריינע

לעהרען וואס ער האט געטרונקען פון הייליגען קוואל, האט ער באפלעקט מיט זיינע וואהנזיניגע אידעען, ביז אויך ער אליין האט אין זיין משוגעת אנגעהויבען צו גלויבען, אז ער איז א נביא, וואס זיין שליחות איז אלע פעלקער אין זיין לעהרע צו פאראייניגען. און אזוי ווי דאס איז שוין פון אימער דער שיקזאל פון דער אידישער תורה, אז דאס קינד וועלכען זי האט געזויגען און געפלעגט, זאל בייסען זיין מאמעס ברוסט, און די טאכטער זאל וועלען פארניכטען און פארטיליגען איהר מוטער, אזוי האט עס אויך דא פאסירט. אין מחמד האבען זיי באקומען א שונא וואס איז זיי געגאנגען אין לעבען. זיינע מיטלען דורכצופיהרען זיינע פלענער זיינען ניט געווען מיטלען פון פריעדען און ליעבליכקייט, זאנדערען פון אן אפענעם קאמף. מיט'ן שווערד האט ער געצוואונגען פעלקער אנ־צונעמען זיין גלויבען. מיט א פארביסענעם צארן האט ער זיך געוואר־פען אויף די אידען פון ערב און אנגעפיהרט מיט זיי שוידערליכע מלחמות. אהן א צאהל זיינען די אידישע קרבנות, וואס ער האט ערמארדעט אין נאמען פון זיין גאט, און ביז צו ענדע פון זיין לעבען זיינען שווערד, מארד און פארניכטונג געווען זיינע איינציגע מיטלען צו פארשפרייטען דורך זיי זיין רעליגיאן. צום גליק אבער פון מענשליכען מין איז זיין סוף געקומען פאר דער צייט און ער איז אומגעקומען אויף א שרעקליכען אופן.

דער ראש גולה בוסתנאי.

נאך מחמד'ס טויט האבען די אראבער צוטראגען זיין רעליגיאן אין אלע פיער זייטען פון די מזרח־לענדער, אזוי אז די רעליגיעזע מלחמה האט זיך אויסגעשפרייט אויך וויטער פון די גרענעצען פון זייער לאנד, און וואו נאר זיי האבען א פוס אוועקגעשטעלט, האבען זיי מצליח געווען. דער צווייטער כאליף נאך מחמד'ען, עמר בן כתאב, האט אומגעשטירצט די מזרח'ישע רעגירונגען, ווי אויך די רעגירונג פון פרס. ער האט זיך געהאלטען אן מחמד'ס פוס־טריט צו באקעמפען די אידען צוליעב זייער איינגעשפארטקייט זיך צו האלטען אן זייער רעליגיאן. און דאך האבען זיי זיך ניט געשראקען דערהערענדיג, אז עמר דערנעהנטערט זיך צו זייערע גרענעצען. מיר קאנען זיך פארשטעלען, ווי ווייט זיי האבען פארלוירען יעדען בטחון אין די פערסיער, ווען זיי האבען געקאנט לעגען האפנונגען אויף אזא אומזיכערע שטיצע. די דאזיגע האפנונג האט זיי נייע־אויפ־געלעבט; זיי האבען געטאן דאס בעסטע איהם צו העלפען אין זיינע

מלחמות קענען די פערסיער און מיט זייער הילף האט זיך איהם טאקע ווירקליך איינגעגעבען צו שטירצען און פארניכטען די גרויסקייט פון דער פערסישער רעגירונג. און דאס מאל האבען זיי זיך טאקע ניט גענארט. עמר איז ניט געבליבען זיי אומדאנקבאר נאכדעם ווי ער האט איינגענומען דאס לאנד. ער האט פארגעסען זיין קנאה־שנאה צו אנדערע רעליגיאנען, און האט זיי געדענקט צום גוטען דערפאר וואס זיי — די אידען — זיינען איהם צו הילף געקומען אין זיין מלחמה און ער איז זיך מיט זיי באגאנגען מיט חסד, אלס א באלוינונג פאר דעם, וואס זיי האבען געטאן פאר איהם. ווען די פערסישע רעגירונג איז געפאלען, איז דער אמט פון ראש־גולה געווען אין פולען גלאנץ און די ישיבות זיינען געווען אפען און האבען זיך געפונען אין א בליהונגס־צושטאנד. בוסתנאי, וואס האט אפגעשטאמט פון מלכות בית דוד איז דאן געווען דער ראש־גולה, און מען זאגט, אז רב חנינאי איז געווען דאמאלט גאון אין סורא און רב חנא אין פומבדיתא (אגרות רב שרירא גאון). בוסתנאי איז זעהר געעהרט געווען פון עמר'ן און איז פון איהם באשטעטיגט געווארען אין זיין אמט, און אלס צייכען פון פריינדשאפט, האט ער איהם געגעבען פאר א פרוי די טאכטער פון פערסישען קעניג, וועלכע ער — עמר — האט געפאנגען אין דער מלחמה. פון דער דאזיגער פאסירונג און פון דעם וואס איז שפעטער דאדורך ארויסגעקומען קאן מען האבען א קליינעם באגריף וועגען דער תורה פון די גאונים פון יענער צייט. רב האי דערצעהלט (שערי צדק, חלק א׳, שער א׳, סימן י״ז), אז נאך בוסתנאי'ס טויט איז געבליבען נאך איהם א זוהן פון דעם פערסישען קעניג'ס טאכטער, האבען די אנדערע זיהן פון זיינע אידישע פרויען באשטריטען דעם יחוס פון דאזיגען זוהן, טענה'נדיג, אז ער איז א בן־שפחה און זיי האבען דאס רעכט איהם צו פארקויפען ווי א שקלאף. איז ארויסגעקומען א מיינונגס־פארשיידענהייט צווישען די ראשי־ישיבות. איינינע האבען געזאגט, אז אזוי לאנג ווי ער איז ניט באפרייט געווארען איז ער אלץ א שקלאף און ער דארף אנקומען צו זיינע ברידער, זיי זאלען איהם באפרייען, און מר חנינא, דער אב־בית־דין האט געשריבען א „שטר־שחרור" — באפרייאונגס־דאקומענט — פאר דער דאזיגער דינסט. אנדערע ווידער האבען באהויפטעט, אז בוסתנאי איז געווען א נשיא און עס איז געלעגען ביי איהם אין האנט זי צו באפרייען, האט ער זי געוויס באפרייט. ווען ניט, וואלט ער מיט איהר ניט געווען געלעבט, ווייל קיין מענש וויל ניט מאכען פון זיין צוזאמענלעבען מיט א פרוי א צוזאמענקומען פון זנות, און נאך מעהר א נשיא. פון דעם זעהען מיר, אז די וואס

האבען געהאלטען, אז זי דארף אנקומען צו באפרייאונג, האבען גענומען דאס געזעץ אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט און זיך געהאלטען אן זיינע טרוקענע ווערטער: „יקוב הדין את ההר" — זאל דער דין דעם בארג דורכלעכערען. און די יעניגע, וואס האבען געזאגט, אז מען קען זיי ניט אננעמען פאר א דינסט, האבען געהאלטען אז דער שכל איז מחייב, אז א נשיא ביי אידען און א צדיק און מאמין וועט ניט קומען צו א פרוי דורך זנות ווען ער האט די מעגליכקייט זי צו נעמען בהיתר. זיי שטיצען זיך אויף דער סברה פון „חזקה אז קיינער וועט ניט מאכען פון זיין צוזאמענלעבען מיט א פרוי א צוזאמענקונפט פון זנות", אויף אזא אופן, וואס מיר געפינען ניט זיין גלייכען אין תלמוד. דען לויט דעם תלמוד איז די דאזיגע חזקה גילטיג בלויז דארט וואו עס איז פאראן א צד־קדושין, אבער ניט אין קיין אנדער פאל (י). און כאטש די דאזיגע פאסירונג איז אז און פאר זיך א קלייניגקייט, איז זי אבער וויכטיג פאר דעם צוועק, וואס מיר האבען פאר זיך, דען מיר קענען דערפון אורטיילען, אז כאטש די רבנן־סבוראי האבען דעם תלמוד אומבאוועגליך געמאכט, האבען דאך די ערשטע גאונים זיך ניט אפגעהאלטען ארויסצוגעהן אמאל פון די גרענעצען, וועלכע דער תלמוד האט באשטימט, און מיר וועלען ניט מאכען קיין טעות צו זאגען, אז דאס איז דער ערשטער שפור — ווי קליין און אומבאדייטענד ער זאל ניט זיין — פון דער פרייער ענטוויקלונג פון תורה שבעל פה, נאכדעם ווי דער תלמוד איז געשלאסען געווארען.

אויך שפעטער אין די צייטען פון כאליף עלי בן אבי טאלב, מחמד'ס איידעם (אנהויב פינפטען הונדערט פון פינפטען טויזענט), האבען זיך די ישיבות געפונען אין זייער פולען גלאנץ, כאטש אויך דאן איז געווען א צייט פון אומרוהען און מלחמות אין פרס. ווארים ווען עלי האט איינגענומען די רעגירונג איז ער מיט זיין ארמיי אוועק נאך בבל, באלאגערט פרוז שבור און זי איינגענומען, און דארטען איז געווען א גאון מיט'ן נאמען ר ב י צ ח ק, און אז דער זיעגער איז אריינגעקומען אין שטאדט איז רב יצחק מיט א גרויסען אידישען עולם איהם ארויס אנטקעגען און איהם אויפגענומען מיט גרויס פאראד. דער רב יצחק האט ביי איהם זעהר אויסגענומען און צוליעב איהם איז עלי זיך באגאנגען זעהר פריינדליך מיט די אידען. צי איז דער רב יצחק געווען ראש־ישיבה אין איינער פון די צוויי ישיבות, סורא און פומבדיתא, קען מען פון די ערשטע קוועלען ניט פעסטשטעלען אויף זיכער. דאסגלייכען קען מען אויף קלאר ניט וויסען צי די איניגע דינים וואס געפינען זיך אין די תשובות הגאונים אויף רב יצחק'ס נאמען געהערען צו דעם אייגענעם

רב יצחק, ווייל עס געפינען זיך נאך אנדערע גאונים, וואס טראגען דעם זעלבען נאמען, ווי למשל, רב יצחק בר חנינא, (אגרת רש"ג) אדער בר חייא (הראב"ד). וואס האט געלעבט מיט 150 יאהר שפעטער. אבער מיר געפינען אויף רב יצחק'ס נאמען א פירוש אויף א משנה, וואס געהערט אהן שום צווייפעל צו דעם דאזיגען פריהיגען רב יצחק, ווייל שוין דער „בעל הלכות גדולות" ציטירט יענעם פירוש (הלכות גדולות, וויען, ל"ג) און אלע אנדערע גאונים וואס טראגען דעם נאמען רב יצחק, האבען געלעבט שפעטער פון דעם „בעל הלכות גדולות". דער פירוש איז זאנדערבאר דערמיט וואס זיין אינהאלט באווייזט, אז דער מפרש האט זיך ניט אפגעשטעלט אריינצולעגען די באגריפען פון זיין צייט און ארט אין דער כונה פון דער משנה. אט ווי רב יצחק טייטשט אויס דעם מאמר המשנה: „כותבין במועד אגרות של רשות" (מועד קטן י"ח) — בריף וועלכע דער ראש־גולה שרייבט צום שופט אין וועלכע ער גיט איהם רשות ארומצופאהרען און לערנען דאס פאלק די דינים פון איסור והיתר, און זיי הייסען אין דער אראמישער שפראך „דיינים־צעטלעך" (תשובות הגאונים ד' קונסטנטינא). דער דאזיגער פירוש איז אוממעגליך אריינצולעגען אין דער כונה פון דער משנה, ווייל אין ארץ־ישראל האט מען דאס גערופען „מנוי" (א באשטימונג). „און אין אנפאנג האבען זיי זיך אזוי נוהג געווען: דער רב האט באשטימט דערצו זיינעם א תלמיד, דערנאך אבער האט מען דעם כבוד אפגעגעבען צום נשיא" (תלמוד ירושלמי, סנהדרין פרק א', הלכה ג'), נאר אין בבל האט מען עס גערופען: נעמען רשות פון ראש־גולה (סנהדרין ח'). דער אמת איז אבער, אז דער דאזיגער גאון האט מפרש געווען די משנה לויט דער טערמינאלאגיע פון די בבלים צווישען וועלכע ער האט געלעבט (י"ב).

תקנת מורדת
פון די גאונים.

אין אנפאנג צווייטען פערטעל פון פינפטען יאהרהונדערט איז געווען גאון אין פומבדיתא מר ב ר ר ב א י און מיט איהם צוזאמען איז געווען רב הונא פון דער שטאט מחסיא וואס איז אהן ספק, גערופען געווארען אהין קיין פומבדיתא — צוליב זיין גרויסער געלערנטקייט. וואס רב הונא'ס ספעציעלער אמט איז געווען איז אונז ניט באקאנט. אפשר האט ער געהאט דעם אמט פון „דיינא די בבא". וואס איז געווען דער צווייטער אמט פון ראש־ישיבה. לויט מאנכע ווילען אבער הא־

בען (ראב"ד) איז רב רבאי געווען גאון אין פומבדיתא און רב הונא גאון אין סורא (י"ג). צו די דאזיגע צוויי גאונים ווערט צוגעשריבען א וויכטיגע תקנה, וואס איז געווען נויטיג פאר זייער צייט און פלאץ וואס ווערט אנגערופען: „תקנת מורדת". דער ענין באשטעהט אין פאל־גענדעם: א פרוי וואס מאנט א גט פון איהר מאן, טענה'נדיג, אז זי וויל מיט איהם ניט וואוינען, איז לויט'ן דין פון תלמוד צווינגט מען איהם ניט איהר באלד צו געבען דעם גט, נאר מען האלט איהר אב צוועלף מא־נאטען, אפשר וועלען זיי זיך פאר דער צייט איבערבעטען, און אין פאר־לויף פון דער דאזיגער צייט, איז דער מאן ניט מחויב צו געבען מזונות. האבען די דאזיגע גאונים מתקן געווען, אז מען צווינגט איהם יא איהר צו געבען גט, דערפאר דארף ער איהר אבער ניט געבען פון דעם, וואס ער האט איהר אפגעשריבען אין דער כתובה. און די תקנה איז פאראור־זאכט געווארען צוליב דעם, וואס די אומשטענדען פון יענער צייט האבען עס געפאדערט, ווייל עס ווערט דערצעהלט, אז אין יענער צייט האבען פילע אידישע טעכטער געזוכט זייער הילף ביי די גויים „אנגעהאנגען זיך אין די גויים" — און דורך זיי געצוואונגען זייערע מענער דורך געוואלד זיי צו געבען א גט, און ס'איז פאר זיי געווען אבי נאר א גט, צי ער איז כשר על פי דין, צי ניט, דערפאר, וואס ער איז אן ארויפגע־צוואונגענער, און פון דעם איז ארויסגעקומען א גרויסע תקלה (שערי צדק, חלק ד', שער ד', סימן ט"ו. חדושי גאונים סימן ק"מ). פון דעם קאנען מיר אורטיילען, אז מיט די אלע פרייהייטען, וואס די אידען הא־בען געהאט, האט די געזעצליכע מאכט פון דער רעגירונג ארויפגעצוואונ־גען איהר אויטאריטעט אויף די אידען און האט אונטערגעווארפען זיי אונטער איהר ווילען און אונטער איהרע געזעצען אפילו אין רעליגיאנ'ס אנגעלעגענהייטען (י"ד). און דאס האט זיי געצוואונגען צו מאכען די אויבענדערמאנטע תקנה, כדי דאס פאלק זאל ניט נכשל ווערען אין א עברה. זיי האבען מבטל געווען א פעסטגעשטעלטען דין פון תלמוד, ווייל זייער צייט און ארט האט עס פון זיי געפאדערט.

רב ששנא גאון.

ארום מיטען פון פינפטען יאהרהונדערט אין די צייטען פון רב רבאי און רב הונא איז געווען גאון אין סורא מר רב ששנא, וואס זיין פריוואטער נאמען איז געווען רב משרשיה בר תחליפא. דיזען נאמען האט מען געפונען אויסגעקריצט אויף רב ששנא'ס זיגעל. איהם האט דער

שיקזאל געשווינט מעהר פון אלע פריהעריגע גאונים, דערמיט וואס פון איהם זיינען אונז געבליבען איינציגע תשובות. דיזע תשובות גיבען אונז אגב א קלאר בילד וועגען דעם נידעריגען מצב אויף וועלכען די ידיעה אין תלמוד איז געשטאנען אין יענער צייט. פון די פראגען וואס מען האט געשטעלט דעם גאון זעהען מיר, אז זיי האבען זיך באצויגען אויף איינפאכע שטעלען אין משנה און גמרא, און על פי רוב האט די תשובה פון גאון ניט מעהר ענטהאלטען ווי דאס וואס איז באקאנט פון דער גמרא, און אז אזוי און אזוי איז די הלכה. אויך זעהען מיר פון זיינע תשובות, אז זיינע פסקים האט ער ניט אויסגעשפרייט בלויז אויף אזעלכע ענינים פאר וועלכע ער האט געקאנט ברייגגען ראיות פון משנה, ברייתא און תלמוד, נאר ער האט אפטמאל זיך געשטיצט אויף זיינע אייגענע סברות און אויף זיין אייגענער מיינונג, אזוי אז דאמאלט זעהט ער אויס אין אונזערע אויגען ווי ער װאלט געפאסט איינענע געזעצען. אט אזוי געפינען מיר, אז דער דאזיגער רב ששנא האט געמאכט א נייעם דין, אז תשעה באב דארף מען לייגען תפלין, אויסדריגגענדיג עס דורך א קל וחומר פון אן אבל, א גאנץ יאהר. און נאך א נייעם דין, אז מען טאר ניט לעגען תפלין אום חול המועד (שערי תשובה, סימן קנ״ה און סימן רס״ו און זעה מרדכי תענית סימן ל״ז). מיר זאגען „נייעם", ווייל עס איז ביי אונז קיין ספק ניט, אז פאר איהם איז דער מנהג געווען אנדערש, ווארים ווען ניט וואלט ער דאך ניט פעסטגעשטעלט א דין פון ס׳ניי אין א ענין וואס מען האט זיך פון שטענדיג אזוי געפיהרט. און אין איינע פון זיינע תשובות זאגט ער, אז דער שליח־צבור טאר אפילו קיין איין אות ניט זאגען פון אויסווייניג, און ברייגגט א ראיה פון א מדרש (וואס איך ווייס ניט, וואו ער געפינט זיך): וואס איז דער מיין פון דעם וואס שטעהט געשריבען: „וידבר ה׳ את הדברים האלה" — און גאט האט גערעדט די דאזיגע רייד — אונז צו לערנען, אז די דאזיגע רייד זיינען געווען אויפגעשריבען פאר איהם, און ער האט זיי געזאגט פון דעם געשריבענעם. אבער אויב עס איז זיך ניטא וואס צו וואונדערען אויף דער דאזיגער הלכה, וואס שטימט אין גאנצען מיט דער הלכה פון תלמוד, אז „דברים שבכתב" — די געשריבענע זאכען טאר מען ניט זאגען „בעל פה" — אויף אויסווייניג — איז זיך אבער דא פיעל צו וואונדערען אויף דער ראיה, וואס ער ברייגגט פון דעם ניט־באקאנטען מדרש וואס האט גע־נומען זאכען אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט, אז גאט האט געלייענט די רייד פון שריפט, אזוי ווי א מענש וואס איז עלול צו פארגעסען זאכען אדער צו מאכען א טעות. מיר באטראכטען דעם דאזיגען גאון וואס

האט גענומען דעם מדרש ווי ער שטעהט און געהט און האט געצויגען פון איהם א ראיה אויף א דין, גלויבענדיג אין דעם בוכשטעבליכען זין פון ווארט אלס אזעלכען, וואס זיינע באגריפען וועגען גאט זיינען דורכ־געדרונגען פון א הגשמה וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט. אין איינער פון זיינע תשובות ענטפערט ער אויף דער פראגע: ווי איז אויב קהל ווערט געצוואונגען פון מלך, הערשער, אדער טאקסע־מאנער צו לייגען אויף עפעס א חרם צוליעב זייער הנאה וועגען, צי איז דא א ממשות אין יענעם חרם? ענטפערט ער, אז אזא חרם האט קיין ממשות ניט, אבער אויב מען וויל זיי געבען א שבועה וועגען דעם, טאר מען ניט שווערען. פון דעם זעהען מיר, אז פונקט ווי מען האט געצוואונגען די אידען דורך געריכטען צו טון זאכען וואס זיינען ניט אין איינקלאנג מיט דער אידי־שער רעליגיאן, ווי מיר האבען געזעהען אין דעם פאל מיט דער „תקנת־מורדת", אזוי האט די רעגירונג געצוואונגען אידישע דיינים, זיי זאלען באפעסטיגען מיט דעם אויטאריטעט פון דער אידישער רעליגיאן זייערע אלע עוולות און רויבערייען, וואס זיי האבען געוואלט באגעהן געגען אי־דען (ט"ו). און אויך אין אלע שפעטערדיגע דורות כמעט האבען די אי־דען פון דער זעלבער גזירה געליטען.

די פארגעטערונג מיט וועלכע
די שפעטערדיגע דורות האבען זיך
צו די ערשטע גאונים באצויגען.

אויסער די אלע גאונים ווערען דערמאנט נאך 6 פון די סורא'ר גאונים, וואס האבען געהערשט ביז'ן אנפאנג פון 6־טען יאהרהונדערט: מ ר ר ב ח נ י נ א י פון נהר פקוד, ר ב נ ה ל א י ה ל ו י פון גרש, מ ר ר ב י ע ק ב ה כ ה ן פון נהר פקוד, מ ר ש מ ו א ל, אז אייניקעל פונ'ם אויבענדערמאנטען מר רבא, מ ר ר ב מ ר י ה כ ה ן, פון נהר פקוד, און ר ב א ד א. און פון די פומבדיתא'ר גאונים ווערען דערמאנט ביין: ר ב ה ו נ א מ א ר י דער זוהן פון רב יוסף, ר ב ח י י א פון מישן, ר ב ר ב א י, מ ר נ ט ר ו נ א י בר נחמיה, מ ר ר ב י ה ו ד ה, מ ר ר ב ש מ ו א ל בר מארי, מ ר ר ב נ ט ר ו נ א י כהנא דער זוהן פון רב אמינא, און מ ר ר ב א ב ר ה ם כהנא. אין די אלע קוועלען, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען זיי הערשט א גוואלדיגער פלאנטער בנוגע, צו דעם כראנאלאגישען סדר אין וועלכען די אלע גאונים האבען געלעבט און בנוגע צו זייערע

וואוינונג׳ס־פּלעצער. און אויך פּאַלגענדעס: אַז אַ חוץ זייערע נעמען ווייסען מיר כמעט גאָרניט וועגען דעם, וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן. פאַר אונזער צוועק אָבער דאַרפען מיר זיך גאָרניט באַמיהען אויסצופלאַנטערען דעם פּלאָנטער, ווייל נאָך אַלעמען וועט זיך אונז סיי ווי סיי ניט איינגעבען צו פאַרטרייבען דאָס פינסטערניש, וואָס איז איבער יענע דורות פאַרשפּרייט געוועזען שוין אין די גאָר פריערדיגע יאָהרען. אין דער צייט אפילו פון רב שרירא גאון, וועלכער האָט מיט דריי הונדערט יאָהר שפּעטער געלעבט. נאָר אַז מיר נעמען זיך אַריינטראַכטען וועגען יענער לאַנגער עפּאָכע, פון יענעם ערשטען גאון אַז ביז צו דער צייט וועגען וועלכער מיר רעדען, וועלכע האָט געדויערט אַ משך פון הונדערט זעכציג יאָהר און עס האָבען געווירקט אין איהר פינף־און־צוואַנציג גאונים און ווער ווייסט וויפיעל נעמען עס זיינען גאָר אינגאַנצען פאַרלוירען געגאַנגען — דאַן בלייבען מיר שטעהן פאַרוואונדערט, ווי לער און פוסט יענע צייט איז פון יעדער חכמה. דען אַלץ, וואָס זיי האָבען אונז געלאָזט נאָך זיך בירושה איז נישטיג לגבי דער לאַנגער צייט און לגבי דער צאָל גאונים, וואָס האָבען דורך דער צייט געווירקט. דאָס איז אַ פאַקט, וועלכען מיר קאָנען ניט פאַרבייגעהן, און מיט רעכט פרעגען מיר זיך דאַן: אין וואָס אַזוינס איז באַשטאַנען זייער גרויסקייט, זיך איינצוקויפען אַזאַ גרויסען נאָמען ביי אַלע שפּעטערדיגע דורות? וואָס האָבען זיי אויפגעטון? וואָס האָבען זיי געשאַפען? און אין וואָס באַשטעהט זייער חכמה? וואָרים דאָס מויל קען ניט גענוג אַרויסזאָגען און די אויערען קענען ניט גענוג זיך אָנהערען דעם לויב און פאַרגעטערונג, וואָס די שפּעטערדיגע דורות האָבען געלייגט אויף די ערשטע גאונים. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ פאַר דעם היסטאָרישען פאָרשער, וואָס זיין מאָס צומעסטען די ווערט פון מענשען און ערשיינונגען, איז זיין אייגענע ערפאַרונג און וויסען? ער קאָן דאָך אורטיילען וועגען אַ מענשען׳ס ווערט נאָר דורך זיינע מעשים און פאַרדינסטען און ניט בלויז דערפון, וואָס ער האָט וועגען יענעם סתם גוטע רייד געהערט. אָבער נאָך אַלעמען, כאָטש מיר קענען ניט האָבען קיין גענויע פאָרשטעלונג פון זייער חכמה פון דעם אַלעמען, וואָס מען דערצעהלט אונז וועגען זיי, קענען מיר אָבער דאָך אורטיילען פון פילע ערשיינונגען פון יענער צייט, אַז זיי האָבען גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דורכצופיהרען זייערע אויפגאַבען. און זיי האָבען אויך באַגריפען, ווי אַזוי צו האַלטען דאָס פאָלק אין צוים און שטעלען אַלע אידישע קהלות, די נאָהענטע ווי די ווייטע, אין אַלע רעליגיאָנ׳ס־אַנגעלעגענהייטען, אין זייער רשות, ביז זיי האָבען דערהויבען

די צוויי ישיבות פון סורא און פומבדיתא צו דער הויך פון צוויי גע־
ריכטס־הייזער פון וועלכע די תורה איז ארויס פאר'ן גאנצן אידישן
פאלק. זיי האבן אויפגעהאלטן דעם קיום פון תלמוד און די גאנצע
ליטעראטור פון די זקנים פאר דער אייביגקייט, און דאס איז זייער פאר־
דינסט אויף אייביג און אייביג.

צווייטעס קאפיטעל.

וועגען די גאונים אין אלגעמיין.

די הכנסות פון די ישיבות.

פון זינט אן די פערסישע רעגירונג איז געפאלען און די כאליפען זיינען געווארען די הערשער איבער'ן לאנד איז זעהר דערהויבען געווארען דער אמט פון ראש־גולה און מיט איהם צוזאמען איז אויך דער מצב פון די צוויי ישיבות אין סורא און פומבדיתא פארבעסערט געווארען. דער ראש־הגולה איז געווען אומגעפעהר א מין רעגירונגס־באאמטער און א קרוב־למלכות וואס האט געהאט צו זאגען איבער אלע אידישע פאלי־טישע אנגעלעגענהייטען, און האט עמיצער איבערגעטראטען זיין ווארט, האט עס געהייסען גלייך, ווי ער וואלט איבערטרעטען א קעניגליכען געזעץ. ער האט אבער גאר ניט געהאט צו טון מיט אלעם דעם, וואס האט זיך אנ־געקערט צו דער רעליגיאן. און ווען זיי — די ראשי הגולה — וואלטען זיך אפילו יא געוואלט אריינמישען אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען — וואל־טען זיי אויך ניט געקענט, צוליעב דעם וואס די מעהרסטע פון זיי זיי־נען ניט געווען באהאווענט אין דער תורה און איהר חכמה איז זיי געווען פרעמד. די אויפקלערונג פון אלע אידישע דינים איז ארויס פון די צוויי ישיבות. דאס גלייכען, דאס לערנען פון דער תורה און איהר פאר־שפרייטונג איז אויך געווען דורכגעפיהרט פון די ישיבות. אמת, דאס באשטימען פון א ראש־ישיבה איז געלעגען אין די הענט פון די ראשי־הגולה און עס איז אפהענגיג געווען פון זייער ווילען. ווען דער ראש־גולה האט געוואלט אנטון כבוד, יענעם האט ער באשטימט פאר גאון און איהם געמאכט פאר'ן ראש־ישיבה, און קיינער האט איהם ניט גע־קענט פארווערען. און דאס רוב טאקע זיינען באשטימט געווארען ראשי־ישיבות ניט פאר זייער גרויסער חכמה, זאנדערען, צוליעב דעם רצון פון ראש־גולה, דאדורך געפינען מיר גענוג פעלע, וואו גרעסערע און בע־

סערע אין תורה און חכמה זיינען אפגעשטויסען געווארען צוליעב קליי־נע אומבאדייטענדע מענשען. איבערהויפט איז אזוי געוועזן דער פאל מיט אלע בוסתנאי׳ס זיהן און אייניקלעך (א), וועלכע זיינען געוועזן גע־מיינע געלט־גייציגע מענשען און געטון מיט׳ן אמט פון ראש־ישיבה ווי עס האט זיך זיי געלוינט, אדער געגעבען דעם אמט צו דעם יעניגען, וואס האט דערפאר געקאנט באצאהלען (אגרת רב שרירא גאון). אמת, די עולה וואס איז צייטענווייז באגאנגען געווארען צו איינצעלנע חכמים האט די ישיבה אין אלגעמיין ניט פיעל געשעדיגט, דען נאך אלעמען איז די תורה ניט געקומען בלויז פון ראש־ישיבה, נאר פון דעם בית־דין־גדול זיינעם, אין וועלכען עס האבען זיך צו יעדער צייט געפונען גרויסע און געלערענטע חכמים. דער דאזיגער בית־דין פון ישיבה איז באשטאנען פון זיבעציג חכמים, אנטקעגען דער סנהדרין־גדולה פון לשכת־הגזית. נאכ׳ן גאון, האט זיך דער גרעסטער פון זיי גערופען „ד י י נ א ד י ב ב א". ער איז געוועזן דער צווייטער פון גאון און האט אויך געטראגען דעם נא־מען „א ב ב י ת ד י ן" (ראש הדיינים). זיבען פון די אנגע־זעהענסטע האבען זיך גערופען „ר א ש י כ ל י". צוזאמען מיט דעם דאזיגען בית־דין גדול האט זיך געפונען נאך א ב י ת ־ ד י ן פ ו ן ד ר י י ס י ג ח כ מ י ם, אנטקעגען דער סנהדרין־קטנה. אויסער די אלע חכמים זיינען אבער געווען דארטען נאך פיעלע חכמים און תלמידים וואס זיינען געזעסען פאר זיי לויט׳ן שטייגער פון די ערשטע חכמים אין די ארץ־ישראל׳דיגע ישיבות, און אין בבל אין די אמוראים׳ס צייטען. אזוי איז געווען אין סורא און אזוי אויך איז געווען אין דער פומבדיתא׳ר ישיבה. אמת, אז די לעצטע ישיבה איז געשטאנען נידעריגער פון דער סורא׳ר ישיבה לויט איהרע רעכט און ראנג, און דער ראש־ישיבה פון סורא האט געהאט דעם פארצוג איבער פומבדיתא׳ר אין פיעלע הינזיכ־טען, אבער דער דאזיגער פארצוג האט נאר געגאלטען אין עניני־כבוד אדער אין געלט־זאכען ביים צוטיילען די הכנסות, אבערביידע האבען געהאט דיזעלבע קראפט און דיזעלבע רעכט אין יעדער אנגעלעגענהייט וואס האט געהאט א שייכות צו הוראה (פסקענען). און די זעלבע קראפט וואס די סורא׳ר ישיבה האט פארמאגט אין איהרע באצירקען, איז אויך די פומבדיתא׳ר ישיבה באזעסען אין יענע באצירקען, וואס זיינען איהר איינגעטיילט געווארען. צו איינער, אזוי גוט ווי צו דער צווייטער זיי־נען געשיקט געווארען אנפראגען פון גאנצען אידישען פאלק פון די פאר־שיידענע לענדער אוואו זיי האבען זיך געפונען, און יעדע איינע האט געענטפערט לויט ווי זי האט פארשטאנען און געדענקט, און האט ניט

באדארפט אנקומען צו דער הסכמה פון דער צווייטער. נאר אלגעמיינע תקנות זיינען איינגעפיהרט געווארען דורך זייער ביידענס הסכמה. דער סורא׳ר ראש־ישיבה האט געהאט דאס רעכט, אז בלויז דורך זיין עצה און צושטימונג זאל באשטימט ווערען דער גאון פון פומבדיתא. ווען דער פומבדיתא׳ר ראש־ישיבה פלעגט שרייבען צום סורא׳ר ראש־ישיבה א פריינדליכען אדער אפיציעלען בריף, פלעגט ער איהם מוזען באצייכענען מיט׳ן טיטעל גאון. ווען דער סורא׳ר ראש־ישיבה אבער האט צום צווייטען געשריבען, פלעגט ער איהם ניט באטיטלען מיט דעם נאמען גאון. אויב דער ראש־גולה שטארבט געהען איבער אלע זיינע רעכט צו דעם סורא׳ר ראש־ישיבה. אלע הכנסות ווערען צוטיילט אויף דריי טייל: צוויי דריטעל געהען פאר דער סורא׳ר ישיבה און איין דריטעל פאר דער ישיבה אין פומבדיתא. דיזער אופן פון צוטיילען, האט זיך אמת ניט באצויגען אויף אלע הכנסות, ווייל אויסער די באשטימטע איינקינפטע פון די באצירקען, און אויסער די באשטימטע שטיצע, וואס זיי האבען באקומען פון ווייטע לענדער*), האבען זיי אויך געהאט גרויסע איינקינפטע פון נדרים און נדבות, וואס די אנפרעגער האבען מיטגעשיקט צוזאמען מיט זייערע שאלות, און מיט די דאזיגע הכנסות פלעגט מען זיך אזוי נוהג זיין: דאס וואס מען האט צוגעשיקט צו איין ישיבה, האט די צווייטע אין דעם קיין חלק ניט געהאט. און די אלע מתנות און נדרים, וואס מען האט געשיקט סתם צו גונסטען פון די ישיבות, האט מען צוטיילט אויף גלייכע טיילען און די סורא׳ר ישיבה האט אין אזא פאל קיין פארצוג ניט געהאט איבער דער פומבדיתא׳ר ישיבה (ב). אויסער דעם אלעם האט סורא געהאט נאך א גרעסערען פארצוג איבער פומבדיתא, נעמליך: דער גאון, וואס פלעגט באשטימט ווערען ראש־ישיבה אין פומבדיתא, פלעגט תמיד ערוועהלט ווערען פון די חכמים פון דער סורא׳ר ישיבה (ג).

---

*) ווי עס זעהט אויס, האט דער עיקר שטיצע, וואס די ישיבות האבען באקומען, געשטאמט פון די ווייטע לענדער. דען ווי מיר ווייסען איז אין ר׳ האי גאונ׳ס צייטען, ווען זיי האבען אויפגעהערט צו באקומען שטיצע פון שפאניען, אפריקא, מצרים און ארץ־ישראל, האבען זיך די ישיבות געמוזט שליסען (ספר הקבלה להראב״ד), ווייל אין די אלע דערמאנטע פלעצער האבען זיך באזעצט טיכטיגע חכמים און געגרינדעט ישיבות, אזוי אז יענע צענטרען האבען שוין מעהר ניט געדארפט אנקומען צו די ישיבות אין בבל (דארטען). (א. ה. ווייס).

די אויפגאַבען
פון די ישיבות.

די הויפט־אַרבייט און אויפגאַבע פון די ישיבות איז געווען צו פאַרשפּרייטען די לעהרע פון תלמוד צווישען פאָלק. אַלע אידישע קהלות פון די גלות־לענדער, וואָס האָבען געוואָלט אָפּהיטען אידישקייט לויט די דינים פון תלמוד, האָבען געמוזט אַנקומען צו די חכמים פון בבל, א וואו עס איז געווען דער געבורט־פּלאַץ פון תלמוד און זיין היים. און אַלע, וואָס האָבען געוואָלט וויסען א הלכה, פלעגען דעריבער שיקען צו זיי, און די אויגען פון אַלע אידישע קהילות, סיי פון נאָהענט און סיי פון ווייט, פלעגען זיין געווענדט צו זיי. כאָטש דער תלמוד איז שוין צו יענער צייט געלעגען צוזאַמענגעשטעלט און איבערגעשריבען, פונדעסטוועגען איז קיין ספק ניט, אז די קאָפּיעס פון תלמוד האָבען זעהר טייער געקאָסט. און עס איז זיכער אז א קאָמפּליטער גאַנג פון תלמוד איז געווען דאָן זעהר זעלטען צו געפינען, און ווער וויים, וויפיעל אידישע צענטרען עס האָבען זיך געפונען, איבערהויפּט נאָך אין יענע ערטער, וועלכע זיינען געווען ווייט פון בבל, וואָס האָבען ניט פאַרמאָגט דעם גאַנצען תלמוד, נאָר בלויז איינצעלנע מסכתות, און אפשר דאָס אויך ניט. און אפילו דאָרט וואו עס איז שוין באַקאַנט געווען דער גאַנצער תלמוד, איז געווען נאָך אַן אַנדער חסרון: עס איז זיי גאַנץ אָפּט שווער געווען צו פאַרשטעהן די שפּראַך און דעם סגנון פון תלמוד, ווי אויך די פאַרהאַנדלונגען זיינע. זעהען מיר דאָך אין א צייט שפּעטער, נאָך אין ר׳ שרירא גאון׳ס צייטען, ווען ר׳ משה און ר׳ חנוך זיינען געקומען נאָך קאָרדאָווא אין שפּאַניען, האָבען זיי געפונען, אז די ספרדי׳שע אידען זיינען ניט בקי אין די רייד פון די בעלי־התלמוד. עס האָט דאָן פּאַסירט, אז דער דערמאָנטער ר׳ חנוך באַזוכענדיג דעם בית־מדרש אין קאָרדאָווא האָט, צוהערענדיג ווי ר׳ נתן הדיין לערענט זיינע תלמידים תורה, איינגעזעהן, אז ער וויים ניט מפרש צו זיין א פשוט׳ען ענין אין גמרא, און ר׳ חנוך האָט איהם געלערענט ווי אזוי צו פאַרשטעהן דעם תלמוד (ספר הקבלה להראב״ד). נאָר מעהר איז דער תלמוד געווען אין די ערשטע צייטען ווי א פאַרזיגעלטער בוך צוליעב אַן אַנדער וויכטיגער אורזאַכע. נעמליך, עס איז שווער געווען ארויסצובדענגען פון איהם דעם ריכטיגען דין, דען אין תלמוד איז די הלכה ניט ענטשיידען געוואָרען. די צונויפשטעלער פון תלמוד האָבען, אונטערצייכענדיג די מסקנא פון די סוגיות בלויז געשלאָסען די פאַר־

האנדלונגען וועגען דעם עניין. אבער ניט
ענטשידען די הלכה. נאר זעהר זעלטען ווערט געזאגט אין
תלמוד „און דער דין איז אזוי און אזוי“, און אפילו דארט וואו מיר גע־
פינען עס יא, איז אויך א ספק, צי עס איז פון תלמוד גופא, ווייל פון
פיעלע פלעצער איז קענטיג, אז דאס איז בלויז אן הוספה, וואס די שפע־
טערדיגע האבען צוגעגעבען. אויך זעהט מען, אז די גופא,
וואס האבען געשלאסען דעם תלמוד, האבען
קיינמאל ניט געדענקט און ניט געטראכט
ארויפצוצווינגען זייערע מיינונגען און
מסקנות אויף די שפעטערדיגע דורות. עס איז
קלאר, אז דעם זעלבען צוועק, וואס די משנה האט זיך געשטעלט, האט
זיך הויפטזעכליך אויך דער תלמוד געשטעלט. יעדער איינער, וואס
האלט אפען זיינע אויגען אויף דעם סגנון פון דער משנה און אויף דעם
ווי עס ווערען אין איהר די פארשיידענע ענינים פארגעבראכט, קען זעהן.
אז די משנה האט ניט באצוועקט צו ווערען א געזעץ־בוך, און אז דער
וואס האט צונויפגעשטעלט די משנה, האט אויך ניט געוואלט ווערען
קיין געזעצגעבער. זיין אבזיכט איז בלויז געווען צונויפשטעלען א
משניות־זאמלונג, צונויפנעמען אלעס, וואס עס איז געלערענט געווארען
ביז זיין צייט און פארצייכענען אין שריפט דעם גאנצען סכום פון די
תורה שבעל פה ענינים, ווי זיי האבען זיך ענטוויקעלט דורך אלע דורות
פון די תנאים. און אזוי איז פון אנפאנג אויך מיט דעם תלמוד ניט בא־
צוועקט געווארען צו פארפאסען א געזעץ־בוך. די אבזיכט פון זיינע צו־
זאמענשטעלער איז געווען, צונויפשטעלען א זאמלונג פון אלע ענינים פון
תורה שבעל פה לויט ווי זיי האבען זיך ענטוויקעלט ביז'ן שליסען פון
תלמוד. דעריבער איז אין די ערשטע צייטען שווער געווען, ווען עס איז
געקומען צו פראקטיק, צו געפינען א קלארען דין אין תלמוד. און ניט
יעדער איינער, וואס האט געלערענט דעם תלמוד, האט געקענט זיך פור־
נאנדערקלייבען אין איהם און באשליסען ווי צו פסק'ענען א דין. און
אפילו ווען ער וואלט געוואגט דאס צו טון, האט ער נאך געמוזט האבען
א הסכמה אויף זיין הכרעה. דעריבער האבען די רבנן־סבוראי, און שפע־
טער די גאונים, ניט קענענדיג אנגעהן ווייטער מיט דער ארבייט פון די
אמוראים, ווי אויך צוליעב דעם, וואס די שלעכטע צייטען האבען זיי גע־
שטערט אין דעם, זיך אונטערנעמען צו פארשפרייטען און באקאנט מא־
כען דעם תלמוד. זיי האבען איהם ערקלערט אלס קוואל פון וואנען צו
שעפען די הלכה און האבען אויף זיך גענומען מכריע צו זיין דעם דין

און זיי זיינען אנערקענט געווארען דערצו פון זייערע צייט־גענאסען, און אזוי זיינען זייערע פסקים געווארען גילטיג און די באשטימונג פון די אידישע דינים איז ארויסגעגאנגען פון דעם בית־דין־הגדול, וואס האט זיך געפונען אין סורא אדער אין פומבדיתא.

די טעטיגקייט פון די צוויי ישיבות האט זיך אלזא אויף דריי פונדאמענטאלע פונקטען קאנצענטרירט. דער ערשטער פונקט איז געווען, אויפצוהאלטען דעם תלמוד, לערנען דעם תלמוד און דערגרונטעווען איהם אין דער ישיבה גופא, היות זיי האבען איהם אוועקגעלעגט אלס יסוד פון אלע רעליגיאנ׳ס אנגעלעגענהייטען ביי אידען. זיי האבען זיך געגעבען גרויס מיה אכטונג צו געבען אויפ׳ן למוד־התורה אין אלע ארומיגע שטעט פון אלע באצירקען אין בבל, כדי די אידען דארטען זאלען וואס מעהר דעם תלמוד שטודירען, און עס זאלען פון דארטען תלמידים ארויסגעבראכט ווערען, כדי זיי זאלען צו יעדער צייט האבען די מעגליכקייט אויסצופילען די שיטער געווארענע רייהען פון דער ישיבה מיט נייע תלמידים. פון די צוויי ישיבות פלעגט אויך ארויס די פאראָרדנונג צו אלע קליינע ישיבות, ווי אויך צו איינצעלנע לומדים, וואס פאר א מסכתא זיי זאלען לערנען. און ווען די חכמים און תלמידים פלעגען זיך צונויפקומען אין „די מאנאטען פון כלה"*), אדר און אלול, פלעגען זיי מוזען אפגעבען חשבון פון דעם, וואס זיי האבען געלערענט דעם פארגאנגענעם יאהר, און זיי זיינען דאן אויך געשטעלט געווארען צום פארהער. דאן זיינען זיי קלאר געווארען די אלע ספקות, וואס זיי האבען געהאט, ווי אויך אלע קשיות, וואס זיי האבען ניט געקענט פארענטפערען. דאס רעכט פון די ישיבות צו פאדערען חשבון פון די לומדים פון דער פראָווינץ אין זייער למוד, איז ניט בלויז געווען א מאראלע, זאנדערען זיי זיינען געווען דערצו בארעכטיגט אויך על פי דין, ווייל זיי פלעגען אויסהאלטען אויף זייערע קאסטען די אלע תלמידים פון די הכנסות פון דער ישיבה, און איבערהויפט פון די נדבות, וואס מען פלעגט צו זיי ארייננשיקען מיט פארשיידענע אנפראגען, אלזא זיינען זיי על־פי־דין געווען פארפליכטעט אפצוגעבען חשבון פון דעם, וואס זיי האבען אויפגעטאן. די ישיבות האבען זיך אויך ניט אפגעהאלטען צו באשטראפען תלמידים צוליעב זייער פוילקייט. דער צווייטער פונקט פון זייער ווירקונג איז

---

*) אין דיזע צוויי מאנאטען פלעגען קומען לערנען אין די ישיבות פיעלע אידען, וואס האבען ניט געקענט פארברענגען א גאנצען יאהר אין דער ישיבה. כלה — הייסט א צוזאמענקונפט צו פארשען און שטודירען.

באשטאנען אין דעם צו ענטפערען די שאלות צום גאנצען אידישען פאלק, וואס איז געווען צושפרייט אין אלע גלות־לענדער. דען טאג־טעגליך פלעגען צו זיי אנקומען שאלות פון נאהנטען און פון ווייטען, וואס האבען געוואלט וויסען ווי אזוי צו לעבען און ווי אזוי זיך אויפצופיהרען לויט דעם תלמוד. די שאלות זיינען הויפטזעכליך געקומען פון אזעלכע פלעצער אוואו דער תלמוד איז ניט געווען פארשפרייט, אדער זיי זיינען ניט געווען אימשטאנד דארטען צו פארשטעהן איהם גענוי און וויסען זיין ריכטיגען מיין. דער דריטער פונקט איז געווען צו פסקנ'ען דינים, ווארים אפילו דארט, וואו מען האט גענוי פארשטאנען דעם תלמוד, האבען זיי געמוזט אנקומען וועגען באשטימען דעם דין צו דעם אורטייל פון די ישיבות, דען זיי זיינען געווען די יעניגע, פון וועלכע די תורה איז ארויסגעקומען צום פאלק, און זיי האבען געהאט דעם זעלבען כוח כמעט, וואס דער בית־דין־הגדול פון „לשכת הגזית" האט געהאט אין די פריהערדיגע צייטען. און ווירקליך, ווען מיר טראכטען זיך אריין אין יענע אלטע צייטען, ווערט אונז קלאר, אז זיי האבען עס געמוזט האבען. זיי האבען נאך ניט געהאט דאן די נויטיגע געהילפ'ס־ספרים, וואס זאלען זיי העלפען ארויסצוקריגען דעם ענטגילטיגען מיין פון תלמוד בנוגע צו פסקנ'ען א דין. מיר זעהען דאך, אז אפילו שפעטער, אין די צייטען פון די ערשטע רבנים, מיט גענויע הונדערט יאהר שפעטער, פון לעצטען דור גאונים, זאגט ר' יוסף אבן מיגאש עדות (שאלות ותשובות, סימן קי"ד), אז עס איז ניטא קיינער אין זיין צייט, וואס זאל זיין ראוי צו פסקנ'ען דינים פון תלמוד; קיינער וואס זאל קומען צו אזא מדרגה אין חכמת התלמוד, אז ער זאל עס קענען טון, ניט אנקומענדיג צו דער הילף פון די גאונים. הייסט, אויב נאך דאן, אין די צייטען פון ר' יוסף אבן מיגאש, האט עס ביי דעם געהאלטען, טא ווי איז שוין געווען פריהער אין די גאונים'ס צייטען?

די תשובות

פון די גאונים.

פארטיפענדיג זיך אין די אלגעמיינע תשובות פון די גאונים, וואס מיר באזיצען, זעהען מיר, אז יעדע איינע פון זיי קאן צוגעפאסט ווערען צו איינעם פון די אויבענדערמאנטע דריי פונקטען. אדער מען האט אנגעפרעגט אויף אן אייניפאכער, פשוט'ער זאך, וואס געפינט זיך אין משנה אדער אין תלמוד — צוליעב דעם, וואס די אנפרעגער האבען אייניפאך

ניט געהאט קיין שום ידיעה אין תלמוד — און די תשובה אויף אזעלכע שאלות פלעגט זיך תמיד פאסען קורץ: אזוי און אזוי איז דער דין לויט דער משנה אדער תלמוד, און די גאונים האבען פון זייערע אייגענע פלפולים גארניט צוגעגעבען. ווארים צו וואס זאלען זיי געווען א סך רעדען, ווען זיי האבען עס ניט בהדארפט צו דעם עיקר פון יענעם דין. אויף וועלכען מען האט זיי אנגעפרעגט? דען דאמאלט האט נאך ניט געגאלטען דער שלעכטער מנהג פון די לעצטע, מאריך צו זיין אין שארפע פלפולים, וואס זיינען על פי רוב גארניט ווערט און זיי האבען זיך ניט פארמאטערט אין זייערע תשובות מיט אומאויפהערליכער פלאפלעריי, צו מאכען בלויז א שיינדעל פון דער תורה, כדי דערמיט זיך צו גרויסען, נאר די אנפרעגער האבען געפרעגט זייער ענין און די ענטפערער האבען גע־ענטפערט צו דער זאך. די צווייטע קאטעגאריע פראגען, וועלכע מען האט געשטעלט די גאונים, איז געווען פון אזעלכע, וואס האבען יא גע־האט א ידיעה אין תלמוד, זיי אבער האבען ניט געוואוסט אויף ריכטיג ווי אזוי איהם אויסצוטייטשען. און אויף אזעלכע שאלות האט די תשובה געגעבען דעם פירוש פון דער הלכה אין קורצען. דער דריטער מין איז: די אנפרעגער האבען אי געקענט דעם תלמוד, אי געקענט איהם אויס־טייטשען, זיי אבער האבען ניט געוואוסט ווי אזוי צו פאסען די הלכה. און אויף אזעלכע שאלות האבען די גאונים געענטפערט זייער באשלוס להלכה ולמעשה. די דאזיגע דריי מינים שאלות און תשובות ענט־האלטען אין זיך די מעהרסטע תשובות פון די גאונים, וואס מיר באזיצען ביי היינטיגען טאג (ד). נאטירליך, זיינען אויך אפטמאל פארגעקומען פראגען אין אזוינע דינים פון איסור והיתר, דינים פון מאן און פרוי, אדער געלט־זאכען, וואס זיינען אויף קיין אופן ניט אויסגעטייטשט אין דער גמרא, און עס איז שווער צו באשטימען דעם דין פון תלמוד — און זעלבסטפארשטענדליך, אז אין אזעלכע פעלע, האבען זיי געמוזט ענט־פערען לויט ווי זייער שכל האט זיי דיקטירט, דרינגענדיג איין זאך פון דער צווייטער, אפטמאל באריכות לויט ווי דער באשפראכענער ענין האט פון זיי געפאדערט, ווייל זיי האבען געמוזט זוכען דאן ראיות און שטאר־קונגען פאר זייערע רייד. צייטענווייז אבער זיינען זיי אפילו אין אזעלכע פעלע געגאנגען אויפ'ן קורצען וועג, ניט ברענגענדיג קיין שום ראיות צו זייערע פסקים (ה). אפטמאל האבען זיי אויך גע'פסקנ'ט א דין לויט ווי זייער שכל האט זיי געטראגען, אפווייכענדיג אין גאנצען פון דער דעה פון תלמוד, אדער געמאכט א נייעם פסק דין, וואס האט גאר אין גאנצען קיין אנהאלט ניט געהאט אין תלמוד, און האבען זיך סומך געווען

אויף א מדרש איבער א פסוק, וואס זיי האבען פון זייער אייגענער סברא גע'דרשנ'ט (ו). אין וואס נאך מעהר, מיר געפינען אפטמאל וואו זיי זאגען בפירוש „די רבנן זאגען" אזוי און אזוי, און מיר געפינען ניט אין ערגעץ אט יענעם מאמר אין תלמוד. זיי האבען אהן צווייפעל געמיינט מיט דעם די רבנן, וואס האבען געלעבט נאכ'ן תלמוד (ז). סיי ווי האבען אבער די אלע תשובות, וואס באהאנדלען אין דעם עיקר זייערען די ענינים פון איסור והיתר, כשר און פסול, עניני אישות (דינים פון מאן און פרוי) און געלט־זאכען זייער מקור אין דער תלמוד'ישער לעהרע. מיר געפינען אבער דא און דארט אין זייערע תשובות אויך אזוינע זאכען, וואס האבען גאר קיין שייכות ניט צום דין, וואס שטאמען אפ פון אן עם־הארצישען מנהג, וואס זיי האבען איהם ארייננענומען אין דער תורה און אויף דיזען אופן זיינען כמה נארישע מנהגים אנגענומען געווארען דורך זיי ביי אידען. זיי זיינען אנגענומען געווארען און פארשפרייט געווארען צוליעב דעם, וואס די צוויי ישיבות האבען זיך אזוי נוהג גע־ווען, ווארים ווער וועט עס וואגען נאכצוקלערען נאך זיי? און מיר וואונדערען זיך ניט, וואס יענע מנהגים, וועלכע האבען זיך גענומען פון פוסטען אבערגלויבען האבען געהאט אן אפגאנג אין יענע פינסטערע צייטען, מיר קענען זיך אבער יא באקלאגען, וואס דער השכלה־גייסט פון אלע שפעטעריגע דורות איז ניט געווען בכח זיי אפצושאפען פון אידישען פאלק, און זיי אויסצושטרייכען פון די ספרים פון די לעצטע פוסקים, וואס זיינען באשטימט געווארען צו זיין אונזערע וועג־ווייזער אין אונזער רעליגיעזען לעבען, און די דאזיגע מנהגים האלטען זיך נאך ביי אונז, ווי זיי וואלטען זיין גרונד־געזעצען און עיקרים פון דער אידי־שער תורה (ח). אין איינינע תשובות פון די גאונים בפרט נאך אין די תשובות פון די לעצטע גאונים, זעהט זיך ארויס א ספעציעלע אייגענ־שאפט, וועלכע באשטעהט אין פאלגענדען: ווען זיי האבען באקומען אן אנפראגע וועגען אן איין און איינציגען פרט פון א דין, האבען זיי זיך פא־נאנדערגעשפרייט מיט זייערע רייד אויפ'ן גאנצען כלל, ארייננעמענדיג אין זייער תשובה זייערע חקירות וועגען אלע אנדערע דינים, וואס האבען א שייכות מיט'ן ענין פון דער שאלה, כאטש מען האט זיי אנגעפרעגט בלויז אויף איין פרט פון דעם כלל (ט). אט אזוי איז אלעס, וואס האט א שייכות צו וועלכען עס איז דין פון די דינים פון דער תורה, סיי אין טעָ־ארעטישען און סיי אין פראקטישען זין, ארויסגעקומען פון די צוויי ישיבות, וואס זיינען געשטאנען זעהר הויך אין די אויגען פון פאלק; דאס פאלק האט זיך צו זיי מיט עהרפורכט באצויגען און האט זיי „די הויי־

ליגע ישיבות" גערופען. די ישיבות האבען געהאט גרויסע פריווילעגיעס פון דער רעגירונג, און די ראשי־הגולה האבען זיי געגעבען א פרייע האנט אין אלע רעליגיאנס־אנגעלעגענהייטען. און צוליעב דעם האבען זיי זיך אליין גענומען דאס רעכט און די מאכט צו הערשען מיט אן אייזערנע האנט איבער מענשענס טאטען און געדאנקען, ארויסגעבענדיג גזירות און נייע תקנות, פון וועלכע די בעלי־התלמוד האבען קיינמאל ניט גע'חלומ'ט. צווינגענדיג אלע אידען אנצונעמען די מנהגים פון דיביידע ישיבות און באשטראפענדיג די יעניגע, וואס האבען ניט געוואלט פאלגען, מיט קער־פערליכע ענויים. נאך מעהר האט זיך אבער ארויסגעוויזען זייער אייזערנע האנט אין דעם, וואס זיי האבען זעהר אפט מיט א גרינג הארץ אוועקגענומען פון פיעלע אידען אלע זייערע רעכטע — דורך די פאר־שיידענע נדויים און חרמות, וואס זיי האבען אויף זיי ארויפגעלעגט, וועלכע ווארפען ארויף א טויט־שרעק אויף יעדען איינעם, וואס הערט וועגען זיי — קען מען זיך שוין פארשטעלען, וואס פאר א ענויים קשים זיי האבען געמוזט פארשאפען די יעניגע, וואס האבען פון זיי געמוזט ליידען (י). עס פאסט זיך אויף זיי מערקווירדיג דאס וואס די קדמונים האבען געזאגט אויף די ראשי־גולה אין בבל: אז זיי פלעגען מיט בייטשען איבער דעם פאלק געוועלטיגען.

די גאונים אלס לעהרער און וועג־ווייזער אין ענינים פון „אמונות ודיעות".

און אזוי ווי די גאונים זיינען באטראכט געווארען פון פאלק אלס געזעצגעבער און וועגווייזער אין די דת־ענינים און אין די פראקטישע דינים — אזוי זיינען זיי אויך געווען זייערע לעהרער און פיהרער אין די אנגעלעגענהייטען פון רעליגיעזען גלויבען און אנשויאונגען. דאס פאלק האט אין אלעם געזוכט זייער ראט און זיך צו זיי צוגעהערט ווי צו די רייד פון גאט. אויך אויף דעם געביט זיינען אונז געבליבען פון זיי תשובות. ווען מיר טראכטען זיך אבער אריין אין דיזע תשובות, זעהען מיר, אז זיי — די גאונים — זיינען ניט בארעכטיגט געווען צו דעם צוטרוי, וואס די אנפרעגער האבען צו זיי געהאט. די האזיגע תשובות זיינען די בעסטע עדות אויף זייער אייגענעם נידעריגען קולטורעלען צו־שטאנד און אויף דעם נידעריגען קולטורעלען צושטאנד פון זייער צייט. דער אינהאלט פון די מעהרסטע שאלות באשטעהט אין אנפראגען וועגען

איינינע משונה'דיגע אגדות, וואָס געפינען זיך אין תלמוד, וואָס דער־פשוט'ער שכל קאָן זיי ניט פאַרטראָגען. אמת, צום כבוד פון די אָנ־פרעגער מוז דאָ געזאָגט ווערען, אַז זיי אמווייניגסטענס האָבען געקוקט מיט אָפענע אויגען אויף אַזעלכע זאַכען, און עס איז זיי שווער געווען אַנצונעמען די תלמודישע לעגענדען ווי זיי שטעהען און געהען. ווען מיר זעהען אָבער די ענטפערס, וואָס די גאונים האָבען געגעבען אויף צו דערקלערען די האַזיגע לעגענדען געפינען מיר ניט ביי זיי די קלענסטע אַנשטריינגונג אפילו דאָס משונה'דיגע פון די לעגענדען צו דערוויטער־רען, נאָר פאַרקערט, זיי האָבען נאָך צו די מאָדנע אגדות צוגעגעבען מאָדנע דערקלערונגען — אַזוי, אַז דער פּראָסטער המון, וואָס האָט די פראַגען געשטעלט, טרעט ווירקליך אַרוים פאַר אונזערע אויגען פיעל מעהר אינטעלעקטועל־ענטוויקעלט, ווי די גאונים, וואָס האָבען די ענט־פערס געגעבען. פון די גאונים פון די ערשטע דורות איז צו אונז זעהר ווייניג צוגעקומען פון די עניני אגדה. מיר ווילען אָבער דאָ ברענגען איין פירוש זייערען אויף אַן אגדה, וואָס וועט זיין געננוג צו געבען אונז אַ באַגריף וועגען דעם, ווי זיי האָ־בען פאַרשטאַנען און פאַרטייטשט די אגדות. אין אַ תשובה, וואָס ווערט צוגעשריבען צו רב האי גאון געפינען מיר, אַז מען האָט איהם געפרעגט: בנוגע צו דעם, וואָס ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט, אַז אַלע מעשי־בראשית זיינען באַשאַפען געוואָרען אין זייער הויך, און לויט זייער ווילען (לצביונם נבראו: צביון — ווילען, אויסזעהן, פאָרם) געפינען מיר אין אַ פירוש פון אַ גאון ז"ל, אַז גאָט האָט געפרעגט יעדען באַשעפע־ניש פון די מעשי בראשית: „ווי ווילסטו איך זאָל דיך באַשאַפען?" און דאָס באַשעפעניש ענטפערט אַזוי און אַזוי, און ער באַשאַפט איהם לויט זיין ווילען נאָך. דאָס זיינען דעם גאונ'ס רייד, און די צוהערער האָבען זיך געוואונדערט: צי האָט דען עפּעס אַ ממש איידער עס ווערט באַ־שאַפען, עס זאָל קאָנען האָבען אַ ווילען? (תשובות הגאונים ד' ליק סימן כ"ח). ווי לעכערליך דער פירוש איז איז ניט נויטיג צו זאָגען. אין פאַרגלייך מיט איהם, זעהט מען, אַז די, וואָס האָבען געפרעגט, זיינען ווירקליך מעהר ענטוויקעלט געווען, ווי דער גאון, וואָס האָט דעם פירוש פאַרפאַסט. נאָר בעסער פון אַלץ קענען מיר לערנען צו פאַרשטעהן דעם גייסט, וואָס שוועבט אויף דעם אופן אויסטייטשונג פון די אגדות פון די ערשטע גאונים דורך די אגדות, וואָס געפינען זיך דאָ און דאָרט אין די הלכות גדולות און נאָך מעהר אין די שאילתות פון רב אחא משבחא. מען זעהט פון זיי, אַז זיי — די גאונים — זיינען געגאַנגען אין זייערע

אגדות אויף דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען עס זיינען געגאנגען די אלטע הכמי בבל (י"א). אמת, צווישען די תשובות פון די שפעטערדיגע גאונים וועגען דער אגדה געפינען זיך שוין מאנכע, פון וועלכע עס בלאזט שוין א ניי ווינטעל. דאס איז אהן צווייפעל פארגעקומען א דאנק די קאראאימען. זיי פלעגען אויפווארפען די גאונים די לעכערליכקייט פון פיעלע לעגענ־דען אין תלמוד. האבען זיך די לעצטע אנגעשטרענגט, עס צו דערווייטע־רען, ווי ווייט זיי האבען נאר געקענט און אריינצולעגען אין די פארשיי־דענע לעכערליכע אגדות ראציאנאלע כונות — אפילו דאן, ווען דער פירוש האט ניט געשטימט מיט דעם, וואס די אגדה האט געמיינט. אט דיזען וועג האבען הויפטזעכליך אויסגעטראטען רב סעדיה און רב שמואל בן חפני. רב האי גאון, כאטש ער שטריינגט זיך אויך אן צייטענווייז אפצוריינינגען און קלאר צו מאכען א טייל לעגענדען — פונדעסטוועגען געפינען מיר נאך אין זיינע תשובות גענוג פירושים, וואס זיינען ניט צופרידענשטעלענד פאר דעם געבילדעטען מענשען, ווי מיר וועלען עס דערווייזען אויפ'ן געהעריגען פלאץ, ווען מיר וועלען רעדען וועגען איהם. עס קען אבער אויך זיין, אז פיעלע פון די תשובות, וואס מיר האלטען פאר אומגעלומפערט, ווערטלאז און פארגרייזט, זיינען נאר דורך א טעות, אדער אבזיכטליכער פעלשונג צוגעשריבען געווארען צו ר' האי גאון, אין דער ווירקליכקייט אבער זיינען זיי קיינמאל פון זיין האנט ניט ארוים. דען עס איז זיך גאר שווער פארצושטעלען ווי ווייט בייזוויליג די איבער־שרייבער זיינען געווען, איבערשרייבענדיג די תשובות פון די גאונים און וויפיעל גרייזען און פעלשונגען זיי האבען אין זיי אריינגעטראגען.

ווער זיינען געווען די
צוזאמענשטעלער פון די
תשובות הגאונים.

די תשובות וואס מיר פארמאגען אויף דעם נאמען פון די גאונים זיינען ניט געזאמעלט געווארען פון די גאונים גופא און ניט זיי האבען די תשובות פארשריבען אין א באזונדער בוך, זיי צו פארשפרייטען צווי־שען דעם אידישען פאלק, זאנדערען די וואס האבען געמאכט די אנפרא־גען האבען זיי אויפגעהאלטען פאר דער וועלט, און אפשר זיינען צו יע־נער צייט געווען מענשען, וואס האבען זיך דערמיט ספעציעל פארנומען. זיי האבען די תשובות געזאמעלט אוואו נאר זיי האבען זיי געפונען — צו מאכען דערפון מסחר. דעריבער איז אויף דער וועלט ניטא קיין איינ־

ציגע זאמלונג וואס זאָל ענטהאַלטען תשובות פון איין גאון, נאָר עס זיי־
נען געזאמעלט געוואָרען פאַרשיידענע אויסגעמישטע תשובות פון פאַר־
שיידענע גאונים. און צוליעב דער אייגענער סבה טרעפט זיך על פי
רוב, אַז די נעמען פון די שרייבער זיינען פאַרביטען, און עס זיינען צו־
געשריבען זאַכען צו איינעם פון די גאונים, וואָס געהערען ניט צו איהם.
די דאָזיגע צומישעניש האָט שוין געהערשט באַלד אין די ערשטע דורות
נאָך די גאונים. און שוין אין די צייטען פון רב יוסף אבן מיגאש האָט
מען זיך שוין באַקלאָגט אויף דעם, וואָס מען שרייבט צו מאַנכע פון
זייערע תשובות צו פרעמדע (שאלות ותשובות הר"י אבן מיגאש ס"י
קי"ד). און נאָך מעהר, אפילו אין די טעג פון די גאונים האָט מען שוין
געצווייפעלט אין זאַכען, וואָס זיינען געווען צוגעשריבען צו איינעם פון
די פריהערדיגע גאונים, און מען האָט חושד געווען, אַז די זאַכען זיינען
געפעלשט. רב שרירא גאון זאָגט בפירוש אין א תשובה צו איינעם,
וואָס האָט איהם אָנגעפרעגט, און וועלכער האָט ציטירט זאַכען פון „ספר־
השטרות", וואָס רב סעדיה האָט פאַרפאַסט: „און מיר זעהען, אַז די
דאָזיגע רייד, וואָס ווערען געבראַכט אין נאָמען פון ר' סעדיה, זיי זיי־
נען געפעלשט, דען ער איז געווען א גרויסער געלעהרטער און ער וואָלט
ניט דורכגעלאָזט קיין גאַנצע משנה" (שערי צדק ח"א, ש"ג, סימן י"א).
און נאָך אין אַנדערע פּלעצער געפינען מיר, אַז די לעצטע גאונים האָבען
זיך געקווינקעלט אין זאַכען, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אין נאָמען
פון די פריהערדיגע גאונים, און געצווייפעלט אין זייער ריכטיגקייט. אין
א תשובה (י"ב) פון רב נטרונאי (שערי צדק ח"ה, ש"ז, סימן י"ז) גע־
פינען מיר פאָלגענדעס: „און דאָס וואָס איהר שרייבט אין נאָמען פון
רב עמרם, גאון פון מחסיא ז"ל, זיינען אונז די רייד ניט באַקאַנט, און
מיר ווייסען ניט, וואו ער זאָגט עס". און רב שרירא גאון זאָגט אין א
תשובה (דאָרטען שער ח' סימן ח'): „און דאָס וואָס איהר שרייבט אין
נאָמען פון רב מתתיה גאון ז"ל... מיר האַלטען ניט, אַז רב מתתיה האָט
אַזוי געזאָגט". ווען מיר קוקען זיך צו צו די זאַמלונגען תשובות פון די
גאונים, וואָס זיינען צו אונז צוגעקומען, זעהט מען קלאָר, אַז ניט נאָר
זיינען זיי דורכגעגאַנגען די הענט פון פאַרגרייזער איבערשרייבער, וואָס
האָבען פאַרביטען די נעמען פון די גאונים און פאַרדאָרבען די טעקסטען.
זאָנדערען, מיר פאַרמאָגען אויך זאַמלונגען אוואו עס געפינען זיך פאַלשע
תשובות, וואָס זיינען צוגעשריבען געוואָרען צו איינעם פון די גאונים,
וועלכער האָט זיי קיינמאָל גאָר ניט געשריבען (י"ג). פון דעם זעהן
מיר, ווי פאָרזיכטיג און אַנאַליזירענד מיר באַדאַרפען זיין, ווען מיר

ווילען זיך פארלאזען אויף די דאזיגע זאמלונגען. וואס איז אבער געווען די אורזאכע וואס די ראשי ישיבות גופא האבען ניט צענויפגעזאמעלט זייערע תשובות אין ספרים, כדי יעדער זאל זיי קענען האבען, ווי דעם תלמוד? אפשר ליגט די אורזאכע אין דעם, וואס זיי האבען ניט גע־וואלט פארורזאכען קיין שאדען דעם לימוד התלמוד. ווארים עס איז דאך ווירקליך די דאזיגע ערשיינונג געווען צו באמערקען שטענדיג: ווי נאר עס זיינען אויפגעקומען זאמלונגען פון הלכות פסוקות איז באלד דער לימוד הגמרא שוואכער געווארען. אין די צייטען פון רב פלטוי גאון איז דאס פאלק נאכגעגאנגען נאך די „הלכות קטועות" (קורץ גע־פאסטע הלכות), זאגענדיג; צו וואס בעדארפען מיר די קשיות פון דער גמרא מיט איהר פלפול? און אין די צייטען פון רב יוסף אבן מיגאש זיינען געווען דיינים, וואס האבען ניט געקענט ארויסנעמען די דינים פון דער גמרא און גע׳פסקנ׳ט פון די תשובות פון די גאונים. אין די צייטען פון רב אשר בן יחיאל פלעגט מען פסקנ׳ען שאלות פון רמב״ם, און דער רא״ש האט וועגען דעם געזאגט, אז די אלע וואס פסק׳נען דינים לויט׳ן רמב״ם און ווייסען ניט פון וואס פאר א גמרא ער האט געצויגען דעם דין, זיינען זיך טועה (שו״ת הרא״ש, כלל ל״א, סימן ט׳). און הרב רב יצחק בר ששת (געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון צווייטען יאהר־הונדערט פון אלף הששי) אין זיין צייט בייזערט זיך אויך אויף דעם מנהג צו פסק׳נען דינים פון רמב״ם, ווען מען האט ניט די פארנויטיגע ידיעות אין תלמוד (שו״ת ריב״ש, סימן מ״ד). עס איז דאריבער זעהר מעגליך, אז די גאונים האבען ניט געזאמעלט זייערע תשובות און זיי ניט ארויסגעגעבען, ווייל זיי האבען ניט געוואלט, מען זאל מדחה זיין דעם תלמוד אין א ווינקעל דורך דעם וואס מען וועט פסק׳נען שאלות פון זייערע תשובות. אבער מען קען זעהן, אז דאס איז ניט געווען די איינ־ציגע סיבה, וואס האט זיי דערצו באוועגען, זאנדערען עס איז געווען נאך א סיבה, און דאס איז: דער וואוילשטאנד און קיום פון די ישיבות. ווארים כדי די ישיבות זאלען זיך קענען האלטען אין זייער פולער גרויסקייט האט זיך געפאדערט, אז אלע אידען זאלען צו זיי דארפען אנ־קומען, ניט בלויז דערפאר, כדי זיי זאלען קענען דורך דעם אנהאלטען זייערע הכנסות און אויסהאלטען די אלע תלמידים און חכמים זייערע, נאר הויפטזעכליך דערפאר, עס זאל קענען ערפילט ווערען דער וואונש פון די גאונים, צו פארוואנדלען די ישיבה אין א צענטראלען פונקט, וואס זאל פאראייניגען דאס גאנצע אידישע פאלק; עס זאל זיך פאר־שפרייטען פון איהר די גייסטיגע הערשאפט ביז איבער די וויטסטע

לענדער, און קיינער זאָל קיין זאַך ניט קענען טון אָהן דער צושטימונג פון די ישיבות.

די פּאַרפאַסער פון די „הלכות קטועות"
און די געגנערשאַפט פון די גאונים צו זיי.

דאָס וואָס זיי אָבער האָבען ניט געוואָלט און ניט געטון, האָבען געטון אַנדערע, וואָס זיינען ניט געוועזן קיין ראש־ישיבות. די תורה איז דאָך קיינמאָל ניט געוועזן די אויסשליסליכע פּריווילעגיע פון די חכמים, וואָס האָבען געטראָגען אויף זיך דעם אַמט פון רבנות. עס איז דער גייסט פון מענשען, וואָס באַשענקט איהם מיט תורה און חכמה און ניט דער שטאַנד. אויך אין יענער צייט זיינען אין בבל געוועזן חכמים, וואָס כאָטש זיי האָבען ניט פאַרנומען קיין געהויבענע שטעלען זיינען זיי דאָך ניט געשטאַנען נידריגער פון די גאונים אין חכמה, און מאַנכע האָבען נאָך געהאַט א פאָרצוג איבער די גאונים. אַט יענע פּניות, וואָס די גאונים האָבען געהאַט, ניט צו פאַרשרייבען זייערע תשובות און פּסקים און זיי אַרויסגעגעבען אין א באַזונדערען בוך, האָבען פאַר זיי ניט עקזיסטירט, און זיי האָבען געדענקט, אז זיי וועלען א סך מעהר אויפטון פאַר'ן פאָלק, ווען זיי וועלען פאַר זיי שאַפען ספרים, וועלכע זאָלען זיי לערנען ווי צו לעבען און ווי זיך צו באַגעהן, איידער זיי זאָלען אלעם איבערלאָזען ווי געווען, און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל מוזען זיין אונטער־וואַרפען אונטער די ישיבות. זיי האָבען זיך דעריבער באַשעפטיגט מיט פאַרפאַסען אַזעלכע ביכער און מחבר זיין נויטיגע חבורים אין הוראה. זיי זיינען מיט זייער ארבייט אַנגעגאַנגען, כאָטש די גאונים, לויט זייער שטאַנדפּונקט און לויט דעם ציל וואָס זיי האָבען זיך געשטעלט, האָט געמוזט די גאַנצע זאַך ניט איבעריג געפעלען. מיר געפינען, אז מר רב צמח גאון האָט געהאַט תרעומות דאַרויף, און ער שרייבט צו איינעם פון זיינע אַנפרעגער: „און דאָס וואָס איהר האָט אַרויסגענומען פון די „הלכות קטועות", האָבען מיר קיינמאָל פון אַזעלכע ניט געהערט ניט בכתב און ניט בעל פּה. און איהר זאָלט עס ניט טון... איהר זאָלט זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען פון די „הלכות קטועות" (חדושי גאונים, סימן כ"ח)". און ווי עס זעהט אויס האָבען זיך די זאַמלונגען פון די הלכות קטועות זעהר פאַרשפּרייט און פילע לומדים זיינען אַנגעקומען צו זיי מעהר ווי צום תלמוד. מיר זעהען עס אויך פון א תשובה פון רב פּלטוי גאון (י"ד) צו איינעם, וואָס האָט איהם אַנגעפרעגט, וואָס איז גלייכער און בעסער צו

טון, צו פארטיפען זיך אין תלמוד אדער אין די הלכות קטועות. „מיר פרעגען עס נאר דערפאר, ווייל דאס רוב פון פאלק איז נוטה נאך די „הלכות קטועות", טענה'נענדיג: צו וואס דארפען מיר האבען די קשיות פון תלמוד?" אויף דיזער אנפראגע האט רב פלטוי געענטפערט: „זיי טוען ניט ריכטיג און מען טאר אזוי ניט טון, ווייל זיי פארקלענערען דעם לימוד התורה" (דארטען, סימן ק"י). מיר האבען שוין לאנג אונזער השערה ארויסגעזאגט, אז פון די הלכות קטועות זיינען צו אונז מאנכע דערגאנ־גען, און דאס זיינען די יעניגע הלכות, וואס ווערען אנגערופען „מסיכתות קטנות". דאס גלייבען שטאמט אויך מסכת־סופרים פון די גאונים ציי־טען. מיר האבען עס שוין פריער געזאגט און באוויזען עס דורך ראיות, אז דער מחבר איהרער האט געלעבט אין בבל. דארטען האט ער גע־שריבען זיין ספר און וועלכען ער האט מאנכע הלכות אריינגענומען לויט דעם מנהג וואס די צוויי ישיבות האבען זיך נוהג געווען און האט זיך אויך באנוצט מיט דער מסורה, און עס זיינען פאראן אין ספר אנדיי־טונגען אויף אונזערע טעמים (טראפ). די קוועלען פון דעם דאזיגען ספר זיינען דאס רוב פון תלמוד ירושלמי, און פון דעם זעהט מען, אז כאטש דער מחבר האט געלעבט אין בבל איז ער דאך געווען א בקי אין תלמוד פון ארץ ישראל. ווארים דיזער תלמוד איז שוין געווען באקאנט אין בבל אין די גאונים'ס צייטען און די יעניגע וואס זאגען, אז די חכמים פון בבל, זיינען ניט געווען בקי אין תלמוד ירושלמי (ט"ו) זיינען זיך טועה. און מיר געפינען אויך אין פיעלע פלעצער פון מסכתא סופרים פונקט דיזעלבע הלכות וואס מיר געפינען אין „הלכות גדולות" (ט"ז). און נאך מעהר. פון דעם, וואס מיר געפינען ניט אין ערגעץ, אז איינער פון די גאונים זאל אנווינקען אויף דער מסכתא סופרים, אין דער צייט וואס די לעצטע גאונים ציטירען דעם הלכות גדולות אוואו נאר עס לאזט זיך, לאזט זיך שיקען, אז דער מחבר פון מסכתא סופרים האט גענומען פון הלכות גדולות. אויך געפינען מיר, אז דער מחבר פון מסכתא סופרים (פרק י"ט) ברייננגט א מאמר אגדה אין נאמען פון ר' אליעזר בן הורקנוס, אין דעם דאזיגען מאמר געפינען מיר ניט אין ערגעץ אין זיין פולער רעדאקציע אויף ר' אליעזר'ס נאמען, בלויז אין פרקי דרבי אליעזר געפינען מיר איהם אויספיהרליך און אין מסכתא סופרים איז עס פארקירצט און פארגרייזט. און אפילו אין פרקי דרבי אליעזר ווערט דער מאמר ניט געבראכט אין רבי אליעזר'ס נאמען, נאר דער מאמר געפינט זיך דארטען. עס געפינט זיך אבער ניט דער נאמען פון בעל המאמר. פון דעם אלעם איז דעריבער קלאר צו זעהן, אז דער מחבר פון מסכתא סופרים האט דעם

מאמר צוגעשריבען צו רבי אליעזר בן הורקנוס, ווייל ער האט איהם געפונען אין פרקי דרבי אליעזר. זעהען מיר אלזא, אז דער מחבר פון מסכת סופרים האט געזעהן דעם פרקי דרבי אליעזר. און פון דעם, וואס מען האט אין זיין צייט שוין מיחס געווען דעם ספר צו רבי אליעזר בן הורקנוס קאן מען לערנען, אז צווישען דעם מחבר פון מסכת סופרים און דעם מחבר פון פרקי דרבי אליעזר ליגט א גרויסע שטיק צייט. און אזוי ווי דער מחבר פון פרקי דרבי אליעזר האט ניט געקענט זיין פריער ווי אין סוף פון פינפטען הונדערט פון פינפטען טויזענד, וועלען מיר אפשר ניט ווייט אראפ פון וועג, ווען מיר וועלען באהויפטען, אז דער מחבר פון מסכתא סופרים האט געלעבט מיט אומגעפער הונדערט יאהר שפע־טער. נאך א ספר האבען מיר פון איינעם פון די חכמי־בבל, און דאס איז דער סדר תנאים ואמוראים. דער נאמען פון מחבר איז אונז ניט באקאנט, מיר ווייסען אבער, אז ער האט געלעבט אין בבל און געשריבען דעם בוך אין יאהר 4644 (סתו"א אין כרם חמד ח"ד 188. שד"ל'ס אויסגאבע און מאנוסקריפט מיגבען, וואס ר"ש טויסיק האט ארויסגעגעבען אין ספר מלאכת שלמה). דער עיקר כונה פון חבור באשטעהט אין צוויי אויפ־גאבען: ערשטענס, צו פארצייכענען אין א כראנאלאגישען סדר די נע־מען פון די וואס האבען מקבל געווען די תורה שבעל פה, פון משה רבנו אז און ווייטער און דעם סדר פון די נביאים און נשיאים, און דער סדר הדורות פון די תנאים און אמוראים און רבנן־סבוראי. און צווייטענס, וואס ער האט פעסטגעשטעלט די אלע כללים, לויט וועלכע מען קען ארויס־ציען די הלכה פון די מיינונגס־פארשידענהייטען פון די תנאים ואמוראים, ווי אויך כללים ווי אזוי צו פארשטעהן די געוויינליכע רייד פון תלמוד, און אויך אזעלכע כללים, וועלכע ווייזען דעם ריכטיגען וועג פון תלמוד און זיין סגנון פאר די לומדים. עס איז אלזא צו זעהן דערפון, אז דער צוועק פון מחבר איז געווען, א גראדען וועג אויסצוטרעטען פאר די, וואס שטודירען אין איהם, זיי זאלען לייכט קענען שאלות פסק'ענען פון איהם. דער דאזיגער חבור איז שוין געווען פארשפרייט אין די גאונים'ס צייטען און מר יעקב החבר, דער זוהן פון מר נסים פון קירואן ברייננגט אויס־צוגען פון איהם אין א שאלה וואס ער האט פארגעלעגט פאר ר' שרירא גאון (זעה ערוך, ערך אביי). ער שרייבט אזוי: „און מיר האבען אין דעם פירוש וואס ליגט פאר אונז, אז יעדער רב איז פון בבל און יעדער רבי פון ארץ ישראל". און עס איז קיין ספק ניט, אז די ווערטער „פירושי דרבנן" מיינען דעם סדר תנאים ואמוראים, ווייל די אייגענע ווערטער גע־פינען זיך צום סוף פון חבור, ווארט אין ווארט. און די גרעסטע רבנים

נאכדעם האבען זיך סומך געווען אויף זיינע רייד און האבען געהאט קאַפּיעס פון ספר, מיט פיעלע פארשיידענע נוסחאות אבער, און האבען אויך געהאט א קצור פון זעלבען ספר, און שוין אין די צייטען פון די בעלי־הלכות געפינען מיר א אויספיהרליכען סדר תנאים ואמוראים און א פארקירצטען (חדושי רשב"א, חולין ע"ו: אין נאמען פון תוספות, תורת הבית הלכות טריפות און דער ר"ן חולין פ"ד). די טעקסטען אבער פון סדר תנאים ואמוראים וואס מיר פארמאגען יעצט זיינען אלע פארגרייזט און קיין איינער פון זיי שטימט ניט מיט'ן צווייטען (י"ז). און היות, ווי מיר האבען געזעהן, אז גאונים וועלכע זיינען געווען ראש־ישיבות האבען זיך צוריקגעהאלטען פון ארויסגעבען זייערע תשובות, גלויבען מיר, אז מיר וועלען קיין טעות ניט מאכען צו באהויפטען, אז די אלע חבורים וואס מיר האבען אויבען דערמאנט, געהערען צו די פון די חכמים וואס האבען געלעבט אין די צייטען פון די גאונים, וועלכע האבען דעם אמט פון ראש־ישיבות ניט געהאט. איין קליינער חבור ווערט צוגעשריבען צו די גאונים, און ווערט אנגערופען „שמושא רבא", און עס איז מעגליך, אז דער רבא אויף וועלכען דער חיבור ווערט גערופען, איז ניט רבא דער אמורא, נאר איינער פון די גאונים, וואס האט געהייסען רבא. אמת, די ראשונים שוין האבען געצווייפעלט, צי ער באלאנגט צו די גאונים, ווייל דארט געפינען זיך ניט קיין ריכטיגע הוראות, וואס זיינען אין ווידערשפרוך צום תלמוד (הרב הברצלוני אין תוספות מנחות ל"ה). און איינער פון די ערשטע פוסקים („האשכול", חלק ב', זייט 84) שרייבט וועגען די רייד פון „שמושי רבא" „ולא חזי לן" — און עס „זעהט" זיך אונז ניט". און געווים מיינט ער ניט צו זאגען, אז ער האט ניט געזעהן דעם חיבור, ווייל ער ברענגט דאך פון איהם שטעלען, זאל זיין אפילו מיט געוויסע ענדערונגען פון די גירסות, אין וועלכע דער רא"ש האט איהם געבראכט אין זיין פירוש אויף'ן „אלפס". נאר ער האט אהן צווייפעל געמיינט צו זאגען, אז ער „זעהט" ניט אלעס וואס דארט איז דא אלס ריכטיג. און עס איז קלאר, אז דער „שמושא רבא" איז איהם ניט געפעלען צוליב דעם אייגענעם טעם וואס ער איז אנדערע ראשונים ניט געפעלען, ווייל מאנכע זאכען, וואס געפינען זיך אין איהם געהען אין ווידערשפרוך מיט דעם תלמוד. אבער מיט דעם אלעמען האבען די פוסקים אנגענומען אלע זיינע הוראות, וואס זיינען ניט סותר דעם תלמוד, אזוי אז איינער פון די לעצטע מחברים (שאלות ותשובות מנחם עזריה, סימן ק"ז) זאגט: אז דער „שמושא רבא" איז געזאגט געווארען אין נאמען פון די גאונים, וועלכע האבען אלעס, וואס זיי האבען געלערנט,

געהאט בקבלה. און אויף זיי קאן מען זאגן: „טובה חכמה עם נחלה". ווייל זיי האבען גע'ירשנ'ט פון די רבנן סבוראי, צו וועלכע עס זיינען צוגעקומען פילע העפטען פון רב אשי'ס ערשטער רעדאקציע פון תלמוד. עס איז אבער א וואונדער, וואס ער ברענגט א ראיה, וואס קען סותר זיין זיינע רייד. ווייל אויב דאס וואס געפינט זיך אין „שמושא רבא" גע־הערט צו דער אויפלאגע, וועלכע רב אשי האט דורכגעלאזען אין זיין צווייטער אויפלאגע און מען האט עס ניט אריינגענומען אין דער גמרא, געוויס, צוליב דעם אודאי, ווייל זיי האבען באשלאסען, אז מען קען זיך אויף דעם ניט פארלאזען — טא ווי אזוי זאלען מיר זיך פארלאזען אויף זאכען, וועלכע די צענויפשטעלער פון תלמוד האבען דערווייטערט און דער ספר „שמושא רבא" האט זיי אריינגענומען?

דער בליאונג'ס־פעריאָד
פון די ספרי מדרש.

אבער באטש מיר זעהן, אז פון צייט צו צייט זיינען ערשינען דא און דארטען א גרעסערער אדער א קלענערער ספר, האט דאך די ליטע־ראטור פון הלכה ניט געבליט און האט ניט אויפגעטון קיין גרויסע זאך. ווי אזוי האט זי געקענט בליען, ווען די גדולים און די פירער האבען זיך מיט דעם ניט אפגעגעבען? דערפאר אבער איז יענע צייט רייך מיט נייע ספרים אין עניני־אגדה. דער גרעסטער טייל פון די מדרשי אגדה, וואס מיר באזיצען היינט, געהערט צו דער צייט פון די גאונים. מיר זאגען ניט, אז די אלע ספרים זיינען פארפאסט געווארען אין בבל, ווי אויך, אז זייערע מחברים שטאמען פון בבל, מיר ווילען נאר זאגען, אז די אלע ספרי־אגדה, וואס זיינען ערשינען אויף דער וועלט אין משך פון די דורות פון גאונים זיינען אויפגענומען געווארען פון זיי מיט אפענע ארעמס. עס איז א באקאנטער פאקט, אז די מחברים פון יענער צייט פלעגען זיך נוהג זיין ניט אנצוגעבען זייערע נעמען אויף זייערע ווערק, און צו־ליב דעם פלעגט מען פיעלע ספרים צושרייבען צו די קדמונים. אמאל האט עס דער מחבר אליין געטון כדי זיין ווערק זאל האבען א גרעסערען ווערט, און אמאל האבען עס זיינע צייט־גענאסען על־פי־טעות צוגעשריבען צו איינעם פון די פריהערדיגע. אזוי האט מען צוגעשריבען דעם מדרש „ב ר א ש י ת ר ב ה" צו רבי הושעיה רבה, דעם „ס פ ר י צ י ר ה" צו אברהם אבינו אדער רבי עקיבה, און זיי האבען געהאט א ספר אין פראקטישער קבלה, וועלכער האט געהייסען ספר „ש ם ב ן נ ח".

און א „ס פ ר ה ר ז י ם“ — צוגעשריבען צו רזיאל המלך, ס פ ר ה י ש ר אין פראקטישער קבלה — צו רבי עקיבה, „ה י כ ל ו ת ר ב ת י“*), „ה י כ ל ו ת ז ו ט ר ת י“**) — צו רבי ישמעאל, „אותיות דרבי עקיבה“ — צו רבי עקיבה, „פ ר ק י ד ר ב י א ל י ע ז ר“ — צו רבי אליעזר בן הורקנוס, „מדרש תנחומא“ — צו רב תנחומא בר אבא, „מדרש פסיקתא“ — צו רבי כהנא, „ש י ע ו ר ק ו מ ה“***) — צו רבי ישמעאל, און נאך פילע אנדערע. עס איז דאן געווען א צייט ווען מענשען האבען געגלויבט אין אלעם און אויך די גאונים האבען אין יעדען זאך געגלויבט און אנגענומען פאר אמת אהן שום צווייפעל און אהן שום קריטיק, אז די אויבענדערמאנטע ספרים זיינען ווירקליך פאר־פאסט געווארען פון די צו וועמען, זיי זיינען צוגעשריבען געווארען. דער דאזיגער לייכטזין אין גלויבען איז געווען א וואפען שוין אין די הענט פון די ערשטע קאראאימען אפצולאכען פון זייערע ברידער די רבנים און צו מאכען שפאס פון זיי. נסי בן נח, איינער פון זייערע ראשונים (האט געלעבט אין זעקסטען הונדערט פון פינפטען טויזענד) האט אנגעשריבען איינינע ווערטער אין זיין הקדמה צום ספר „פלס ביאור המצוות“ (לקוטי קדמוניות ל״ב), צו ווארענען די פארשער, זיי זאלען ניט אויסברייטנגען זייער צייט אויף לייענען די פארפיהרערישע ספרים וואס רופען זיך אויף די נעמען פון צדיקים און חסידים. און רב סלמון בן ירוחם זידעלט און שימפפט די רבנים דערפאר וואס זיי גלויבען אין דעם, וואס די ספרי המדרש שרייבען, און הויפטזעכליך שטעלט ער זיך אב אויף דעם שעור קומה און אויף היכלות פון רבי ישמעאל, אויף די אותיות דרבי עקיבה, און אויף דעם ספר שם בן נח און ספר הרזים (לקוטי קדמוניות און כתב יד פינסקער אין וויענער סעמינאר). סלמון בן ירוחם האט געלעבט אין רב סעדיה גאון׳ס צייטען און איז געווען עלטער פון איהם (זעה ווייטער קאפיטעל 4). און פון דעם קען מען זעהן, אז שוין אין די צייטען פון די ערשטע גאונים איז געווען פארשפרייט דער גלויבען, אז די דאזיגע ספרים זיינען טאקע ווירקליך פארפאסט געווארען פון יענע, צו וועלכע מען האט זיי פאלש צוגעשריבען. „דער בעל הלכות גדולות (י״ח), דערמאנענדיג דעם מדרש „בראשית רבה“ רופט איהם אן אויף רבי הושעיה רבה׳ס נאמען (הלכות גדולות דפוס וויען ל׳ ע״ג). און מיר הא־

*) דער גרויסער ספר היכלות (וועגען די פאלאצען אין הימעל).

**) דער קליינער ספר היכלות.

***) די מאס פון דער הויך. אין דעם ספר ווערען אלע גלידער פון גאט געמאסטען.

בען שוין אויך אויבען געזעהן, אז דער בעל מסכת סופרים, וואס האט געלעבט אין די גאונים'ס צייטען האט צוגעשריבען די „פרקי דרבי אליעזר" צו רבי אליעזר בן הורקנוס. און עס איז אויך זעהר ווארשיינליך, אז אין דער צייט פון די גאונים האט מען שוין אויך די פסיקתא (ר"ש בובער'ס אויס־גאבע) גערופען אויף רב כהנא'ס נאמען, ווייל ר' משלם בן משה האט זי צוגעשריבען צו רב כהנא (זעה די איינלייטונג פון ר"ש בובער זייט XI). און דער דאזיגער רב משלם האט אלענפאלס פאר דעם בעל הערוך גע־לעבט, ווייל דער ערוך ציטירט איהם (ערך דל). פאלגליך, האט ער גע־לעבט נאהענט צו דער צייט פון די גאונים, און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ער האט געשריבען וועגען דעם פון דער קבלה וואס איז געווען פארשפרייט, אז רב כהנא איז דער מחבר פון דער פסיקתא. פון דעם אלעם איז צו דרינגען, אז פונקט ווי די גאונים האבען געקוקט קרום אויף יעדען נייעם ספר אויף דעם געביט פון ה ל כ ה, אזוי האבען זיי פארקערט מיט צופרידענהייט אויפגענומען די אלע אגדה ספרים וואס האבען זיך זעהר שטארק געפרוכפערט אין יענער צייט, און האבען זיי אויפגעהאלטען אויך פאר די וויטערדיגע דורות, די שלעכטע ספרים אזוי גוט ווי די גוטע. עס איז אבער אויך דאס אמת, אז אלע זייערע אנשטרייננגונגען אפצושטעלען דאס פארפאסען פון הלכה־ספרים האבען זיי ניט געהאלפען, ווייל עס זיינען אויפגעשטאנען בארימטע מענער און מחבר געווען ספרים און אנגעגעבען זייערע נעמען אויף זיי, און דיזע נעמען זיינען שוין געווען נענוג גאראנטיע פאר זייערע ספרים, און אויך די ישיבות זיינען אנטקעגען אזעלכע נעמען געווען אהנמעכטיג. דאס פאלק האט די דאזיגע ספרים מיט צופרידענהייט אנגענומען און אנערקענט, און זיי האבען זיך פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט.

דריטעס קאפיטעל.

ר"ש מקיירא. — ר"א משבחא. — די ישיבה פון פומבדיתא ביז צו ענדע פון זעקסטען יאהרהונדערט.

רב אחא משבחא
און זיין ספר חשאילתות.

די דערהויבונג פון א מענשען צו א הויכען אמט, איז ניט אימער די באלוינונג זיינע, און דער באוויז, אז ער איז א גרעסערער מענש. אזוי איז עס געווען, אזוי איז עס נאך היינט, און אזוי וועט עס בלייבען אייביג. די ראשי־הגולה, אין וועמעס הענט עס איז געלעגען דער אמט פון ראש־ישיבה האבען גאנץ אפט געהאנדעלט מיט דעם אהן יושר און אהן גערעכטיגקייט, זיי זיינען באגאנגען פיעלע עולות און אויסדערוועהלט צום אמט פון ראש ישיבה וועמען זיי האבען נאר געוואלט. זיי פלעגען דער־הויבען גאנץ מיטעלמעסיגע מענשען און פארשטויסען די יעניגע, וואס האבע געהאט גרויסע פארדינסטען פאר דעם אמט, וואס האט געהערט צו זיי. נאך רב שמואל בר רב מארי'ם טויט, איז דער גרעסטער פון די אלע חכמי הישיבה, וואס איהם האט מיט אן אמת געהערט די גרויסקייט און כבוד פון ראש־ישיבה, געווען ר ב א ח א מ ש ב ח א, דער תלמיד פון מר שמואל ריש כלה (ספר האשכול הלכות ברכות, ז. 69 חי' רשב"א, ברכות מ"ג). דער ראש־גולה פון יענער צייט האט געטראגען א לאנגאניגע שנאה אויף רב אחא'ן און דעריבער האט ער איהם בארויבט פון זיינע רעכט און איבערגעגעבען דעם אמט פון ראש־ישיבה צו א מי־טעלמעסיגען מענשען, צו ר ב נ ט ר ו נ א י ב ר ר ב א מ י נ א פון באגדאד. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז מיט א כיון האט איהם דער ראש־גולה אויסדערוועהלט, כדי צו ווייטאגען רב אחא'ן, פארציהענדיג א מענשען, וואס איז פריהער געווען זיינער — ר' אחא'ס — אן אונטער־

געאַרדענטער, ווייל דער דאָזיגער רב נטרונאי איז ביז מיט ניט לאַנג פריהער געווען שמש אין רב אחא׳ס הויז. דאָס האָט רב אחא׳ן זעהר געערגערט. האָט ער באַשלאָסען צו פאַרלאָזען בבל, און האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. ר׳ אחא איז דער ערשטער, פון וועמען עס איז צו אונז צוגעקומען אַ גאַנצער ספר, נישט געענדערט פון דעם ווי ער איז אַרויס פון זיין האַנט, וואָס ווערט אָנגערופען „שאלתות דרב אחא משבחא״. דיזער ספר איז צוזאַמענגעשטעלט לויט דעם סדר פון דער תורה. דאָס אָבער, וואָס זיי האָבען געזאָגט אויף איהם, אַז ער באַהאַנדעלט אַלע מצוות פון דער תורה (דער ראב״ד אין ספר הקבלה) באַדאַרף מען ניט פאַרשטעהן אין בוכשטעבליכען זין, ווייל די מעהרסטע דינים פון קרבנות זיינען אין איהם אויסגעלאָזען. אויך דערמאָנט ער נימ יענע דינים פון טומאה, וועלכע ווערען נימ פּראַקטיצירט היינטיגע צייטען אויסער די דינים פון „נגעי־בתים״*). דאָס האָט ער אָהן ספק, געטאָן צוליעב דעם, כדי צו האָבען די מעגליכקייט צו פאַרדאַמען אָט יענע אַלע זאַכען, וואָס צוליעב זיי קומען לויט דעם תלמוד די נגעים אויף הייזער. ער האָט עס געטאָן צוליעב דעם מאָראַלען נוצען, וואָס מען קען פון דעם פאַר אַלע צייטען ציהען. דער צוועק פון דעם ספר איז צו דערקלערען דעם ענין פון די מצוות לויט׳ן פּירוש פון דער גמרא, צונויפצונעמען אין איין פלאַץ אַלע גילטיגע מצוות, איינאָרדנען זיי לויט דעם סדר פון די מצוות אין דער תורה און געבענדיג זיי אין זייער ענטגילטיגען כאַראַקטער לויט דער מסקנא פון תלמוד, כדי דער לעזער זאָל פאַר זיך האָבען אַן אויפגעשרי־בען בוך, פון וועלכען ער זאָל קענען לייכט פאַרשטעהן און וויסען, ווי אַזוי זיך צו פיהרען לויט׳ן דין. און דאָס איז ביי יענער צייט געווען העכסט נויטיג, ווייל כאָטש דער תלמוד איז שוין געווען דאַן פאָלשטענדיג אויפגעשריבען, האָבען אָבער ניט אַלע געקענט אַרויסנעמען דעם קערן פון דער שאָלעכץ, דעם דין פון די פיעלפאַכיגע פלפולים. דאָס איז געווען דער פּראַקטישער נוץ פון ספר, אָבער טעאָרעטיש איז ער אויך געווען פון גרויסע נוצען, ווייל זיין מחבר האָט מיט דעם ספר באַצוועקט, ער זאָל אויך ווערען אַ טעקסט־בוך פאַר לומדים. און ווייל דאָרטען זיינען אַריין די געגענשטאַנדען פון תורה שבעל פה פאַרקירצט, אויסצוגען פון תלמוד אָהן די פלפולים, געשריבען מיט׳ן לשון פון דער גמרא, האָבען די לומדים לייכט געקאָנט געפינען אין איהם, וואָס זיי האָבען באַדאַרפט. עס

*) פלעקען, וואָס באַווייזען זיך אויף די ווענט פון די הייזער, צוליעב וועלכע מען ערקלערט זיי — די הייזער — אלס טמא.

אין פאר זיי לייכט געווען צו דערגעהן דעם תמצית פון דער גמרא און ארויסנעמען דעם עיקר פון טפל. און ווייל ער האט זיך געמיהט צו געבען פאר די לומדים א פאלשטענדיגע זאך פון אלע געגענשטאנדען פון דער תורה שבעל פה, דעריבער האט ער זיך ניט באגנוגענט מיט די זאכען, וואס געפינען זיך בלויז אין תלמוד בבלי. ער האט אויך געשעפט פון אלע אנדערע קוועלען, ווי פון ספרא, מכילתא, תלמוד ירושלמי און א טייל מדרשים, וואס זיינען ערשינען ביז זיין צייט (א). און עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז אויך דיזער ספר איז אריינגענומען געווארען אין כלל פון די ספרים פון „הלכות קטועות". אויף וועלכע מען האט געזאגט, אז דאס גאנצע פאלק איז נוטה נאך די „הלכות קטועות". מענה'נדיג, צו וואס דארפען מיר אנקומען צו די קשיות פון תלמוד און זיינע פלפולים (זעה אויבען קאפיטעל צוויי). און אזוי ווי דער פארפאסער האט באשטימט זיין ווערק צו זיין א וועגווייזער פאר די לומדים פון פאלק, וואס באשעפטיגען זיך ניט אויסשליסליך מיט דעם שטודיום פון דער תורה, שטרעבענדיג צו געבען זיי אין האנט א ספר, וואס זאל זיין א מין קיצור פון פיעלע תלמודישע ענינים, דעריבער האט ער געזעהן איהם צו מאכען צוגענגליך פאר די לעזער. אריינגענעמענדיג אין איהם אלעס, וואס זיי באדארפען וויסען און שרייבענדיג דאס אלעס אין אזא פארם, זיי זאלען עס קענען לעזען אהן איבעריגער אנשטרענגונג און אהן דעם זיי זאלען געשטערט ווערען פון די זייטיגע פלפולים, ער האט צוליעב דעם אויך גענומען פאר זיין ווערק די פארם אין וועלכע מען פלעגט זאגען תורה אין די בתי־מדרשים פאר'ן עולם (ב). און אפשר איז טאקע גאר דער גאנצער ספר א זאמלונג פון זיינע דרשות, וועלכע ער פלעגט האלטען. אז ער האט געהאט אט דעם ציעל פאר זיינע אויגען — אויף דעם קען עדות זאגען דער פאקט, וואס ער האט זיך ניט באנוגענט בלויז מיט די פראקטישע הלכות פון תלמוד, נאר ער האט אויך אריינגענומען אין זיין ספר פיעלע אגדות צו לערנען דעם פאלק מוסר און דרך ארץ לויט די וועגען פון תלמוד און זיינע מדרשים.

די פארם און סטיל פון ספר איז אויסגעהאלטען פון אנהויב ביז צום סוף, און דאס איז א באווייז, אז דער ספר איז געבליבען פאר אונז פונקט ווי ער איז ארויס פון זיין פארפאסער און פרעמדע הענט האבען איהם ניט געריהרט. און אויב עס זיינען אפילו אפשר ערגעץ וואו יא פאראן אין איהם איינינע קליינע הגהות, וואס אנדערע האבען פריהער צוגעשריבען ביי די זייטען פון כתב יד און די איבערשרייבער האבען עס דער־

נאר אריינגענומען אין ספר גופא — איז דאס אויך ניט מעלה און ניט מוריד, (עס מאכט גאר ניט אויס, ניט צום בעסטען און ניט צום ערגע־רען) און דער ספר הערט ניט אויף דורך דעם צו זיין איינהייטליך און עס פעהלט דארטען גאר ניט פון דעם, וואס דער פארפאסער האט געשריבען. עס איז א באקאנטער פאקט, אז פון אזעלכע הגהות האט זיך קיין ספר פון די אלטע ספרים ניט געקענט אויסהיטען (ג). יעדער ענין, וואס ווערט דארטען באהאנדעלט, ווערט איינגעטיילט אין צוויי טיילען. דער ערשטער טייל ווערט באצייכענט מיט דעם טערמין „שאילתא“ (שאלת־תשובה, דרשה), און דער צווייטער טייל הויבט זיך אן מיט די אויס־דריקע „ב ר ם צ ר י ך א ת ה ל מ י ל ף“ (נור, דארפסט דו דרינ־גען, אפלערנען), אדער „ב ר ם צ ר י ך ל ו מ ד און ל מ י מ ד (נור, באדארף מען זאגען) אדער גאר סתם: „ב ר ם צ ר י ך“ (פרעגט זיך). אלעס, וואס געהט אריין אין פאראגראף פון „שאילתא“ ענטהאלט דעם עיקר ענין, וועגען וועלכען עס רעדט זיך אין דער אפהאנדלונג און עס געפינט זיך אין איהם דער אנהויב און דער יסוד פון דער דרשה. דער ערשטער מאמר איז שטענדיג די הלכה מכרעת (ענטשיידענדע) און איז ווי די משנה. ארום איהר דרעהט זיך די ג א נ צ ע שאילתא, זי אויפ־צוקלערען און צו באווייזען איהר אפשטאמונג און נאכשטאמונג. דער פאראגראף אבער פון „ברם צריך אתה למילף“, ענטהאלט אימער א נייעם געגענשטאנד, וועלכער שטעהט אין ספק, צי ער געהערט צו דעם יסוד פון דער שאילתא, אדער ער שטעהט באזונדער, אדער עס איז וועגען איהם אירגענד אן אנדער ספק פאראן. א נאהענטער ביישפיעל פון דעם איז דער אנגענומענער לשון אין תלמוד: „הא לא מיבעיא לי, כי קא מיבעיא לי כך וכך“ (דאס איז ביי מיר קיין פראגע נימן; וואס איך באַ־דארף יא פרעגען איז דאס און דאס) (ד).

אין מאנכע שאילתות איז דער צווייטער טייל פון דרוש, וואס געהט אריין אין פאראגראף פון „ברם צריך“ אין גאנצען אויסגעלאזען, ווייל דארטען איז אויך די שאילתא גופא ניט קיין הלכה מכרעת, נאר א הלכה מסופקת, א הלכה, וואס שטעהט אין ספק. (שאילתא ב׳, סימן כ״ו און ב׳, סימן מ״ג, ב׳, סימן פ״ז). און אין פיעלע שאילתות האבען די איבער־שרייבער אינגאנצען אויסגעלאזען דעם צווייטען טייל, ווייל עס איז שוין ערקלערט געווארען אויספיהרליך וועגען דעם זעלבען ענין אין אן אנדער פרשה פונקט ווי מען האט זיך מיט פיעלע מדרשים נוהג געווען (סימן קמ״ז, קמ״ח, קנ״ג, קנ״ה און קס״ב־ד׳). אין דעם צווייטען טייל פיהרט ער אפטמאל פיעלע ספקות ארויס און שרייבט א סך ברם צריך׳ס, אבער

אין דיעזע אלע צווייפעלהאפטע ענינים איז דער צווייפעל בלויז אז אנ־שטעל און אין דער ווירקליכקייט אבער איז איהם אלעם שוין פון פריער קלאר געווען. ווארים די אלע ספיקות זיינען קלאר און דייטליך ערקלערט אין דער גמרא. אין די מעהרסטע פעלע פארענדיגט ער דעם אנאליז זיינעם מיט די ווערטער: „און אזוי איז דער דין“, „און אזוי איז די מסקנא“, אדער „די מסקנא פון דער סוגיא איז“. פון דעם אלעם זעהען מיר צו וואס ער האט געציעלט, ארויסגעבענדיג זיין ספר. ער האט דורך איהם געוואלט פעסטשטעלען דעם אנגענומענעם דין איבער־ראל, און אויך לערנען די, וואס וועלען זיך מיט זיין ספר באנוצען דעם ענטשידענעם אנגענומענעם דין צו וויסען. רב אחא׳ס פרומקייט און אפענהערציגקייט זיינען ערב אויף דעם, אז ער איז בלויז אויסען געווען צו העלפען דעם אידישען פאלק מיט זיין בוך, אז דער גרויסער עולם זאל אליין קענען לערנען. נאר אזוי ווי דער פיינסטער מענש קען זיך צייטענ־ווייז ניט איינהיטען ניט באאיינפלוסט צו ווערען פון זיינע באליידיגטע געפיהלען, קען געמאלט זיין, אז איינע פון די אורזאכען, וואס האבען איהם באוואויגען ארויסציגעבען זיין בוך, איז אויך געווען דאס — צו באקעמפען דעם ציעל פון די ראש־ישיבות צו מאכען די הוראה פאר זייער אייגענטום, אין וועלכען קיין זייטיגער מענש האט זיך ניט געטארט מי־שען, כדי דאס אידישע פאלק זאל זיין אפהענגיג פון זיי אין אלע אנגע־לעגענהייטען. די צייט און פלאץ ווען ער האט זיין בוך פארפאסט זיינען אונז ניט באקאנט, נאר זעהענדיג, אז ער האט אין בוך צונויפגענומען דאס מעהרסט פון זיינע דרשות און לעהרען איבער אלע עקזיסטירענדע דינים און מנהגים, קען מען זיך משער זיין, אז ער האט עס געטהאן אויף די עלטערע יאהרען. ווייל די לומדים פון די אלטע צייטען האבען זיך ניט באנומען לייכטזיניג צו דער הוראה און ניט געגאנגען באלעהרען אנ־דערע איידער זיי האבען אליין זיך פארפאלקאמט. און ס׳איז קיין צוויי־פעל ניט, אז ער האט פארפאסט זיין ספר, נאכדעם ווי ער איז פארשטוי־סען געווארען פון גאונות, און ווען ער האט שוין געוואוינט אין ארץ־ישראל. די גאונים, וועמען די אלע הלכות קטועות זיינען ניט געווען צום הארצען, האבען אהן א ספק געקוקט קרום אויך אויף די „שאילתות“ אבער דער וואונש פון פאלק האט איבערגעוואויגען זייער ווילען, און זינט דאס בוך איז ערשינען, האט עס דאס פאלק מיט ליעבשאפט שטודירט און אפגעהיט עס פון אונטערגאנג. דעריבער האט עס זיך אויפגעהאלטען אין דערזעלבער פארם כמעט אין וועלכער זיין מחבר האט איהם אויפגע־שריבען (ה). אלע חכמים פון די קומענדיגע דורות האבען דעם ספר

השאילתות מיט צופרידענהייט אויפגענומען און ער איז געווארען זייער וועגווייזער אין זייערע פרושים און אין זייער ענטשיידען דעם פסק הלכה און האבען איהם געשטעלט אויף דער זעלבער הויכער מדרגה ווי דעם תלמוד (שאלות ותשובות הריב"ש, סימן שצ"ד). אזוי הויך איז דער ספר געשטאנען אין די שפעטעריגע דורות. אויך פיעל פריהער אבער, מיט איין דור שפעטער ווי ער איז ערשינען, אדער אין זעלבען דור נאך אפילו אין דער שאילתות געווארען דער קוואל פון וואנען מען האט געשעפט הלכות און פסקים, ווייל ווי מיר וועלען זעהען אביסעל שפעטער, האט שוין דער מחבר פון „הלכות גדולות" פון איהם גענומען.

פאר'ן צוועק, וואס דער מחבר האט זיך געשטעלט איז איהם ניט גענוג געווען צונויפצונעמען די הלכות און דינים פון תלמוד בבלי און ירושלמי (ו) ווי אויך פון אנדערע קוועלען און זיי איבערגעבען ווארט פאר ווארט מיט זייער לשון — נאר ער האט צייטענווייז אויך געמוזט צוגעבען אביסעל אייגענס צום אריגינאל, זיי אויסטייטשען און דערקלע־רען, ווי אויך איבעראנדערשען דורך קלייניגקייטען דעם מקור, כדי עס זאל זיין פארשטענדליך און צוגענגליך פאר'ן לעזער (ז). אבער ער האט זיך ניט אפגעשטעלט בלויז אויף די פראקטישע דינים אין זיינע דרשות, ווי עס איז געווען דער שטייגער פון די מעהרסטע זאמלער פון הלכות, נאר ער האט אויך געהאלטען זיין הארץ און זיין אויג אפען אויף די „פליכטען פון די הערצער", און ערקלערט מיט פארשטענדנים די מעהרס־טע מאראלע מדות לויט'ן יסוד פון די חכמי־התלמוד (ח). צוליעב דעם גיט זיך א גרויסער טייל פון בוך אפ מיט דער אגדה. מיר געפינען אין בוך פיעלע דרושי־אגדה, וועלכע מיר געפינען ניט אין תלמוד און ניט אין אנדערע אלטע ספרים, וואס זיינען ערשינען פאר איהם, און דאס בא־ווייזט, אז די דאזיגע דרושי אגדה זיינען זיינע אייגענע (ט). און ווירק־ליך, ווען מיר אנאליזירען די אלע דברי אגדה פון דעם בוך און דעם אופן, ווי ער האט זיך מיט זיי באנוצט, זעהען מיר, אז דעם מחבר'ס שטאנד־פונקט אויף דעם דאזיגען ענין איז דער שטאנדפונקט פון די בבל'ישע בעלי־אגדה, און עס איז ניט צו זעהן פון איין פאל אפילו, אז ער זאל זיך באמיהען ארויפצונעמען די ווילדקייט פון מאנכע אגדות און זיי צו דער־קלערען אויף א שכל'דיגען וועג, ווייל ביי איהם אין די אויגען זיינען זיי ניט אויסגעקומען ווילד, און עס האט איהם גאר ניט געשטערט צו גלוי־בען אין אלעם דעם, וואס איז איבערגעגאנגען פון די קדמונים, ווי עס שטעהט און געהט, און דאסווארפט א ליכט אויף דעם מצב ההשכלה פון זיינע צייט־גענאסען בכלל.

רב שמעון מקאירא
און דער ספר הלכות גדולות.

א צווייטער, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט און האָט אויך ניט זוכה געווען צו דערגרייכען דעם אמט פון ראש־ישיבה, איז געווען ר' שמעון פון קאירא. געשטאַמט האָט ער פון מצרים, נאָר געלעבט האָט ער אין בבל. נאָר כאָטש ער האָט ניט זוכה געווען צו באַקומען דעם אמט פון גאון, האָט ער אבער דערפאַר זוכה געווען צו זיין דער פאַרפאַסער פון א ספר, וועלכער איז באַלד נאָך אין די צייטען פון די גאונים גוט אויפגענומען געוואָרען, און וועלכער האָט פאַר אַלע שפּעט־טעריגע דורות געדיענט אַלס קוואַל צו פּסק'ענען פון איהם. דער דאָזי־גער ספר ווערט אַנגערופען „הלכות גדולות". דער ראב"ד אין זיין „ספר הקבלה" זאָגט וועגען איהם פאָלגענדעס: „רב שמעון מקאירא, וואָס האָט געלעבט אין די צייטען פון רב שמואל בר מרי און האָט ניט באַקומען דעם טיטעל גאון, האָט מחבר געווען דעם ספר הלכות גדולות אין יאָהר אלף נ"ב לשטרות*), וואָס איז דאָס יאָהר 4501 פון דער וועלט באַשאַפונג, אין דריטען יאָהר פון רב שמואל בר מרי'ס גאונות, און אויפ'ן אַכטען יאָהר, וואָס רב שמואל פון אמימר'ס פאַמיליע (דאָס איז מר רבא גאון'ס אן אייניקעל) איז עולה לגדולה געוואָרען". מיר זעהען אַלזאָ, אז דער ראב"ד, וועלכער האָט געלעבט מיט אַרום 400 יאָהר שפּעט־טער, און וועלכער איז באַזעסען באַשטימטע אויסקינפטע פון די גאונים, אויף וועלכע ער האָט זיך באַגרינדעט שרייבענדיג זיין בוך, זאָגט מיט געוויסהייט, אז רב שמעון קאירא האָט פאַרפאַסט דעם הלכות גדולות, אַנגעבענדיג דערביי גענוי דעם יאָהר אין וועלכען ער האָט איהם גע־שריבען. עס איז אונז דעריבער גאָר קיין ספק ניט, אז ער האָט עס געהאַט בקבלה, ווייל די קדמונים פלעגען זיך ניט נוהג זיין צו מאַכען באַהויפּטונגען גלאַט אַזוי. ער האָט זיכער געוואוסט פון ערגעץ אַן אַלטע קוועלע, אַז אַזוי איז עס געווען באמת. היות אַלזאָ מיר האָבען ניט קיין שום אורזאַכע צו האַלטען דעם ראב"ד פאַר א מענשען, וואָס זאָל אויס־

*) פאַר אַלע דאָקומענטען (שטרות) האָט מען גערעכענט די יאָהרען פון זינט אַן ארץ ישראל איז אונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון די גריכי־שע הערשער. דער אָנהויב פון דיזער צייטרעכענונג איז מאַנאַט ניסן פון 311 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכנונג און 3450 פון בריאת העולם.

טראַכטען סתם זאַכען אין דער וועלט אריין — דעריבער איז געוויס ריכטיג, אז רב שמעון קאירא האָט געלעבט אין אַנפאַנג פון זעקסטען יאַהרהונדערט און אז ער האָט פאַרפאַסט דעם ספר, וואָס ווערט אָנגע־רופען „הלכות גדולות". מיר זעהען אפילו, אז מאַנכע פון די קדמונים, וואָס דערמאַנען דעם „הלכות גדולות" שרייבען איהם צו צו רב יהודאי גאון, א זאַך, וואָס ווידערשפּרעכט דעם ראב"ד'ס ווערטער. אָבער ווען מיר וועלען צוקומען צו רב יהודאי'ס צייטען, און ווען מיר וועלען רעדען וועגען דעם ספר הלכות גדולות און זיין געשיכטע, וועט אונז קלאָר ווע־רען, אז עס איז אין דעם לחלוטין ניטאָ קיין סתירה און קיין הכחשה, און דער ראב"ד איז גערעכט אין איטליך וואָרט, וואָס ער זאָגט וועגען רב שמעון מקאירא, און אז ער — דער לעצטער — איז באמת דער יע־ניגער, וואָס האָט פאַרפאַסט דעם „הלכות גדולות". אויסער דעם איז פון זיינע לעהרען גאַר ניט באַקאַנט, אזוי ווי עס זיינען אונז ניט באַקאַנט זיינע לעבענס פּאַסירונגען. איך האָב אפילו יאָ געפונען אייניגע תשובות, וואָס ווערען צוגעשריבען צו איהם צווישען די תשובות פון די גאונים, וואָס ווערען אָנגערופען „הלכות פסוקות". אָבער דער, וואָס קוקט זיך גוט צו צו די אַלע ענינים, וואָס ווערען געבראַכט אין זיין נאָמען, וועט באַלד אויסגעפינען, אז רב שמעון האָט זיי קיינמאָל ניט געענטפערט צו אָנפרעגערס, ווייל די אַלע תשובות זיינען דינים ארויסגענומען וואָרט פאַר וואָרט פון זיין ספר „הלכות גדולות", און דער, וואָס האָט צונויפגע־שטעלט די תשובות, האָט זיי אריינגענומען אין זיין זאַמלונג אום זיין ספר זאָל האָבען מעהר געוויכט (י). אויך האָט רב שמעון גאַר ניט גע־האַט די געלעגענהייט צו ענטפערען תשובות, ווייל די וועלט פלעגט זיך אין יענער צייט נוהג זיין, זיך צו ווענדען מיט אַלע אַנפראַגען בלויז צו די ישיבות, און אַלע תשובות זיינען אויך די נעמען פון די ראש־ישיבות גע־שריבען געוואָרען. און מיר ווייסען דאָך, אז פונקט ווי רב אחא משבחא, אזוי איז אויך ער קיינמאָל ניט צוגעקומען צום טיטעל גאון, און זיין גאַנצע חכמה און תורה זיינען איהם ניט בייגעשטאַנען דערגרייכען צו יע־נער מדרגה, וואָס איהם האָט באמת געקומט. דען וועה איז צו יענעם לאַנד, וואָס זיינע פיהרער און פאַרזאָרגער געהען נאָך זייערע שלעכטע אינסטינקטען און נאָך זייער אייגענווּץ, און באַשטימענדיג בעאַמטע אי־בער'ן לאַנד, געהט זיי ניט אָן א מענשענ'ס גרעסערע חכמה און מעה־רערע וויסענשאַפט — נאָר זיי קוקען בלויז אויס פאַר זייערע אייגענע נוצען. דער דאָזיגער אומגליק איז אויך געווען דער פאַל מיט די ישיבות אין בבל. די ראשי־הגולה, וועלכע זיינען געווען די הערשער און אין ווע־

מעס הענט עס איז געלעגען דער אמט פון ראש־ישיבה, האבען זיך גע־פיהרט, ווי דער ווילקיר פון זייער הארץ און זייער געלטגייציגקייט האט זיי דיקטירט. חניפה, קנאה און שנאה זיינען געווען די לייטענדע מא־טיווען אין באשטימען בעאמטע און זיי זיינען באגאנגען אומרעכט נאך אומרעכט פארציהענדיג אפטמאל דעם קלענערען מענשען. ניט רב שמעון מקאירא אליין איז געבליבען אויף א נידעריגען שטאנד און ניט נאר רב אחא משבחא איז געווען דער איינציגער מיט וועמען אזוינס האט פאסירט, אז ער איז פארשטויסען געווארען פון דער גאונות, וואס האט באמת געדארפט באלאנגען צו איהם, נאר אויך פיעל אנדערע חכמים הא־בען שווער געליטען צוליעב דער פערזענליכער שנאה פון די ראשי־הגולה.

מחלוקת און שנאה אין די ישיבות.

און צוליעב דעם זיינען אפטמאל פארגעקומען מחלוקות צווישען די חכמים גופא און אין די ישיבות האט מעהר ניט געהערשט קיין שלום. נאכ'ן טויט פון רב אברהם הכהן, איז מר רב דודאי בר רב נחמן ערוועהלט געווארען אלס ראש־ישיבה אין פומבדיתא, און אין דעם קורצען פארלויף פון 24 יאהר האבען נאך איהם געהערשט די זיבען פאלגענדע גאונים: מר רב חנניה בן רב משרשיה (י"א), רב מלכא בר מר רב אחא (אדער רב אדא), רבה רבא בן רב דודאי, מר רב ששונא, מר רב חגינאי הכהן בר רב אברהם, מר רב הונא הלוי בר רב יצחק און מר רב מנשה בר רב יוסף. אויף דער פראגע אבער, וואס האבען די אלע אויפגעטאן און וואס איז באשטאנען זייער גרויסקייט, ווייסען מיר ניט וואס צו ענטפערען, ווייל פון די אלע איז צו אונז קיין זאך, אויסער זייערע נעמען, ניט דערגאנגען. אויך אין דעם אלעם, וואס האט זיך דערהאלטען אין די זאמלונגען פון תשובות הגאונים איז כמעט ניטא קיין זאך, וואס מיר זאלען עס מיט געוויסהייט קענען צושרייבען צו איי־נעם פון די אויבענדערמאנטע גאונים. נאר איינער איז דא אן אויסנאם, און דאס איז מר רב הונא הלוי, וועלכער האט דורך זיין ישיבה דורכגעפיהרט א גרויסע תקנה וועגען דעם, אז מען זאל איינ־מאנען חובות און אויסצאהלען א פרוי, וואס איהר קומט לויט איהר כתובה פון די גיטער פון די יתומים. און אויף דער דאזיגער תקנה האט

אויך איינגעשטימט דער סורא׳ר גאון מר רב ביבוי הלוי בר מר רבא פון נהר פקוד. ווארים לויט דעם אנגענומענעם דין פון תלמוד, האט קיין בעל חוב ניט געקענט איינמאנען זיין חוב, און קיין פרוי האט ניט גע־קענט קריגען באצאהלט פאר איהר כתובה, פון די באוועגליכע גיטער פון די יתומים; האבען די גאונים איינגעזעהן, אז די אינטערעסען פון זייער צייט און ארט פאדערען פון זיי די דאזיגע תקנה מבטל צו זיין, ווייל די פרוי אזוי גוט ווי דער בעל חוב האבען זיך פארלאזען אויף די באַ־וועגליכע גיטער (מרדכי כתובות, פרק הכותב). ווארים אין זייער צייט האבען זיך פיעל מענשען מיט באוועגליכע גיטער באשעפטיגט (מגיד משנה, פרק ט״ו מאשות). איבערהויפט האבען זיי געמוזט אננעמען דיזע תקנה צוליעב יענע פלעצער אוואו די מעהרסטע אידען זיינען ניט געווען קיין לאנד־באזיצער, און מען האט מורא געהאט, אז די מלוים וועלען אויפהערען צוליעב דעם בארגען געלט (מר משה גאון אין חידושי גאונים, סימן ס״ה), און דאריבער האבען זיי מבטל געווען די אנגענומענע תקנה פון תלמוד. און רב משה גאון זאגט, אז זיי האבען זיך אראפגענומען א ביישפיל פון די ערשטע חכמים, וואס האבען אין יעדען דור מתקן געווען פארשיידענע תקנות, זיך שטיצענדיג אויף פארשיידענע טעמים (חדושי גאונים דארטען). דער הויפט־מאטיוו אבער איז געווען, ווי ער האט פריהער דערקלערט, ווארום זיי האבען איינגעזעהן, אז די נייע צייטען און די נייע וואוינונגס ערטער זייערע מאכען זיי פאר אוממעגליך צו האלטען זיך אן די תקנות פון תלמוד, און דאס איז אויך געווען דער מאטיוו פון די ערשטע חכמים איבעראל אוואו זיי האבען מבטל געווען א תקנה פון תלמוד, ווי למשל, די „תקנת מורדת“, און פון זיי האבען זיך אויך די שפע־טערדיגע חכמים אפגעלערענט און געטאן דאס זעלבע, ווי מיר זעהען עס אין דעם, וואס זיי האבען מבטל געווען די „כתובת בנין דכרין*). כאטש דאס איז זעהר אן אלטע תקנה געווען. און צוליעב וואס? ווייל די אור־זאכע צוליעב וועלכער דיזע תקנה איז ארויסגערופען געווארען איז בטל געווארען. דאס אייגענע זאגט אויך דער גאון רב חנינא בר יהודה: „שוין

*) אין דער כתובה, וואס דער מאן גיט זיין פרוי, געפינט זיך איין פונקט, וואס ווערט אנגערופען „כתובת בנין דכרין“ — די כתובה פון קינדער זכרים. אין דיזען פונקט פארפליכטעט זיך דער מאן, אז אויב זיין פרוי וועט שטארבען, זאלען די זיהן, וואס ער וועט האבען מיט איהר, ירשנ׳ען די כתובה. מען האט עס מתקן געווען, כדי דער פאטער זאל וועלען געבען נדן זיין טאכטער, פונקט ווי ער גיט זיינע זיהן, און ניט דארפען מורא האבען, אז דער מאן וועט ירש׳נען דאס פארמעגען אין פאל פון איהר טויט.

פון כמה יאָהרען, אז די תקנה פון „כתובת בנין דכרין" איז בטל אין אונזער ישיבה. און וואָס איז די אורזאַכע? ווייל דער עיקר פון דער תקנה איז באשטאַנען אין דעם, כדי דער פאָטער זאָל מיט צופרידענהייט געבען אויך זיין טאָכטער א חלק. און ביי היינטיגען טאָג אבער — הלואי וואָלט ער זיין זוהן געגעבען אזוי פיעל וויפיעל ער גיט זיין טאָכטער (שערי־צדק, חלק ד', שער ד', סימן י"ז), און אָט אזוי שרייבט אויך רב מתתיהו גאון: דער גאַנצער טעם אין דער תקנה איז געווען, ער זאָל געבען זיין טאָכטער אזוי פיעל, וויפיעל דעם זוהן. און היינט איז דער מנהג, אז מען גיט זיי פיעל, פיעל מעהרער (רא"ש כתובות פרק ד' סימן כ"ד). און פון דעם וואָס וועט ווייטער קומען וועלען מיר זעהן, אז אויך אין אַלע אנדערע תקנות, וואָס זיי האָבען מתקן געווען אין ווידערשפּרוך מיט די תקנות פון תלמוד, איז דאָס אימער געווען זייער לייטענדער מאָטיוו. נאָכדעם ווי יענער דור האָט זיך געענדיגט האָט געהערשט אין פומבדיתא א רייהע גאונים ביז'ן סוף פון זעקסטען יאָהרהונדערט, און אויך וועגען זייער אויפטועו האָבען מיר קיין באגריף ניט, וואָרים עס איז פאַר אונז פון זייער תורה גאָר ניט געבליבען. דיזע רייהע איז באשטאַנען פון די פאָלגענדע גאונים: מ ר ר ב י ש ע י ה ה ל ו י בר רב אבא, מ ר ר ב י ו ס ף בר מר רב שילא משלחי, מ ר ר ב כ ה נ א בר מר חנינאי גאון, מ ר ר ב א ב י ו מ י, מ ר ר ב י ו ס ף בר יהודה, וועלכער איז באריהמט געווען מיט זיין פרומקייט, מ ר ר ב א ב ר ה ם בר מר רב שרירא און מיט איהם צוזאַמען מ ר ר ב י ו ס ף בר חייא (אויך א גאון, זיי זיינען ביידע געווען ראשי־ישיבות אין איין צייט), מ ר ר ב י צ ח ק בר מר רב חנניה און מ ר ר ב י ו ס ף בר רב מרדכי, מיט וועמען עס ענדיגט זיך דער זעקסטער יאָהרהונדערט. ווי שוין אויבען געזאָגט, איז אַלץ וואָס מיר וויסען וועגען זייער תורה און טעטיגקייט פון זעהר א קליינער באַדייטונג, און מיר וויסען ניט קיין אייגציגע זאַך, וואָס זיי זאָלען האָבען אויפגעטאָן צום נוצען פון פאָלק. מיר וויסען בלויז פון מחלוקות און צוויסטיגקייטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען די גאונים און די ראשי הגולה און אָפטמאָל אויך צווישען איין גאון און צווייטען, און די דאָזיגע מחלוקות וואָס זייגען גאַנץ אָפט פאָרגעקומען, האָבען צולעצט פאַראורזאַכט גרויס שאָדען פאַר די ישיבות און פאַר דער פאַרשפּרייטונג און אויפהאַלטונג פון דער תורה אין אַלגעמיין. דען מאַסען מענשען פון די חכמים, אזוי גוט ווי פון פשוט'ען פאָלק, האָבען מעהר ניט געקענט דולדען די שלעכטע פיהרונג פון די גאונים און זיינען פון זיי אָפּגעפאַלען.

חסידות און קבלה קריגט דעם
פאָרצוג איבער תורה און חכמה.

אין רב מלכא׳ס צייטען איז פאָרגעקומען א מחלוקת צווישען איהם און דעם ראש־גולה רב נטרונאי בר זבינאי, ווייל דער גאון האָט געוואָלט פאַר א נשיא א געוויסען זכאי בן אחונאי, און רב אחינאי (אָדער חנינאי) דער גאון פון סורא האָט איהם אונטערשטיצט. מיט פאַראייניגטע קרעפטען איז זיי געלונגען צו שטירצען רב נטרונאי פון זיין נשיאות און זעצען זכאי בן אחינאי אויף זיין פלאַץ. רב נטרונאי, ניט קענענדיג אריבערטראָגען די באַליידיגונג האָט פאַרלאָזט בבל און זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל (י״ב). די סבה צוליעב וועלכע די מחלוקה האָט זיך גענומען איז ניט באַקאַנט. נאָר אפשר האָט זי זיך גענומען דערפון, ווייל ווי מען זעהט פון רב שרירא גאונ׳ס רייד איז רב נטרונאי געווען פון די באַריהמטע חכמים פון זיין דור, און עס איז ניט געווען אין זייערע אינטערעסען צו האָבען איבער זיך א ראש־גולה, וואָס איז אין דער זעלבער צייט א למדן אויך. א קורצע צייט שפּעטער, ווען רב חנינאי בר רב אברהם הכהן איז געזעסען אויפ׳ן שטוהל פון דער פומבדיתא׳ר ישיבה, האָט איהם דער ראש־גולה אָפּגעשאַפט פון זיין שטעלע און אויף זיין פלאַץ געזעצט רב הונא הלוי. און אַזא זאַך איז אוממעגליך עס זאָל פאַרקומען אָהן א מחלוקה, און ניט נאָר צווישען גאון און ראש־גולה, נאָר אויך צווישען דעם גאון וועלכען מען האָט אָפּגעזאָגט און זיין שטעלפאַרטרעטער. אויך נאָך רב אביומי׳ס טויט איז דאָס באַשטימען פון א נייעם ראש־ישיבה ניט פאָרגעקומען אָהן מחלוקות. דער פּאַסענדסטער און פעהיגסטער, אין תורה און אין חכמה, צו פאַרנעמען דעם פאַרשטאָרבענעמס פלאַץ איז געווען מר רב אהרן. ער איז געווען דער אב־בית־דין ביי רב א ב י ו מ י, און לויט רעכט און אויך לויט דעם הערשענדען מנהג, האָט ער באַדאַרפט ווערען פאָרגעצויגען איבער אַלע אנדערע חכמים, און דאָך איז ער צו דעם ניט דערהויבען געוואָרען און ניט געוואָרען דער ראש־ישיבה. אויף זיין פלאַץ האָט מען געזעצט רב יוסף בר יהודה, און ווער איז ער געווען דער דאָזיגער רב יוסף און ווי גרויס איז געווען זיין חכמה, דאָס אַלעס דערוויסען מיר זיך פון זיין אייגענעם מויל, ווען ער זאָגט אויף זיך אַליין עדות, אז ער איז נישטיג און אָרעם אין חכמה און ער האָט גרויס צער, וואָס ער האָט פאַרגעסען דאָס, וואָס ער האָט געלערענט יונגערהייט. אבער דאָס אַלץ האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטען איהם צו מאַכען ראש־ישיבה איבער גרעסערע און פעהיגערע מענשען פון

איהם און איהם געבען דעם פארצוג איבער אזא מאן ווי רב אהרן, ניט איינזעהענדיג וואס פאר א רעה זיי טוען זיך אליין מיט אזעלכע מעשים. און ווירקליך, וואס האבען זיי אזוינס געזעהן אין רב יוסף׳ן? דאס איינציגע, מיט וועלכען ער האט זיך אויסגעצייכענט, איז געווען דאס, וואס ער איז געווען זעהר שטארק אפגעהיט אין פרומקייט און איז געווען א מקובל. ער האט זיך איינגערעדט, אז אליהו באווייזט זיך צו איהם. אין אט די צווייפעלהאפטע מעלה איז איהם בייגעשטאנען עולה לגדולה צו זיין. מיר האבען ניט געהערט, אז עס זאל זיך האבען געפונען איינער אין דער גאנצער ישיבה, וועלכער זאל ניט גלויבען אין דער איינגערעדטער משוגעת. אבער מיר ווייסען, אז די חכמים פון דער ישיבה האבען זיך צו איהם צוגעהערט און געגלויבט זיינע ווערטער, כאטש קיינער פון זיי האט אליהו׳ן מיט די אויגען ניט געזעהן, און דאס איז זעהר א שלעכטער סימן פאר יענער צייט. מיר זעהען דערפון, אז ניט איינעמס גרויסע גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען געווען מאסגעבענד אויסצואוועלען איהם פאר א ראש־ישיבה, נאר זייענדיג פארפלאנטערט אין פוסטע אבערגלויבענס, איז דאס פארבלענדעניש פון פאלק געווען דער מיטעל ווי אזוי צוצוקומען צו גרויסקייט. און ווירקליך, דער גייסט וואס האט דענסטמאל געהערשט אין ישיבה איז געווען שעדליך און טויטליך פאר יעדער אויפקלערונג און פאר יעדען אמת. ווייל אויב די חכמים פון דער ישיבה און איהרע פארשטעהער פארנעמען זיך דערמיט, וואס זיי פארטיפען זיך אין די פארבארגענע לעהרען און פארהייליגען די מיסטעריעזע חכמה פון קבלה און גלויבען איטליך ווארט, וואס מען זאגט זיי, כאטש דער שכל קען עס ניט פארטראגען, און די וויסענשאפט לאכט זיך אויס דערפון, ווערען זיי מיט דער צייט אזוי פארפלאנטערט אין גלויבענס און אידעען, אז זיי קענען זיך דערפון ניט אויספלאנטערען, און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, ווען מיר זעהען, אז די קבלה האט אנגעהויבען ארויסצוגעבען פון זיך פיעלע ספרים, און מיר וועלען זיין ניט ווייטלויפיג צו באהויפטען, אז אין יענער צייט זיינען צייטיג געווארען די ערשטע ספרים אין קבלה, וואס מאנכע פון זיי זיינען אן אפשטאמונג פון בבל. עס איז קענטיג, אז דעם „ספר־היכלות“ האט אויסגעטראגען און אויפגעצויגען א מאן פון בבל. עס זאגען אויף דעם עדות מאנכע שטעלען פון ספר (י״ג). אויך דער ספר „אותיות דרבי עקיבא“, וואס ווערט אויך אנגערופען „אלפא ביתא דרבי עקיבא“ שטאמט אפ פון בבל. עס שוועבט איבער איהם דער גייסט פון בבלי׳שע מדרש, דער תלמוד בבלי איז זיין קוואל געווען, און פון איהם האט ער געשעפט א גרויסען טייל פון זיינע מדרשים. אין א צווייטער

וואריאציע (בית המדרש ח"ג, זייט 50), וואס מיר באזיצען פון דעם מדרש, רעדט ער וועגען די ישיבות, דעם שטאַלץ פון אידישען פאָלק, און פון זייער תורה, און דאָס איז א געניגענדע קלאָרע אָנדייטונג, אז די ווערטער קומען פון א בבלי'שען דרשן. און אפשר נעמען זיך די מדרשים פון דער צייט פון דעם אויבענדערמאָנטען פרומען רב יוסף. אויך שפּעטער, אין די צייטען פון גאון מר רב אברהם בן רב שרירא איז געווען א מחלוקת צוליעב דעם אמט פון ראש־גולה, און דאָס פאָלק האָט זיך צושפּאָלטען אין צוויי מחנות, איין טייל האָט געהאַלטען מיט איינעם א דניאל, און דער צווייטער טייל האָט געהאַלטען מיט דוד בן יהודה, די בײדע האָבען באַלאַנגט צו די ראשי־הגולה־פאַמיליען. און אזוי ווי אימער ווען די ישיבה האָט זיך געמישט אין דער מחלוקה וועגען א ראש־גולה, האָט זי געהאַט א שלעכטען אפשניט, אזוי איז אויך געווען דאָס מאָל. די יעניגע, וואס האָבען געהאַלטען מיט דניאל'ן האָבען ניט געוואָלט האָבען פאַר קיין גאון דעם מר רב אברהם, וועלכער האָט געהאַלטען מיט דוד בן יהודה, און זיי האָבען אויסדערוועלט פאַר גאון מר רב יוסף בר חייא, וואס האָט געהאַלטען מיט זיי. די בײדע פאַרטייען האָבען זיך געהאַלטען ביי דאָס זייערע. און אויב די מחלוקה איז געווען א קללה פאַר דער ישיבה, איז די פּשרה, אויף וועלכער די בײדע צדדים זיינען איינגעגאַנגען, געווען נאָך א גרעסערע קללה. די פּשרה איז באַשטאַנען אין דעם, אז בײדע, אי רב אברהם, אי רב יוסף זאָלען זיין ראש־ישיבות, און אין פּומבדיתא איז אנשטאַט איין פאַרשטעהער געוואָרען צוויי, אָדער בעסער געזאָגט, אנשטאַט איין הערשער, צוויי באַדיענער צו זייערע הארען, די צוויי פאַרטייען. זיי זיינען אזוי פאַרבלענדט געוואָרען צוליעב זייער הערשזוכט, אז זיי האָבען ניט איינגעזעהן, אז אזא צושטאַנד קען ווערען א קללה פאַר'ן גאַנצען אידישען פאָלק, און קיינער האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען דעם אַנדערען. ביז דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען באַגרייפען, וואס פאַר רעזולטאַטען די מחלקות קען ברייגגען, און אָנגעהויבען ארויסווייזען זיין אומצופרידענהייט. צום כבוד פון רב יוסף מוז דאָ געזאָגט ווערען, אז ער איז געווען דער יעניגער, וואס האָט זיך למען השלום אָפּגעזאָגט פון דער הערשאַפט און האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער גאונות. און אויך שפּעטער, ווען מר בר יצחק בר מר חנניה איז געוואָרען ראש־ישיבה לויט דעד פאַראָרדנונג פון ראש־גולה דוד בן הונא (אָדער יהודה) איז דיעזער אמט ניט על פי יושר איהם געגעבען געוואָרען, ווייל רב יוסף בן רב מרדכי איז דענסטמאָל געווען דיין אין דער ישיבה — איז ער דעריבער געווען באַרעכטיגט צום אמט פון ראש־ישיבה. און רב יצחק גופא האָט פאַרשטאַ־

נען און אנערקענט, אז עס איז באגאנגען געווארען אז עולה צו רב יוסף'ן און ער האט עס געהאלטען פאר זיין פליכט איהם צו געהן איבערבעטען. דאס איבערבעטען איז אבער ניט געגאנגען ווייטער, ווי נאר מיט ווערטער, אבער זיין אמט פון ראש־ישיבה, וועלכער האט באלאנגט צו רב יוסף'ן, האט ער ניט אויפגעגעבען. אט אזוי האט דורך דיעזע אלע צייטען און דורות די מחלוקות ניט אויפגעהערט און אזוי ווי דער אמט פון ראש־גולה איז געווען א שטענדיגער ענין פאר מחלוקות אזוי איז אויך געווען מיט'ן אמט פון ראש־ישיבה. קנאה, הערשזוכט און כבוד, און אפשר אויך געלט־באלוינונג האבען זיי צו דעם אלעם באוואויגען. פון גרויסע זאכען אבער הערט מען ניט, און פון גרויסע אויפטהוען אין דער תורה אדער אין וויסענשאפטען אין זייערע דורות שווייגט די גע־שיכטע.

פיערטעס קאַפּיטעל.

מר רב יהודאי בר נחמן, ביז צום סוף פון זעקסטען יאָהרהונדערט.

רב יהודאי גאון
און זיין ספר הלכות פסוקות.

וויפיעל פינסטערע ערשיינונגען האָבען מיר באַגעגענט אויפ׳ן וועג פון די גאונים און וויפיעל מאָל האָבען מיר געזעהן, אַז ניט אימער זיינען די פּומבדיתא׳ר גאונים געווען די מענשען וואָס האָבען באַשיינט זייער פּלאַץ. צו דער זעלבער צייט האָבען מיר אָבער אויך געזעהן, אַז עס האָבען זיך אימער געפונען גרויסע און וויכטיגע מענשען אין די ישיבות, אָבוואָהל זיי זיינען ניט געווען קיין ראש־ישיבות. פון די אַלע דורכלעבענישען און פּאַסירונגען פון דער פּומבדיתא׳ר ישיבה דורכ׳ן גאַנצען משך פון זעקסטען יאָהרהונדערט, ווי מיר האָבען אויבען באַשריבען, איז צו זעהן, אַז ניט אימער איז תורה און חכמה געווען מאַסגעבענד אין די וואַלען פון אַ ראש־ישיבה, און צייטענווייז איז אויף דעם אמט אויסגעוועהלט געוואָרען איינער, וועלכער איז געשטאַנען פיעל נידעריגער פון אַנדערע חכמים. פון דעם קענען מיר אורטיילען, אַז מען קען ניט אָפּשעצען די גייסטיגע גרויסקייט אָדער געפאַלענקייט פון דער ישיבה לויט די חכמה פון ראש־ישיבה. און דערפאַר אויך, אויב עס האָט געטראָפען אַמאָל אין איינע פון די ישיבות, אַז זיי האָבען אַראָפּגעבראַכט אַ מענשען פון אַן אַנדער פּלאַץ און איהם געמאַכט פאַר׳ן ראש־ישיבה, קען מען דערפון ניט שליסען, אַז זיי האָבען אין דער ישיבה גופא ניט געקענט געפינען דעם פעהיגען און פּאַסענדען מענשען פאַר דעם אַמט, ווייל עס קען געמאָלט זיין, אַז צוליב גאָר אַן אַנדער פּניה איז ערוועהלט געוואָרען דווקא דער, און ניט קיין אַנדערער. שוין אין ערשטען פערטעל פון זעקסטען יאָהרהונדערט, נאָכ׳ן טויט פון רב אחא (אָדער רב אַדאַ) גאון אין סורא, האָט שלמה ראש־הגולה איבערגעטראָטען דעם אַלטען אָנגענומענעם מנהג ניט צו באַשטימען

אלס ראש־ישיבה איינעם, וואס קומט ניט ארויס פון דער סורא׳ר ישיבה, און געשיקט נאך מר רב יהודאי בן רב נחמן, איינער פון די חכמים פון פומבדיתא׳ר ישיבה (א ברודער פון רב דודאי, דער גאון פון פומבדיתא׳ר ישיבה) און איהם געמאכט פאר׳ן גאון פון דער סורא׳ר ישיבה. אויב מיר זאלען נעמען אין אכט וויפיעל כבוד די שפּעטעריגע גאונים האבען אויף איהם געלעגט, אנרופענדיג איהם: „דאס ליכט פון דער וועלט". (חדושי גאונים סימן ט"ו), „קדוש וטהור", און אלץ וואס ער האט געזאגט איז ביי זיי פארבליבען הייליג, און זיינע אלע תקנות זיינען אלס אייביגע געזעצען פארבליבען (דארטען, סימן ו׳ און סימן ע"ה). און רב שרירא גאון זאגט אויף איהם עדות, אז אלע גאונים, וואס זיינען געקומען נאך איהם, האבען געזאגט: „מיר טארען ניט טון קיין זאך פון וואס רב יהודאי האט זיך אפּגעהאלטען צו טון" (תשובות הגאונים דפוס ליק, סימן מ"ד); און מיר זאלען פון צווייטען זייט נעמען אין באטראכט די תשובות וואס זיינען פון איהם געבליבען, און אין וועלכע מען קען בשום אופן ניט אויסגעפינען עפּעס אזוינס, וואס זאל אונז איבערראשען מעהר ווי די תשובות פון די אנדערע גאונים — מוזען מיר דאן אורטיילען, אז דאס וואס מען האט איהם אזוי פארליבט און אוועקגעשטעלט העכער פון אלע אנדערע גאונים, איז דאס ניט בלויז צוליעב זיין גרויסער חכמה נאר צו־ליעב אנדערע גרויסע מעלות, און אפשר איז דאס געווען די מעלה פון פרומקייט, ווייל די דאזיגע מעלה האט צו יענער צייט אריבערגעוואויגען חכמה, און דאס קען אונז אויך ערקלערען פארוואס דער ראש־גולה האט געוואגט אריבער צו טרעטען דעם מנהג פון דער ישיבה, און וואס קיינער האט זיך ניט געשטעלט אנטקעגען. רב יהודאי איז געווען א בלינדער. און ווי עס זעהט אויס איז ער שוין געווען בלינד נאך דאן, ווען ער איז גערופען געווען צו ווערען ראש־ישיבה. און עס איז אונז א גרויסער וואונדער וואס קיינער האט זיך ניט געשטעלט דאגעגען אזא אויסוואל, ווייל עס איז אנטקעגען דעם דין פון תלמוד; דען לויט׳ן דין, איז א בלינדער אויף ביידע אויגען פסול צו זיין א דיין, אפילו א פשיטא שוין צו זיין דער עלטסטער פון די סנהדרין (נדה מ"ט). און די ישיבה האט זיך דאך פון שטענדיג אן געזוכט צו פארגלייכען מיט די גרויסע און קליינע סנהדרין פון די אמאליגע צייטען אין ארץ־ישראל, ווי מיר זעהען עס פון דעם, וואס זיי האבען קובע געווען די צאלבע צאל חכמים: זיבעציג און דרייסיג. ניט אנדערש, אז זיינע מעלות זיינען געווען אזוי גרויס, אז זיי האבען איבערגעוואויגען זיין פעלער, אויף אזוי ווייט, צו פארבויגען אפילו א דין אין תלמוד (א). זיינע תשובות זיינען דאס

רוב זעהר קורץ. מיט איינעם אדער צוויי ווערטער פאסט ער זיין תשובה ניט אנגעבענדיג קיין טעם אדער ניט ברייגנענדיג קיין ראיה פאר זיין פסק־דין. ער רעדט ניט ווי א לערער וואס דערקלערט זיינע רייד נאר ווי א געזעצגעבער, וואס באשטימט לויט זיין אייגענעם ווילען, ווי אזוי מען דארף טון. נאך דאן, ווען דער אנפרעגער ווייזט אן אויף'ן מקור און בעט צו געבען איהם פארשטעהן וואס ער מיינט, אדער אויב זיין תשובה איז צו מכריע זיין אן הלכה, צי אין א פאל וואו ער ווערט אנ־געפרעגט צו דערקלערען אן ענין אין תלמוד, וואס זיי פארשטעהען ניט, דאן זעלבסטפארשטענדליך, האט איהם דער ענין געצוואונגען צו דער־מאנען דעם מקור אויך, און דאס וואס מען קען דערפון דרינגען (ב). אבער אויך אין אזוינע פעלע פלעגט ער זיך אלענפאלס פאסען זעהר קורץ. אפטמאל האט ער אויך געגעבען אין זיינע תשובות פירושים אויף'ן תנך, משנה און תלמוד, פון וועלכע מען קען זעהן אז ער איז נעגאנגען אויף דעם זעלבען וועג, אויף וועלכען עס זיינען די ערשטע בעלי־מדרש נעגאנגען (ג). בלויז אין איניגע פלעצער געפינען מיר איהם באציען זיך אויף די פריערינע גאונים און ער דערמאנט זיי אויך ביי די נעמען (ד). איין זאך האט איהם אבער יא אפגעזונדערט צום גוטען פון אלע פריערינע גאונים ראשי־ישיבות — דאס איז, וואס ער איז געווען צווישען זיי דער ערשטער וואס האט מחבר געווען א ספר־הלכות. דער ספר טראגט זיין נאמען אויף זיך.

מיר האבען שוין אויבען באוויזען, אז איינער א חכם, וואס איז געקומען פון מצרים מיט'ן נאמען רב שמעון מקאירא האט פארפאסט דעם ספר „הלכות גדולות" אין יאהר 4501. און רב אברהם בן דוד הספרדי דערצעהלט אונז אין „ספר הקבלה", אז רב יהודאי גאון האט זיך זעהר פארטיפט אין ספר, און דער זעלבער רב יהודאי האט מחבר געווען דעם ספר „ה ל כ ו ת פ ס ו ק ו ת", וועלכען ער האט גענומען פון די הלכות גדולות. און אין דער אמת'ען ווערען שוין די הלכות פסוקות דערמאנט נאך אין די צייטען פון די גאונים. רב חנניה גאון איז איינער וואס ברייננט זיי אין זיינע תשובות אין נאמען פון זייער מחבר רב יהודאי גאון (שערי צדק, חלק ד', שער ג', סימן מ"ד), און דעם ענין וועלכען ער ברייננט פון די הלכות פסוקות געפינט זיך אויך אין אונזער הלכות גדולות (דפוס וויען, פרק ב' ע"א). און רב שרירא דערמאנט אויך אין איינער פון זיינע תשובות א הלכה פסוקה פון די „הלכות גדולות" (דארטען, חלק ה', שער ז', סימן כ"ז), וועלכע געפינט זיך מיט'ן זעלבען לשון ממש אין אונזער הלכות גדולות (הלכות עדות

פרק ה, ע"ב). דער זעלבען גאון דערמאָנט צייטענווייז סתם הלכות (תשה"ג ליק, סי' נ"ה), און מיינט דערמיט דאָס, וואָס ווערט געזאָגט אין די הלכות גדולות (הלכות קדוש, י"ג, ע"ד). אַט דאָס אַלעס באַווייזט אונז, אַז רב יהודאי'ס הלכות פסוקות געפינען זיך אין אונזער הלכות גדולות. אויף אַן אַנפראַגע וואָס מען האָט געמאַכט ביי רב שרירא גאון וועגען „קדושי־קטן", צי דער דין איז ווי רב סעדיה גאון אין ספר השטרות, וועלכער האַלט פון קדושי־קטן, טראָץ דעם וואָס מיר געפינען געשריבען אין „הלכות גדולות" און אין די „הלכות" פון רב יהודאי גאון, אַז די קדושין פון אַ קטן זיינען קיין קדושין ניט — ענטפערט ער דאָס פאָלגענדע: „מיר האַלטען זיך אַן דעם ווי עס ווערט געפסק'נט אין די „הלכות" פון רב יהודאי גאון" (שערי צדק, חלק א', שער ג', סימן י"א). פון דעם קען מען פון ערשטען בליק לערנען צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז די „הלכות גדולות" איז אַ באַזונדערער ספר און רב יהודאי'ס הלכות איז ווידער אַ באַזונדערער ספר. צווייטענס, פון דעם וואָס ער דערמאָנט דעם „הלכות גדולות" פאַר די „הלכות" פון רב יהודאי גאון, פאַרשטעהען מיר, אַז די הלכות־גדולות קומען פריער אין צייט. אויך פאַר רב האי גאון זיינען געווען די דאָזיגע צוויי מינים הלכות: די „הלכות גדולות", וועלכע ער האָט בפירוש צוגעשריבען צו רב שמעון מקאירא, און די הלכות פון רב יהודאי גאון. ער ווערט אַנגעפרעגט וועגען אַ געוויסען דין, וואָס געפינט זיך אין די „הלכות גדולות", און וועגען וועלכען עס ווערט געפסק'נט אין די הלכות פון רב יהודאי גאון פונקט פאַרקערט. די אַנפרעגער זיינען אין ספק אויף וועלכען פון די צוויי געגענגעזעצטע פסקים זאָלען זיי זיך פאַרלאָזען. לויט זייער אייגענער מיינונג איז אויסגעקומען, אַז דער טעות ליגט אין רב יהודאי'ס הלכות, נאָר אַזוי ווי זיי האָבען ניט געוואָלט שטעלען אויף זיך, זיינען זיי געקומען פרעגען רב האי גאון. און דאָס איז־זיין ענטפער: „ווי מיר פאַרשטעהען איז דאָס, וואָס איהר געפינט אין רב יהודאי'ס הלכות ניט קיין טעות, דאָס איז זיין מיינונג און די מיינונג פון די לעצטע רבנים, די זיילען פון דער וועלט... און רב שמעון כצדויא (עס באַדאַרף שטעהן כיירוא, דאָס מיינט קאַאירא), וועלכער האָט פאַרפאַסט דעם „הלכות גדולות", האָט ניט אריינגעדרונגען אין די טעמים פון רב יהודאי און די אַנדערע רבנים". פון דעם זעהען מיר ווידער, אַז רב שמעון'ס הלכות גדולות איז באַזונדער, און רב יהודאי'ס הלכות איז באַזונדער, און אַזוי ווי דער דאָזיגער דין אויף וועלכען זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט געפינט זיך אויך אין אונזער „הלכות גדולות" (דפוס וויען כ"ה, נ"ב), און ווערט געבראַכט לויט דעם

נוסח פון רב יהודאי גאון, זעהט מען דאך קלאר, אז רב האי גאון געהט נאך רב יהודאי׳ס הלכות; אויך איז קלאר צו זעהן, אז אונזער „הלכות גדולות" איז קארעגירט געווארען לויט רב יהודאי׳ס פסק הלכה, וועלכער געהט אין געגענזאץ צו דעם פסק הלכה פון רב שמעון מקאירא (ה).
אין אן אנדער תשובה פון רב האי גאון (זעה דעם ספר המכריע סי׳ ל"ו) געפינען מיר דאס פאלגענדע: „א פאס אין וועלכע עס געפינט זיך משקה... און עס איז אהין ארייגעפאלען א מויז, אדער א שרץ, איז זיין שיעור (אויף בטל צו ווערען) איין פראצענט פון טויזענט, און מיר ווייסען ניט פון וואנען רב שמעון האט עס גענומען". און ממש מיט דעם זעלבען נוסח און ווערטער געפינען מיר דאס אייגענע אין הלכות גדולות (צ"ד ע"ד). פון דעם אלעם ווערט אונז קלאר, ווי די זאך איז געשטאנען אין די גאונים׳ס צייטען. עס איז, איבער יעדען ספק, אז אין זייערע צייטען האבען צירקולירט צוויי הלכות־זאמלונגען, דער הלכות גדולות" און רב יהודאי׳ס „הלכות", און אז דער מחבר פון זייער „הלכות גדולות" איז געווען רב שמעון מקאירא, און דיביידע באזונדערע חבורים האבען זיך געפונען אין די הענט פון רב שרירא גאון און זיין זוהן רב האי. אויך דאס זעהען מיר, אז די ביידע חבורים זיינען אין מאנכע פראגען זיך פאנאנדערגעגאנגען אין מיינונגען, און אז די מערסטע זאכען פון איין ספר אזוי גוט ווי פון צווייטען זיינען אריין אין אונזער „הלכות גדולות", נאר דארטען וואו עס קומט פאר ביי זיי א מיינונגס־פארשיי־דענהייט, געהט אונזער „הלכות גדולות" נאך דער שטה פון רב יהודאי גאון.

אמת, אז מיט פילע דורות שפעטער נאך, אין די צייטען פון די רבנים וואס זיינען געקומען נאך די גאונים איז דער צושטאנד נאך פונקט דערזעלבער געווען ווי אין די גאונים׳ס צייטען. אויך דאן האבען זיך נאך די ביידע ספרים געפונען באזונדער אין די הענט פון דאמאלסדיגע חכמי־תורה. און צוליעב דעם קומט ארויס דער פאקט, וואס אמאל רע־דען זיי וועגען דעם הלכות גדולות פון רב שמעון מקאירא און אמאל וועגען דעם הלכות גדולות פון רב יהודאי גאון. אויך דאס איז אבער קלאר, אז אלץ וואס זיי ברייגנען פון איין ספר, אדער פון צווייטען, געפינט זיך ס׳רוב אויך אין אונזער „הלכות גדולות". דעם ערשטען וועלכען מיר וועלען דערמאנען איז רב יצחק אלפסי אין זיינע הלכות. דער דאזיגער רב האט זיך זעהר שטארק פארלאזען אויף די „הלכות גדולות" און אין פילע שטעלען ברייגגט ער אויסציגע פון איהם און דערמאנט איהם ביים נאמען, און ברייננט אמאל אויך זאכען פון „הלכות

פסוקות" ניט דערמאנענדיג אבער דעם נאמען פון זייער מחבר. די אלע אויסציגע, סיי פון די „הלכות גדולות" און סיי פון די „הלכות פסוקות" געפינען זיך אויך אין אונזער „הלכות גדולות"(ו). אפטמאל טרעפט אז דער אלפסי ברייננגט „הלכות" סתם, ניט צוגעבענדיג קיין עפיטעט. און מאנכע פון די דאזיגע אויסציגע געפינען זיך שוין ניט אין אונזער הלכות גדולות (ז). אמת אפילו, אז ווען מיר קוקען זיך צו צו פילע ספרים, וועלכע מיר באזיצען פון פילע אנדערע ערשטע רבנים, געפינען מיר, אז איניגע פון זיי האבען צוגעשריבען דעם ספר „הלכות גדולות" צו רב שמעון מקאירא און איניגע צו רב יהודאי גאון, און מאנכע דערמאנען איהם אמאל אויף איינעמ'ס נאמען און אמאל אויפ'ן צווייטענ'ס נאמען. רב שלמה יצחקי (רש"י) שרייבט איהם צו רב יהודאי'ן. דאס גלייכען טוט זיין איניקעל דער רשב"ם (פסחים ק"ט), אויך די בעלי התוספות און נאך פילע גרויסע מחברים רופען דעם ספר אויף רב יהודאי'ס נאמען. מיר געפינען אבער אויך דאגעגען, אז פילע פון די ערשטע מחברים שרייבען צו דעם ספר „הלכות גדולות" צו רב שמעון מקאירא (ח). און דער רב רבי משה בן נחמן, וועלכער איז איינער פון זיי (פרק „ערבי פסחים" און ראש השנה פ"ג), דערמאנט אויך די „הלכות פסוקות" (סוכה פ"ג). און דער רבי אברהם בן יצחק, אב בית דין פון נרבונא, דער מחבר פון ספר „האשכול" האט זיך זעהר פיעל באנוצט מיט'ן „הלכות גדולות", אבער דאס רוב רופט ער איהם ניט „הלכות גדולות", נאר סתם „הלכות", און אפטמאל ברייננגט ער זאכען אין נאמען פון „פסקא". מיט וועלכען ער מיינט אהן א ספק די „הלכות פסוקות". פון די אויסציגע זעהט מען, אז ער האט געהאט פאר זיך צוויי באזונדערע ספרים וואס האבען זיך אנגערופען הלכות, און ער האט מיט ביידע זיך באנוצט. און ברייננגט צייטענווייז זאכען, וואס זיינען סותר איינע די אנדערע, און אלץ אויפ'ן נאמען פון בעל הלכות. אין איניגע שטעלען דערמאנט ער רב יהודאי'ס הלכות (חלק ב', זייט 10 און זייט 67) רב שמעונ'ס נאמען דערמאנט ער אבער ניט. אין איין פלאץ געפינען מיר: „און רב יהודאי שרייבט אין זיינע פסקים" — און ער מיינט ניט מיט דעם — דעם „הלכות גדולות" נאר געוויסע תשובות, וואס אפשר צוליעב זייער קורצקייט רופט ער זיי אז פסקים, און דער דין וועלכען ער ברייננגט געפינט זיך ווירקליך ניט אין אונזער הלכות גדולות. אבער דאס, וואס ער ברייננגט אין נאמען פון בעל הלכות געפינט זיך אימער אין אונזער הלכות גדולות מיט דער אויסנאמע פון צוויי אדער דריי זאכען (ט). פון דעם אלעם זעהען מיר, אז די ערשטע רבנים האבען געהאט צוויי

וואריאציעס פון הלכות גדולות, אזוי ווי די לעצטע גאונים האבען גע־
האט. און דעריבער, איז דער יעניגער וואס רופט אן די „הלכות גדולות"
אויף רב שמעון'ס נאמען מאכט קיין טעות ניט, דען ער מיינט יענעם
נוסח פון הלכות גדולות, וואס רב שמעון האט מתקן געווען, ווי רב האי
גאון גיט אונז צו וויסען; און דער יעניגער וואס רופט אן די הלכות
גדולות אויף רב יהודאי'ס נאמען מאכט אויך קיין טעות ניט, ווייל דער
אמת איז אז רב יהודאי גאון האט רעדאקטירט מיט אויסברייטונגען
און באגרענצונגען רב שמעון מקאירא'ס „הלכות גדולות" און פארפאסט
זיין „הלכות פסוקות" אויפ'ן גרונד פון רב שמעון'ס הלכות, ווי דער ראב"ד
ערקלערט אונז, און דאס איז דער חבור וועלכען די לעצטע גאונים בא־
טיטלען מיט'ן נאמען „הלכות פון רב יהודאי גאון". אבער עס וועט
קיינעם ניט איינפאלען צו לייקענען דעם ראב"ד'ס ווערטער און בא־
הויפטען דאס פארקערטע, אז רב יהודאי זאל האבען פארפאסט די הלכות
גדולות, און מעהר ווי מיט הונדערט יאהר שפעטער זאל רב שמעון
מקאירא האבען געלעבט, און ער זאל דאס האבען מסדר געווען און געענ־
דערט רב יהודאי'ס הלכות — ווי איניגע ווילען מאכען השערות (גרעץ
מכתב חדשי פראנקל). ווייל די באווייזען מיט וועלכע זיי ווילען בא־
גרינדען זייער השערה זיינען שוואך, און קענען ניט ווידערשטעהן דעם
קלענסטען אנגריף פון קריטיק, און א חוץ דעם טרעט ארוים פאר אונ־
זערע אויגען אן אייזערנער באוויז אויף דעם געגענזאץ פון דעם, וואס זיי
ווילען פעסטשטעלען. ווארום וואס אייגענטליך זיינען זייערע הויפט
ארגומענטען? איין ראיה ציען זיי פון רב האי גאונ'ס ווערטער, אז
„רבי שמעון, וועלכער האט געמאכט דעם הלכות גדולות האט ניט אריינ־
געדרונגען אין די טעמים פון רב יהודאי און די אנדערע רבנים", דיזער
לשון, מיינען זיי איבערצייגט אונז, אז ער האט געמיינט צו זאגען, אז
רב שמעון, וועלכער האט געלעבט נאך רבי יהודאי'ן האט ניט פאר־
שטאנען זיינע רייד און טעמים. אבער וואס פאר א באוויז איז דאס?
קען מען דען ניט דעם זעלבען לשון אויסטייטשען פונקט פארקערט, אז
דער פארגענגער האט ניט געקענט זעהן און באגרייפען וואס זיין נאכ־
פאלגער וועט יא באגרייפען? און צי דען געפינען מיר ניט דאס איי־
גענע גאנץ אפט אין תלמוד? עס רעדט זיך דארטען זעהר אפט ווע־
גען דעם, אז דעם פריערדיגען האט ניט געקענט איינפאלען די סברא,
וואס איז איינגעפאלען דעם, וואס איז געקומען נאך איהם. און ניט
נאר מיר קענען, נאר מיר מוזען עס אזוי אויסטייטשען, ווייל ווי קען
געמאלט זיין אז רב שמעון זאל זיין דער לעצטער מחבר, און ער זאל עס

האבען מתקן געווען און צענויפגעשטעלט דעם ספר און זאל האבען גע־לעבט א לאנגע צייט שפעטער נאך רב יהודאי'ן, און דאך זאל עס אט דעם שפעטעריגען רב שמעונ'ס וואריאציע ניט זיין אונזער „הלכות גדולות"? ווארום אויף דעם אופן, וואלטען דאך געווים אלע נוסחאות פון אונזערע הלכות גדולות געווען לויט רב שמעונ'ס דעה, לויט דעם ווי ער האט זיי מתקן געווען, און פון דעם פאל פון רב האי גאון זעהען מיר גאר דאס פארקערטע, אז דער נוסח וואס ליגט פאר אונז איז רב יהודאי'ס נוסח, וואס געהט אין געגענזאץ צו רב שמעונ'ס נוסח. דער צווייטער גרויסער באוויז איז פאלגענדער: מיר געפינען רב יהודאי'ס נאמען דערמאנט אין פילע פלעצער פון אונזער „הלכות גדולות", און דער ספר רעדט ווע־גען איהם ווי וועגען א דריטע פערזאן וואס איז ניט דער מחבר, דאס באווייזט איינמאל, אז רב יהודאי איז ניט געווען דער מחבר; צוויי־טענס, אז מען קען אויך ניט זאגען, אז דער ערשטער מחבר איז געווען רב שמעון און האט געלעבט פאר רב יהודאי'ן, ווי דער מחבר פון ספר „הקבלה" האלט. ווארים דאן איז נאך מעהר קשה: ווי אזוי קען גע־מאלט זיין, אז דער פריערינער רב שמעון זאל איבערשרייבען זאכען פון דעם שפעטעריגען רב יהודאי'ן און זיי זאגען אויף זיין נאמען? און וואס נאך מעהר, מיר געפינען זאכען אין אזער ספר, אין וועלכע עס ווערען געבראכט הלכות און פסקי דינים פון אזעלכע גאונים וואס הא־בען געלעבט שפעטער נאך פון רב יהודאי גאון (י), טא ווי אזוי קען מען מאכען רב יהודאי'ן פאר'ן מחבר פון א ספר, אין וועלכען עס געפינען זיך זאכען פון מענשען, וואס האבען געלעבט נאך איהם און וועניגער קען מען דאן באהויפטען, אז דער מחבר פון ספר איז געווען רב שמעון, וועלכער האט געלעבט נאך פריער פון רב יהודאי? דעריבער איז דאס בעסטע צו באהויפטען, אז רב שמעון זאל האבען געלעבט שפעטער שוין נאך דער צייט פון די גאונים וואס ווערען דערמאנט אין ספר, און ער זאל עס זיין דער אמת'ער מחבר פון אונזער הלכות גדולות. דיזע בא־הויפטונג וואלט שוין אלעס פארענטפערט. אבער צו מאכען אזעלכע באהויפטונגען וואלט הייסען ניט האבען קיין אויג פאר דער געשיכטע פון דער גאר אלטער העברעאישער ליטעראטור, ווייל אין דער ווירקליכ־קייט איז דאס קיין נייעס ניט. עס האט דאס זעלבע זיך געטראפען מיט אלע פריהיגע תלמודישע און לעגענדארישע ספרים. זיי זיינען אלע ניט געבליבען אין דער זעלבער פארם ווי זייער פארפאסער האט זיי אויפ־געשריבען. מיר זעהען דאס אייגענע מיט רבי'ס משנה. עס איז דאך געווים גאר קיין ספק ניט, אז רבי האט מחבר געווען און צענויפגעשטעלט

די משנה (ביצה ב׳: און איז פילע אנדערע ערטער), און דאך געפינען מיר דארטען פיעל זאכען וואס ווערען געבראכט אין זיין נאמען און נאך אנדערע זאכען וואס ווערען געבראכט אויף די נעמען פון חכמים וואס האבען געלעבט שפעטער פון רבי׳ן זאלען מיר צוליעב דעם אוועק נעמען פון רבי׳ן די משנה? מיט דער אויסנאמע פון אייניגע איבערארייליטע קריטיקער, וועלכע דערגעהען ביז צו אן עקסטרים, זיינען אלע איינשטימיג צו רופען רבי׳ס נאמען אויף דער משנה, און מיר זאגען בלויז, אז די אלע ענינים וועלכע אנטהאלטען זאכען, וואס ווערען געבראכט אין רבי׳ס נאמען, ווי פון א דריטער פערזאן זיינען שפעטעריגע הוספות. דאס גלייכען געפינען זיך שפעטעריגע הוספות אין אלע אלטע מדרשים וואס מיר באזיצען, און עס איז אויך קיין צאל ניטא צו די אלע הוספות וואס זיינען צוגעגעבען געווארען צום תלמוד נאכדעם ווי ער איז שוין געווען געשלאסען (אויבען, קאפיטעל צוויי). אזוי געפינען מיר אויך הוספות צו די שאילתות פון רב אחא משבחא (אויבען, קאפיטעל דריי), הוספות אויף רשי״ס פירוש אויפ׳ן תלמוד (זעה מיין תולדות רש״י, זייט 61). און אין די ספרים „פרדס הגדול״ און „איסור והיתר״, וואס ווערען צוגע־שריבען צו רש״י׳ן זעהען מיר אויך, אז זאכען וואס געהערען צו אנדערע שפעטעריגע שרייבער זיינען אהיין ארייננעפאלען. נאך מעהר זעהען מיר די זעלבע ערשיינונג אין דעם ספר הישר, פון רבנו יעקב ב״ר מאיר, וואס איז, באקאנט מיט דעם נאמען „רבנו תם״. מיר קענען כמעט זאגען, אז די צוגעשריבענע שטעלען פון אנדערע איז דער כאראקטעריסטישער שטריך פון די אלע ספרים פון די קדמונים, און דאך ווערט דער נאמען פון דעם ערשטען און הויפטזאכליכען מחבר ניט אפגעווישט פון זיין ווערק. היינט פארוואס זאלען מיר ניט מאכען די אייגענע באהויפטונג אין באצוג צו די „הלכות גדולות״. פארוואס זאלען מיר ניט זאגען וועגען די זאכען וואס ווערען געבראכט דארטען פון שפעטעריגע חכמים, אז דאס זיינען בלויז הוספות? וואס צווינגט אונז צו זאגען, אז צוליעב דעם איז דער גאנצער חבור אן אפשטאמונג פון דער צייט פון די לעצ־טע גאונים? און דער אמת איז דאך, אז ווען מיר זאלען זיך דער־גרונטעווען צום ריכטיגען מיין פון די זאכען, זיי באטראכטען מיט אפענע אויגען און מיט אן אויפריכטיגען אורטייל, וועלען מיר קענען זעהן, אז ווען מיר זאלען אויסלאזען פון ספר די אלע ענינים וואס ווערען געבראכט אין רב יהודאי׳ס נאמען, ווי אויך אין נאמען פון אלע אנדערע שפעטעריגע גאונים, וועט עס דעם עיקר ספר גאר ניט שאדען. און פארקערט גאר, די הוספה פון די אלע זאכען פארדארבט נאך דעם פיינעם סדר פון

בור. און אויך דאס באדארפען מיר נאך צוגעבען, אז וואס אנבעטרעפט די אלע אנדערע חכמים, וואס ווערען דערמאנט אין ספר, איז ווענען די מערסטע פון זיי ניטא קיין באווייז, אז זיי האבען געלעבט נאך רב יהודאי; נאר עס איז זעהר מעגליך און עס לאזט זיך שיקען, אז זיי האבען געלעבט פאר איהם (י"א). און ווירקליך, אפילו די חכמים וואס ווערען דערמאנט און וועלכע מיר ווייסען, אז זיי האבען געלעבט שפעטער, ווערען בלויז דערמאנט אין מאנכע פון די נוסחאות און אין אנדערע נוסחאות זיינען זיי ניטא, וואס איז א גוטער באווייז אז זייערע רייד זיינען בלויז הוספות, און דער ספר איז ארומגעגאנגען אין פארשיידענע וואריאציעס, און אין מאנכע זיינען אריינגעפאלען מעהר הוספות ווי אין אנדערע (יב).

דער אינהאלט אבער פון ספר גופא זאגט עדות אויף זיין פריערינער אפשטאמונג. אויב מיר קוקען זיך צו צו איהם אויפריכטיג און מיט פארשטענדניס. עס ווערט דאן פאר אונז קלאר אהן דעם קלענסטען צווייפעל, אז עס איז אוממעגליך, אז זיין מחבר זאל האבען געלעבט אין א שפעטעריגער תקופה, שפעטער פון די אויבענדערמאנטע גאונים, נאר עס צייגט זיך פון איהם אויף קלאר ארויס, אז זיין מחבר האט געלעבט ניט שפעטער אלענפאלס, ווי פאר'ן העלפט פון זעקסטען יאהרהונדערט. ווארום דער הויפט־ציל פון ספר איז דאך געווען צענויפצונעמען אין איין ארט די אלע געשלאסענע דינים, כדי עס זאל זיין א שטענדיגער אפענער קוואל, פון וועלכען מען זאל הלכה למעשה קענען פסק'ענען, און ניט בלויז די אלטע הלכות וועלכע געפינען זיך נאר אין תלמוד, זאנדערען אויך אט יענע דינים, וואס זיינען געשאפען געווארען ביים אידישען פאלק נאך דעם ווי דער תלמוד האט זיך געשלאסען ביז דער צייט אין וועלכער דער מחבר האט געלעבט, ווי צום ביישפיל, די „תקנת מורדת" (הלכות גדולות נ"ב, ע"ב), וואס די ערשטע גאונים האבען איינגעפירט; די תקנות פון די תפלות: „זכרנו לחיים", „כבוש כעסך" און „בספר חיים" (ט' ע"א) אין דער שמונה עשרה פון ימים נוראים און נאך פילע תקנות וואס די גאונים, וועלכע האבען געלעבט פריער פון איהם האבען מתקן געווען. זעהען מיר אבער, אז עס זיינען פאראנען גרויסע תקנות פון גאונים, וועלכע ווערען אין גאנצען ניט געבראכט אין ספר. ווי למשל, די תקנה וואס מר רב הונא הלוי האט איינגעפירט אין דער ישיבה פון פומבדיתא מיט דער צושטימונג פון סורא'ר גאון מר רב ביבוי הלוי, און דאס איז: אז מען מאנט איין פאר'ן בעל חוב און פאר דער כתובה פון א פרוי פון די באוועגליכע גיטער פון די יתומים. און ווי קומט

עס טאקי. וואס ער האט די דאזיגע תקנה ניט געבראכט? מוזען מיר זאגען, אז דער וואס האט פארפאסט דעם „הלכות גדולות" האט נאך פון דער דאזיגער תקנה ניט געוואוסט, ווייל די גאונים וואס האבען געפאסט די תקנה האבען געלעבט שפעטער פון דעם בעל „הלכות גדולות". פון דעם אלעם קענען מיר מיט רעכט אורטיילען, אז אויב רב שמעון בעל הלכות וואלט געלעבט שפעטער פון די אלע גאונים וואס ווערען דערמאנט אין „הלכות גדולות", און דאן וואלט אויסגעקומען, אז ער האט געלעבט און געשאפען זיין בוך ארום מיטען פון זיבעטען יאהר־הונדערט (וואס דאס איז גרעץ'ס מיינונג) און האט באגרינדעט זיין ספר אויף די הלכות פון רב יהודאי גאון, טא ווי קומט עס וואס ער בריינגט ניט די תקנה פון רב הונא און רב ביבוי, ווי ער טוט עס מיט אנדערע תקנות? אין מיטען פון זיבעטען יאהרהונדערט האט דאך שוין די דא־זיגע תקנה געגאלטען? דאס גלייכען האט ער באדארפט געוועזען ברייגגען די תקנות פון רב צדוק גאון, די תקנות למשל, ווענען איינמאנען קנסות (געלט־שטראף) אין בבל, ווענען געבען איינעם א שבועה, ווען ער פאר־לייקענט פרעמדע ערד, אויך יענע תקנה פון מבטל זיין „כתובת בנין דכרין", וועלכע איז אויך געווים ניט געשאפען געווארען שפעטער ווי אין אנפאנג פון זיבעטען יאהרהונדערט (י"ג). — פון דעם אלעם איז קלאר, אז עס קען גאר קיינעם אויפ'ן געדאנק אפילו ניט ארויפקומען, אז רב שמעון מקאירא זאל האבען געלעבט אין מיטען פון זיבעטען יאהרהונדערט און דאן זאל ער עס האבען פארפאסט זיין „הלכות גדולות".

דער היוצא לנו מזה פון דעם אלעם, וואס מיר האבען געשריבען ביז יעצט איז, אז אין די צייטען פון די גאונים האבען זיך איינגעפונען צוויי חבורים פון הלכות. איינער איז געווען דער „הלכות גדולות" צוגע־שריבען צו רב שמעון מקאירא, און דער צווייטער איז געווען רב יהודאי גאון'ס ספר הלכות. און מר חנניה גאון האט דיזען ספר גערופען מיט'ן נאמען „הלכות פסוקות". און אזוי איז דאס געשטאנען נאך אויך אין די צייטען פון די ערשטע רבנים. אויך אין זייערע הענט האבען זיך דיזע צוויי חבורים געפינען, און זיי האבען זיך מיטביידע באנוצט. איבערהויפט זיינען זיי געווען זעהר פיעל פארשפרייט צווישען די שפא־נישע רבנים און חכמים, און דארט, אין שפאניען, איז עס געווען א באקאנטער פאקט, אז דער עיקר פון די „הלכות גדולות" איז פארפאסט געווארען פון רב שמעון מקאירא. זיי האבען עס געהאט בקבלה פון די גאונים (ראב"ד אין ספר הקבלה). און לויט דער דאזיגער קבלה איז רב שמעון געווען א צייט־גענאסע פון מר רב שמואל בן רב מארי, וועלכער

איז געווארען גאון אין יאהר 4508, ער האט פארפאסט דעם ספר אין יאהר 501, און כדי עס צו מאכען נאך קלערער גיט ער א סימן, אז דער ספר איז ערשינען אויפ'ן 8־טען יאהר פון רב שמואל'ס עולה לגדולה זיין, און אפילו אויב מיר וואלטען ניט וויסען, אז דער ספר הקבלה האט בלויז געשריבען אמתע פאקטען און ניט גלאט השערות און אויסגעטראכטע זאכען, וואלטען מיר דאך איינגעזעהן פון זיינע קלארע סימנים, וועלכע ער גיט, אז דאס זיינען ניט ווערטער פון איינעם וועלכער טראכט אויס זאכען, זאנדערען פון א מענשען וועלכער גיט איבער דאס וואס ער האט בקבלה, אז רב יהודאי האט זיך באגרינדעט אויפ'ן „הלכות גדולות“ און גענומען פון דארטען זיינע הלכות. דאס איז געווען באשטימט און אנגענומען ביי די חכמים פון שפאניען און פראוואנס. הרב רב זרחיה הלוי אין זיין ספר המאור רופט אן רב שמעון מקאירא'ס „הלכות גדולות“ מיט'ן נאמען ערשטע הלכות („בעל המאור שבת, פרק ב'“). און אזוי שרייבט אויך דער רמב"ן: רב שמעון דעם מחבר פון דעם „הלכות ראשונות“ (שבת, פרק י"ז; סוכה, סוף פרק ב') — די „ערשטע הלכות“. און אט די הלכות ראשונות זיינען עס די „הלכות גדולות“, וועלכע ער שרייבט צו צו רב שמעון (פסחים, פרק „ערבי פסחים“, ראש השנה, פרק ג') צוזאמען מיט די „הלכות גדולות“ דערמאנט ער אויך „הלכות פסוקות“ (סוכה פ"ג). און עס איז גאר קיין ספק ניט, אז ער מיינט מיט דעם רב יהודאי'ס הלכות, און צייטענווייז רופט ער אויך רב שמעון'ען נאר מיט דעם נאמען בעל הלכות אליין, אהן א ביווארט (מגלה, פרק א'), — פון דעם אלעם איז קלאר, אז די „הלכות גדולות“ פון ר' שמעון זיינען די ערשטע הלכות און רב יהודאי האט זיי קארעגירט מיט ענדערונגען און תקונים. און ווי באלד אז מיר זעהען אז אלץ וואס ווערט געבראכט אין נאמען פון רב יהודאי'ס הלכות געפינט זיך אויך אין אונזער הלכות גדולות, און אז עס זיינען דאגעגען פאראן זאכען, וועלכע די ראשונים ברייגען אין נאמען פון רב שמעונ'ס הלכות וואס זיינען אין אונזער „הלכות גדולות“ ניטא, און דער רוב זאכען, וועלכע געפינען זיך אין רב־שמעון'ס „הלכות גדולות“ זיינען אויך דא אין אונזער „הלכות גדולות“ — איז פון דעם קלאר, אז אונזער „הלכות גדולות“ איז דער הלכות גדולות פון רב שמעון מקאירא ווי ער איז פארבעסערט און פארפאלקאמט געווארען דורך רב יהודאי גאון. נאר כל־זמן די אידישע חכמים האבען געהאט די ביידע חבורים באזונדער, האבען זיי איינעם אנגערופען „הלכות גדולות“ און דעם צווייטען „הלכות פסוקות“, אום זיי אפצוזונ־

דערען איינעם פון צווייטען. אבער דער עיקר איז, אז רב יהודאי'ס הלכות איז א פארפאלקאמטער „הלכות גדולות“, און מיר קענען זאגען, אז אין כלל פון די הלכות גדולות פון רב יהודאי געהען אריין אויך די „הלכות גדולות“ פון רב שמעון, וועלכע זיינען די ערשטע געווען און האבען אלס יסוד פאר די שפעטעריגע געדינט, אבער זעלבסטפארשטענדליך, אז אין כלל פון די הלכות גדולות פון רב שמעון'ען געהען ניט אריין די הלכות גדולות פון רב יהודאי. פון דעם אלץ וואס מיר האבען אלזא געזאגט ביז איצט בעקומען מיר דאס פאלגענדע ארויס: אז רב שמעון האט פארפאסט זיין ספר „הלכות גדולות“ א צייט פריער פון פאר רב יהודאי גאון, ווייל אין גאנצען ספר „הלכות גדולות“ איז ניטא עפעס פון דעם וואס די גאונים האבען אויפגעטון נאך רב יהודאי'ס טויט, ווייל דער מחבר האט נאך ניט געוואוסט פון די שפעטעריגע תקנות. רב יהודאי וועלכער איז געקומען נאך רב שמעון מקאירא האט איבערגעקוקט די הלכות זיינע און האט זיי פארבעסערט און געלייטערט און צוגעגעבען גאנצקייט צום בנין, און דאס איז אונזער „הלכות גדולות“. נאר אין פארלויף פון צייט זיינען אריינגעפאלען אין ספר באמערקונגען און הוספות פון זייטיגע מענשען, ווי עס איז געווען דער פאל מיט אלע ספרים פון די פארצייטיגע חכמים. עס איז קיין ספק ניט, אז די אויסבעסערונגען און באמערקונגען זיינען פריער געווען אויפגעשריבען אויף די גליונות, און די איבערשרייבער האבען זיי נאכדעם אריינגעטראגען אין טעקסט גופא.

נאטירליכערווייזע האט דער מחבר געשעפט זיינע מאטעריאלען פון משנה, ברייתא און תלמוד בבלי, ווייל די דאזיגע ספרים זיינען פאר די חכמים פון בבל געווען דער עיקר, און אויף זיי האבען זיי זיך פארלאזען ווי צו לעבען און צו פיהרען זיך. אבער מיט'ן תלמוד ירושלמי — כאטש זיי האבען שוין געהאט דעם ספר פאר זיך אז אויפגעשריבענעם — האבען זיי זיך ניט גערעכענט אוואו ער איז געווען ניט איינשטימיג מיט'ן תלמוד בבלי און דארט וואו ער איז יא געווען איינשטימיג מיט איהם. האבען זיי איהם דאך ניט געדארפט, ווארום עס איז דאן פאר זיי גענוג געווען דער בבלי. אמת, אין א ענין אויף וועלכען דער תלמוד בבלי האט זיך ניט אפגעשטעלט, אדער דער ענין איז געווען ניט אין גאנצען קלאר באהאנדעלט אין איהם, און אין תלמוד ירושלמי איז דער ענין געווען קלאר ארויסגעקומען — אין אזא פאל האבען זיי זיך יא באנוצט מיט'ן תלמוד ירושלמי און זיך אויף איהם פארלאזען (שערי תשובה, סימן ל"ט).

און אזוי האָט זיך אויך דער מחבר פון הלכות גדולות נוהג געווען, כאָטש על פּי רוב פלעגט ער זיינע הלכות ברענגען נאָר פון תלמוד בבלי, פלעגט ער זיך אָבער אויך סומך זיין אמאָל אויף׳ן תלמוד ירושלמי (סוף פּרק א׳ פון ברכות). אין פילע שטעלען ברייננגט ער די „תוספתא" און דער־מאָנט דעם מדרש דרב הושעיה רבה (ל"ג, ק"ו, ע"א), וואָס איז אונזער מדרש רבה, און „ספרא דבי רב" (ל"ה, ע"ד) און דעם „ספרי" און „מכילתא" (ק"ו, ע"א), און ברייננגט אויסציגע פון „מגלת תענית" (ל"ב) און פון אונזער „מסכתא דרך־ארץ" (מ"א, ע"ג). ער ברענגט אויך זאכען אין נאָמען פון רב אחא משבחא (ס"ד, ע"ד). דאָן ברענגט ער ווידער גאַנצע שטעלען איבערגעשריבען צומאָל וואָרט אין וואָרט פון „שאילתות", ניט דערמאָנענדיג גאָר ר׳ אחאי׳ס נאָמען, ווי אויך דעם נאָמען פון זיין ספר. און עס פיהלט זיך זעהר שטאַרק, אַז די אַלע זאַכען וואָס ווערען ציטירט פון די שאילתות זיינען ניט געווען אריינגענומען אין די ערשטע הלכות פון רב שמעון מקאירא, זאַנדערען רב יהודאי האָט זיי צוגעגעבען אין זיין וואַריאַציע, ווייל עס איז ווייטלויפיג צו גלויבען, אַז רב שמעון, וועלכער איז געווען רב אחא משבחא׳ס א צייט־גענאָסע, און איז נאָך אפשר געווען עלטער פון רב אחא׳ן, אַז ער זאָל שוין האָבען געזעהן די שאילתות. און איבערהויפּט נאָך דאָן, ווען לויט אונזער השערה האָט רב אחא פאַרפאַסט זיין בוך אין ארץ־ישראל און רב אחא האָט בשום אופן ניט אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל פאַר׳ן יאָהר 508 און רב שמעון האָט זיין ספר פאַרפאַסט אין יאָהר 501 (י"ד). וואָס אנבאַלאַנגט אָבער די סתם דינים פון הלכות גדולות, וואָס ענליכע צו זיי געפינען מיר אויך אין די תשובות פון שפּעטעריגע גאונים, און אָפטמאָל געפינען זיי זיך דאָרטען אין די זעלבע ווערטער זאָגאָר און מיט׳ן זעלבען לשון קאָנען מיר ניט זאָגען, אַז דאָס זיינען הוספות פון די שפּעטעריגע גאונים, נאָר מיר באַדאַרפען זאָגען פאַרקערט, אַז די אַלע זאַכען זיינען גענומען פון „הלכות גדולות" און די אַלע שפּעטעריגע גאונים האָבען זיי פון דאָרטען געשעפּט, און זיי ציטירט אין זייערע תשובות (ט"ו), און עס איז זיך דאַרויף גאָר ניטאָ וואָס צו וואונדערען, ווייל דער צוועק פון די תשובות איז דאָך געווען צו לערנען די אָנפרעגער ווי אזוי זיי זאָלען זיך פיהר־רען, און דאָס האָט זיי באַרעכטיגט צו נעמען פון וואַנען נאָר זיי האָבען געקענט, און על פּי רוב האָבען די גאונים אפילו ניט אָנגעגעבען דעם מקור פון וואַנען זיי האָבען עס געצויגען. האָט מען זיי דאָך אָפטמאָל אָנגעפרעגט אויף זאַכען, וואָס ווערען דערקלערט אין משנה אָדער אין תלמוד, און זיי האָבען געגעבען גלאַט אַן ענטפער ניט דערמאָנענדיג, אַז

אזוי ווערט געזאגט אין דער גמרא, און דאס אייגענע האבען זיי געטון ווען זיי האבען געפסק'נט א דין פון „הלכות גדולות". זיי האבען ניט אנגעגעבען די קוועלע פון וואנען זיי האבען גענומען.

ווי עס זאל ניט זיין, איז אונז איצטער קלאר, אז רב יהודאי איז געווען דער ערשטער צווישען די ראש־ישיבות, וועלכער האט באשלאסען צוזאמענצושטעלען א ספר־הלכות און איהם פארשפרייטען צווישען אידי־שען פאלק. און כאטש עס זיינען שוין געווען צו יענער צייט פאר־שפרייט ספרים וועגען הלכה: דער ספר פון רב שמעון מקאירא, די שאילתות דרב אחא משבחא, און די הלכות פון רב יהודאי גאון און אלע לערער און לומדים, פון נאהענטע פלעצער אזוי גוט ווי פון ווייטע, הא־בען זיי געהאט צו דער האנט, האט עס דאך פונדעסטוועגען די ישיבות ניט געשאדט. און אזוי ווי אמאל זיינען אויך דאמאלט אנגעקומען פילע אנפראגען צוזאמען מיט גרויסע נדבות אין די ישיבות, און קיינער אין גאנצען לאנד פון בבל און איהרע פראווינצען האט ניט געוואגט צו טון עפעס אהן דער צושטימונג פון די צוויי ישיבות. דאסגלייכען האבען אויך אלע אנדערע לענדער געהאלטען זייערע אויגען געווענדט צו די צוויי ישיבות. דען הייליג זיינען געווען די ישיבות און אויך די ראשי־ישיבות זייגען געווען פארהייליגט ביי די אידען, ווייל פון דער ווייטען האט דער שיין פון זייער הייליגקייט און חכמה געלויכטען נאך מעהר ווי פון נאהענטען. דען אזוי איז שוין פון אימער אן, אז גרויסע מענ־שען זעהען אויס פון ווייטען ווי ריזען, אהן שום פלעקען אויף זיך, וועה־רענד די וואס קענען זיי פון נאהענטען, באציען זיך ניט צו זיי מיט אזא פארגעטערונג, ווייל די וואס קענען זיי פון נאהענט האבען די מעגליכקייט זיך צוצוקוקען אויך צו זייערע חסרונות, וואס שוואכען אביסעל אפ דעם איינדרוק פון גרויסקייט. די אומבאגרעניצטע מאכט וואס זיי האבען זיך גענומען און די רעכט וואס זיי האבען זיך צוגעשריבען ארויסצוגעבען איי־גענע געזעצען, וואס געפינען זיך ניט אין תלמוד, איז צו מאנכע חכמים און תלמידים געווען דערווידער, ווייל זיי איז ניט געפעלען געווארען דאס וואס זיי מאכען זייערע אייגענע געזעצען ניט האבענדיג אויף דעם קיין ראיות פון תלמוד (הקדמת שערי צדק), און עס איז קענטיג, אז דיזע תרעומות איז געווענדט געווען אנטקעגען אט יענעם מין תשובות און פסקים וואס זיינען עהנליך געווען צו די תשובות, וואס רבי יהודאי גאון האט געשריבען — וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט דעם כאראק־טער זייערען פון פאראררנונגען און גזירות און האבען זיך ניט געשטיצט אויף קיינע ראיות, גלייך ווי אלעס וואלט געווען הלכה למשה מסיני.

און אפשר האט זיי פארדראסען אויך דאס, וואס זיי האבען געזעהן, אז די גאונים ווייכען אפטמאל אפ מיט זייערע תקנות פון דעם תלמוד. צום כבוד אבער פון די גאונים מוז דא געזאגט ווערען, אז דאס גופא, וואס האט ארויסגערופען אומצופרידענהייט ביי די דאזיגע ישיבה׳ניקעס איז געווען דער הויפט-פארדינסט און גרויסקייט פון די גאונים פאר די ווייטעריגע דורות. דאס באווייזט, אז זיי האבען געהאט אן אפען אויג פאר די באדערפענישען פון זייער צייט. און אויך אין דעם וואס זיי האבען געגעבען זייערע אנפרעגער בלויז דעם קורצען פסק־דין, ניט ארייגלאזענדיג זיך אין פלפולים און ניט בריינגענדיג קיין ראיות, איז גאר קיין עולה ניט געווען און זיי האבען דערמיט קיין שאדען ניט געבראכט, ווייל די אנפרעגער האבען טאקע בלויז געוואלט וויסען ווי אזוי אנצווועגדען דעם דין אין פראקטישען לעבען. אויך וואלט דאס אלעס גאר ניט געווען געטייגט פאר אנפרעגער פון ווייטערע פלעצער, ווייל אין די ווייטערע לענדער האבען זיי אין יענער צייט געהאט א קנאפע ידיעה אין תלמוד, און דעריבער איז זייער הויפט־אויפגאבע געווען אויפצוהאלטען און אוועקצושטעלען דעם תלמוד אויף א הויכער מדרגה אין זייער לאנד גופא, אין לאנד וואו דער תלמוד איז געבוירען געווארען, כדי זייערע קינדער זאלען איהם פארשטעהן און וויסען, און מיט דער צייט זאל ער זיך אויך פארשפרייטען איבעראל, וואו נאר אידען געפינען זיך — און די דאזיגע אויפגאבע זייערע האבען זיי געוויסענהאפט דורכגעפיהרט.

דער כאראקטער פון די תשובות
פון די שפעטעריגע גאונים.

די טענות אבער פון די יעניגע וואס זיינען געווען אומצופרידען מיט די טרוקענע תשובות פון די גאונים האבען סוף כל סוף געהאט א ווירקונג, און אין אנפאנג זעקסטען יאהרהונדערט הויבט אן א נייער ווינטעל צו בלאזען אין די תשובות פון מאנכע גאונים. זייערע תשובות זיינען שוין מעהר ניט געווען ווי טרוקענע סקעלעטען, נאר זיי האבען זיך געמיט ארייגצוגעבען אין זיי נשמה און גייסט. רב יהודאי גאון איז ניט לאנג געווען אין זיין אמט. ער איז אין עטליכע יאהר ארום געשטארבען און איינער פון זיינע בעסטע תלמידים האט פארנומען זיין פלאץ (שערי צדק, חלק ד׳, שער ג׳, סימן י״ב). דער דאזיגער תלמיד זיינער איז געווען מר רב חנינאי כהנא בן רב הונא. דער דאזיגער רב חנינאי איז געווען זעהר פיעל געאכטעט און געשעצט ביים פאלק און

זיינע רייך זיינען געווען מאסגעבענד פאר אלע גאונים, וואס האבען איהם נאכגעפאלגט, און קיינער האט ניט געוואגט אפצואווייכען פון זיין מיי־נונג, אפילו דארטען וואו מען האט געקענט געפינען א ראיה פון אן אנדער גאון (חדושי גאונים, סימן ס"ו). עס זיינען אבער אונז זעהר ווייניג תשובות פון איהם געבליבען. דערפאר ווערט געבראכט פון איהם א לאנגער פירוש אין תלמוד, וואס ער האט מפרש געווען אין „שאילתא דכלה" (הלכות גדולות, ק"מ), פון וועלכען מיר קאנען האבען א באגריף וועגען דעם כאראקטער פון די פירושים אין יענער צייט. דער פירוש וואס ווערט דארט דערמאנט אין זיין נאמען איז א זאמלונג פון הלכות איבער די דינים פון די פיער און צוואנציג „מתנות־כהונה". די מתנות, וואס די אידען האבען געגעבען צו די כהנים פון תבואה און פיה און פלייש די דינים זיינען ארויסגענומען פון תלמוד, און אויף אייניגע פון זיי האט ער געמאכט קורצע באמערקונגען און געצויגען די פאלגען פון די תלמודישע הלכות אויפ'ן שטייגער פון די „הלכות גדולות" אין אלגעמיין, און דאס איז וואס זיי פלעגען רופען פירושים. לויט ווי מיר האבען בקבלה האט רב חנינאי פארפאסט א מדרש וואס רופט זיך מדרש „אספה". ער טראגט אויף זיך דיזען נאמען, ווייל ער הויבט זיך אן מיט א דרש אויף דעם פסוק „אספה לי שבעים איש מזקני ישראל" (ט"ז). אונז איז אבער ניט פארבליבען דער גאנצער ספר. דער מחבר פון „ילקוט־שמעוני" האט איינגעהאלטען פון איהם ארום א צעהנדליג זאכען, איבערשרייבענדיג זיי אין זיין בוך, און ער מאכט די פאלגענדע באמערקונג וועגען די אויסציגע, וואס ער ברענגט פון דיזען מדרש: „און מיר האבען זיי פארשריבען פון דעם, וואס רב שמואל מר פנחס' ברודער זכור לטוב האט אונז מינדליך איבערגעגעבען, און ער האט קענען געלערענט אין דער ישיבה פון מרנא ורבנא מר חנינאי כהנא, ראש־ישיבה און גאון". און דאס איז אהן א ספק רב חנינאי כהנא, וועגען וועלכען מיר ריידען. פון דעם ווי אזוי די איבערגעשריבענע זאכען לייענען זיך, זעהט מען, אז דער מחבר האט זיי אליין פארפאסט דורך זיין אייגענער חכמה, ווייל עס ווערט אין זיי ניט דערמאנט דער נאמען פון קיין אנדער דרשן. עס געפינען זיך דארטען זעהר פיינע זאכען און שעהנע משלים און די שפראך איז נאהענט צו דער שפראך פון פסיקתא רבתי און מדרש תנחומא. אויך רב חנינאי האט ניט לאנג געלעבט אין זיין אמט, און דערפאר זיינען פון איהם פאר־בליבען זעהר ווייניג תשובות (י"ז). נאך זיין טויט, איז זיין שטעלפאר־טרעטער געווען מר רב מארי הלוי בר רב משרשיא. און פון זיין תורה איז אונז אין גאנצען גאר ניט געבליבען. נאך איהם

איז געווען מר רב ביבוי בר רב רבא פון נהר פקוד. און כאטש פון איהם זיינען אויך קיין תשובות ניט געבליבען, האט ער דאך געלאזט נאך זיך אן אנדייטונג דורך א גרויסער תקנה, וואס איז דורכגעפיהרט געווארען אין זיינע טעג. צוזאמען מיט דער פומבדיתא'ר ישיבה האט ער איינגעפיהרט איינצומאנען כתובות און חובות פון די באוועגליכע גיטער פון יתומים. נאך דעם דאזיגען גאון האבען נאכגעפאלגט נאך זיבען גאונים, ראשי־ישיבות, וועלכע האבען אנגעפיהרט זייער הערשאפט אין סורא איינער נאך דעם אנדערען ביז צום סוף פון זעקסטען יאהרהונדערט. און דאס זיינען די נעמען פון יענע גאונים: רב הילאי בר רב מארי, מר רב יעקב בר רב מרדכי (י"ח), מר רב איבומאי רב מרדכי'ס א זוהן (ראב"ד), אדער רב מרדכי'ס א ברודער (רב שרירא גאון), מר רב צדוק בר רב אשי, מר רב הילאי בר רב חנינא, מר רב קימוי בר רב אשי, און מר רב משרשיה הכהן בר רב יעקב, וועלכער איז באקאנט מיט דעם נאמען רב משה גאון. נאך איהם האט די סורא'ר ישיבה ניט געהאט קיין גאון פאר צוויי יאהר צייט, און מיר ווייסען ניט פאר וואס איז ניט נסמך געווארען איינער פון די חכמי הישיבה אלס גאון, נאר סיי ווי איז דאס געווען א סימן פון געפאלענקייט פאר דער סורא'ר ישיבה. נאך די צוויי יאהר איז מר רב כהן צדק בר מר רב אבומאי געווארען גאון און ער האט זיך געהאלטען אין זיין גרויסקייט איבער צעהן יאהר און אין זיינע טעג האט זיך געשלאסען דער זעקסטער יאהרהונדערט און זיין גאונות האט זיך אריינגעצויגען אין זיבעטען יאהרהונדערט פון פינפטען טויזענט.

צווישען די דאזיגע אלע גאונים זיינען איניגע געווען זעהר גרויס אין תורה. זייערע תשובות, ווי אויך דער גייסט פון די תשובות זיינען שוין גאר אנדערש. א היבשע צאל פון זייערע לעהרען און פסקים זיינען אריינגעקומען אין די תשובות פון די גאונים, וועלכע מיר באזיצען, און פון די דאזיגע רעשטלעך קענען מיר זעהן, ווי ווייט זיי האבען זיך געמיהט צו באגרינדען זייערע רייד מיט ראיות פון תלמוד. און דאן ווען זיי האבען ניט געקענט געפינען קיין בפירוש'ען באווייז פון תלמוד, האבען זיי גע'פסקענט דעם דין על פי סברה, מיט שכל'דיגע אויפקלערונגען, און ניט גלאט געמאכט א דין ווי זיי האבען געוואלט (י"ט). צוליעב דעם שלעכטען מנהג פון יענער פריהיגער צייט זיך אפצוגעבען אין זייערע נאטיצען און פארצייכנונגען בלויז מיט'ן הויפט צוועק פון דעם באשפראכענעם ענין און ניט האבען אין זינען די אינטערעסען פון קיינע אנדערע

צוועקען, ספעציעל נאך די אינטערעסען פון דער געשיכטע, מוז אונזער שטודיום אויף דיזען געביעט זעהר באגרעניצט בלייבען. אין די מעהרסטע תשובות, פון וועלכע מיר קענען זיך מאכען א באגריף פון דעם לעבען פון די גאונים און זייער ווירקען, זיינען די ענטפערס פארצייכענט בלויז מיט די ערשטע נעמען פון די ענטפערערס און עס ווערען אפילו ניט גע־בראכט די נעמען פון זייערע פאטערס, און דאס פיהרט צו דעם, וואס מיר קענען לייכט מאכען פעהלערען, פארבייטענדיג איין גאון אויפ'ן צווייטען. למשל, אונטער'ן נאמען רב הילאי זיינען אונז באקאנט דריי גאונים: רב הילאי בן רב מארי, רב הילאי בן רב חנינא, און רב הילאי בן רב נטרונאי, ווייסען מיר אבער ניט צו וועלכען רב הילאי באלאנגען אט יענע אלע תשובות, וואס טראגען אויף זיך רב הילאי'ס נאמען. דאס זעל־בע איז אויך מיט די תשובות, וואס זיינען צוגעשריבען צו רב יעקב'ן, ווייל אויך דיזען נאמען האבען דריי געטראגען: רב יעקב הכהן פון נהר פקוד, רב יעקב בר רב מרדכי און רב יעקב בר רב נטרונאי. רב כהן צדק'ס זיי־נען אויך געווען צוויי. איינער איז געווען רב כהן צדק בר רב אבומאי, ראש־ישיבה אין סורא, און דער צווייטער רב כהן צדק האט געלעבט שפעטער, און דער נשיא דוד בן זכאי — האט איהם געמאכט פאר ראש־ישיבה אין פומבדיתא. בלויז אין געצעלטע פעלע געלינגט אונז צו דער־געהן אויף קלאר, דורך דער האנדלונג פון די תשובות, צו וועלכען פון די גאונים זיי געהערען (כ). און דעריבער וועלען מיר ריידען נאר וועגען איינציגע פון די גאונים פון יענע דורות — איבער די, וועגען וועלכע מיר ווייסען גענוי און זיכער, ווער זיי זיינען, ווי אויך, אז יענע תשובות, וואס זיינען צוגעשריבען צו זיי — באלאנגען מיט אן אמת צו זיי און ניט צו קיין אנדערע. און פון דעם ענין, וואס זיי באהאנדלען, וועלען מיר אויך קענען זיך שאפען א בילד וועגען דער צייט, אין וועלכער זיי האבען גע־לעבט און וועגען די מעטאדען, מיט וועלכע מען האט זיך אין יענער צייט באנוצט אין למוד התורה.

דער גאון מר רב צדוק בר רב אשי
און די תקנות, וואס ער האט
מתקן געווען.

זעהר פיעל געאכט און געשעצטביים פאלק פאר זיינע מדות און מעלות איז געווען מ ר ר ב צ ד ו ק בר רב אשי — דער ראב"ד רופט זיין פאטער מיט'ן נאמען ישי. שטאמען שטאמט ער פון א גע־

הויבענער פאמיליע, און עס קען זיין, אז רב קימוי בר רב אשי איז זיינער אן איינגערער ברודער געווען. זיין זוהן מר רב נחשון איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין אנפאנג פון זיבעטען יאהרהונדערט, און עס זעהט אויס, אז ער האט געהאט נאך א זוהן מיט'ן נאמען מארי, אדער אבא מר, וועלכער איז אויך געווען איינער פון די גרויסע חכמים. ער האט אבער ניט געקראגען סמיכות אויף גאון (כ"א). ווייניג זיינען די תשובות וועלכע זיינען צו אונז דערגאנגען פון איהם. וואס מיר וויסען פון איהם און זיין ווירקען איז בלויז דורך די תשובות פון אנדערע גאונים, אבער אט דאס ביסעל, וואס מיר וויסען פון איהם, זאגט עדות אויף זיין גראדען שכל, און באווייזט, אז רב צדוק איז געווען דער איינציגער מענש אין זיין צייט, וועלכער האט פארשטאנען, וואס די צייט פאדערט פון די פיהרער פון פאלק. מיט פארשטאנד און איבערלעגונג האט ער איינגעפיהרט נייע תקנות איינצופיהרען גערעכטע געזעצען ביים פאלק. איינע פון זיינע תקנות איז: געבען א שבועה דעם יעניגען, וואס איז פארדעכטיגט אין רויבען דעם צווייטענס לאנד, אין געגענזאץ צו דעם, וואס די בעלי־המשנה און תלמוד האבען באשלאסען, אז מען גיט ניט קיין שבועה אויף דעם (שבועות פרק ו'). און עס איז קיין ספק ניט, אז די דאזיגע ערד־רויבערייען זיינען געווען א געוועהנליכע ערשיינונג אין יענער צייט, ווייל די אידען פון בבל זיינען געווען גוט־באזיצער און זיך פארנומען מיט ערד־ארבייט. ווארים מען פאסט דאך ניט קיין תקנות אויף זאכען, וואס זיינען ניט קיין געוועהנליכע ערשיינונג. דער גאון האט איינגעזעהן, אז דורך דער געפאסטער הלכה פון תלמוד ליידעט דער אמת. דער בארויבטער פלעגט שרייען געוואלד אויף דעם, וואס האט איהם פון זיין לאנד בארויבט, און האט קיין הילף ניט געקענט קריגען צוליעב דעם דין פון תלמוד. ווארים אפילו ווען דער בארויבער פלעגט זיך טיילווייז מודה זיין (מודה במקצת) אויף זיין פארברעכען, אדער אין א פאל אוואו עס איז בלויז געווען איין עדות אויף דעם, פלעגט דער אנגעקלאגטער אויך אוועק געהן ניט באשטראפט און דער קלאגער פלעגט איהם אפילו ניט קענען צווינגען צו א שבועה — האט רב צדוק איינגעזעהן, אז די צייט פאדערט אפצונייגען פונ'ם דין אין תלמוד, און האט דעריבער געמאכט א נייע תקנה, יא צו געבען א שבועה אין אזא פאל. דער גאון האט געוואוסט, אז איינפיהרען אזעלכע נייעסען אין געגענזאץ צום תלמוד איז א גרויס געפאהר. ווייל דאן איז געווען די צייט, ווען עס איז רייף געווארען די באוועגונג צו באקעמפען דעם תלמוד און פיעלע האבען אפענערהייט זיך געשטעלט געגען תלמוד און „תורה־שבבעל־פה"

אין אלגעמיין. און דעריבער איז געווען זעהר געפעהרליך איינצופיהרען נייע זאכען אין ווידערשפרוך צום תלמוד, עס זאל ניט אויסזעהן, אז מען געהט צוזאמען מיט די געגנער פון דער אידישער טראדיציע. און דעריבער האט ער ערקלעהרט, אז זיין תקנה ווידערשפרעכט ניט דעם תלמוד און משנה, ווייל נאך זיין מיינונג איז דער דין פון משנה געפאסט געווארען בלויז פאר יענע ערשטע דורות, ווען מען פלעגט שווערען מיט א ספר־תורה.*) אין זיין צייט אבער, ווען מען האט צוליעב די רמאים (שווינד־לער) אפגעשאפט די שבועה איבער א ספר תורה, און מען באשווערט נאר מיט דעם „ארור" איז ניט גילטיג מעהר דער דין פון דער משנה (חדושי גאונים, סימן כ"ב). און די דאזיגע תקנה האבען די ישיבה־לייט אויפגענומען און זיי איינגעפיהרט איןביידע ישיבות (כ"ב). דאס גליי־כען געפינען מיר, אז ער האט געמאכט א נייע תקנה מכח איינמאנען קנס (שטראף־געלט) אין בבל. לויט דער אנגענומענער הלכה אין תלמוד קען מען קיין דינים פון קנס אין בבל ניט איינפיהרען, און מיר זעהען, אז אין יעדער זאך, וואס האט געהאט א שייכות מיט דעם כבוד פון ארץ ישראל, זיינען די בבלים געווען זעהר נאכגעביג צו די חכמים פון ארץ ישראל, און ניט געוואלט ביי זיי אוועקנעמען זייערע פריווילעגיען. אין דיזער אנגעלעגענהייט אבער איז דורך דעם זעהר א שווערע לאגע גע־שאפען געווארען, ווייל דורך דעם איז די גערעכטיגקייט און ארדנונג גע־שטערט געווארען, און דיער וואוילשטאנד איז אין געפאהר פון אנגריי־פער געשטעלט געווארען. דעריבער זעהען מיר, אז נאך אין די צייטען פון די בבל'ישע אמוראים האבען זיי שוין אנגענומען מיטלען אפצור־שוואכען די ווירקונג פון דאזיגען געזעץ. און איינינע פון די אמוראים, רב חסדא, און שפעטער רבא און רב פפא, האבען זיך מיט איהם ניט שטענדיג גערעכענט. אבער וויפיעל די אמוראים זאלען ניט געווען לייב־טער מאכען דעם מצב, האבען זיי דורך דעם נאך אלץ ניט גע־מאכט קיין ענדע צום דאזיגען איבעל און צו די אנגריפע פון שלעכטע מענשען, ביז רב צדוק גאון איז געקומען און איינגעפיהרט זיין נייע תקנה. ווען עס איז פארגעקומען פאר איהם א משפט אין דיני־קנסות אוואו ער האט געזעהן, אז דער אנגרייפער איז שולדיג, נאר דאס געזעץ שטערט איהם ארויסצוגעבען דעם פסק, דער מזיק זאל באצאהלען דעם גע־געריגען קנס צום ניזוק, פלעגט ער זאגען דאן צום מזיק דאס פאלגענדע:

---

*) פארשאלטען זאל איך זיין א. וו. און עס ווערט ניט דערמאנט דער נאמען פון גאט אין דער שבועה.

„קיין באשטימטע שטראף לעג איך אויף דיר ניט ארויף, נאר איך באַ־פעהל דיר, געהן צו דעם געשעדיגטען און איהם איבערבעטען מיט רייד אדער מיט געלט" („שערי צדק", חלק ד', שער א', סימן ב' און י"ד; „חדושי גאונים", ט'). ער האט זיך אבער ניט באגנוגענט בלויז מיט דער עצה טובה, נאר ער פלעגט אויך צווינגען דעם באשעדיגער, ער זאל טון, וואס ער הייסט, און יענעם, וואס פלעגט ניט פאלגען, פלעגט ער ארייננווארפען אין חרם (כ"ג), און אז דעם מנהג, וואס רב צדוק האט איינגעפיהרט אין זיין בית־דין, האבען זיך אויך אלע וויטעריגע אידישע גערינכטסהייזער געהאלטען. אויסער דעם געפינט מען פון איהם נאך פיעל אנדערע תקנות און נייע פסקים, פון וועלכע די פריהעריגע גאונים האבען קיין אהנונג ניט געהאט, און די ישיבות האבען זיי אנגענומען און לויט זיי נאך געלערענט דעם פאלק (כ"ד). דער דאזיגער גאון האט גע־האט די נייגונג אין אלעם מחמיר צו זיין. און צוליעב דעם פלעגט ער צייטענווייז זיך פאנאנדערגעהן אין מיינונגען מיט'ן גאון מר רב יעקב בן רב מרדכי, וועלכער איז געווען דער סורא'ר ראש־ישיבה נאך רב הילאי בר אבא מארי. דער דאזיגער מר רב יעקב פלעגט זיין א מיקל (פארלייכטערער) אין פיעלע זאכען, און רב צדוק און רב אבומאי — וואס, ווי עס זעהט אויס, זיינען זיי געווען אין דער צייט פון רב יעקב'ס גאונות: איינער אב־בית־דין און דער צווייטער ריש־כלה, פלעגען זיך מיט איהם דערפאר ארומקריגען. רב פלטוי דערצעהלט אין איינער פון זיינע תשובות, אז רב יעקב האט אמאל ערלויבט צו אונטערזוכען א סרכה*) אויפ'ן הארצען פון א בהמה — זיינען רב אבומאי און רב צדוק און נאך אנדערע תלמידים צו איהם געקומען און אויסגעזעצט אנטקעגען דעם. רב יעקב האט זיך אבער פארענטפערט, אז דאס איז ניט געווען קיין אמת'ע סרכה, וואס ציהט זיך ווי א פאדעם, נאר עס איז בלויז געווען עטוואס אזוינס, וואס איז לייכט פאנאנדערגעפאלען דורך א טרייסעל. האט איהם רב צדוק געענטפערט, אויב נאר דאס טהוסטו, האבען מיר אויף דיר קיין תרעומות ניט. נאר מיט אן אמת'ען אבער זעהט אויס, אז עס איז בלויז געווען א תירוץ, איבערצובעטען זיינע באקעמפער, ווייל רב נטרונאי גאון האט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן רב יעקב'ס תשובה און עס איז אין איהר געווען צוגעשריבען: „און דאס האט רב יהודאי גאון געזאגט". און וועגען וואס רעדט זיך דארטען? וועגען דעם היתר פון א סירכא צום

---

*) צוואוואוקס, וואס איז א דין הייטעל אדער ווי א פאדעם פון פלוי־סיגקייט.

פעטס פון הארצען, אזוי ווי די פרעגער האבען עדות געזאגט אויף רב יעקב'ן און ניט ווי ער האט זיך פארענטפערט. און רב נטרונאי האט איהם חושד געווען, אז ער האט עס קיינמאל ניט געהערט פון רב יהודאי'ן, און רב יהודאי האט עס קיינמאל ניט געזאגט. ער האט חושד געווען אז רב יעקב האט זיך מיט א כיון פאררופען אויף רב יהודאי'ן, כדי מען זאל אננעמען זיינע רייד (זעה חידושי גאונים, סימן ט"ו, האשכול, חלק ג'. 49; רא"ש חולין פ"ג, סימן י"ד). פון דעם זעהען מיר, אז אין עניין פון סרכות-הריאה (לונגען) איז נאר דאן ניט אלעס שוין געווען איינגע-שטעלט און קלאר ביי יענער צייט, און אז פיעלע פון די גאונים, איבער-הויפט רב יעקב גאון, און אויב מיר זאלען גלויבען די תשובה, וואס רב נטרונאי האט געזעהן, באלאנגט צו זיי אויך רב יהודאי גאון, ניט געגאנגען אין אזעלכע שאלות ביז צום עקסטרים, און זיי האבען כשר געמאכט ווי ווייט זיי האבען נאר געקענט זיך פארלאזען אויף זייער שכל, כדי ניט צו פארניכטען קיין אידיש געלט, און מיר זעהען אויך, אז רב צדוק און זיינע חברים האבען געצוואונגען רב יעקב'ן זיך צוריקציהען פון זיין הוראה, און מיר וועלען זיך ניט טועה זיין, מאכענדיג א באהויפטונג, אז רב צדוק איז דער פאטער פון חומרות בנוגע צו „סירכות למקום אחר" (סירכות, וואס ציהען זיך צו אן אנדער פלאץ). און ווירקליך אט די חומרות זיינען געווארען די זריעה פון די אלע אנדערע חומרות, וואס די קומענדע דורות האבען מחדש געווען בנוגע צו סירכות, ביז זיי האבען אפילו טריף געמאכט א סירכה, וואס פאלט פאנאנדער דורך א טרייסעל. וועלכע די גאונים האבען געהאלטען פאר כשר, און אום ניט צו זיין אין ווידערשפרוך מיט די גאונים, האבען זיי געזאגט, אז אין די לעצטע דורות קאן מען זיך אויף דיזען אנאליז ניט פארלאזען, ווייל מיר זיינען ניט באהאווענט, ווי די פריהעריגע דורות אין דער דאזיגער גרויסער וויסענ-שאפט (זעה בית יוסף, יורה דעה, סימן ל"ט).

א צווייטען מאל האט ר' יעקב מתיר געווען א קימפעטארין, וואס האט ניט געזעהן קיין סך בלוט, אז זי דארף „ניט זיצען קיין זיעבען ריינע טעג". און כאטש אין דעם האט רבי יעקב זיך ניט פארלאזען אויף זיך, נאר געטאן, ווי עס איז בפירוש געשריבען אין תלמוד, פונדעסט-וועגען איז דאס רב צדוק'ען ניט געפעלען געווען, זאגענדיג, אז אין די לעצטע דורות קאן מען זיך ניט פארלאזען אויף דער ידיעה פון אידישע פרויען, אונטערצושיידען צווישען פיעל און וועניג. און דעריבער דארף זי סיי ווי סיי זיצען זיעבען ריינע טעג (חדושי גאונים, סימן ס"ח; האשכול, חלק א', 91 און אין מרדכי, הלכות נדה, תשל"ח). פון די

אלע זאכען קאנען מיר האבען א געגויען באגריף וועגען רב צדוק'ס כאַראקטעריסטישע שטריכען אין זיינע לעהרען. ער האט געמאכט א גרויסען שריט פארווערטס, איבער די גרעניצען, וואס דער תלמוד האט פעסטגעשטעלט און האט געהאט א גרויסען חלק אין דער ענטוויקלונג פון דער טראדיציע פון די זקנים — אין דער צייט־עפּאכע פון די גאונים. און כאטש מיר קאנען ניט זאגען, אז ער האט אונז דעם עול פארגרינגערט דורך זיינע חומרות, קאנען מיר אבער דאך ניט לייקענען, אז ער האט פארשטאנען, אז דער צוועק פון דער תלמודישער לעהרע איז ניט צו בלייבען אויף איין שטאנד שטענדיג, נאר איהר צוועק איז צוזאוואקסען און בליהען און ארויסצוברענגען אלץ נייע פרוכטען אין יעדער צייט.

מר רב משה גאון.

צו די דורות גאונים, וועלכע האבען געלעבט אין צווייטען העלפט פון זעקסטען יאהרהונדערט, און וועגען וועלכע מיר האבען געזאגט, אז זיי זיינען שוין געגאנגען אויף א בעסערען וועג אין דער תורה, ווי זייערע פארגענגער, געהערט אויך מ ר ר ב מ ש ר ש י ה בר רב יעקב הכהן, וואס איז באקאנט מיט'ן נאמען רב משה גאון. און עס קאן זיין, אז ער איז געוועזען א זוהן פון מר רב יעקב בר רב מרדכי, ווייל אזוי פלעגען זיך די ישיבות אין בבל פיהרען, אז דער זכות פון טאטען פלעגט ביישטעהן דעם זוהן צו ירש'נען זיין גרויסקייט. אפטמאל פלעגט ער באלד איבערנעהמען זיין פאטערס פלאץ און אמאל שפעטער. פון דעם דאזיגען רב משה זיינען אונז איבערגעבליבען פיעלע תשובות אין די פארשיידענע תשובות־זאמלונגען, וואס מיר באזיצען, און פון די תשובות קאנען מיר זעהן, אז ער איז געוועזען פון די געצעהלטע, וואס האבען טיף פארשטאנען די הלכה. זיינע תשובות זיינען געשריבען מיט א פיינע שפראך, אין א לאגישען ארדנונג און אין א פיינעם סטיל. און אין דעם וועג פון זיין מפלפל זיין זיך מערקט זיך שטענדיג א גראדער און קלאַרער שכל. אויך ווייזט ער אן אין זיינע תשובות די קוועלען און מאטיוען פון די דינים און שלוסען, צו וועלכע ער קומט (חדושי גאונים, סימן ס"ב —ס"ז; גאונים קדמונים, סימן קנ"ב. גאוני מזרח אין בית תלמוד, סימן ס"ב—ס"ה). צייטענווייז ברענגט ער צוזאמען מיט יענער הלכה, אויף וועלכער מען פרעגט איהם, אויך אלע אנדערע מעגליכע אופנים, וואס קאנען האבען א שייכות מיט יענעם ענין (שערי צדק, חלק א', שער ב', סימן י"ג, שער ג', סימן ו' ט"ו, שער ד', סימן י"ד, שער ה', סימן ה').

די מעהרסטע תשובות זיינע זיינען געשריבען אין א לייכטער קלארער שפראך. אין איינער פון זיי געפינען מיר זעהר א וויכטיגען כלל בנוגע דינים, נעמליך: אויב עס איז געפאסט געווארען א תקנה אפילו מיט דער צושטימונג פוןביידע ישיבות, מעג דער גאון אפווייכען פון יענער תקנה אין אזעלכע ערטער, אוואו פאר אזא תקנה איז קיין פלאץ ניטא, צוליעב דעם ווייל דער הויפט-מאטיוו פון דער תקנה האט קיין באדען ניט אין יענע פלעצער. געהאנדעלט האט עס זיך וועגען דער תקנה, וואס די ישיבות האבען איינגעפיהרט אין די צייטען פון רב הונא הלוי, ראש ישיבה פון פומבדיתא, און רב ביבוא בר רבא פון נהר פקוד, דער גאון פון סורא, אז מען זאל מעגען איינמאהנען פאר א חוב און פאר א כתובה פון די אומבאוועגליכע גיטער פון יתומים. און רב משה האט די דאזיגע תקנה מבטל געווען פאר יענע פלעצער, אוואו דאס הויפט פארלאזען זיך פון בעל חוב און פון דער פרוי איז ניט געווען אויף די אומבאוועגליכע גיטער, זיך באגרינדענדיג אויף דעם, וואס די תקנה איז בלויז געשאפען געווארען פאר אזעלכע פלעצער, אוואו מען האט זיך פארלאזט אויף די אומבאוועגליכע גיטער, ווארום דער רוב זיינען ניט געווען קיין גוט-באַזיצער (אויבען פרק ג'). אין אנדערע ערטער אבער, וואו די מעהרסטע מענשען באזיצען ערד — מאנען מיר ניט איין די כתובה פון דער פרוי און קיינע חובות בלויז פון באדען... (חדושי גאונים, סימן ס"ה). אזוי האט ער מבטל געווען די תקנה פון ביידע ישיבות אין א פלאץ וואו דער מאטיוו פאר דער תקנה עקזיסטירט ניט.

צוקוקענדיג זיך און באטראכטענדיג די איינציגע פונקטען, וואס איך האב אנגעווארפען, דערזעהען מיר, אז א גרויסע גייסטיגע ענדערונג איז פארגעקומען נאך רב יהודאי גאון, אז אנדער גייסט האט אנגעהויבען הערשען אין די תשובות און אין די פסקים פון די ישיבות. זיי האבען זיך אנגעשטרענגט צו באגרינדען זייערע רייד מיט ראיות און באווייזע, און פון דעם פארשטעהען מיר, אז עס זיינען אנגעשטאנען אזעלכע צייטען, ווען זייערע לעהרען און רייד האבען זיך גענויטיגט אין גרוים באַפעסטיגונג. און ווירקליך האבען אין יענער צייט ערוואכטביים אידי־שען פאלק נייע אידעען, פון וועלכע עס האט א לעבענס-געפאהר געדראהט פאר דער תורה פון די גאונים. פון זייער מיטע זיינען ארויס די יעניגע, וואס האבען די גאונים און זייער לעהרע באקעמפט. מיט אומ־צופריעדענהייט מיט די גאונים און זייער פיהרונג האבען זיי אנגעהויבען, און געגאנגען טריט ביי טריט אלץ ווייטער און ווייטער אין זייער מחלוקות און אומצופרידענהייט כיט'ן תלמוד און אלע זיינע געזעצען, ביז

זיי זיינען דערגאנגען צו לייקענען אינגאנצען אין דער תורה שבעל פה.
דאס אידישע פאלק האט זיך צוטיילט אין צוויי לאגערען און די לעהרע
פון אידענטום איז דאן אויף צווייען צוריסען געווארען.

פינפטעס קאַפּיטעל.

די אנטשטעהונג פון קאַראַאיזם*).

דער לימוד־התורה אין ארץ ישראל
אין דער צייט, ווען דער „תלמוד־ירושלמי“
איז געשלאָסען געוואָרען.

אין די טעג פון די לעצטע ארץ ישראל'דיגע אמוראים איז די פאַר־שונג אין הלכה שוואכער געוואָרען. די מערסטע דרשנים האבען זיך אפּגעגעבען מיט דער אגדה. איינער פון די לעצטע חכמים פון ארץ ישראל מיט'ן נאמען רב שמואל בן רב יוסי בן בון האט געזאָגט דאָס פאָלגענדע גלייכווערטעל אויף זיינע צייט־גענאָסען: צו ווענען איז געגליכען דער בעל־התלמוד? — יענער וואָס גיט זיך אָב מיט תלמוד, צו איינעם וועל־כער טראָגט זיך ארום מיט גאָלדשטיקער און קען זיי ניט אויסברענגען. און דער בעל אגדה צו ווענען איז געגליכען? צו איינעם, וואָס האט קופערנע מטבעות, און קען זיי לייכט אויסברענגען. און ווער קען דען פון די ווערטער ניט פארשטעהן געגוי דעם צושטאנד פון יענער צייט?

*) איידער איך הויב דאָ אָן צו ריידען וועגען די קראים בין איך מוסר מודעה, אז איך נעם אויף זיך ניט צו שרייבען אויספיהרליך וועגען דער קאַ־ראַאימישער סעקטע, און בעזאנדערס וועגען זייער בריטער ליטעראַטור און ווע־גען זייערע אלע געלערטע, ווארום דארויף באַדארף מען א באַזונדער חבור, און עס האָבען שוין געשריבען וועגען דעם פילע קאָמפּעטענטע געלערנטע אין ספּע־ציעלע ווערק. מיין שטודיום אבער וועגען די קראים וועט זיין אויף אזויפיל, אויף וויפיעל איך באַדאַרף עס האָבען צו פאַרשטעהן די צייט פון די גאונים, זייער לערע און פאָרשונגען און אויף אזויפיעל, אויף וויפיעל, דיזער געגענ־שטאַנד בארירט די תורה שבעל פה. און צוליעב דיזען טעם האָב איך צוזממערס־טען באַגרעניצט מיין ארבייט נאָר אויף דער פאָרשונג אין די קוועלען פון די קראים, ווארום לויט מיין אָרימען שכל וועט דאָס מיר זיין גענוג פאַר דעם הויפּט־צוועק מיינעם. א. ה. וויס.

דער פארלאנג פון דעם דרשן אזוי גוט ווי פון דעם צוהערער איז געווען געווענדעט בלויז צו דער אגדה. און נאטירליך האט זייער פארטיפען זיך אין דער אגדה געפאדערט גרויס קענטנים אין תנ"ך און דקדוק. ווארום דער תנ"ך איז דער פונדאמענט איהרער און דער דקדוק זיינער איז איהר ווינקעל־שנור. און אין ארץ ישראל אוואו עס האבען זיך געפונען פילע אנהענגער פון דער קריסטליכער רעליגיאן האט זיך די קענטנים אין פאר־שונג פון תנ"ך געפאדערט נאך שטארקער, ווייל זיי האבען געהאט צו טון שטענדיג מיט די פארשטעהער פון קריסטליכען גלויבען, וועלכע האבען זיי קיין רוה ניט געגעבען, מיט זייערע דעבאטען און מיט פראגען אין תנ"ך. און עס זעהט זיך או, אז איינע פון די הויפט אורזאכען, צוליב וועלכע די חכמי־ארץ־ישראל האבען געשלאסען דעם תלמוד אין ארץ־ישראל איז געווען דאס, וואס די לומדים האבען פארלארען זייער אמא־ליגען ברען פאר'ן שטודיום פון הלכה, און האבען זיך גענומען אפגעבען מיט'ן תנ"ך און זיין פארשונג. און ווירקליך דאס פארנעמען זיך מיט'ן שטודיום פון תנ"ך האט אפגעצויגען פילע מענשען פונ'ם תלמוד, ווייל אזוי ליגט עס שוין אין נאטור פון דער זאך, אז ווען מען פארטיפט זיך אין תנ"ך, וואס איז דער פונדאמענט פון אידישקייט און זיין שפראך, און וואס מעהר מען טראכט זיך אריין אין גייסט פון תנ"ך, און מען טרינקט זיך אן מיט זיינע געדאנקען און אידייען וואס גיבען אזוי פיעל שפייז אונזער הארץ און נשמה — אלץ מעהר לאזען זיך אב די הענט פון דעם גאנצען תלמודישען משא ומתן און פלפול זייגעם, וואס האבען ניט די קראפט צוציען צו זיך די הערצער, און זיינען נאהרונג בלויז פאר אונזער לאגיק און שכל. ווען מיר זאגען אבער, אז דער למוד התלמוד איז ביי זיי אפגעשוואכט געווארען אביסעל, מיינען מיר ניט מיט דעם צו זאגען, אז זייער רעליגיעזער לעבען האט דורך דעם געליטען, און זיי האבען זיך אויך אין זייערע טהאטען און פיהרונג דערוייטערט פון תלמוד. דאס ניט, ווייל מיר האבען אין ערגעץ ניט געזעהן און ניט געהערט, אז אזוינס זאל האבען פארגעקומען אין ארץ־ישראל — נאר מיר זעהען נאך, אז ס'איז געווען אומגעקערט. פון די פארשיידענארטיגע מנהגים וואס האבען עקזיסטירט אין ארץ ישראל און בבל, זעהען מיר, אז אין ארץ ישראל זיינען זיי אוועק אין פרומקייט נאך ווייטער ווי דער תלמוד האט פארגעשריבען, און מיר קענען געווים ניט זאגען, אז צוזאמען דער־מיט, וואס דער שטודיום אין תלמוד איז אפגעשוואכט געווארען, איז אויך אפגעשוואכט געווארען דער גלויבען אין איהם. און אפשיטא שוין, אז עס איז אוממעגליך צו דענקען, אז ווען דער שטודיום פון תלמוד האט

אנגעהויבען געהן צוריקווערטס, איז אויפגעשטאנען א גרופע אדער א סעקטע, וועלכע זאל האבען געוועזן באקעמפט די תורה שבעל פה און איהר אפּלייקענען. אבער דאס קענען מיר יא זאגען, אז צוליעב דעם, וואס זיי האבען אויפגעהערט זיך צו פארטיפען אין תלמוד, ווייל דער תלמודישער פלפול איז זיי שוין מעהר ניט געווען צום הארצען, און האט ניט געקענט באפרידיגען זייער דורשט צו פארשטעהן דעם ריכטיגען און איינפאכען פשט פון תנ"ך — אין וועלכען זיי האבען טרייסט און האפנונג געפונען, אז צוליעב דעם אלעם איז זייער הארץ געווארען אפען פאר ספקות, און זיי זיינען געבליבען אומצופרידען מיט'ן גייסט פון די מדרשים, וואס ווייכען אב פון דעם איינפאכען זין פון תנ"ך. און כאטש אין זייער רעליגיעזען לעבען האבען זיי זיך געהאלטען אן די מנהגים פון זייערע פאטערס, און האבען זיך געפיהרט אין אלעם לויט דעם תלמוד, איז אבער טעארעטיש זייער גלויבען אין אמת פון די מדרשים געפאלען. און דעריבער וועלען מיר זיך ניט וואונדערען, ווען מיר וועלען געפינען, אז אין שפעטערע אדער פריערע צייטען ווען עס זיינען אויפגעשטאנען אזעלכע מענשען, וואס האבען גערעדט אנטקעגען תלמוד און זיך אויסגעלאכט פון זיינע מדרשים — איז זיי לייכט אנגעקומען מאנכע פון די אומצופרידענע אין גאנצען אפּצואוועגדען פון תלמוד; די דאזיגע מסיתים און מדיחים האבען פאר זיך געפונען אן אויסגעטראטענעם וועג צוצוקומען צו זייער ציל. דאס אייגענע איז אויך געווען אין בבל. מיר האבען שוין געזעהן פון פארשיידענע פאקטען, אז אין דער צייט פון די דארטיגע אמוראים, ווען דער תלמוד'ישער פלפול האט אנגעהויבען זיך פארנאנדער צו בליען אין די ישיבות, זיינען געווען אזעלכע חכמים און תלמידים וועלכע זיינען מיט דעם וועג ניט געווען צופרידען. אויך צווישען פאלק זיינען געווען אזעלכע מענשען, וואס זיינען ניט געווען צופרידען מיט די חכמים און זייער טעטיגקייט. פרעגענדיג וואס אזעלכעס האבען די רבנים אויפגעטאן מיט זייערע לעהרען? אמת, די דאזיגע אומצופרידענהייט איז נאך דאן געבליבען בלויז ביי ווערטער און האט זיך נאך ניט פארווירקליכט אין טהאטען. אבער אין די שפעטעריגע דורות זיינען אויפגעקומען פארשיידענע וויכטיגע אורזאכען וואס האבען געבראכט דערצו, אז די באהאלטענע אומצופרידענהייט זאל זיך ארויסרייסען אפען פאר דער וועלט. דער געדאנק וואס איז געווען פארשלאסען אין די הערצער האט זיך פארווירקליכט אין טאטען, ווייל גרוים איז געווען די צאל פון יענע מענשען, וואס האבען אנגעהויבען צווייפלען אין די וועגען פון תלמוד און זיין אמת, און צולעצט האבען זיך די פארשווערער געגען תלמוד ארגאניזירט אין א

באזונדער חברה, און פון דיזער חברה איז א רעליגיעזע סעקטע געוואַ־
רען — די סעקטע קאַראַאימען.

אַ צייט פון רעליגיעזע ספיקות.

מיט דער גאַנצער מאכט וואָס די גאונים האָבען באַקומען פון די ראשי הגולה און פון דער רעגירונג ווי אויך דורך זייער אייגענעם אַנזעהן, און מיט זייער גאַנצער אַנשטרענגונג אַנצופיהרען זייער הערשאַפט מיט אַ שטאַרקער האַנט און אַרויפצווינגען זייער ווילען אויף יעדען איינעם, האָבען זיי דאָך ניט געקענט איינצאַמען דעם נייעם גייסט פון דער צייט. שוין מיט נאָר אייניגע דורות שפּעטער, ווי דער תלמוד איז געשלאָסען געוואָרען האָט ביי פילע אידען ערוואַכט דער באַגעהר פאַר אַלגעמיינע וויסענשאַפטען. שוין אַ צייט פריער האָבען זיך מאַנכע מענשען באַמיט צו פאַרטיפען אין איינפאַכען זין פון תנ"ך, און צו שטודירען דעם דקדוק פון דער הייליגער שפּראַך, און ווי עס ווערט דערצעהלט האָבען זיי אויך פאַרפאַסט פּיוטים אין אַ ריינער העברעאישער שפּראַך. דאָס איז ניט נאָר אַ לעגענדע, ווייל מיר באַזיצען היינט שעהנע פּיוטים פון יענער פריי־היגער צייט, וואָס בעשטעטיגען, אַז זיי האָבען געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין דער העברעאישער מליצה (א). אין די שריפטען פון די ערשטע קאַראַאימען געפינט מען אַנדייטונגען אויף אַז אַלפאַבעטישען ווערטערבוך וואָס שטאַמט פון יענער אַלטער פריהיגער צייט. דאָס דינט אונז פאַר אַ זיכערען צייכען, אַז זיי האָבען געזוכט צו פאַרשטעהן דעם איינפאַכען פשט פון תנ"ך. און דאָס איז אויך געווען די הויפּט־סבה וואָס האָט געווירקט אויף זיי, עס זאָל זייער אינטערעס אַפּגעשוואַכט ווערען צום דרש פון תלמוד, ווי אויך צום תלמוד אין אַלגעמיין (ב). עס קען אָבער דאָך גאָר אויפ'ן געדאַנק אפילו ניט קומען צו באַהויפּטען, ווי אַנדערע מיינען (לקוטי קדמוניות פון ר' שמחה פינסקער), אַז די אַלע וואָס האָ־בען זיך דאַן אַפּגעגעבען מיט אַנדערע חכמות, ווי מיט שפּראַך, פּאָעזיע און דקדוק, האָבען באַלאַנגט צו דער סעקטע קאַראַאימען און זיינען שוין געווען אַפּגעפּרעמדט פון די רבנים און זייערע לערען. ווייל אַפילו די יעניגע, וואָס האָבען זיך אין יענער צייט אַפּגעגעבען בלויז מיט'ן תנ"ך, און ניט מיט'ן תלמוד און מדרש, האָבען זיך אין זייער גלויבען, געזעצען און מנהגים געפיהרט אין אַלעם לויט דער תורה שבעל פּה. ווארום שוין אין די גאָר פריהסטע צייטען זיינען דאָך שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך אַפּגעגעבען בלויז מיט'ן תנ"ך, און די חכמי־התלמוד האָבען

פאַר זיי אימער נאָר א גוט־וואָרט צו זאָגען (ג). זיי האָבען זיך אונטער־שיידט פון די חכמי־התלמוד בנוגע צום געביט פון זייערע פאַרשונגען, אָבער ניט אין זייערע לעבענס־פיהרונגען. אָבער דאָס איז שוין איינע פון די קאַראַאימישע פעלשונגען וואָס אַוואו נאָר זיי געפינען איינעם, וועלכער האָט זיך אויסשליסליך אָפגעגעבען מיט'ן תנ"ך, צו מאַכען איהם פאַר זייערען א געזינונגס־גענאָסע און איהם רופען: רעליגיאָנס־ברודער. און זיי האָבען זיך אפילו ניט צוריקגעהאַלטען צו פעלשען זאַכען לויט זייער שיטה אויף זיין נאָמען. די צווייטע סבה, וואָס האָט געווירקט אויף מאַכען אָפצושפאַלטען זיך פון תורה שבעל־פה, איז געווען דער אַנשטעקענדער ביישפיל; די אַנטשטעהונג פון דער מחמדאַנישער רעלי־גיאָן און איהר אנטוויקלונגס־פּראָצעס. אויך דאָס אַלעס האָט אונטער־געגראָבען דעם גלויבען אין תורה שבעל־פה. שוין אין די ערשטע דורות ווי די דאָזיגע רעליגיאָן איז ערשינען, זיינען געווען גרויסע מיינונגס־פאַרשיידענהייטען צווישען איהרע אנהיינגער, ווייל ביי זיי האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען באַהויפּטעט, אַז אויסער דער גע־שריבענער תורה פון קאָראַן, האָבען זיי נאָך מינדליכע קבלות פון מחמד'ן, וואָס זיינען ניט פאַרשריבען געוואָרען, און וועלכע ער האָט איבערגעגעבען צו זיין נאָהענטער פאַמיליע און צו זיינע תלמידים. שפּע־טער איז אַנטשטאַנען ביי זיי א סעקטע, וועלכע האָט אָפּגעלייקענט זייער קבלה און האָט זיך בלויז געהאַלטען אַן מחמד'ס געשריבענער תורה. און דער דאָזיגער ביישפּיל האָט געהאַט זיין ווירקונג אויך אויף די אידען און באַוועגט פיעלע אַנהויבען נאָכצוטראַכטען אויך בנוגע זייער אייגענער תורה שבעל־פה (ראַפּאָפּאָרט, אין „כרם חמד" חלק ה', זייט 206). אי־בערהויפּט איז יענע צייט געווען אין אַלגעמיין א צייט פון מיינונגס־פאַרשיידענהייטען אין רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען, אין גלויבענס און אָנ־שויאונגען סיי ביי די אַראַבער און סיי ביי די אידען (לקוטי קדמוניות י"א; אשכול הכופר מ"א, ע"ב), און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אַז אויך די תורה שבעל־פה איז געוואָרען דער געגענשטאַנד פאַר זייער פאַרשונג, צו דערגעהן אין דערגריבלען זיך, וואָס אַזוינס זי איז און וואָס האָט איהר אויף דער וועלט געבראַכט. עס איז אָבער געווען נאָך א ד ר י ט ע ס ב ה, וועלכע איז נאָך וויכטיגער ווי די אויבענדערמאָנטע. און זי אַליין וואָלט גענוג געווען צו פאַראורזאַכען א צושפּאַלטונג אין אידישען פאָלק. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז די חכמים זיינען אָפטמאָל געווען שטאַרק אומצופרידען מיט דער פיהרונג פון די גאונים, דערפאַר וואָס די גאונים האָבען זיך געפיהרט ווי געזעצגעבער, זיכער אין זייער

מאכט צוליעב דער שטיצע פון די ראשי הגולה. אויך האבען מיר גע־זעהן, אז אפטמאל איז זייער אומצופרידענהייט געווען בארעכטיגט, ווייל די גאונים זיינען אפט צו ווייט געגאנגען און ניט איינמאל האבען זיי אויף מענשען ארויפגעצוואונגען איבער גוואלד זייער ווילען אין טעאריע און פראקטיק, און אפילו זייערע גלויבענס און אנשויאונגען. אויך זיינען זיי ניט אימער געגאנגען אין די וועגען פון שלום, און אפטמאל זיינען צווישען זיי גופא פארגעקומען מחלוקות צוליעב פערזענליכע קנאה, און גרעסערע און שעהנערע מענשען זיינען אפגעשטופט געווארען אין א זייט צוליעב קלענערע מענשען. און ווירקליך, ניט נאר האבען זיי גע־פאסט און ארויסגעגעבען דינים און געזעצען שטיצענדיג זיך אויפ'ן תלמוד, זאנדערען זיי האבען אויך אייגענע געזעצען ארויסגעגעבען. זיי האבען באשאפען אזוינע דינים און געזעצען פון וועלכע די בעלי־התלמוד האבען קיין אהנונג ניט געהאט. עס האט זיך אויך פארשפרייט דער געדאנק, אז די גאונים שטעהען איבער יעדען צווייפעל און אלץ וואס זיי זאגען איז „אמת ויציב“, און נויטיגט זיך גאר ניט אין קיינע ראיות, און דעריבער טראגען די מערסטע פון זייערע באלערונגען דעם כאראק־טער פון א גזירה. עס קען דעריבער זעהר געמאלט זיין, אז די מעהר אויפגעקלערטע, וועלכע האבען שוין פון לאנג אז געטראגען א שנאה אין הארצען אויפ'ן דרוק און שטרייגען אויפיר פון די גאונים, האבען זיך ענדליך אויפגעהויבען אנטקעגען דעם דאזיגען צושטאנד (אויבען קאפיטעל דריי). אויסער אט די אלע סבות האט זיך דאן ארויסגעווי־זען נאך א נייע צרה ביי אידען, און די גאונים האבען ניט פארשטאנען ווי גרויס די צרה איז. נעמליך, עס האבען זיך פארשפרייט צווישען פאלק שעדליכע און נארישע אבערגלויבענס. יעדע נארישע און לעבער־ליכע אגדה פון תלמוד האט זיך געמאכט איהר וועג צווישען די גרויסע מאסען פון פאלק און זיי האבען אין איהר געגלויבט גלייך ווי זי וואלט געווען אן עיקר פון דער אידישער רעליגיאן. און די גאונים, וואס זיי־נען לויט זייער אמט, בארופען געווארען צו לערנען דעם פאלק די גע־לייטערטע ריינע אמונה זיינען אליין דורכגעפאלען אין דיזער הינזיכט. ניט נאר האבען זיי ניט אכטונג געגעבען צו עפענען די אויגען פון די בלינדע מאסען און זיי אויפמערקזאם מאכען אויף די נארישקייטען פון די לעבערליכע לעגענדען; אדער זיי אויפקלערען אמווייניגסטענס, אז מען טאר די לעגענדען ניט נעמען אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט, ווייל עס קען אראפפיהרען פון גראדען וועג — נאר זיי האבען צוגעקוקט ווי יעדען טאג קומען צו און מעהרען זיך די דאזיגע נארישקייטען און זיי הא־

בען זיך ניט געשעמט עס צולאזען. דעריבער זיינען זיי געווארען פאר די מעהר אויפגעקלערטע מענשען פון פאלק דערווידער, און א שטרויכלונג פאר'ן גאנצען אידישען פאלק.

ספרי מדרש און קבלה.

אין יענער עפאכע ווען דאס פארנעמען זיך מיט אגדה האט גע־האלטען אין בליען אין ארץ ישראל, האבען זיך די ספרים פון מדרש געפרוכפערט און געמעהרט. עס זיינען אויפגעשטאנען מענשען וואס האבען זיך געגריבעלט אין דעם, וואס איז פארבארגען פון אונז, און האבען אין זייערע פוסטע פאנטאזיעס זיך אריבערגעטראגען אין הימעל און גערעדט וועגען גאט און די מלאכים און דאס גלייכען — ארונטערגעלאזט זיך אין די טיפסטע טיפענישען און גערעדט וועגען גיהנם און די מלאכי־חבלה. אין פארלויף פון די דורות איז געשאפען געווארען א גרויסע ליטעראטור וואס פארנעמט זיך מיט פארשונגען און חקירות וועגען די סודות פון דער גאטהייט. די נעמען פון די פארפאסער און די לענדער פון וואנען זיי שטאמען זיינען אונז ניט באקאנט, ווייל די מערסטע פון די דאזיגע מחברים האבען צוגעשריבען זייערע ביכער צו די סאמע ער־שטע חכמים. אבער פון די פארשיידענע געגענשטענדע, וואס ווערען אין אט יענע ספרים באשפראכען, ווי אויך פון א וואונק אמאל דא, אמאל דארטען, און פון זייער אידייען־גאנג, קומט אפטמאל ארויס צו אונז דער סוד, וועלכען זיי האבען געזוכט צו באהאלטען, און מיר קענען זיך מא־כען א באגריף פון וועלכען לאנד זיי שטאמען אב און אויך אומגעפער די צייט, ווען זיי זיינען געשאפען געווארען. מיר וועלען דא בלויז דער־מאנען דעם ספר „שעור־קומה“ וואס ווערט צוגעשריבען צו רבי ישמעאל, וועלכער פארקערפערט גאט אויף אן אופן וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט. דער צווייטער איז, דער ספר „היכלות רבתי“, וואס רעדט וועגען דער מרכבה און מאלט די פאלאצען פון הימעל און באשרייבט די מלאכים וואס שטעהען אויף דער וואך צו טון זייער עבודה, און דעם אויסזעהן פון כסא־הכבוד, און דעם אויסזעהן פון דער ש כ י נ ה ווען זי זיצט אויף איהר שטול און נאך אנדערע צאללאזע בילדער, וועלכע פארקער־פערען די גאטהייט. ענליך צו דעם אין מאנכע זאכען איז אויך דער ספר „אותיות דרבי עקיבא“, וועלכער איז אויך פול מיט אזעלכע הגשמה בילדער. און נאך מעהר אוועק מיט ווילדע ערשטוינענדע בילדער איז דער ספר „הרזים“, און דער ספר „שם בן נח“, וואס ריידען וועגען דעם

ווירקען פון די נעמען פון די מלאכים (ה). און מיר באהויפטען, אז די זיינען נאך ערגער פון די ערשטע, ווייל אויף די ערשטע האבען מיר נאך געקענט געפינען א זכות און זאגען, אז דאס זיינען בלויז פאעטישע פאנטאזיעס. אבער וואס קענען מיר זאגען אויף די לעצטע? ווארום ווי מיר זאלען ניט וועלען זיי פארענטפערען, מוזען מיר דאך קומען צום באשלוס, אז אלעס, וואס געפינט זיך דארטען, זיינען בלויז נארישקייטען און פוסטע זאכען און פונדעסטוועגען האבען אט די אלע אבערגלויבענס געפונען גלויביגע צווישען די גאונים, אזוי, אז מאנכע פון זיי האבען זיך אויף אזויפיעל פארפלאנטערט אין דיזע אבערגלויבענס, אז זיי האבען זיך אליין גענומען איינריידען, אז זיי ווייסען אלעס וועגען אלע הימלישע פארהוילענע סודות. זיי פלעגען זיך בארימען, אז עס האבען זיך צו זיי אנטפלעקט הייליגע און געטליכע נביאים, וואס זיינען שוין פון לאנג געווען טויט, ווי עס איז געווען דער פאל מיט'ן גאון רב יוסף בר יהודה, וועלכער האט דערצעהלט, אז אליהו הנביא האט זיך צו איהם אנטפלעקט אויף דער וואך, ווען ער איז געזעסען צווישען זיינע תלמידים און פריינד (אויבען פרק ג'). אויך רב האי גאון דערצעהלט פון גאון רב אברהם קבסי, וועלכער איז געווארען גאון אין יאהר אלף ק"מ לשטרות, אז ער האט פארשטאנען דאס געשפרעך פון בוימער (תשובות הגאונים, דפוס ליק, סימן ל"ג). רב שרירא גאון שרייבט, אז די חכמים האבען איבערגעגעבען איינער צום אנדערען די „חכמת־הפרצוף" און „חכמת־היד (דארטען, סימן כ"ט; רמב"ן אויף תורה, פרשה בראשית). און אפילו רב האי גאון, איינער פון די באדייטענדסטע גאונים, האט געהאלטען דעם „היכלות" פאר א דבר מקובל און ער האט גארניט וואס אויסצוזעצען געגען די חכמים, וואס זיינען מיט דער מיינונג, אז ווען דער וואס איז ראוי דערצו... וויל זעהן די מרכבה פון כסא־הכבוד און די מרכבה פון די הימלישע מלאכים קען דערצו דורך פארשיידענע מיטלען צוקומען... און אזוי קוקט ער זיך איין אין די אינוועניגסטע בנינים און עס זעהט איהם אויס, ווי ער וואלט מיט זיינע אויגען זיבען פאלאצען געזעהען. און ער זעהט, ווי ער וואלט פון איין הימל צום צווייטען געגאנגען און זעהן, וואס עס טוט זיך דארטען. און ווייטער זאגט ער: „און מיר האלטען, אז דער בורא טוט ניסים מיט די צדיקים..." און אז עס איז ניט ווייט פון געדאנק, אז גאט ווייזט זיי דאס אינערליכע אויסזעהן פון זיינע פאלאצען און דעם פלאץ אוואו די מלאכים געפינען זיך. און אפילו אז מיר זאלען אננעמען, אז דער גאון מיינט מיט דעם זעהן בלויז די פאנטאזיע — וואס איז אנטקעגען דעם זין פון זיינע ווערטער

— האָט ער דאָך אָבער אַלענפֿאַלס געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פֿון די אַלע זאַכען (ו). און דעריבער איז קיין ספק ניט, אַז די אַלע גאונים, אין איבערהויפט די ערשטע, האָבען פֿעסט און זיכער געגלויבט אין דיזע אַלע זאַכען. אַלזאָ, אַט די אַלע אויבענדערמאָנטע צושטענדען, מיט וועל־כע די אויפֿגעקלערטע פֿון פֿאָלק זיינען ניט געוועזען צופֿרידען, האָבען דער־גרייכט זייער העכסטע מדרגה אין די צייטען פֿון רב יהודאי גאון. פֿון די תשובות פֿון דעם דאָזיגען גאון זעהט מען אַרויס, ווי וויים ער האָט זיך איבערהויפּט אויסגעצייכענט דערמיט, אַרויסצוגעבען זיינע פּסקים ווי גזורות, וואָס ווערען פֿון אַ קעניג אַרויסגעגעבען. מיר זעהען אויך, אַז אין זיין צייט האָט מען זיך אָפּגעגעבען זעהר פֿיעל מיט די פּוסטע פֿאַנ־טאַזיעס און אַבערגלויבענס, וואָס דער פּשוט'ער שכל האָט זיי ניט גע־קענט פֿאַרטראָגען. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס אין זיין צייט איז די מאָס פֿון אומצופֿרידענהייט געוואָרען איבערפֿילט אין די הערצער פֿון די געגנער. זיי האָבען בלויז געוואַרט אויפֿ'ן ריכטיגען מאָמענט און פֿאַר דעם ריכטיגען מאַן, וואָס זאָל באַזיצען די נויטיגע פֿעהיגקייטען און דעם נויטיגען פֿאַרשטאַנד — אַ מאַן פֿון חכמה און וויסענשאַפֿט, וואָס זאָל זיין אָנגענומען ביים פֿאָלק צוליעב זיין יחוס און שטאַנד — זאָל זיך אויפֿהויבען אַנטקעגען די גאונים און צעברעכען זייער מאַכט און אָנזעהן אין די אויגען פֿון די אויפֿגעקלערטע מענשען פֿון פֿאָלק, וועלכע זיינען שוין מיעד געוועזען צו דולדען זייער הערשאַפֿט.

קליינע אורזאַכען ברענגען
צו גרויסע פֿאָלגען.

און אַזאַ מאַן האָט זיך אין יענע צייטען באַוויזען אין בבל. עס איז קיין נייעס ניט, אַז פֿון קליינע אומבאַדייטענדע אורזאַכען קומען אָפּטמאָל אַרויס געוואַלדיגע פֿאָלגען, וואָס צושמעטערען טראָגען און קערען איבער אַלטע ריזיגע בנינים. אַזאַ איבערקערעניש איז אויך פֿאָרגעקומען אין די צייטען פֿון רב יהודאי גאון. אַן אומבאַדייטענדע מחלוקת האָט פֿאַר־אורזאַכט אַ צושפּאַלטונג ביים אידישען פֿאָלק; די גאונים פֿון ישיבה האָבען זיך צוקריגט מיט איינעם פֿון די גרעסטע חכמים אין זייער צייט, און דער סוף דערפֿון איז פֿאַר איהם געוועזען אַ ביטערער. נאָכ'ן טויט פֿון דעם נשיא שלמה — דאָס איז אַט יענער שלמה, וועלכער האָט גערופֿען רב יהודאי גאון פֿון פּומבדיתא צו קומען נאָך סורא — איז דער אַמט פֿון ראש־גולה געבליבען ניט פֿאַרטראָטען, ווייל ער האָט ניט געהאַט

קיין זיהן, וואס זאלען פארנעמען זיין פלאץ. דערפאר האט ער געהאט א ברודער מיט'ן נאמען דוד. צי איז דער ברודער זיינער געווארען נאך איהם ראש־גולה צי ניט, איז אונז ניט באקאנט, אבער דאס וויסען מיר געניי, אז אפילו אויב ער איז יא געווען נשיא נאך זיין ברודער'ס טויט, איז ער אבער ניט לאנג געבליבען אין אמט, ווייל א קורצע צייט שפע־טער נאך דוד'ס טויט, איז שוין ארויסגעשפרונגען דער קריגע צווישען דוד'סביידע זיהן צוליעב דעם פירשטענטהום. דוד האט געהאט צוויי זיהן, דער עלטערער האט געהייסען ענן און דער אינגערער חנינא. ענן, זייענדיג דער עלטערער, און אויך גרעסער פאר זיין ברודער אין תורה און חכמה האט פארדינט צו זיין דעם פאטער'ס שטעלפארטרעטער און דערהויבט ווערען צום אמט פון ראש־גולה. אבער זיין פארלאנג איז ניט ערפילט געווארען. די צוויי ישיבות האבען איהם ניט צוגעלאזען צום אמט און האבען אפגעגעבען דעם אמט צו זיין אינגערען ברודער חנינא. ווי ווייט מיר קענען לערנען פון די רבנישע קוועלען איז די אורזאך פאר־וואס זיי האבען אזא מאן פארשטויסען פון דעם אמט, וואס איז איהם געקומען — א מאן וועלכער האט פארמאגט אלע נויטיגע מעלות צו זיין דער נשיא — געווען דאס, וואס זיי האבען געפונען אויף איהם עפעס א פסול. „און דערפאר האט ער ניט באקומען סמיכות אויף גאונות, און פון הימעל האט מען ניט איינגעשטימט ער זאל ווערען ראש־גולה, און צוליעב דעם כעס וואס האט זיך אנגעקליבען ביי איהם אין הארצען איז ארויסגעקומען דער אומגליק, און ער איז אויפגעשטאנען אפצורייסען דאס אידישע פאלק פון וועג פון די חכמים... ער איז ערקלעהרט געווארען אלס זקן ממרה על פי בית דין*) (א תלמיד־חכם, וועלכער ווידער־שפעניגט די רייד פון חכמים), און האט פארפאסט ספרים, און אויפגעשטעלט תלמידים און האט אויסגעטראכט אייגענע שלעכטע געזעצען, ווייל נאכ'ן חורבן זיינען די צדוקים אין גאנצען אפ־געשוואכט געווארען, ביז עס איז געקומען ענן און האט זיי ווידער פאר־שטארקט" (ראב"ד'ס ספר־הקבלה). אומגעפער אין זעלבען זינען ווערט אויך די זאך געשילדערט אין אן אוראלטער קוועלע, וואס שטאמט אב כמעט פון ענן'ס צייטען נאך, און דאס איז, אין א תשובה פון רב נטרונאי גאון (בר הילאי). ער שרייבט דארט, אז איינער, וועלכער זאגט פסח צום סדר בלויז די פסוקים פון דער הגדה און ניט די דרושים, אז אזא

*) נאך דער בית דין הגדול פון איין און זיעבציג חכמים האבען איינעם אלס זקן ממרה געקענט ערקלערען.

איינער איז אן אפיקורס, וואס לייקענט אין די רייד פון די חכמים, און פאראהאסט די רייד פון משנה און תלמוד... „אין זייערע הערצער לעבט א האס. און זיי ווילען ניט זאגען דברי משנה ותלמוד. און אזעלכע זיי־נען פון ענן׳ס תלמידים, וועלכער איז דער זיידע פון דניאל אחוט המשולש — אין דרייען געפלאכטענער פאדעם — פון רשעות און אפיקורסות. דאס איז דער ענן, וועלכער האט געזאגט צו אלע פארבלאנדזשעטע און פארפיהרטע: „ווארפט אוועק דעם וועג פון משנה און תלמוד און איך וועל אייך מאכען מיינעם אן אייגענעם תלמוד. און זיי האלטען זיך נאך אלץ ביי זייער טעות, און זיי זיינען א באזונדער פאלק געווארען, און ער האט זיך געמאכט אן אייגענעם תלמוד פון רשעות און אומרעכט... און אונזער האר און פיהרער רב אלעזר ז״ל האט געזעהן זיין „ספר תועבות״ (אומווירדיגקייטען), וואס רופט זיך ספר מצוות, וויפיעל פאלש־קייטען דארט געפינען זיך. און אצינד דארף מען זיי ארייגלייגען אין חרם ביז זיי וועלען זיך אומקערען צום גוטען, און זיי וועלען אננעמען דעם מנהג פון די צוויי ישיבות״ (ז) (סדר רב עמרם גאון, ל״ח, ע״א). אבער די שרייבער פון די קאראאימען שילדערען דעם אנפאנג פון ענן׳ס ווירקען אויף אן אנדער אופן: זיי לייקענען אב, אז זייער דת האט עפעס צו טון מיט די צדוקים, און זיי שילטען און שימפפען די צדוקים מעהרער נאך ווי די רבנים טוען עס. זיי לייקענען אויך אב, אז זייער תורה איז ענט־שטאנען אין די טעג פון ענן, און אין ווידערשפרוך צום אמת, בערימען זיי זיך גאוה׳דיג, אז זייער דת האט אונטער זיך א גאנצע קייט פון טרא־דיציע און טענה׳ן, אז אלץ וואס ענן האט באגרינדעט און געלערנט האט ער עם געקראגען בקבלה פון זיינע פארגענגער. אז די קאראאימען האבען ניט געמאכט קיין נייע רעליגיאן, זאנדערען, זיי האבען אנגהעאלטען די פאזיציאן פון די קדמונים און גע׳טענה׳עט, אז נאר ז י י האבען דאס אפגעהיט די אמת׳ע קבלה, און זי ניט געענדערט פון דעם, ווי זי איז געווען אין די צייטען פון די נביאים. נאר פארקערט, די רבנים, האבען זיי געזאגט, זיינען דאס געווען די יעניגע, וואס זיינען ארויס פון גדר און באנייט זאכען און זיי גערופען קבלה (ל״ק אין די ביילאגען — די מחלוקת צווישען די קראים און די רבנים זייט 100). און לויט זייער געשיכטע, איז די מעשה אזוי געווען: „אין די טעג פון דעם רב רבי ענן... וועלכער איז געווען א גרויסער בקי אין תורה שבכתב און תורה שבעל פה, אין משנה און אין תלמוד... און ער האט געהערט צו דער כתה (גרופע, סעקטע) פון די צדיקים, און צוליעב זיין גרויסער חכמה און אומרהערטע פרומקייט און עניוות האט איהם דאס גאנצע אידישע פאלק, די צדיקים

ווי אויך די פרושים, געמאכט פאר א נשיא... פאר אב־בית־דין און ראש־גולה איבער זיך, ווי עס איז געווען דער מנהג זייערער אין יענער צייט אין בבל, אז דער ראש־ישיבה, אב־בית־דין, און ראש־גולה איז געווען ווי א קעניג איבערן גאנצען אידישען פאלק... דאן אין בבל... און דערנאך ווען דער רב רבי ענן הנשיא איז שוין באשטימט געווען אלס אב בית דין הגדול און אלס ריש גלותא... האט ער געזוכט „מחזיר עטרה ליושנה זיין״— אומקערען די קרוין פון דער תורה צוריק צו איהר אלטקייט, און האט אנגע־הויבען ריידען צום עולם און איהם אויפקלערען וועגען דער תורה שבעל פה, דאס הייסט, די משנה, איהר אפצולייקענען און מבטל זיין... און אז די פרושים האבען דאס דערזעהן, האבען זיי געזוכט פלענער, ווי אזוי איהם צו טויטען. נאר אזוי ווי זיי האבען מורא געהאט פאר'ן מלך, האבען זיי אויף איהם אנגעגעבען א מסירה, אז ער רעוואלטירט אנטקעגען די קעניגליכע געזעצען, און ער איז פאראורטיילט געווארען צום טויט... נאר גאט ברוך הוא האט איהם מציל געווען פון זייערע הענט, און אז דער רב רבי ענן האט געזעהן, אז עס האלט אזוי... איז איהם נמאס געווארען דער גרוי־סער אמט און ער האט פארהאסט די רבנות... ער האט פארלאזען זיין היים... און מיטגענומען מיט זיך זיינע קינדער, תלמידים און חברים... און איז אוועק נאך ירושלים״ (אורח צדיקים י״ט, ע״א). אזוי שיל־דערען די קאראאימען ענן'ס אנפאנג, זיין לעבען אין בבל און זיין באַ־זעצען זיך אין ירושלים.

די פאלשע געשיכטען,
וואס די קאראאימען
דערצעהלען וועגען זייער גלויבען.

אז מיר קוקען זיך אבער צו אויפריכטיג צו זייער ספור המעשה וועט־רען מיר איבעראשט צוצוזעהן דעם ווידערשפרוך אין זייערע אייגענע ווערטער און ווי אזוי איין באהויפטונג זייערע לייקענט אפ די צווייטע. אויב עס איז אמת, אז די אלע יסודות פון ענן'ס תורה שטאמען פון די פריהיגסטע צייטען; אויב עס איז אמת, אז ער האט געהאט הינטער זיך די טראדיציע פון די קדמונים און האט קיין זאך ניט אומגעביטען פון דעם, ווי עס איז געווען אין די צייטען פון די נביאים — טא צו וואס האבען זיי איהם באדארפט רימען מיט דער גייסטיגער מעלה פון זיין א גרויסער קענער אין תורה שבעל פה? און אויב זיין תורה איז צו איהם ווירקליך געקומען בקבלה, איש מפי איש און נשיא מפי נשיא (אורח

צדיקים כ"א, ע"ג), טאַ ווי קומט עס, וואָס ענן האָט אומזיסט פאַרבראַכט זיין צייט שטודירענדיג דעם תלמוד, גרויסע ידיעות אין איהם צו ערווערבען, ווען לויט זיין מיינונג איז עס גאָר אין גאַנצען אַ פאַלשע לעהרע? און ווי קומט עס, וואָס ער איז באַגאַנגען די נאַרישקייט צו ווע־לען באַקומען די הערשאַפט איבער די חכמים, ביי וועמען דער תלמוד איז געווען זייער גאַנצעס לעבען? און נאָך וואָס: דער פאַרצעהלער מאַכט ענן'ען פאַר'ן אב בית דין און ראש־גולה און זאָגט, אז אין יענער צייט איז געווען דער מנהג, אז דער ראש־ישיבה האָט פאַרטראַטען דריי אמטען: ראש־ישיבה, אב בית דין און ראש־גולה. אבער יעדער איינער, וואָס האָט אַ ידיעה פון די מנהגים פון יענער צייט אין בבל, ווייסט גאַנץ גוט, אז עס איז קיינמאָל עטוואָס אַזוינס ניט פאָרגעקומען. דאָס גלייכען קומט אויס פון זיינע רייד, אז די צוויי סעקטען, די קאַראַאימען, וועלכע ער רופט צדיקים, און די פרושים, וועלכע זיינען די רבנים, האָבעןביידע אויפגענומען ענן'ען, ער זאָל איבער זיי ראש־גולה און אב בית דין זיין. פון דעם קומט אויס, אז די דאָזיגע צוויי סעקטען האָבען זיך בולט אַנגע־זעהן און געווען אנערקענט ביי יענער צייט, און ענן איז געווען דער אָנ־גענומענער מאַן ביי ביידע סעקטען, אַזוי אז זיי האָבען איהם געמאַכט פאַר זייער פיהרער. אבער וועלכער נאַר וועט עס גלויבען, אז אַ מענש פון וועלכען די קאַראַאימען זיינען געווען צופרידען, און וועלכער איז באַ־קאַנט געווען מיט זיינע מיינונגען, אז ער איז אַ געגנער פון תורה שבעל פה, אז איהם זאָלען די חכמי־התלמוד אַנשטעלען פאַר זייער גייסטיגען פיהרער און רעליגיאָנס לעהרער? דעריבער קענען מיר זיך, לויט זייער ספור המעשה, די זאַך ניט אַנדערש פאַרשטעלען, ווי אז ענן איז געווען אַ פאַלשער מענש און געזוכט צו פאַרפיהרען די רבנים. און אין זייער ווילען איהם צו ליבען, ברייגנען זיי גאָר ארויס דאָס פאַרקערטע. נאָר דער אמת איז, אז די קאַראַאימען גופא ווייסען פון ענן'ס לעבענסגעשיכ־טע בלויז דאָס, וואָס זיי האָבען געהערט פון די רבנים, און זעלבסטפאַר־שטענדליך האָבען זיי אויפגענומען דאָס, וואָס האָט זיך זיי געלוינט און אָפגעלייקענט אַלץ, וואָס איז געגאַנגען געגען זייערע אינטערעסען. וואָרום דאָס איז שוין געווען דער וועג פון די קאַראַאימען פון אימער אָן צו פאַרבויגען דעם אמת, איבערמאַכען די פאַקטען, פעלשען די רייד פון זייערע געגנער, און אַפילו די רייד פון זייערע אייגענע חכמים, אום דער־מיט אַרויסצוציהען באַווייזען פאַר זייער כבוד וועגען; צושרייבען אַזעל־כע רייד צו זייערע פריהעריגע חכמים, וואָס יענע האָבען קיינמאָל ניט געזאָגט, באַרימען זיך וועגען די גרעסטע מענשען, וואָס זיינען געווען מיט

די חכמי התלמוד, אז זיי זיינען געווען קאַראַאימען. און וואָס נאָך מעהר, זיי האָבען אויך אויסגעטראַכט מענשען מיט אַזעלכע נעמען, וואָס האָבען קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געלעבט. און נאָך מיין מיינונג איז דאָס זייער איינציגע טראַדיציע, וועלכע איז ביי זיי ווירקליך איבערגעגאַנגען פון איין דור צום אַנדערען, ביז זייערע סאַמע לעצטע (ח).

מיר האָבען שוין געזעהן דורך ראיות, וועלכע האָבען זייער יסוד אין דער נאַטור און לאָגיק פון די באַשפּראָכענע ענינים, אַז דאָס וואָס זיי דערצעהלען וועגען ענן און וועגען דער „שלשלת הקבלה" — די קייט פון טראַדיציע — זיינער איז דאָס בלויז אויסגעטראַכט און אויסגעקלערט. עס איז גענוג אַ קוק צו טון אויף דער דאָזיגער יחוס קייט צו זעהן, אַז פון די גרעסטע רבנ'ישע חכמים, וואָס האָבען געלעבט אין די צייטען פון תלמוד ווי אויך אין די שפּעטעריגע צייטען פון די גאונים, האָבען זיי געמאַכט קאַראַאימען. זיי האָבען באַהויפּטעט, אַז די מעהרסטע ראשי הגולה פון די פריהערדיגע צייטען האָבען זיך געהאַלטען אַן דער קאַראַאי־מישער תורה און ענן'ס תורה איז דאָס די קבלה. וואָס איז איבערגעגאַנ־גען צו זיי פון איין נשיא צום צווייטען. אויף אַלע תנאים, למשל, וואָס זיינען געווען ביז שמעון בן שטח און אויף יהודה בן טבאי, שמעיה, שמאי הזקן, רב נתן דציצותא, מר עוקבא, און מר זוטרא, און פיעלע אַנדערע האָבען זיי פאַרזיכערט, אַז זיי זיינען קראים געווען. מעהר אָבער ווי עס געלינגט זיי צו דערהויבען דורך דיזע אַלע באַהויפּטונגען דעם פּרעסטיזש פון זייער תורה, געלינגט זיי דורך דעם באַשמוצען דעם כבוד פון אַט יענע אַלע קדמונים אויף וועלכע זיי זאָגען, אַז זיי זיינען געווען זייערע רביים, ווייל יענע אַלע זיינען דאָך געגאַנגען מיט'ן וועג פון די רבנים און זייער תורה, און וויבאַלד זיי זאָגען, אַז אין האַרצען זיינען זיי אַלע געווען קאַראַאימען, קומט דאָך אויס, אַז זיי מאַכען זיי אַלעמען פאַר פאַלשע מענשען, אַזוי ווי זיי האָבען געטאָן מיט ענן'ען.

און ווען מיר הערען זיך צו צו אַלע איבעריגע זייערע מעשיות, וואָס האָבען כלומר'שט פּאַסירט אין די ערשטע צייטען פון זיי־ער געשיכטע, ווערט אונז נאָך מעהר קלאָר, אַז זיי אַליין זאָגען אויף זיך עדות, אַז די פאַלשקייט ציהט זיך ווי אַ פאָדים דורך זייער גאַנצער גע־שיכטע, צום אַלעם ערשטען, זייער פאַרביסענער כעס אויף די רבנים, דערפאַר וואָס די לעצטע זאָגען, אַז זיי זיינען צדוקים. איבערהויפּט האָ־בען זייערע לעצטע חכמים זיך געמיהט צו באַווייזען, אַז זיי קערען זיך גאָר ניט אָן מיט די צדוקים (ארח צדיקים כ' ע"ב, דוד מרדכי ד' ע"ב) און געשימפּט און געזידעלט די רבנים, אַז זיי האָבען אויף זיי אַ פאַלשען

בלבול אויסגעטראכט. מיט אן אמת אבער איז דאס אן אומזיסטיגע שנאה, ווייל די רבנים האבען אויף זיי קיינמאל ניט געזאגט, אז זיי זיי־נען צדוקים אין אלע הינזיכטען, ווי אין דער הינזיכט פון לייקענען אין תחית־המתים און עולם הבא. און אויב זיי האבען געזאגט, אז ענן איז געקומען און פארשטארקט די רעליגיאן פון די צדוקים, האבען זיי בלויז געמיינט צו זאגען, אז ער האט עס געטאן דערמיט, וואס ער האט אפ־געלייקענט דעם תלמוד, און דאס האבען זיי גופא דאך ניט באשטריטען— היינט צו וואס איז דא זייער גאנצער אויפריהר און כעס אויף די רבנים. עס האט ווירקליך קיין אנדער גרונד אויסער שמאלהערציגקייט און אומ־זיסטע שנאה ניט געהאט. לויט ווי דער אראבישער שרייבער מקריזי דערצעהלט (לקוטי קדמוניות ח'), זיינען זיך די קאראאימען מיחס צו די אידען, וואס האבען געלעבט אין דער צייט פון בית־ראשון און זיי פיהרען זיך אויך לויט די מנהגים פון בית־ראשון, און אויך די דאזיגע איינרעדעניש האט געלאזט איהרע שפורען אויף זייערע רעליגיעזע מנהגים. און צוליעב דעם אייגענעם טעם האבען זיך די קאראאימען אפ־געזונדערט מיט זייערע תעניתים פון די רבנים, ווייל זיי פאסטען און טרויערען אויפ'ן ערשטען בית־המקדש (דארטען זייט ט') דער דאזיגער מנהג איז שוין זעהר אן אלטער ביי זיי, ווי מיר געפינען עס ביי אלע זייערע מחברים אין זייערע רעליגיאנס ספרים (גן עדן ענין יום כפור ה', אדרת אליה ענין י"כ, פ"ד; אשכול הכופר, סימן רמ"ג). די איינצעל־הייטען פון דער דאזיגער לעגענדע דערצעהלט אונז אויספיהרליך דער בעל „חלוק הקראים והרבנים" (נספחות 100). דער תמצית פון זיינע רייד איז ווי פאלגט: שוין אין ירבעם'ס צייטען איז פארגעקומען די צו־שפאלטונג, און די פרימערע האבען פארלאזען ארץ ישראל און זיך בא־זעצט הינטערן טייך כוש; נאר מאנכע פון זיי זיינען געבליבען אין ירושלים, ווייל זיי האבען זיך ניט געקענט שיידען מיט'ן בית־המקדש, און זיי זיינען עס וואס ווערען אנגערופען די זיפצענדע און קרעכצענדע. דערנאך, ווען דער בית־המקדש איז חרב געווארען, זיינען זיי פארטריבען געווארען צוזאמען מיט'ן רעשט פון פאלק און די שמיעדען און שלאָ־סערס" (ט). שפעטער, ביים צווייטען בית־המקדש זיינען אנגעשטאנען די חכמים וואס האבען ארונטערגעפיהרט דעם פאלק פון גראדען וועג פון דער תורה. אבער זיי האבען זיך ניט געלאזט פארפיהרען, און אין צווי־טען חורבן זיינען זיי אויך פארטריבען געווארען און זיך באזעצט אין בבל און אין אנדערע לענדער, און זיי האבען זיך די גאנצע צייט אויס־באהאלטען מיט זייער רעליגיאן, ביז ענן איז געקומען און זייער דת פאר

דער וועלט מפרסם געווען. איצטער פרעגט זיך, איז דען פאראן עמי־צער, וואס זאל נים זעהן די פאלשקייט און אויסגעטראכטקייט פון אזא איט־ליך ווארט פון דער דאזיגער מעשה? ווער קען עס גלויבען, אז עס איז געווען א גרויסע סעקטע געגנער צו דער רעליגיאן פון די גרעסטע מאַ־סען פון אידישען פאלק, און קיינער האט זיך קיינמאל אויף דעם נים אפגעשטעלט און קיינער האט קיינמאל וועגען דעם קיין זאך אפילו נים געוואוסט? פון דעם קען יעדער איינער איינזעהן, אז די גאנצע מעשה איז מעהר נים ווי נאר אן אויסגעטראכטע. און נאך מעהר, ווי עס זעהט זיך פון דעם זייער פעהיגקייט אויסצוטראכטען נים קיין געשטויגענע מעשיות, זעהט זיך אין דעם דאס, אז באגעהן פאלשקייטען איז ביי זיי גאר קיין עולה נים געווען. ווארום, אז מיר זאלען אפילו אננעמען, וואס זיי זאגען, האבען זיי דאך הייסט עס אין אלע פריהיגע צייטען בעהאל־טען זייערע אמת'ע געדאנקען פון יעדען איינעם, און אין דער עפענט־ליכקייט האבען זיי זיך געפיהרט לויט די מנהגים פון די רבנים אין גע־גענשפרוך צו זייערע אידייען. הייסט עס, אז זיי האבען געפיהרט א דאַ־פעלט לעבען, רבנים אין דער עפענטליכקייט און קאראאימען ביי זיך אין הארצען. הייגט ווי קען מען אנרופען ווי זיי רופען זיך צדיקים און חסידים אזעלכע מענשען, וואס זיינען לויט'ן באגריף פון אמת גלויביגע, בלויז פאלשע נידעריגע מענשען? דאס אבער, וואס זיי באהויפטען, אז זיי ציהען די קייט פון זייער קבלה ביז צו די גרעסטע ערשטע תנאים איז ווירקליך די גרעסטע און שענדליכסטע פאלשקייט. דען וויסענדיג, אז נאך אלעמען זיינען זייערע געזעצען גלייך מיט די דינים פון משנה און תלמוד, זיינען זיי געצוואונגען געווען צו זוכען א שטארקען בוים אן וועלכען זיך אנצושפארען, אויסזוכען איינעם פון די חכמי־המשנה, צו וועלכען זיי זאלען קענען צושרייבען זייער קבלה. און אזא איינעם האַ־בען זיי אויסגעזוכט אין דער פערזאן פון שמאי הזקן און באהויפטעט, אז שמאי האט איבערגעגעבען די קבלה זייערע צו די בעלי־המקרא (ר' יפת בן סעיד לקוטי קדמוניות אין די הערות סימן י"ג) און פון איהם האבען זיי געצויגען די קייט העכער ביז צו יהודה בן טבאי, און נידעריגער, ביז ענג'ען און זיינע נאכפאלגער.

די מחלוקת פון ענן
מיט די גאונים.

וואס עס זעהט זיך אבער יא צו זיין אמת וועגען ענן'ען און די אורשפרונג פון זיין מחלוקת מיט די גאונים, איז אט וואס: זיכער איז,

אַז ער איז געווען אַ גרויסער געלעהרטער אין משנה און תלמוד, ווי מיר זעהען עס פון דעם אַליין, וואָס זיינע געגנער גופא זיינען אויף דעם מודה. אין דיעזער הינזיכט זיינען זיי אַלע איינשטימיג, אי זיינע אַנ־היינגער, אי זיינע געגנער. אָבער עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אַז ער איז געווען באַלערענט אויך אין דער שפּראַך פון תנ"ך וועדליג פאַר זיין צייט נאָך, און האָט זיך אָפּגעגעבען מיט דער פאָרשונג פון תנ"ך, לויט'ן איינפאַכען זין. און אפשר האָט ער אויך געקענט אַנדערע חכמות. און עס קען זעהר געמאָלט זיין, אַז די רבנים האָבען צוליעב דעם ניט געהאַט קיין גלויבען אין זיין פרומקייט און עהרליכקייט, אַלעגפאַלס איז ער ביי זיי אין די אויגען געווען פאַרדעכטיגט. ווייל אַזוי איז שוין גע־ווען פון אייביג אָן. די תלמודיסטען זיינען אומצופרידען געווען מיט יענע אַלע, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט חכמות חיצוניות, ווייל זיי האָבען ניט קיין צוטרויען אין זייער גלויבען און מורא פאַר גאָט. דעריי־בער האָבען זיי פון איהם צוגענומען די פיהרערשאַפט, וואָס האָט מיט אַן אמת באַלאַנגט צו איהם, און זי איבערגעגעבען צו זיין אינגערען אָבער דערפאַר פרומערען ברודער. צוליעב זייער דאָזיגען אורטייל און צוליעב דער עולה, וואָס זיי זיינען לויט זיין מיינונג באַגאַנגען, איז ער געוואָרען אויף זיי פלאַם־פייער און האָט זיי ערקלערט קריעג. און יענע צייט איז באמת געווען זעהר גינסטיג פאַר איהם פאַר אַזאַ מלחמה, ווייל די שטריינ־גע און שלעכטע פיהרערשאַפט פון די גאונים האָט שוין לאַנג אויפגע־הערט געפעלען מאַנכע פון די אויפגעקלערטע פון פאָלק, ביי וועמען די ליעבע צו די למודים אין די ישיבות איז שוין געווען אָפּגעקיהלט, און דעריבער זיינען די ערשטע טריט פון זיין אַרויסטרעטען געווען נעגען די גאונים. ער האָט זיך נעגען זיי מיט פולער קראַפט פאַרמאָסטען, און דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך איהם געשטעלט אַנטקעגען און איהם פאַר־שטויסען פון דער פיהרערשאַפט, האָט ער זיך אויך עפענטליך געשטעלט אַנטקעגען זיי. און אָהן צווייפעל, האָט ער צוערשט באַקעמפט די פיה־רונג און מעשים פון די גאונים, די מאַכט וואָס די ישיבות האָבען זיך גענומען צו מאַכען אַ געזעץ פון יעדען וואָרט אין תלמוד; אַז אַלץ, וואָס איז אַנגענומען געוואָרען פון די צוויי ישיבות איז אומבאַשטרייטבאַר, ווי גאָט וואָלט עס געגעבען משה'ן פון באַרג סיני, און יענער וועלכער וויל ניט אַרויפנעמען אויף זיך דעם יאָך פון די ישיבות, ווערט אָפּגעזונ־דערט פון כלל ישראל. ענן האָט געוואוסט, אַז דער דאָזיגער צושטאַנד איז פאַרהאַסט ביי פיעלע, און האָט אויף זיי געלעגט האָפנונגען, אַז זיי וועלען איהם צו הילף קומען. אמת, צווישען זייער געגנערשאַפט און

זיינע איז געווען א גרויסער אונטערשייד. ער איז געווארען זייער געגנער צוליעב אן אנדער פּניה, צוליעב דער בלומרשטער עולה, וואס די גאונים זיינען קעגען איהם באגאנגען, און עס קען זיין, אז ווען די גאונים וואלטען איהם יא געמאכט פאר'ן ראש־גולה, וואלט ער ניט בראקירט צו ווערען ווי איינער פון זיי אין זיינע איבערצייגונגען, אנשויאונגען און מעשים. זיי אבער, די אומצופרידענע משכילים, האבען ניט געהאט צו די גאונים פּערזענליך, זיי זיינען בלויז געווען אומצופרידען מיט זייערע לעהרען, ווייל דער תלמוד גופא איז זיי ניט געווען געפעלען. ענן האט דאס גוט פארשטאנען, ער האט איינגעזעהן, אז אויב ער וויל ניט, אז זיינע מיטהעלפער זאלען איהם פארלאזען, מוז ער מאכען נאך איין טריט ווייטער; ער האט פארשטאנען, אז ער קען זיך לאנג ניט האלטען בלויז מיט זיין געגנערשאפט קעגען די גאונים — נאר אום זיין וואונש זאל זיך איהם איינגעבען, אום ער זאל קענען אויספיהרען וואס ער וויל, מוז ער אויפהויבען א קאמף אויך קעגען דעם תלמוד גופא. ער האט געמוזט רעכענען אומגעפעהר אזוי: אויב איך זאל קומען צו זיי און זאגען: קומט נאך מיר, און מיר וועלען אויפהויבען א קאמף אנטקעגען די גאונים און זייער פיהרונג, אבער צום תלמוד האבען מיר גאר ניט, און מיר וועלען זיך ניט אויפהערען אפצוגעבען מיט זיינע דינים און געזעצען, פּלפּולים און מדרשים — טא ווער וועט מיך וועלען פאלגען און הערען? ווארום ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז די יעניגע, וואס זיינען מיט איהם געגאנגען האבען קיין זייטיגע סבות ניט געהאט צו מאכען קריעג מיט די גאונים. זיי האבען געמיינט אויפריכטיג מיט זייער אויפקלערונג צו באקעמפען די שיטה פון תלמוד און די קאמענטארען פון תורה שבעל פה. דעריבער האט ענן זעהר גוט באגריפען, אז פאר'ן גייסט, וואס האט געהערשט צווישען זיינע מיטגייגער, און פאר'ן ציעל וואס זיי האבען זיך געשטעלט פאר די אויגען, איז ווייניג אפצושניידען בלויז מאנכע צווייגען פון בוים, נאר עס פאדערט זיך אונטערצוהאקען דעם גאנצען בוים פון קבלה, און דערפאר האט ער זיך געמאכט הארץ נאכצוגעבען זייער פארלאנג, און מקיים זיין אויף זיך אליין דעם אמת פונ'ם ווערטעל: „די שעפעלעך פיטערען זייער פאסטוך". און דעריבער איז ער אריבערגעקומען זיין ערשטען פארלאנג און ער האט פארעפענטליכט זיין ארויסטריט אנטקעגען דער גאנצער תורה שבעל פה, און האט פראקלאמירט א נייע תורה אויפ'ן גרונד פון אזעלכע פשטים, וואס זיינען לויט זיינע רייד, די אמת'ע כונה פון דער תורה. אזוי זאגען אלע זיינע נאכפאלגער וועגען איהם, אז אזוי גיך ווי ער האט אנגעהויבען צו ריידען פאר צוהערער, האט ער באלד

באקעמפט די תורה שבעל פה, ד. ה. די משנה און תלמוד, זיי לחלוטין אפגעלייקענט און מבטל געווען (אורח צדיקים י"ט, ע"א). א מענש קען אבער דאך נים איבעראנדערשען מיט איינמאל זיינע מנהגים, אויף יועל־כע ער האט זיך ערצויגען פון קינדהייט אן, און עס איז אונמעגליך צו ברעכען א געוואוינהייט אין איין מינוט. און דעריבער האט אויך ענן נים געקענט צורייסען אויף איין מאל די שטארקע קניפ, וועלכע האבען פארבונדען זיין לעבען מיט די לעהרען פון די רבנים, און אפילו שוין נאך זיין אויפשטאנד האט ער דאך זיך נים אפגעפרעמדט אין גאנצען פון תלמוד. דעריבער מוזען מיר אננעמען, אז דאס וואס זיינע אנהענגער דערצעהלען וועגען ענן'ס אפלייקענען דעם תלמוד, באדארף נים פאר־שטאנען ווערען, אז ער האט דעם גאנצען תלמוד פארוואורפען און ערקלערט די אלע רייד פון משנה און תלמוד אלס פאלש און גארנים מיט גארנים, נאר זיין אפלייקענען האט זיך בלויז באצויגען אויף דעם, וואס ער האט נים געגלויבט, אז דער יסוד פון תלמוד איז די טראדיציע, וואס איז פון דור צו דור איבערגעגאנגען. ער באהויפטעט, אז אלץ וואס ווערט געזאגט אין משנה און אין תלמוד איז די ארבייט פון מענשען. די חכמים האבען די אלע זאכען אויסגעטראגען און אויסגעפלעגט דורך זייער דענקען און פארשען. אבער זיי זיינען נים קבלות. ענן האט צוגעגעבען, אז אין א טייל פון די אלע זאכען האבען זיי צוגעטראפען צום אמת, א טייל אבער, האט ער געזאגט, איז נים אמת, און יעדער מענש האט דאס רעכט — און פאר א חכם איז עס זאגאר די פליכט — צו פארטיפען זיך און קא־מענטירען דעם תנ"ך, ווייל דער תנ"ך איז דער יסוד פון דער אידישער רעליגיאן. און די רייד פון דער תורה ליגען אין אונזערע הענט זיי צו דערקלערען לויט זייער איינפאכען זין און אפטיילען דאס גוטע פון שלעכ־טען, דעם אמת פון שקר, די תבואה פון שטרוי. דאס אלץ ווייסען מיר פון דעם, וואס די קאראאימען גופא האבען עדות געזאגט. איינער פון זייערע ערשטע חכמים, וועלכער האט געלעבט אין די צייטען פון רב סעדיה גאון מיט'ן נאמען סלמון בן ירוחם זאגט בפירוש (אין זיין פירוש אויף תהילים (זעה לקוטי־קדמוניות כ"א), אז ענן איז געגאנגען נאך דער משנה און תלמוד, און פון דעם זעהען מיר קלאר, אז כאטש ענן און זיינע תלמידים און נאכפאלגער האבען אפגעלייקענט די תורה שבעל פה, האט זיי דאס דאך נים געשטערט זיך צו רעכענען מיט דער משנה און תלמוד. און נאך מעהר: שוין אין יענע ערשטע צייטען, איז געווען דער מנהג — און עס איז זאגאר ביי זיי פאר א חוב פאררעכענט געווען צו לערנען און שטודירען די משנה און תלמוד. נסי בן נח איינער פון די ערשטע קאראאי־

מישע חכמים זאָגט בפירוש אין דער הקדמה צו זיין ספר „ביתן המשכילים“ (דער גאָרטען פון די משכילים) אָדער „פלס ביאור המצוות“ ( ), אז א מענש דאַרף האָבען א ידיעה אין משנה, תלמוד, הלכות און אין די גרויסע און קליינע הוספות*) (י"א), און ער חזר'ט עס איבער נאָך אמאָל אין זיין פירוש אויף די „עשרת הדברות“ (נספחות 1-13). ער זאָגט דאָרטען צום סוף מאמר, אז א מפרש — קאָמענטאַטאָר — דאַרף אין זיך האָבען צוועלף מעלות, און איינע פון זיי איז, ער זאָל זיין באַהאַוועגט אין משנה און תלמוד און זאָל לערנען תוספות און הגדה. אויך די שפּעטערדיגע קאַראַאימען, כאָטש זיי האָבען נאָך מעהר אָפּגענייגט פון ענן'ס שטה און זייגען נאָך ווייטער אַוועק אין זייער דערווייטערונג פון תלמוד, ווי מיר וועלען עס ווייטער זעהן, האָבען דאָך אין הינזיכט פון שטודירען דעם תלמוד זיך געהאַלטען, ווי אין א געזעץ. אזוי זאָגט אויך עדות איינער פון זייערע ערשטע גדולים, דער ערשטער רבי אהרן, פאַרפאַסער פון „ספר המבחר על התורה“. (האָט געלעבט אין מיטען פון ערשטען יאָהרהונדערט פון זעקסטען טויזענט) ער שרייבט אין דער הקדמה פון ספר: „איך האַלט זיך ניט אָפּ צו דערמאָנען אין פירוש מיינעם אויף די מעהרסטע מצוות אויף זאַכען פון דער משנה, און איך נעהם זיי אַלס אן אנשפּאַר אויף מיינע רייד, און ניט אַלע פון זייערע רייד זיינען נוצלאָז, איך בין דערצו געקומען, זעהענדיג ווי רב ישועה דערמאָנט אין זיין „ספר העריות“ (י"ב) די פופצעהן פרויען (וועלכע א מאַן טאָר ניט נעמען) און „שניות“ — די צווייטע פון זיי**) — און זייער גלייכען. און די מעהרסטע פון אונזערע משכילים האָבען זיך אזוי געפיהרט, און דער רב נסי בן נח איז געקומען און עס געמאַכט פאַר א חוב, אז מיר זאָלען לערנען משנה און תלמוד“.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז שוין גלייך אין אַנפאַנג פון דער מחלוקת האָבען אויך די גאונים איהם זעהר ביטער באַקעמפט. זיי האָבען איהם באַלד אריינגעוואָרפען אין חרם, און איהם ערקלערט פאַר א „זקן ממרה“, על פי בית דין. עס איז אבער אויך אמת, אז מעהר ווי פאַר זיינע נייע לעהרען זיינען זיי אויף איהם געווען אויפגערעגט פאַר זיינע מעשים, זיינע מעטאָדען און מיטלען. ווייל מיט די וועגען, אין

---

*) זעה אין דער הערה י"א פון מחבר.

**) למשל, א מוטער ווערט פאַרבאָטען אין דער תורה האָבען די חכמים אויך דער מוטערס מוטער פאַרבאָטען.

וועלכע ער איז געגאנגען דורכצופיהרען זיינע געדאנקען, איז ער באַגאַנ־גען א גרויסען פארברעכען. אויב די גאונים האבען איהם ניט געוואָלט, ווייל זיי האבען איהם פארדעכטיגט אין אפיקורסישע אידייען, און אויב זיי האבען איהם דערפאר אפגעשטויסען פון דער פיהרערשאפט, ווייל זיי האבען מורא געהאט, אז עס וועט דערפון ארויסקומען א געפאהר פאַר דער אידישקייט — לויט דעם ווי זיי האבען פארשטאנען אידישקייט — זיינען זיי אבער דאך קיין עולה ניט באגאנגען. און אויך ער אליין, ווען ער וואלט נאר אז אמת'ער מענש געווען, וואלט באדארפט געוועז איינזעהן, אז זיי זיינען ניט שולדיג. ער וואלט זיך באדארפט געוועז באדיינקען, אז אויב ער אליין קען זיך נעמען דאס רעכט צו ווע־לען הערשען און אומברענגען אלעס, וואס די טראַדיציע האט געלערענט; און אויב ער האט גערעכענט, אז עס איז קיין עולה ניט, וואס ער האט זיך געשטעלט אנטקעגען זיי, צו שטירצען די גרונדלאגען פון זייער רע־ליגיאן, און אפצוריידען דאס פאלק פון זייער תורה, וועלכע איז ביי זיי אין די אויגען די אמת'ע און איינציגע, פאר וועלכע זיי האבען שוין איבער טויזענט יאהר זיך מוסר־נפש געווען — האט ער דאך אויך זיך געדארפט א טראכט טון, אז זיי האבען דאס רעכט זיך צו פארטיידיגען און באשיצען דאס טייערסטע וואס זיי פארמאגען פון אונטערגאנג, ווי אויך צו באקעמפען איהרע געגנער וועלכע זי געוואלט פארניכטען פון אידישען פאלק. און אויב זיין כעס האט געשטאמט דערפון, וואס זיי הא־בען איהם אנגעקלאגט פאר'ן קעניג, מיט דער באשולדיגונג, אז ער וויל ארונטערשטירצען א מאן, וועלכען די ישיבות האבען אויסדערוועהלט און אויף וועלכען דער קעניג האט איינגעשטימט — טא וואס אנדערש האבען זיי געקענט טון? ענן איז געווען א רייכער מאן און א תקיף און זיי זיינען געווען געצוואונגען פארצובריינגען זייער זאך פאר דער רעגיערונג. און ווירקליך, וואס האט דער דאזיגער מאן געטאן? שוין גלייך אין אנהויב זאגט ער אין זיין התנצלות פאר'ן קעניג, אז זיינע שונאים האבען איהם דערפאר געיאגט און גע'רודפ'ט, ווייל ער וויל זיך מיט זיין רעליגיאן דערנעהענטערען צו דער מחמדאנישער רעליגיאן, באַ־שטימענדיג די מאנאטען און יאהרען דורך „ראית — זעהן — הלבנה" און לויט דעם אויספאלען פון פריהלינג, ווי די מחמדאנער טוען. און ווער קען אין דעם ניט ארויסזעהן די פארבארגענע מסירה, וועלכע האט גע־קענט ווערען א געפאהר פאר'ן גאנצען אידישען פאלק? און צי קען דען געבען א גרעסערער פארראט פון דעם — א פארראט געגען זיין פאלק און געגען זיין רעליגיאן? און גאר וואס: אויב ער האט מיט אן אמת גע־

זוכט צו באַגליקן דאָס אידישע פאָלק און צו לייטערן משה'ס תורה פון יעדן אָפּפאַל, ווי ער האָט עס פּראָקלאַמירט אין דער עפנטליכ־קייט, טאָ נאָך וואָס האָט ער באַדאַרפט אָפּגעבן אַזוי פיעל כבוד צו די גרינדער פון אַנדערע רעליגיאָנען וועלכע האָבן אַזוי פיעל צרות אָנ־געטאָן דעם אידישן פאָלק און זיין גלויבן? נאָך וואָס האָט ער גע־דאַרפט דרשנ'ען פאַר אַלעמען, אַז מחמד'ס נבואות זיינען לויטער אמת. און אַז מחמד איז דער נביא, וועלכן גאָט האָט געשיקט צו די אַראַבער? (מקריזי לקוטי קדמוניות ח') דאָס איז ניט אַנדערש, ווי בייזהאַרציגקייט. נאָר אַזוי איז שוין אימער געווען מיט די מוסרים ביי אידען, אַז זיי האָבן געזוכט דורך אַזעלכע מיטלען צו פאַרהאַסען דעם געדרוקטען און געפייניגטען פאָלק ביי די אַרומיגע פעלקער, און אַט דער דאָזיגער ביי־שפּיעל זיינער האָט געווירקט צום שלעכטען אויף זיינע רעליגיאָנס אָנ־הייגער אין אַלע שפּעטעריגע דורות, ווייל עס איז כמעט געוואָרען אַ געזעץ ביי די קאַראַאימען, ביז זייערע סאַמע לעצטע, צו פאַר'מיאוס'ען די רבנים און זיי פאַר'מסר'ען פאַר די אַרומיגע פעלקער און מאַכען צו שאַנד און שפּאָט זייער תורה.

זוכט נאָך גוט אין
דער תורה.

די תורה, וועלכע ענן האָט געגעבן זיינע אַנהייגער און געלערענט זי צו אַלע זיינע תלמידים האָט ער פאַרשריבען אין אַ בוך. און ער האָט פאַרפאַסט אַ פירוש אויף דער תורה און געמאַכט אַ ספר־המצוות. פאַר דעם האָט ער אַנערקענונג געקראָגען אי פון זיינע אַנהייגער און אי פון זיינע געגנער. פאַרשטעהט זיך, אַז מיר וועלען זיך ניט צו הערען צו די פוסטע רייד פון די קאַראַאימען. מכח דער קייט פון זייער טראַדיציע, באַהויפּטענדיג, אַז ענן האָט איבערגענומען זיין תורה פון שמאי הזקן (זעה אויבען). עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די אויפגעקלערטע מענ־שען פון זיי גופא האָבן אין די דאָזיגע נאַרישקייטען אויך ניט געגלויבט. זיי האָבן עס בלויז אויסגעטראַכט, כדי זייער לעהרע זאָל ניט הייסען אַ נייע תורה. אַט דער פאַרלאַנג זייערער האָט זיי געפיהרט צו אַלערהאַנט נאַרישקייטען אין דער וועלט, ביז זיי האָבן אויסגעטראַכט, אַז ענן איז געקומען פון מזרח אין די צייטען פון ג ע פ אַ ר אַ ל מ נ צ ו ר און ער האָט מיט זיך געבראַכט דעם נוסח פון אַ משנה, וואָס איז קאַ־פירט געוואָרען פון משה רבנו'ס עליו השלום, אַ כתב־יד (מקריזי לקוטי

קדמוניות ח׳). נון, דער שרייבער וואס דערצעהלט די דאזיגע לעגענדע, האט עס געווים געהערט פון די קאראאימען פון זיין צייט. קענען מיר דערפון זעהן, ווי זיי זיינען אומפארשעמט געווען צו זאגען אדער אויס־הערען אזעלכע משוגעת׳ען, אז משה זאל האבען געלאזט צוזאמען מיט דער תורה אויך א געשריבענעם תלמוד, און ענן האט דעם דאזיגען תלמוד איבערגעשריבען און דאס איז די תורה, וועלכע ער האט געגעבען צו זיינע רעליגיאנס אנהייגער, געשריבען אין ארמית, ווייל אלע זיינע ספרים זיינען געשריבען אין דער דאזיגער שפראך, ווי מיר וועלען ווייטער ריי־דען. און זיי האבען דאס נאך מענות צו די רבנים, פארוואס זיי זאגען, אז משה האט צוזאמען מיט דער תורה שבכתב, געגעבען אויך א תורה שבעל פה, אין דער צייט, וואס זיי טוען נאך ערגער און זאגען, אז צוזא־מען מיט אונזער געשריבענער תורה באזיצט נאך ענן אויך א תלמוד, וואס איז א קאפיע פון משה רבינו׳ס האנט־שריפט. ווארום דאס איז ווירקליך קלאר פאר אונז, אז ענן האט מחבר געווען א תלמוד אויף זיין וועג נאך, און דאס איז זיין ספר וועגען די מצוות. דעם דאזי־גען תלמוד האט ער געשריבען אין א געמישטען ארמית, אזוי ווי דער לשון פון אונזער תלמוד, און ווי דער לשון פון די גאונים אין זיין צייט. אזוי זעהען מיר ארוים פון די איינציגע רעשטלעך וואס זיינען צו אונז צוגעקומען פון זיין תלמוד. אבער זיינע ספרים, אין קאמפליטען אופן, זיינען פון אונז פערלארען געגאנגען. און אפילו די קאראאימען גופא האבען זיך ניט געקימערט זיי אויפצוהאלטען (י״ג), ווייל זיינע נאכפאל־גער האבען באלד אפגעווייכט פון זיינע מעהרסטע לעהרען. און עס איז קענטיג, אז זיי האבען בלויז פארהייליגט און פארעהרט אין איהם דעם גרינדער, אבער ניט דעם אויפבויער און פארפאלקאמער פון קאראאימי־שען גלויבען. דעם ערשטען יסוד וואס ער האט געלעגט איז „חפישו באורייתא שפיר" — זוכט גוט נאך אין דער תורה — און אויף דעם גרונד ווערען די קאראאימען וואס פארלאזען זיך בלויז אויף די רייד פון פסוק אנגערופען די „בעלי החפוש". און דאס ווארט ז ו כ ע ן איז געווארען א שטעהענדיגער טערמין אין די שריפטען פון די קאראאימען מיט וועלכען זיי באנוצען זיך איבעראל וואו זיי ווילען ארויסדרינגען פון אפענעם זין פון פסוק אז אנצוהערעניש אויף א צווייטען ענין. שוין אט דער כלל זיינער אליין איז גענוג געווען איהם צו מאכען פאר׳ן גרינ־דער פון דער קאראאימישער רעליגיאן. און כאטש זיי האבען ניט אנ־גענומען אלע זיינע לעהרען, און ווי מיר זעהען ווייטער איז א קורצע צייט שפעטער אויפגעשטאנען א נייער פיהרער פון דער סעקטע — רב בנימין

האונדי — און האט ענטדעקט זאכען, אין וועלכע ענן האט זיך געהאל־
טען אז די רבנים, און האט די דאזיגע זאכען אפגעשאפט, און די קאַ־
ראאימען נאך איהם זיינען נאך ווייטער אוועקגעגאנגען פון ענג'ען (ר'
סלמון בן ירוחם אין פירוש תלים ל"ק, כ"א) — פונדעסטוועגען האט
זיך ענן ניט אויפגעהערט צו רעכענען פאר'ן גרינדער פון דער קאראַ־
אימישער רעליגיאן, ווייל ער איז געווען דער סאמע ערשטער, וואס האט
זיינע טענות אויסגעזעצט געגען דער תורה שבעל פה, וואס דאס איז דער
עיקר פון קאראאיזם, און די איינצעלהייטען ווערען איבערגעלאזט צום
פארשטאנד פון יעדען איינעם באזונדער. אויף די טענות פון די דאַ־
מאלסטיגע רבנים, אז ענן האט געמאכט פיעלע טעות'ן אין דער תורה,
ווי אויך, אז די שפעטעריגע קאראאימען האבען זיך ניט פארלאזען אויף
זיינע רייד — האבען זיי געענטפערט: דאס מאכט ניט אויס, ער איז
ניט געווען קיין נביא און האט ניט גערעדט מיט'ן רוח־הקודש, אז ער
זאל ניט מאכען קיין טעות און זיינע נאכפאלגער האבען געטאן מיט
רעכט, ווען זיי האבען איבערגעמאכט אדער צוגעגעבען צו זיינע רייד".
(חלוק הקראים והרבנים, נספחות 101).

דער דאזיגער ענטפער איז ניט בלויז א געמאכטער תירוץ, נאר עס
פליסט ארויס פון דעם יסוד, וועלכער איז דער גרונדשטיין פון דער קאַ־
ראאימישער רעליגיאן, וועלכער איז אהן צווייפעל געלעגט געווארען פון
ענן גופא. זינט זייער רעליגיאן איז ענטשטאנען איז דאס געווען דער
יסוד, אז דער עיקר פון אידישקייט איז די געשריבענע תורה און זי לאזט
זיך דערקלערען פון יעדען איינציגען, און ווי אלט א פירוש זאל ניט זיין,
האט ער קיין פארצוג ניט, און בלויז די ריכטיגקייט פונ'ם פירוש גיט
איהם דעם פארצוג, און בלויז נאך דעם, וואס א מענש גלויבט, אז עס
איז אמת, נאך דעם זאל ער געהן. זיי האבען מבטל געווען דעם גלויבען
אין די ראשונים, כאטש זיי זיינען געווען די מעהרהייט, דער פארשטאנד
און דער באגריף פון גוטס און רעכטפארטיגקייט דארף זיין דער מאס־
שטאב פאר'ן מענשענס מעשים. און אזוי שרייבט רב סהל בן מצליח
אין זיין שטראף־בריעף צום רב רבי יעקב בן שמואל הרבני (נספחות 34):
„זייט וויסען, אז דער וואס רעכטפערטיגט זיך דערמיט וואס ער געהט אין
זיין פאטער'ס דרכים — וועט איהם דאס גאר ניט ביישטעהן. האט
דען ניט אונזער גאט געזאגט, איהר זאלט ניט זיין ווי אייערע עלטערען...
אונז צו לאזען וויסען, אז מיר זיינען ניט מחוייב צו געהן נאך זיי, אמ־
וויינינגסטענס, זיינען מיר פארפליכטעט זיך אריינצוטראכטען אין זייערע
ווענגען... און דאס וואס די אבות האבען געזאגט באדארף נאך דורך באַ־

ווייזע און ראיות באפעסטיגט ווערען, כדי דו זאלסט וויסען צי עס איז גוט צי ניט, און בלויז דאס וואס אונז געפעלט זאלען מיר טון". אויך דאס געפינען מיר, אז אלע קאראאימען פון'ם ערשטען ביז צום לעצטען, רופען אן די תורה פון די רבנים: „מצות אנשים מלומדה". (אן אויטאָמאטיש אויסגעלערענטע זאך). און אט דער געדאנק ציהט זיך דורך אלע זייערע שריפטען. אמת אפילו, אז די קאראאימישע געשיכטס־שרייבער ווילען האבען, אז ענן איז ניט געווען קיין קראי אין אלע זיינע מנהגים און געזעצען און זיי מאכען אן אונטערשייד צווישען די אַנהיינגער פון ענן און די קאראאימען. זיי ציהען זייער באשלוס פון דעם, וואס זיי געפינען, אז די קאראאימען פון צווייטען דור זיינען שנעל אוועק פון דעם וועג, אויף וועלכען ענן איז געגאנגען, ווי מיר זעהען עס פון די רייד פון קראי סלמון בן ירוחם (געלעבט אין סוף פון זיבעטען יאהרהונדערט פון פינפטען טויזענט), אז די סבה דערפון איז געווען, וואס ענן האט זיך געהאלטען אן די מנהגים פון תלמוד. און פיעלע אַנדערע חכמים פון די קאראאימען האלטען זיך אויך ביי דער זעלבער מיינונג (זעה לקוטי קדמוניות כ"ב און אין נאך פיעלע ערטער). די דאָזיגע מיינונג אבער איז נאר טיילווייז ריכטיג. עס איז אמת, אז די קאַראאימען פון די שפעטעריגע דורות זיינען אוועק ווייטער פון תלמוד ווי ענן, אבער עס איז ניט אמת, אז צוליעב דער מיינונגס־פארשיידענהייט קען מען זיי פאנאנדערטיילען אויף צוויי סעקטען. ענדערונגען אין אייג־צעלהייטען מאכען ניט קיין באזונדערע סעקטען, זאנדערען ענדערונגען אין די גרונדלאגען, און די יסודות פון ענן'ס שיטה זיינען אויך געווען די יסודות פון די אלע קאראאימען. איבערהויפט נאך איז דאס ריכטיג, ווען מיר זעהען, אז שוין ענן האט געזוכט איבערהויפט אונטערצוגראָבען דעם אויטאָריטעט פון די פארגענגער, און איבערגעגעבען דאס רעכט צו יעדען איינצעלנעם מענשען, צו האנדלען לויט ווי זיין פארשטאנד און שכל דיקטירט איהם אין זיין שטודירען און זוכען אין דער תורה. און דעריבער, אויב זיין פארשטאנד און פארשונגס־גייסט האבען איהם געבראכט דערצו, אז ער זאל זיך אנהאלטען אן מאנכע זאכען פון דער תלמודישער לעהרע, האט ער צוליעב דעם ניט אויפגעהערט צו זיין א קראי, ווארום ווען ניט באדארפען מיר דאך ערקלערען די אלע בעלי המחלוקת זייערע וועגען פארשיידענע איינצעלהייטען אין מצוות אלס באזונדערע סעקטען, און עס איז גאר קיין צאל ניטא וויפיעל מאל זייערע חכמים האבען געהאט מיינונגס־פארשיידענהייטען וועגען פארשיידענע זאכען. און ווירקליך, דאס וואס ענן האט אין מאנכע זאכען זיך גע־

האַלטען אַז תלמוד, איז קיין באַוויַיז ניט, אַז ער איז ניט געווען אין עצם קיין קראַי צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פון זיי, ווייל עס איז ניטאָ איינער פון זייערע חכמים, וואָס זאָל ניט האָבען געווען אַזוי גע־האַנדעלט. און עס איז אוממעגליך איבערצוצעהלען געווי די אַלע זאַכען, וואָס זיי האָבען גענומען פון משנה און געפיהרט זיך לויט זיי אין לע־בען. איינער פון זייערע לעצטע חכמים האָט בפירוש מודה געווען: „אַז די קאַראַאימען לייקענען ניט אָפּ אַלעס פון משנה און תלמוד, ווייל אין משנה און תלמוד זיינען פאַראַן גוטע זאַכען און שלעכטע... די גוטע נע־מען מיר אַן, און די שלעכטע ניט, און דעריבער האָבען אונזערע ערשטע חכמים אַרויפגעלעגט אויף אונז א חוב צו לערנען משנה און תלמוד, און געזאָגט, אַז די מעהרסטע רייד פון דאָרטען שטאַמען פון אונזערע אבות". (אורח צדיקים כ׳ ע״ב), און אַזוי שרייבט אויך דער ערשטער רב אהרן אין דער הקדמה פון זיין „ספר המבחר": „און די בעלי־הקבלה דאַרפען זיך מיט דעם ניט איבערנעמען" (מיט דעם וואָס די קאַראַאימען האָבען גענומען פון תלמוד) „ווייל די מעהרסטע רייד זייערע זיינען די רייד פון אונזערע אבות און מיר זיינען קיינמאָל פון זייער עיקר ניט אַוועקגע־גאַנגען". און אפילו ווען מיר וואָלטען עס פון זייער עדות־זאָגען ניט גע־הערט, וואָלטען מיר עס געוואוסט פון זייערע שריפטען — ווייל אַלע זייערע ספרים זיינען פול מיט דינים און הלכות, וועלכע זיי האָבען גע־נומען פון תלמוד און בלויז געענדערט זייער אויסזעהן. און מיר זעהען, אַז זיי האָבען געטאָן דאָס זעלבע, וואָס ענן האָט געטאָן, און אויב ענן האָט זיך אמת געהאַלטען אַן תלמוד מעהרער ווי זיי — מאַכט עס פאַרט א קליינעם אונטערשייד.

די וועגען ווי אַזוי ענן
האָט באַקעמפט די תורה שבעל פה.

פון ענן׳ס לערען האָבען זיך זעהר ווייניג אויפגעהאַלטען. **עס איז** אָבער זיכער, אַז די רבנים האָבען איהם ניט אַזוי באַקעמפט דערפאַר, וואָס ער איז א מזלזל במצות געווען, ווי דערפאַר, וואָס ער האָט אָפּגע־רעדט דאָס אידישע פאַלק פון דער קבלה און אָפּגענייגט פון די מנהגים פון די צוויי ישיבות (רב נטרונאי גאון), נאָר, אַז מיר קוקען זיך צו צו די ווייניגע זאַכען, וואָס זיינען פון איהם געבליבען, זעהען מיר, אַז אין מאַנכע מצוות האָט ער נאָך מעהר מחמיר געווען, ווי דער תלמוד. און האָט ווידער אויך מבטל געווען אַזוינע זאַכען, וואָס זיינען מן התורה

פארבאטען. מיר וועלן זיך צו ערשט אפשטעלן אויף זיינע גזעצען און דיים וועגן עניני־עריות — די דינים, וואס רעגולירען, וואס פאַ, א קרובים און קרובות מעגען זיך נעמען און וועלכע ניט (זעה אויבען אין דיזען קאפיטעל אין דער זיבעטער הערה). די מערסטע פארבאטען אין עריות פון דעם קאפיטעל, וועלכער איז צו אונז צוגעקומען, געפינען זיך ניט אין משנה און תלמוד און האבען ניט קיין סמך פון דער תורה. מאנכע פון זיי באלאנגען צו די „שניות", וואס געהערען צו די חכמים, און נאך זיין שיטה זיינען זיי פארבאטען מן התורה, גלייך ווי עס וואלט זיך אין איהר אויסדריקליך גערעדט וועגען זיי. און מאנכע פון זיי זיינען בפירוש ערלויבט פון משנה און תלמוד, און ער אסר'ט זיי מן התורה. אזוי צום ביישפיל זאגט ער אין פינפטען פאראגראף פון יענעם פרק: „א מאן טאר ניט נעמען פאר א ווייב די טעכטער אדער שוועסטער פון זיין פאטער'ס פרוי, אויב די פרוי האט א קינד פון זיין מוטער." און אין זעקסטען פאראגראף זאגט ער: „א מאן טאר ניט נעמען די געוועזענע שנור אדער שוועגערין — איהר ברודערס פרוי — פון זיין פא־טער'ס פרוי"... און א. וו. און אין זיבעטען: „א פרוי טאר ניט גענומען ווערען פון איהר פאטער'ס ברודער און פון איהר מוטער'ס ברודער". און די דאזיגע אלע „גופים" זיינען בפירוש ערלויבט לויט דעם תלמוד. דער אנפאנג אבער פון זיין מחלוקת איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט מבטל געווען דעם „חשבון־הקביעות" — דאס באשטימען פון די מאנאטען, יאהרען און יום־טובים לויט די כללים און אויסרעכענונגען, וואס די חכמים האבען פעסטגעשטעלט, און האט זיך אומגעקערט אין ענין פון קידוש החודש — צו באשטימען דעם טאג פון ראש חודש — לויט דער זעהונג פון דער לבנה, ווי די פרושים פלעגען זיך אמאל פיה־רען, און אין באשטימען א איבעריאהר האט ער זיך אומגעקערט צום שפעטערען אדער פריהערען אנקימען פון פריהלינג, ווי ער האט ער־קלערט פאר'ן געריכט. דער פירוש, אז „ממחרת חשבת" (אויף מארגען פון שבת) מיינט שבת בראשית, — דער זיבעטער טאג פון דער וואך, — און שבועות קומט דאריבער שטענדיג אוים אום זונטאג נאך שבת, ווי די צדוקים האבען געהאלטען, שטאמט אהן צווייפעל פון ענן'ן, ווייל נסי בן נח, וואס האט געלעבט נאהענט צו ענן'ס צייט דערמאנט שוין דיזע דאזיגע נעגנערשאפט (לקוטי קדמוניות כ"ג). וועגען מצה האט ענן געלערענט, אז מען טאר זיי ניט מאכען פון קיין אנדער מעהל בלויז פון גערשטען־מעהל, ווייל עס שטעהט אין דער תורה „ארים ברויט," און גערשטען־ברויט איז דער מאכל פון ארימעלייט. ווידער האט ער גע־

לערנט, אַז באַקען די מצה באַדאַרף מען פאַרנאַכט, ווייל עס שטעהט געשריבען: „און אין אווענט זאָלט איהר עסען מצות“. נאָך האַט ער געזאָגט, אַז די מצה דאַרף געבאַקט ווערען אויפ׳ן פייער גופא, און ניט אין אויוועז (גן עדן, ענין חג המצות, פרק ג׳). אין זיין פירוש פון דעם פסוק „שבו איש תחתיו“ (זיצט יעדער אויף זיין פּלאַץ) — דאַס באַציהט זיך אויף שבת — זאָגט ער, אַז דאַס צייגט, אַז אַ מענש מעג געהן פון זיין הויז צום בית המדרש, ווי אויך אין אנדערע עהנליכע פּלעצער, וואָס עס איז ערלויבט צו געהן אהין. און דאַס וואָס שטעהט, אַז ער טאָר ניט ארויסגעהן פון הויז מיינט, אַז ער טאָר ניט ארויסגעהן, ווען ער דאַרף ניט (זעה שבת, פרק י״ג). וועגען מל זיין אַ קינד אום שבת האַט ער געלערענט, אַז מען זאָל מל זיין נאָהענט צום אווענט, כדי דאַס היילען זאָל פאַרקומען אין דער וואָכען (אין פיעלע ערטער פון „אשכול הכופר“ און דאַרטען פרק ט״ז). פאַרקערען געשלעכטליך מיט אַ פרוי אום שבת איז פאַרבאָטען געוואָרען שוין פון ענן׳ן, ווען ניט, וואָלט רב אהרן בן אליהו ניט געזאָגט, אַז אַזוי האָבען געלערענט אַלע קאַראַאימען (דאַרטען פ״ו). דאַס מבטל זיין צו האַלטען די פיער מינים (אתרוג, לולב, ערבות, און הדסים) אין האַנט (צו בענשען אתרוג און לולב) שטאַמט אויך פון ענן, ווייל מיר זעהן, אַז ער באַמיהט זיך צו פאַרגלייכען דאַס וואָס שטעהט וועגען דעם אין דער תורה מיט דעם פסוק פון עזרא: „געהט ארויף אויפ׳ן באַרג און ברענגט אוילבערט בלעטער“ וואָס דאַרטען איז עס פאַר׳ן געברויך פון דער סוכה (דאַרטען ענין סוכות, פ״א). וועגען עופות זאָגט ענן, אַז זייער „מליקה“*) איז שוין שחיטה, און עס איז קיין אונטערשייד פאַראַן צווישען אכילת־חולין**) און אכילת־מזבח (דאַרטען ענין שחיטה, י״ב). ענן האַט פאַרבאָטען צו עסען דאַס פלייש פון הינער, ווייל ער האַט געזעהן, אַז אין ארמית הייסען זיי „דוכיפתא“, און ער מיינט, אַז דאַס איז דער דוכיפת, וואָס איז פאַרבאָטען אין דער תורה (נספחות 84 און זעה „מבחר“ און „כתר תורה“, פרשה שמיני). אויך מאַכט ער אַ חיוב אַנצוגרייטען אַלעס וואָס איז נויטיג צום עסען פון ערב שבת. נאָר טרינקען וואַסער פון ברונעם מעג מען, ווי אויך די פרוכטען, וואָס פאַלען אַראָב פון די בוימער מעג מען עסען. וואָרום דאָס אַלעס איז אַנגעגרייט און פאַרטיג (ספר „יהי מאורות“ כתב יד אין בית מדרש). לויט ענן׳ס מיינונג איז אַ נבלה מטמא בלוין במגע (דורך אַנריהרען) נאָר דאַן, ווען

*) אראָבנעהמען דאָס קעפּעל פון אַן עוף מיט דעם נאָגעל אנטקעגען נאַקען.
**) ניט קיין קרבנות.

זי איז גאַנץ, אָבער איינצעלנע טיילען איהרע ווערען ניט אָנגערופען נבלה, און ער האָט אויסגעטייטשט וואָס שטעהט „הנוגע בנבלתה" — דער וואָס ריהרט אָן די נבלה — איהר גאַנצען קערפּער. אָבער ווען אימיצער טראָגט איין טייל אפילו פון דער נבלה איז ער טמא, ווי אין פּסוק שטעהט: „און דער וואָס טראָגט פ ו ן ד ע ר נבלה" (נספחות 84, גן עדן, ענין טומאה, פּרק ב'). א נפל, וואָס א פרוי האָט מפּיל געווען, ווען עס האָט שוין א מענשליכען אויסזעהן, נאָר עס האָט נאָך ניט די סימנים פון געשלעכט איז מטמא פּאָר זיבען טעג (נספחות 74). די טומאה פון א מת איז ניט גילטיג אין גלות, ווייל מיר האָבען ניט די אש פון דער פּרה־אדומה (גן עדן דאָרטען, פּרק י"ב). פון זינט אָן די קאַראַאימער האָבען זיך אָפּגעטיילט פון די רבנים, דאָס הייסט, פון ענן'ס צייטען אָן, האָט מען איינגעפיהרט א שבועה (דאָרטען סדר נשים, פ"ו) ביי א הייראַטס־צערעמאָניע, אַז זיי זאָלען ניט פאַרראַטען זייער רעליגיאָן (י"ד). ווען א גוי איז מל א קינד איז מען ניט יוצא, און א איד דאַרף דעם קינד מל זיין א צווייטען מאָל (דאָרטען, ענין מילה, פ"ב). דאָס מל'ען דאַרף געמאַכט ווערען מיט א שער, ווייל עס שטעהט געשריבען „חרבות צורים"*) (יהושע ה') — לשון רבים (דאָרטען פּרק ג'). ענן האָט איבערגעגעבען צוויי סימנים פּאָר כשר'ע עופות, נעמליך: אַן עוף, וואָס שלינגט וואַסער און קאַרמעט זיינע עופ'לעך (נספחות 4, גן עדן, ענין טומאה פ"ה). און מכח ירושות האָט ער געמאַכט אַזאַ געזעץ: דאָרטען וואו עס זיינען פאַראַן קינדער קומען זיי צו ערשט. אָבער דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין זוהן און טאָכטער זיינען דעם פאַרשטאָרבענעם'ס פאָטער און זיינע קינדער די יורשים, און אויב אַזוינע יורשים זיינען אויך ניטאָ, געהט די ירושה איבער צום פאָטער'ס פאָטער און זיינע קינדער און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז גאָר צולעצט (אשכול הכופר, סימן נ"ו). אויך האָט מען געזאָגט אויף ענן'ען, אַז ער האָט געלייגט א חוב אָראָפּצונעמען מעשר פון גאָלד, זילבער, אייזען און קופּער צוליב דעם ווייל אויך זיי שטאַמען פון דער ערד (זעה זכרון לראשונים הרכבי חלק ג', זייט 44). פון די דאָזיגע אַלע זאַכען, געזעצען און לערען, וואָס ווערען געזאָגט אין ענן'ס נאָמען זעהן מיר וואָס פאַר א קליינעם באַגריף ער האָט געהאַט אין ביבעל־פאַרשונג. און ער קוקט אויס ביי אונז אין די אויגען, ווי א מענש, וואָס האָט בלויז געזוכט א צוטשעפּעניש. ווי איינער, וואָס די הויפּט זאַך

*) ויעש לו יהושע חרבות צורים — וימל את בני ישראל (און יהושע האָט געמאַכט שאַרפע מ ע ס ע ר ס און מל געווען די אידען).

אין ביי איהם געווען נאר צו זאגען פארקערט, אבער ער האט ניט געזוכט דעם אמת. דער מאנגעל פון זיין אלגעמיינער בילדונג זעהט זיך אויך דערפון וואס מיר געפינען ניט צוגעשריבען צו זיין נאמען קיין איינ־ציגען געגענשטאנד, וואס זאל האבען צו טאן מכח גלויבענס, אידעען, חקירות וועגען גאט, און וועגען „השארת הנפש“ נאך דעם מענשען׳ס טויט. און עס איז קענטיג, אז אויף די דאזיגע געביטען האט ער זיך ניט אויפגעהויבען העכער פאר די גאונים פון זיין צייט, ווען ער וואלט אויף דעם דאזיגען געביט אויפגעטאן עפעס נייעס וואלטען זיינע נאכ־פאלגער דאס ניט פארשוויגען, ווייל זיי האבען דאך פיעל געארבייט אויף דעם דאזיגען פעלד, און עס איז אונמעגליך, אז עס וואלט ניט גע־בליבען ביי זיי קיין איינציגער שפור פון זיינע אנשויאונגען. און ווירקליך אין א קורצער צייט נאך איהם האבען זיך די אומשטענדען געענדערט, און די קאראאימען האבען זיך אנגעהויבען פארטיפען אין טעארעטישע פארשונגען, און האבען זיך אפגעגעבען מיט דעם גרעסטען פליים צו זוכען און פארשען דעם תנ״ך, און געשאפען אזעלכע נייעסען, וועלכע ענן האט זיך גאר קיינמאל ניט געקאנט פארשטעלען. און די קאראאי־מישע תורה און רעליגיאן האבען דערגרייכט דאן צו א נייער מדרגה.

זעקסטעס קאפיטעל.

די קאראאימען ביז צו ענדע פון זעקסטען יאהרהונדערט.

גנאי ברוך

אזוי איז שוין אימער דער פאל מיט גרינדער פון רעליגיאנען, אז באטש עס זיינען שוין פאריבער לאנגע צייטען און די אומשטענדען האבען זיך געביטען אזוי, אז דער אינהאלט פון דער רעליגיאן איז מעהר ניט גילטיג פאר די נייע צייטען בלייבען זיי דאך פארהייליגט פון זייערע נאכפאלגער. זיי לייגען אין זיי אריין נייע כונות לויט זייערע נייע באגריפען און אנשויאונגען און האלטען זיי אז ווייטער דורך געקינסטעלטע מיטלען. ענן׳ס תורה האט דעם מזל ניט געהאט. אמת, זיי האבען איהם דערהויבען און געקרוינט פאר׳ן גרינדער פון דעם קאראאימישען גלויבען אבער דאס איז בלויז געווען צוליב זיין געגנערשאפט צו דער תורה שבעל פה. און עס האט לאנג ניט גענומען, ווי זיי האבען זיך אינגאנצען אפגעטרייסעלט פון זיינע מעהרסטע לערען, און די צייט האט זיי אפגעווישט און עס איז פון זיי קיין שפור ניט געבליבען. און פון דעם, וואס עס איז פון זיי יא פארבליבען איז צו זעהן, אז זיי האבען גוט געטאן, וואס זיי האבען זיינע לערען געלאזט פארלוירען גערן. און עס איז קענטיג, אז אויך מיט די ווייניגע רעשטלעך, וואס זיי האבען פון זיינע לערען איבערגעלאזט, האבען זיי ניט באצוועקט צו דערהאלטען זיי פאר די שפעטערדיגע דורות, זאנדערען זיי האבען עס בלויז געטאן אום זיי אפצופרעגען. דאס אייגענע האט אויך געטראפען מיט אלע קאראאימישע חכמים פון ענן׳ס צייט. איינעם וועלכען זיי דערמאנען רופט זיך מיט דעם נאמען „ג נ א י ב ר ו ך“. און אפילו לויט זייערע רייד קומט אויס, אז זיי ווייסען זעהר ווייניג וועגען איהם. לויט דער מיינונג פון אייניגע איז גנאי ברוך געווען דער רבי פון ענן (אשכול הכופר סימן כ״ג). ווי זיי דערצעהלען האט ער עס פאר זיי איינגעארדענט וואס מען זאל לייענען

פון דער תורה יעדען שבת און יום טוב און אויך די „הפטרות". און זיינע תלמידים נאך איהם האבען מתקן געווען, אז דאס זאל אנגענומען ווערען איבער דער גאנצער וועלט, און די אידישע קהלות האלטען זיך אן דעם מנהג פון רב גנאי ברוך. (תיקון הקראים אין ליקוטי קדמוניות, הערה, י"ג, זייט 186). מאנכע ווידער באהויפטען, אז גנאי ברוך איז געווען ענן'ס א תלמיד (ארח צדיקים, כ"ה, ע"א). און עס זיינען פארא־נען גאר אנדערע וואס שטעלען איהם אוועק אין גאר א פריהעריגע צייט און דערצעהלען וועגען איהם פאלגענדעס: „מיר האבען בקבלה, אז אין די טעג פון אונזער האר... גנאי ברוך, נשיא און ראש־גולה וועלכער איז באקאנט מיט דעם נאמען בוסתנאי שר גן המלך ירא אלהים, דער זוהן פון דעם פירשט חנני ירא אלהים און תלמיד פון רב הונא פקודי גאון פון מחסיא איז פארגעקומען א מחלוקת וועגען דעם דאזיגען ענין (אין דעם פירוש פון „מחרת השבת") מיט'ן ראש־ישיבה רב יהודא גאון. ער האט באקומען די גאונות פון שלמה הנשיא אין יאהר אלף מ"ב לשטרות. ער האט אבער איהם ניט בייגעקומען, ווייל אונזער האר ג נ א י ב ר ו ך איז געווען א גרעסערער חכם פון איהם, און ער האט איהם באזיגט מיט זיינע ראיות (בני רש"ף, אין נאמען פון רב טוביה הבקי זייט 16). נון, יעדער פארנינפטיגער מענש קאן איינזעהן, אז זעהר ווייניג איז קלאר וועגען דעם דאזיגען מאן און דער צייט אין וועלכער ער האט געלעבט. און די קאראאימען גופא זיינען אין דעם ענין געווען פארפלאנטערט. די קבלה אבער וואס ווערט איבערגעגעבען אין טוביה הבקי'ס נאמען איז לחלוטין פאלש, ווייל זי שטעלט אוועק גנאי ברוך אין ערשטען דור גלייך נאך מחמד'ס טויט, ווייל דאס איז די צייט ווען בוסתנאי איז געווען דער ראש־גולה, און נאך איהר קומט דאך אויס אז בוסתנאי און גנאי ברוך איז איין און די זעלבע פערזאן; און זי מאכט פון איהם א קאראאים אין אלע הינזיכטען אריינלעגענדיג איהם אין מויל די צדוקים'שע און קאראאימישע טענות. און דעריבער קען אין דעם אלעם קיין איין ברע־קעל אמת אפילו ניט זיין, ווייל אין יענער פריהיגער צייט זיינען נאך די קאראאימען אויף דער וועלט ניט געווען. אויך פאראייניגט די דאזיגע קבלה די צייט פון בוסתנאי מיט דער צייט פון סורא'ר ראש־ישיבה רב יהודא, וועלכער איז אויפגענומען געווארען דורך שלמה ראש־הגולה, און איז דער באקאנטער רב יהודאי גאון — און דאס איז אויך אן אבסאלוטער ליגען, ווייל לויט דעם כראנאלאגישען סדר פון די גאונים קומען זיי ווייט איינער פון דעם אנדערען. איבריגענס איז די דאזיגע בבא־מעשה גאר אינגאנצען גאר ניט ווערט, מען זאל אויף איהר אפילו וויפיעל עס איז

צייט פטר'ען, ווייל דער וואס קוקט זיך צו צו דער גאנצער קוועלע פון וועלכער די דאזיגע מעשה איז א טייל, זעהט באלד אז דארט איז קיין וואהר ווארט ניטא. אלע מעשות און צייט־רעכנונגען וואס געפינען זיך אין יענער קוועלע זיינען אויסגעטראכט. אלעס, וואס ווערט דארטען דער־צעהלט איז די אויסשליסליכע ערפינדונג פון דעם וואס ערקלערט זיך אלס דער לעצטער איבערשרייבער. ער האט עס אלעס פארפאסט לויט פאר־שידענע באזונדערע הגדות, פון וועלכע ער האט געמאכט איין זאך. ער האט אלעס געפעלשט פון אנהויב ביז צום סוף, און פאר דער וויסענ־שאפטליכער אידישער געשיכטע איז גנאי ברוך גאר אין גאנצען אן אויס־געטראכטע פערזאן (א).

„דריי מענשען ווערען אנגערופען ענג'ס חברים, און דאס זיינען: אפרים, אלישע און חנוכה (ארח צדיקים כ"ה ע"א), מיר ווייסען אבער גאר ניט וועגען זיי און וועגען זייער טעטיגקייט, ווייל זייערע לעהרען זיינען אונז אין גאנצען אומבאקאנט. עס ווערען פארעכענט צווישען זיינע חברים אדער תלמידים נאך דריי אנדערע חכמים אונטער די נעמען: אביגדור, עובדיה הבוצרי, אבו נסי (סלמון בן ירוחם, נספחות זייט 62). פון די דריי איז אבער אויך קיין זכר ניט געבליבען, אויסער זייערע א פירוש אויפ'ן פסוק „זכור את יום השבת לקדשו" (געדיינקט, צו פאר־הייליגען דעם טאג שבת) דער תלמוד טייטשט זכרהו — פראקלאמיר איהם — דורך מאכען קדוש אויף וויין, און זיי האבען עס אפגעשלאגען אז לקדשו מיינט גאר זיך אפזונדערען פון דער פרוי און ניט פארקערען מיט איהר געשלעכטליך אום שבת. זיי לערנען דאס אפ פון פארזאג פון פאר מתן־תורה, וואס דארטען שטעהט: איהר זאלט זיך הייליגען היינט און מארגען — זיך ניט דערנעהנטערען צו א פרוי. דער איסור גופא שטאמט פון ענג'ן, אבער זיי האבען געבראכט די נייע ראיה דער־צו פון פסוק, ווייל ענן האט אויף דעם געבראכט א ראיה פון פסוק „בחריש ובקציר תשבות" (זאלסט רוהען דעם טאג סיי פון אקערען און סיי פון שניידען) (ראב"ע, שמות ל"ד). צווישען די אנדערע געגנער פון די חכמים ווערט דערמאנט נאך איינער א חכם מיט'ן נאמען עובדיה האיספהאני. אנדערע ווילען האבען, אז ער און דער בוצרי זיינען איין און די זעלבע פערזאן (לקוטי קדמוניות ב"ה). אבער דאס איז ניט ריכ־טיג, ווייל וועגען דעם איספהאני דערצעהלט דער קראי רב יהודה הדסי, אז ער האט געזעהן וועגען איהם אין ספר פון ר' דוד בן מרואן אלרקי, וועל־כער איז באוואוסט מיט דעם נאמען באלמקמץ (ב), אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען די פארשיידענע רעליגיעזע סעקטען פון יענער צייט, דאס פאל־

גענדע: „עובדיה האיספהאני איז געווען דער הויפט פון דער סעקטע עסיים. די גרונד־כאראקטעריסטיק פון דער דאזיגער סעקטע איז באשטאנען אין דעם, וואס זי האט געגלויבט אין אבערגלויבישע צייכענס און אפשפרע־כען, האט אפגעווייכט פון פיעלע אידישע מנהגים און וויכטיגע מצוות. האט זיך אפגעהיט פון עסען פלייש און טרינקען וויין. זיי האבען פאר־באטען זיך צו גט'ן אפילו, ווען דער מאן האט געקענט אויפווארפען זיין פרוי א שענדליכע אויפפיהרונג. אויך זיינען זיי געווען מחויב צו דאוו־נען זיבען מאל א טאג, און האבען זיך געהאלטען אן דעם מנהג פון די רבנים בנוגע צו זאגען קריאת־שמע און בנוגע צו דער תפלה פון שמונה־עשרה". און דער הדסי זאגט וועגען דעם דאזיגען עובדיה, אז ער איז געווען א לץ און אן אומוויסענדער מענש, און ער פאררעכענט זיין רע־ליגיאן אונטער יענע רעליגיאנען וואס גיהען אונטער'ן כלל: „זאלסט ניט האבען קיין אנדערע געטער" (אשכול הכופר, מ"א ע"ב). היינט ווי קען עס געמאלט זיין, אז דער דאזיגער עובדיה זאל זיין עובדיה הבוצרי, וועלכער איז געווען אן עכטער קאראאים און מען האט איהם גערופען משכיל, און די קאראאימען האבען איהם געהאלטען פאר איינעם פון זייערע גרעסטע חכמים? נאר דער אמת איז, אז דער בוצרי איז ניט דער איספהאני, ער איז גאר איינער פון די ערשטע קאראאימען, און מיט איהם האט פאסירט דאס זעלבע ווי מיט אלע זיינע ערשטע חברים, וואס פון זיי איז אויך גאר ניט געבליבען אויסער זייער אנדיינקען, און אפילו זייערע גלויבענס־גענאסען האבען אויך זעהר ווייניג געוואוסט פון זייערע לעהרען.

נסי בן נח.

אבער גרעסער און חשוב'ער פון זיי אלעמען איז דער קאראאים נסי בן נח. זיין פאטער נח איז אויך לויט זייער באהויפטונג געווען א גרוי־סער חכם. אנדערע זאגען, אז נח און אבו נסי איז איין און דער זעלבער (לקוטי קדמוניות ל"ז). מיר וועלען אבער זעהן ווייטער, אז עס איז ניט ריכטיג. נסי'ן האט אפגעגאלטען, אז מאנכע פון זיינע לעהרען און פון זיין לעבענס־געשיכטע האבען זיך אויפגעהאלטען. פון זיינע לעהרען איז צו אונז דערגאנגען זיינער א קליינער חבור, וואס ענטהאלט א פירוש אויף די עשרת־הדברות (נספחות זייט 5). אויך האט ער פארפאסט א „ספר המצוות", אונטער'ן נאמען „ביתן המשכילים", און אויך „פלס ביאור המצוות" (דער וועג פון ערקלערען די מצוות), פון וועלכען עס איז

בלויז געבליבען די הקדמה (ל״ק, ל״ז און ווייטער). צום שלוס פון זיין ספר אויף די עשרת־הדברות שטעהט אזוי געשריבען: „דא שליסט זיך דער ספר, וועלכען עס האט פארפאסט דער מוסטערהאפטער חכם פון אונזער צייט, אונזער האר און רבי רב נסי, דער זוהן פון חכם רבינו נח״. פון דעם זעהט מען, אז ביידע, אי דער פאטער, אי דער זוהן, זיינען גע־ווען אנגעזעהענע חכמים ביי די קאראאימען. אויך ווערט צווישען די קאראאימישע חכמים דערמאנט א מאן מיט'ן נאמען יוסף בן נח, און פיללייכט איז ער געווען נסי'ס א ברודער. אויך פון איהם ווערען דער־מאנט מאנכע פירושים אויפ'ן תנ״ך (נספחות 74). די צייט, אין וועל־כער נסי האט געלעבט איז שווער צו באשטימען. אייניגע דענקען, אז ער האט געלעבט אין איין צייט מיט ענן (ל״ק). און אנדערע דענקען, אז ער האט געלעבט מיט פיעלע יאהרען שפעטער. די ערשטע אזוי גוט ווי די צווייטע האבען ניט אויף דעם קיין קלארען באוויין. אבער נסי'ס אייגענע רייד אין אנפאנג פון זיין הקדמה באווייזען, אז צווישען זיין צייט און דער צייט פון זייער אפשפאלטונג אין די יאהרען פון ענן, זיינען אלענפאלס אריבער אייניגע דורות. אין דער דאזיגער הקדמה פארטיפט ער זיך אין די דורות פון זיינע פארגייענגער, אין זייערע רייד און האנד־לונגען, און שרייבט: „און איך האב צוגעזעהן, ווי די ערשטע משכילים און די לעצטע, די אלטע לעהרער, וואס האבען געשריבען ספרים און ארויסגעזאגט זייערע געהויבענע אנשויאונגען — האב איך אויך באגערט צו טון דאס אייגענע און זיך פארטיפען אין דעם, וואס זיי האבען ג ע ז ו כ ט״ (לקוטי קדמוניות, ל״ז). נון, רעדט ער דא וועגען די ערשטע משכילים און די לעצטע, און מיר ווייסען דאך, אז דער צונאמען „משכילים״ ווערט איבעראל געמיינט וועגען די קאראאימען, און זאגענ־דיג, אז ער האט באגערט צו פארטיפען זיך אין דעם אלעם, וואס זיי האבען „געזוכט״, איז דאך קלאר ווי דער טאג, אז ער האט געמיינט ענג'ען, ווייל ענן האט דאך ערפונדען דעם ווארט „זוכען״ אין דעם זין פון פארשען די געשריבענע תורה, ווייל דאס איז געווען דער יסוד פון זיין שטה: „זוכט גוט נאך אין דער תורה״. און זיינע תלמידים האבען טאקע אזוי געטאן, זיי האבען נאכגעזוכט אין דער תורה, ווי זייער רבי האט זיי געהייסען. זעהען מיר אלזא פון דעם, אז ער באצייכענט ענג'ען און זיינע חברים אלס די ערשטע משכילים און דערמאנט אויך די שפע־טעריגע משכילים, און עס וואלט דאך געווען אוממעגליך, אז א מאן, וועלכער וואלט אליין געווען איינער פון די ערשטע, זאל אזוי רעדען. דעריבער איז ניט אנדערש, אז ביז נסי'ס צייט זיינען שוין פארלאפען

איינציגע דורות זינט דאס קאראאימישע גלויבען האט זיך געגרינדעט. אין דער אייגענער הקדמה געפינט זיך אויך א מאמר, וועלכער ווארפט א ליכט וועגען דעם דאזיגען מענשען און וועגען דעם גלויבען, אין וועלכען ער האט זיך געהאלטען אין זיין פריהיגער יוגענד, ווי אויך וועגען זיין פאטער'ס הויז בכלל, און ספּעציעל וועגען זיין פאטער'ס גלויבען. ער דערצעהלט דארט איינציגעס פון זיינע פּערזענליכע לעבענס געשעהע־נישען. ער דערצעהלט, אז מען האט איהם אויך גערופען מיט'ן נאמען רב אחא, און אז נאך אינגעלוויז איז ער געבליבען א יתום, איינזאם און עלענד, און האט פארלוירען די ירושה און די נחלות, וואס זיינען איהם געבליבען פון זיין פאטער; אז פון קינדהוויז אז האט ער זיך געפלייסט אין דער תורה, האט ארומגעוואנדערט אין פארשיידענע לענדער און גע־לערענט שפּראכען. זיינע גוטע פריינד, דערצעהלט ער, האבען איהם פאררואטען, זיינער א תלמיד איז איהם געווארען א שונא און ארויס־געלאזט וועגען איהם שלעכטע קלאנגען — גאט האט איהם אבער גע־האלפען און געטאן מיט איהם וואונדער, און ער האט געקענט פארטזע־צען, זיך צו פלייסען אין דער תורה. אז ער איז דאס אלץ איבערגע־קומען, איז ער אוועק נאך ירושלים, האט געפארשט און נאכגעזוכט אין ספרים ווי אויך אין אלע ביאורים פון דער תורה, אין די גריכישע, רוי־מישע, העברעאישע און אראמישע שפּראכען. דערנאך גיט ער צו פאל־גענדעס: און ווען איך האב איינגעזעהן, אז איך היט אפ אלע מצוות און געזעצען ניט ווי די תורה וויל האבען, האב איך זיך פארגומען זיי צו דערקלערען אין א קלארער שפּראך, אין דער שפּראך פון די עברים און ניט אין דער שפּראך פון די אשורים און די ארמים. גוט, פון זיין זאגען, אז ער האט איינגעזעהן, אז ער איז ניט מקיים די מצוות און געזעצען ווי די תורה וויל האבען, קומט דאך אויס, אז פריהער האט ער זיך געהאלטען אן א דת, לויט וועלכען ער האט ניט אפּגעהיט ווי געהעריג די מצוות פון דער תורה, לויט זיין איצטיגען פאר־שטאנד. וואס זשע פאר א דת איז דאס געוועזן? עס איז קלאהר דע־ריבער, אז ער מיינט מיט דעם דת הרבנים. אויך דאס דערוויסען מיר זיך פון זיינע רייד, אז זיין פאטער איז איהם אפּגעשטארבען, ווען ער איז נאך געוועזן א קינד. דערפון איז קלאר, אז אויך א שטיק צייט נאך זיין פאטער'ס טויט האט ער געלעבט אין דעם רבנישען גלויבען, און האט דאן „אפּגעהיט די מצוות ניט ווי די תורה וויל האבען", ביז ער איז געווארען א קאראאים, און פון דעם אלעם קוועלט שוין במילא ארויס,

אז זיין פאטער איז קיין קאראאים ניט געווען. פון דעם זעהען מיר, אז אלע קאראאימען, וועלכע זאגען, אז זיין פאטער איז אבו נסי דער קאר־ראאים, אויף וועמענס נאמען עס געפינען זיך קאראאימישע פירושים (נספחות 2), ווי אויך אלע קאראאימישע געשיכטס־שרייבער, וועלכע פארלאזען זיך אויף יענע און מאכען פון אבו נסי און אבו נח איין פער־זאן, און מאכען אויך אזוי ארום זיין פאטער פאר א קאראאים — ווערען אפגעלייקענט דורך די רייד פון דעם זוהן גופא, וועלכע זאגען אפען, אז זיין פאטער איז ניט געווען קיין קאראאים, און דערפאר איז אוממעגליך אז אבו נסי דער קאראאים זאל האבען געווען זיין פאטער (ג). אבער מיט איין גרויסער זאך איז ער געשטאנען אפגעזונדערט צום גוטען פון זיינע נאכפאלגער, ווי למשל סלמון בן ירוחם, יהודה הדסי דער פארפאסער פון „אשכול הכופר", און פיעלע אנדערע. דיזע האבען זיך געהאלטען פאר משכילים, אבער זיי האבען זיך ניט געפיהרט ווי משכילים דארפען זיך פיהרען און זייערע רייד זיינען ניט געווען געלאסען און איבערלעגט ווי עס פאסט פאר חכמים. אין זייער האס און צארן האבען זיי זיך געמאכט ניט זעהענדיג אט יענע אלע גוטע מדות, וועלכע האבען ארויסגעלויכטען פון די רייד פון אונזערע ערשטע תנאים און אמוראים; האבען צו זיי אויסגעלאזען זייער גאנצען כעס, געווארפען אויף זיי חרפות און בזיונות און זיי געהאלטען אין איין שימפען און לעסטערען. ער אבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער איז געווען דער געגנער פון זייערע לעהרען און האט זיי געהאלטען פאר פארפיהרטע, האט זיך דאך אפגעהיט, ער זאל זיי ניט באפאלען מיט שימפווערטער און האט ניט אויסגעלאכט זייער גלויבען און פרומקייט. אין דער אויבענדערמאנטער הקדמה איז ער מתרה דעם לעזער, ער זאל זיך ניט פארמאטערען אום־זיסט און אומנישט צו לעזען די ספרים פון די פארפיהרטע, וואס טראַ־גען אויף זיך די נעמען פון די צדיקים און חסידים. און כאטש ער האט פארפעהלט צו זאגען אונז וואסערע ספרים ער מיינט, און ווער זיינען עס די צדיקים און חסידים, צו וועלכע מען האט זיי צוגעשריבען, איז דאך פאר יעדען איינעם קלאר, אז ער מיינט מיט דעם די ספרי־קבלה, וועלכע זיינען געווען זעהר פארשפרייט אין יענער צייט, ווי דער „היכלות", „ספר הרזים" און „אותיות דרבי עקיבא" (לקוטי קדמוניות) וועלכע זיינען אלע געווען צוגעשריבען צו די תנאים. זעהען מיר אלזא פון זיינע רייד, אז ער באצייכענט די תנאים, צו וועלכע ער האט די ספרים צוגעשריבען, אלס צדיקים און חסידים, און אויך דאס זעהט זיך ארויס, אז ער האט געגלויבט, אז די ספרים זיינען בלויז צוגעשריבען צו

זיי, ער האט אבער ניט געגלויבט, אז זיי זיינען ווירקליך די פארפאסער, אזוי ווי מיר היינט גלויבען עס ניט. ווי אזוי אבער האבען די אנדערע קנאים זיך באצויגען צו אונזערע ערשטע חכמים? עס איז עקעלהאפט צו דערמאנען אלץ וואס זיי האבען וועגען זיי געזאגט און די שמוץ, וואס זיי האבען אויף זיי געווארפען. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז זיי האבען ביי זיך אין הארצען גאנץ גוט געוואוסט, אז ניט רב ישמעאל איז דער מחבר פון „היכלות“, און ניט רבי עקיבא איז דער מחבר פון „אותיות דרבי עקיבא“ — נאר דערפאר וואס זיי האבען בלויז געזוכט א סבה פארוואס צו שימפען, האבען זיי געמאכט אז אנשטעל ווי זיי גלויבען אין דער דאזיגער נארישקייט. דאגעגען זעהט מען, אז אין די אלע זאכען וואס ווערען געבראכט אין זיין נאמען, רעדט ער ניט ווי א שונא און באקעמפער פון תלמוד, זאנדערען ווי א מענש, וועלכער זעהט איין חסרונות אין א זאך און וויל אויפמערקזאם מאכען אויף די פעהלערען. און צוליעב דעם פארשטעהען מיר אויך, פארוואס ער האט עס געמאכט פאר א געזעץ, אז די חכמים זייערע זאלען שטודירען די משנה און תלמוד, הלכות און די גרויסע און קליינע תוספות, ווייל ער האט געדיינקט, אז ניט אלץ וואס דארטען איז פאראנען איז פול מיט פעהלערען, און ניט אלץ איז נארישקייט. די פליכט וואס ער האט ארויפגעלעגט אויף זיינע גלויבענס־גענאסען זיך אפצוגעבען מיט דער תורה שבעל פה פון די רבנים האט ער אויך אויף זיך אליין געטראגען. זיינע שריפטען זאגען עדות אויף דעם. אין זיין פירוש אויף די עשרת־הדברות געפינען זיך קלארע שפורען פון דער רבנישער שפראך און פון סגנון פון זייערע מדרשים און אידעען־גאנג (ד). אמת, עס איז אונז אוממעגליך צו באצייכענען גענוי די צייט אין וועלכער ער האט געלעבט, אבער דאס איז קלאר, אז צווישען איהם און ענן'ען ליגט א משך פון איינינע דורות, אבער מיר האבען אויך קיין אורזאך ניט, צו זאגען, אז ער האט געלעבט נאך פיעלע דורות נאך ענן'ען. ער איז אלענפאלס געווען איינער פון די ערשטע, וואס האט זיך באמיהט צו דערקלערען די תורה און מצוות לויט די חכמה פון שפראך־קענטניס און לאגיק. ער ברייננט אליין וועגען זיך אין זיין הקדמה צום „ספר המצוות“: דורך פינף מדות וואס ער באזיצט, וויים ער, אז דער פירוש האט זיך איהם איינגעגעבען, איינע פון די מדות איז, ווי דער מחבר זאגט אליין, וואס ער איז בעקאנט מיט אנדערע זייטיגע חכמות אויסער דער תורה, און אזא מפרש ווי ער איז נאך ניט געווען ביז יעצט. און פון דעם לעצטען זאץ איז קלאר, אז נסי בן נח האט געלעבט פאר רב בנימין האונדי, ווייל רב בנימין איז גע־

ווען באקאנט פאר א חכם, וואס האט געקאנט די חכמות חיצוניות, און ווען ער וואלט געווען נסי בן נח׳ס פארגייענגער וואלט נסי ניט געקענט זאגען, אז אזא מפרש ווי ער איז נאך ניט געווען.

די קראים באריהמען זיך
מיט גרויסע אידישע פערזענליכקייטען,
וואס האבען קיינמאל ניט באלאנגט צו זיי.

עס איז אונז א וואונדער וואס זיינע נאכפאלגער האבען זיך ניט אפגעשטעלט אויף זיין ספר, און מיר געפינען ניט, אז זיי זאלען איהם ערגעץ ציטירען (ה). דאס איז אונז ווידער א באווייז, אז אזוי גוט ווי ענן, האט ער זיך נאך אויך אין מאנכע דינים און מצוות געהאלטען אין תלמוד, און אזוי ווי מען האט מיט איין דור שפעטער זיך אפגעקעהרט פון ענן׳ס תורה, אזוי האט מען מיט איהם אויך געטאן. אמת, דעם יסוד וועלכען ער האט געלעגט אין זיין פירוש אויף די „עשרת הדברות“, אז אלע מצוות פון דער תורה זיינען אריינגענומען אין כלל פון די צעהן־געבאט — האבען אלע קאראאימען נאך איהם אויך אנגענומען. דער ספר „אשכול הכופר“ און דער מחבר פון די „מפתחות“ צום דאזיגען ספר שרייבט אין זיין הקדמה, אז „דער מחבר לערענט און איבערצייגט אונז, אז אלע מצוות, געזעצען און לעהרען, ווי אויך אלע אנדערע ערצעהלונגען פון דער תורה, זיינען אלע אין כלל פון די עשרת־הדברות... זעהען מיר ווי די חכמים ז״ל זאגען, אז דו געפינסט ניט קיין זאך אין דער תורה, וואס זאל ניט געווען זיין אויפגעשריבען אויף די לוחות“. אמת, מאנכע פון זיי האבען דאס אויך באשטריטען און מבטל געווען דעם כלל (רב ישועה, דער ערשטער, ווי אויך דער לעצטער אין מבחר פ׳ יתרו). אט דער פאקט, וואס נאכדעם ווי דאס קאראאימישע גלויבען איז געגרינדעט געווארען איז פארגעקומען אן ענדערונג אין די אנשויאונגען פון זייערע חכמים און האבען מבטל געווען די מעהרסטע פרטים פון זייערע ערשטע חכמים׳ס לעהרען, האט גורם געווען דערצו, זייער חכמה זאל פון אונז פארלוירען געהן, און אז עס זאל פון אלעם דעם, וואס זיי האבען אויפגעטאן גאר ניט בלייבען, אזוי, אז פון זייערע ערשטע חכמים זיינען צו אונז בלויז די נעמען דערגאנגען. און אפילו מיט די איינצעלנע ארעמע שפורען מוזען מיר זיין זעהר און זעהר פארזיכטיג. ווייל אזוי איז שוין די טבע פון די קאראאימען צו מאכען פאר זייערע גלויבענס־גענאסען אזעלכע מענ־

שען, וואס זיינען עס קיינמאל ניט געווען. אזוי איז שוין געווען זייער מנהג, אז זיי האבען געזעהן איינעם פון די חכמים, אדער געהערט וועגען איהם, אז ער גיט זיך אפ מיט'ן תנ"ך און דקדוק און איז ניט קיין בעל־תלמוד, האבען זיי באלד געמאכט פון יענעם א קאראאים, ניט פרע־גענדיג פיעל, ווי אזוי ער פיהרט זיך אין זיין רעליגיעזען לעבען, צי געהט ער נאכ'ן תלמוד, צי ניין, און צוליעב דעם זיינען אפטמאל די אידישע געשיכטס־שרייבער דורכגעפאלען, ווייל זיי האבען זיך פארלאזען אויף דעם וואס די קאראאימען האבען געזאגט און האבען זיי נאכגעשריבען.

שוין אין יענע ערשטע דורות ווערט דערמאנט א חכם מיט'ן נאמען ר ב מ ו ח ה, און נאך איינער א חכם, זיין זוהן מ ש ה ב ן מ ו ח ה, און אויף זיי ווערט געזאגט, אז זיי האבען איינגעפיהרט דעם נ ק ו ד ה ט ב ר א נ י*), און זיינען געווען קאראאימען (נספחות 62 פון סלמון בן ירוחם), און אין „תקון הקראים" (דארטען 186) דערמאנט ער רב מוחה'ן און זאגט וועגען איהם, אז ער איז געווען איינער פון ענג'ס תלמידים. און פון די אחרונים דערמאנט דער פארפאסער פון „אורח צדיקים" (כ"א ע"ב) רב מוחה'ן אין זיין צעטעל פון די ערשטע קאראאי־מישע חכמים און זיין זוהן רב משה'ן לאזט ער אין גאנצען דורך. חוץ דעם אלעם האבען מיר קיין אין באווייז ניט און קיין רמז ניט פון זייערע רייד, אז זיי זיינען געווען קאראאימען, און עס איז א גרויסער ספק צי זיי זיינען ווירקליך געווען קאראאימען אין גלויבען. נאר די קא־ראאימען האבען זיי, לויט זייער שטייגער, פאררעכענט צווישען זייערע גלויבענס־גענאסען, ווייל זיי האבען געוואוסט פון זיי, אז זיי האבען זיך אויסשליסליך אפגעגעבען מיט'ן תנ"ך און זיין נקוד. (ו).

נאר מעהר פון די ערשטע קאראאימען האבען זייערע לעצטע אריינ־גענומען אלס אנהענגער פון זייער גלויבען אזעלכע מענשען, וואס זיינען ניט נאר קיין ציערונג ניט פאר זייער גלויבען, נאר עס איז איינפאך א חרפה און שאנדע אויב עס זאל זיין אמת ווי זיי זאגען. דער „אורח צדיקים" למשל, צעהלט צווישען זייערע ערשטע חכמים איינעם א יהודה הפרסי, און עס איז אלעמען באקאנט, אז דאס איז ניט געשטויגען ניט געפלויגען, ווייל יהודה הפרסי האט קיינמאל ניט געהערט צו די קארא־אימען, און לויט זיינע אנשויאונגען, ווי מיר ווייסען פון איהם, איז ער געווען זעהר ווייט פון זיי און מיט זיי קיין שייכות ניט געהאט. ווי עס זעהט אויס איז יהודה הפרסי דער אייגענער יודעאן איש המדאן וועגען

*) די שיטה אין נקוד וואס שטאמט פון די חכמי טבריא.

וועלכען דער אראבישער שרייבער סרסתאני דערצעהלט, (ל"ק זייט 10), אז ער האט געגרינדעט אן אייגענע סעקטע. און אזוי ברייגגט יהודה הדסי אין „אשכול הכופר" (סימן צ"ז), אז ער איז דער גרינדער פון דער יודגאנ'ישער רעליגיאן און זאגט וועגען יהודה הפרסי, אז ער האט זיך אנגעגעבען פאר'ן משיח, און האט באהויפטעט, אז ער רעדט דורך נבואה, און האט פארבאטען צו עסען פלייש און טרינקען וויין, און זיינע אנ־הייגגער פייניגען זיך זעהר פיעל דורך תעניתים, און זאגען זעהר פיעל תפלות און באהויפטען, אז אין דער יעצטיגער צייט זיינען בטל שבתים און יום־טובים. און דער קאראאים יפת אין זיין פירוש אויף דער תורה (פרשה נצבים, ל"ק, כ"ו) שרייבט וועגען זיי, אז זיי האבען געקעמפט קעגען פיעלע מצוות פון דער תורה, באהויפטענדיג, אז ביי דער היינטי־גער צייט זיינען זיי בטל. און ווירקליך האט ביי יענער צייט געהערשט א גרויסער פלאנטער און צומישעניש אין באגריפען און אנשויאונגען פון גלויבען. עס זיינען אויפגעשטאנען טאג־טעגליך אזעלכע, וואס האבען געלייקענט אין אלעם און אלעם, אזעלכע וואס האבען געלייקענט אין פרטים, און אזעלכע וואס האבען אויפגעטאן אזעלכע גייעסען, וואס מען וואלט זיך קיינמאל ניט געקענט פארשטעלען. איינער פון די איז גע־וועזען חוי הכלבי, וועמעס שעדליכע דעות ווערען דערמאנט אין די פירושים פון רב אברהם בן עזרא; ער האט זיך געהאלטען פאר א פי־לאזאף, אבער מיר האלטען איהם פאר א לץ און אינטריגאנט. ער האט פארפיהרט מענשען דורך זיינע שווינדלערייען, האט אפגעלייקענט אלעם — אבער קיין קאראאים איז ער ניט געווען. נאך איינער איז געווען משה בן עמרם הפרסי, וועלכען רב אברהם בן עזרא דערמאנט אויך צו שאנד און צו שפאט, און ער איז אויך ניט געווען קיין קאראאים. ער האט געגרינדעט א באזונדערע רעליגיאן פאר זיך, וואס ווערט אנגערופען די טיפליסער רעליגיאן אויפ'ן נאמען פון פלאץ אוואו ער האט זיך באַ־זעצט, און דער הדסי זאגט וועגען איהם, אז ער האט געביטען די תורה אין מאנכע זאכען, נאר אין מאנכע אנדערע זאכען שטימט ער איין מיט די קאראאימען. דער דריטער, וועלכען מיר וועלען דערמאנען, איז מ ש ו י ה ע כ ב ר י, וועלכער איז אויך איינער פון די דערנער, וואס האט ארויסגעשפראצט אויף דעם קאראאימישען באדען. ער האט אויך געמאכט א באזונדערע סעקטע, און דער פארפאסער פון „חלוק הקראים והרבנים" דערמאנט משוי'ס סעקטע. דער הדסי זאגט אויך אויף איהם, אז ער האט געענדערט די תורה. ער דערצעהלט אויך מאנכע זאכען פון די רעליגיאנס עיקרים פון משוי הבלבקי, וועלכע אנדערע קאראאימען

דערצעהלען ווענען משוי העבברי, און דאס איז א באווייז, אז בלבקי און עבברי איז איין און די זעלבע פערזאן (לקוטי קדמוניות מ"ב). די גע־זעצען און די לעהרען, וואס דער דאזיגער מענש האט געגעבען צו זיינע רעליגיאן־אנהיינגער באווייזען ווי נאריש און קרומקעפיג ער איז געווען. ער האט מתיר געווען צו עסען חלב פון „זבחי־חולין"*), ער האט געמאכט א געזעץ, אז שבועות זאל אלעמאל אויספאלען אום זונטאג און פסח אום דאנערשטאג, כדי יום־כפור זאל קאנען אויסקומען אום שבת, כדי ער זאל ווירקליך זיין א „שבת־שבתון" (א דאפעלטער רוהע טאג). ווי ער ווערט אין דער תורה גערופען. אחוץ דעם האט ער פארקרימט און פאר־דרעהט פיעלע פסוקים אין דער תורה, און דער קאראאים דער ערשטער רב אהרן (מבחר ויקרא ו' ע"א) האט ווענען איהם געשריבען: „און אונזערע חכמים האבען צובראכען זיינע באקצייגער" (דאס הייסט, זיי האבען באקעמפט זיינע ראיות). און דער קראי רב אהרן דער לעצטער האט געשריבען. „יעדע שוהל דארף מאכען, אז איהרע פענסטער זאלען ארויסקומען אנטקעגען דעם פלאץ פון בית־המקדש." און מיר געפינען ניט, אז ווער פון די אידען זאל זאגען אנדערש, מיט דעם אויסנאם פון משוי העבברי אויף וועלכען מען זאגט, אז ער פלעגט זיך אימער שטע־לען דאוונען צי מערב־זייט, אפילו דאן ווען ער איז געווען אין דער מערב־זייט פון ארץ־ישראל (גן עדן, ענין תפלה אין דער הקדמה). דאס גלייבען זיינען געווען נאך פיעלע אנדערע פארשיידענע שטרעמונגען אין אידישען גלויבען פון יענער צייט, און עס איז זעהר מעגליך, אז דער אראבישער שרייבער סרסתאני האט ניט איבערטריבען פיעל, ווען ער זאגט, אז ווען ענן איז געקומען און האט זיין דת געגרינדעט, איז דאס אידישע פאלק צושפאלטען געווארען אויף זיבעציג סעקטען (לקוטי קדמוניות, זייט 9). הייגט וואס האט ענן אלזא עטוואס גרויסעס און וויכטיגעס אויפגעטאן? אויסער דעם, וואס צוליעב איהם איז די אי־דישע רעליגיאן צוריסען געווארען אויף שטיקער, פון איין תורה זיינען געווארען פיעלע תורות, וואס האבען זיך אפגעזונדערט איינע פון די אנ־דערע אין עיקרים, פרטים און איינצעלהייטען, און האבען זיך נאר אין איין זאך אויסגעגלייכט, נעמליך, אין זייער געגנערשאפט צו דער תורה שבעל פה. ווי די זאך זאל אבער ניט זיין, זיינען די אריגינעלע קאראַ־אימען געווען בלויז א קליינע סעקטע, און דעריבער איז קיין וואונדער

*) פיה וואס ווערען ניט געקוילעט פאר א קרבן. חולין — איינפאך פראסט, וואכעדיג.

זײט, װאָס די גאונים פון יענער צײט האָבן זיך מיט זײ ניט גערעכנט, װי עס װאָלט געמוזט זײן דער פאַל, װען זײ װאָלטן געװען א גרויסע סעקטע. און אפשר אויך פאָלגנדעס. דאָס, װאָס זײ האָבן געזעהן דעם פּירוד װאָס האָט געהערשט צװישן די סעקטען, װאָס זײנען געשטאַנען נאָהענט צו זײ דורך זײער געגנערשאַפט צו דער תורה שבעל פּה און זײנען אבער געװען אזוי װײט פון זײ לױט זײערע טעאָריען, טאַטען און געדאַנקען, צוזאַמען דערמיט, װאָס זײ זײנען אויך צװישן זיך צו־שפּאָלטען און צוריסען געװען און די מחשבות פון אײנעם זײנען אַנ־דערש געװען, װי די פון צװײטען — דאָס אַלעס האָט זײ געמאַכט צו דײנקען, אז אזא צוריסענע און צושפּליטערטע סעקטע קען פאַר׳ן יודענ־טום ניט זײן קײן געפאַהר, און זײ האָבן אויף זײ אַראָפּגעקוקט פון אויבען אַראָפּ; און נאָך אײדער די קאַראַאימען האָבן באַװיזען צו דער־גרײכען ריכטיג די מדרגה פון א סעקטע האָבן שוין די גאונים צוגע־זעהן איהר אונטערגאַנג. װען מיר זעהען אבער דאָך, אז די גאונים האָבן זײ רודף געװען מיט אַלערלײ מיטלען און מיט חרם (סדר רב עמרם גאון ל״ח ע״ב), און װי די קאַראַאימען דערצעהלען האָבן די רבנים זײ באַקעמפט אויך דורך דעם גױ׳שען געזעץ, (סהל בן מצליח אין נספחות) איז דאָס ניט געװען אוים מורא פאַר די קאַראַאימען, זײ זאָלען זיך ניט שטאַר־קען און פאַרשפּרײטען, זאַנדערען אזוי איז שוין געװען זײער געװאוינהײט פון אימער אָן; צו פאַר׳משפּט׳ן די יעניגע, װאָס פאָלגען ניט זײער געבאָט, פאַראורטײלען מענשען פאַר זײערע מײנונגען און איבערצײגונ־גען און רודף צו זײן די יעניגע, װאָס האַלטען ניט מיט זײ.

די צושפּליטערונג פון זײערע קרעפטען איז שוין אין ענן׳ס צײטען געװען די אורזאַכע פאַרװאָס די סעקטע האָט ניט געקענט צוקומען צו א העכערער מדרגה, און װײל זײ האָבן ניט געהאַט קײן שום האָפנונג זיך פאַנאַנדער צו װאַקסען אין בבל, האָבן זײ געזוכט א באַהעלטעניש אין ירושלים. און װירקליך איז ירושלים געװען דער אײנציגער גינסטיגער פּלאַץ פאַר זײ. זינט איהר אמאָליגער גרויסקײט איז פון איהר פאַרלוי־רען געגאַנגען, האָט אויף איהר גערוהט די קללה, װאָס זי איז געװאָרען א מקום מקלט פאַר יעדען פאַרביטערטען און ענטױשטען מענשען, װעל־כער האָט שוין זײנע אַלע רעכענונגען מיט׳ן געזעלשאַפטלי־כען לעבען. איהרע בירגער זײנען געװען צובראָכענע און קלאָגענדע מענ־שען, װעלכע האָבן מיט׳ן פּראַקטישען לעבען גאָר ניט צו טון, און אַלע פרײדען פון לעבען זײנען זײ פרעמד. און אזוי האָט זיך אויך ענן גע־פיהרט אין ירושלים אװאו ער האָט זיך באַזעצט מיט זײנע זיהן, תלמידים

און אנהייבנגער. „מיט א זאק אנשטאט א קלייד און מיט אש אויפ'ן קאפ איז זיין זיפצען געווען זיין ברויט און זיינע ביטערע טרערן — זיין געטראנק" (חלוק הקראים והרבנים 104). ער האט אראפגעטריבן דאס מינדסטע שמייכעל פון זיינע ליפן און ארויסגעשטויסן יעדע פרייד פון הארצן. אבער דורך אזא וועג זיינען נאך קיינמאל קיין רעליגיאנען ניט געגרינדעט געווארן, און נאך מעהר, א רעליגיאן, וועלכע האט געוואלט ברייננגען אויפקלערונג. עס איז אוממעגליך געווען צו האפען, אז אין אזא צושטאנד זאל בילדונג און אויפקלערונג זיך פאנאנדער וואקסען. און דעריבער איז אונז טאקע ניט באקאנט, אז ווער פון זיין פאמיליע זאל זיך האבען אויסגעצייכענט אין גרוים חכמה. פון זיין זוהן שאול, וועלכער האט איבערגענומען די פיהרערשאפט נאך זיין פאטער'ס טויט, און וועלכען זייערע שפעטעריגע גלויבענס-גענאסען רופען אן „מאור הגולה", ווי אויך פון זיין נאכפאלגער יאשיה בן שאול, וועלכען זיי רופען אויך אן „נר הגולה" — איז גאנץ ווינציג געבליבען. פון זייער גאנצער חכמה זיינען בלויז פארבליבען א צוויי-דריי אומבאדייטענדע קערענדלער (ז). און עס איז קלאר, אז די לעצטע חכמים זייערע, וואס לויבען זיי אזוי אין טאג אריין, געהען בלויז נאך דעם מנהג זייערען צו פארהייליגען און פארגרויסען די נעמען פון זייערע ערשטע חכמים, כאטש זיי פארדיענען עס ניט. ווען עס וואלטען פון זיי געבליבען זאכען, פירושים און לעהרען, וואס וואלטען פארדיענט צו פארבלייבען פאר די ווייטעריגע דורות, וואלטען זייערע נאכפאלגער אזוינס ניט פארשוויגען. דעריבער איז ריכטיג ווי מיר האבען אויבען באהויפטעט, אז שאול און יאשיה זיינען געווען גאנץ מיטעלמעסיגע מענשען און האבען ניט באזעסען קיין פיעל תורה און חכמה, אבער זייער פאטערס זכות איז זיי בייגעשטאנען, אז זייער נאמען זאל געגרויסט און דערהויבען ווערען ביי די קאראאימען.

ט) עהרליכער געגנער.

אבער צו אביסעל א העכערער מדרגה, אינערליך אזוי גוט ווי אויסערליך, האט דאס קאראאימישע גלויבען דערגרייכט דורך זייער נאכפאלגער בנימין האוונדי. מיט דעם דאזיגען מאן איז אין זייער רעליגיאן פארגעקומען די ערשטע ענדערונג. בנימין איז זיך פאנאנדער געגאנגען מיט ענן'ען אין זיינע מעהרסטע לעהרען. און אפשר האט ער געדיינקט ווי מיר דיינקען היינט צו טאג, אז ענן איז ניט געווען דער פאסענדער מאן פאר דער זאך, ניט מצד זיין חכמה ווי אויך מצד דעם, וואס זיין

כונה איז ניט אין גאנצען געווען קיין ריינע. ווייל יעדער, וואס איז נאר אביסעל א מענשען־קענער, קען לייכט איינזעהן, אז זיינע געדאנקען און פלענער און באגערען האבען ניט ארויסגעפלאסען פון א ריינער קוועלע, — פון אן אינערליכער רעגונג, וועלכע זוכט צו דערגעהן דעם ריינעם אמת, זאנדערען פון זיין שנאה־קנאה, וואס ער האט ביי זיך אין הארד־צען געטראגען פאר די גאונים, וועלכע האבען איהם פארשטויסען פון דעם אמט, אויף וועלכען ער האט געהאפט. יעדער וואס האט נאר אפענע אויגען און א הארץ, וואס איז ניט פאראורטיילט, קען פארשטעהן פון ענן'ס אלע פאסירונגען, אז ניט אין אלץ וואס ער האט געטאן האט ער געגלויבט. יענער וועט פארשטעהן, אז ענן וואלט מיט פארגעניגען פארבליבען אין איין בונד מיט די רבנים און זיך געהאלטען מיט זייערע מיינונגען און אנשויאונגען, ווען זיי וואלטען באפרידיגט זיין איינציגען וואונש און באגעהר. ניט דאס אבער איז געווען דער צוועק פון בנימין האונדי. פון אלץ, וואס מיר האבען פון איהם געהערט און דערגאנגען, איז קלאר, אז כאטש לויט אונזער מיינונג איז ער געווען פארפיהרט, האט ער דאך געהאנדעלט ווי אן אמת'ער מענש, און האט ניט געמיינט קיינע פאלשקייטען. ער איז געווען דער גרינדער פון א נייער שטה, וועלכע ער האט געגרינדעט און געשאפען דורך דענקען און פארשען און האט גע־מיינט, אז ער האט אויסגעפונען דעם אמת — אבער ער האט דערביי ניט געהאט קיין אנדערע אבזיכטען. ער האט ניט פארווארפען די לעהרען פון תלמוד בלויז דערמיט אום צו דערצארענען און ווייטאגען די רבנים. ער האט בלויז געמיינט אויפצודעקען די חסרונות פון תלמוד און מבטל זיין יענע זאכען, וואס זיינען ביי איהם אין די אויגען אויסגעקומען פעה־לערהאפט. ענן האט זיך געהאלטען אין מאנכע זאכען לויט'ן תלמוד צוליעב זיין פריהעריגער געוואוינהייט, אבער ניט דערפאר, ווייל דער אמת פון יענע זאכען האט איהם דערצו באוואויגען. בנימין האט זיך אויך געהאלטען אין מאנכע זאכען נאכ'ן תלמוד, אבער ניט פון געוואוינ־הייט וועגען, זאנדערען ווייל זיין פארשונג און זוכען האבען איהם דערצו געפיהרט. און אזוי דארפען אויך פארשטאנען ווערען די רייד, וואס דער קאראאים סלמון בן ירוחם דערצעהלט וועגען זיי. ער זאגט פאל־גענדעס (פירוש אויף תהילים, לקוטי קדמוניות כ"א): „ענן האט אויפגע־וועקט די מענשענס הערצער און זיי געעפענט די אויגען צו באגערען גאטס תורה און פארשען זי, ווי געהעריג, ווייל דורך דער פיהרונג פון די רבנים, וואס האבען זיך פארנומען בלויז מיט דער גמרא, האבען די מענ־שען פארגעסען גאטס תורה און איהר ריינעם אמת. דערנאך איז גע־

קומען בנימין און האט פארשטארקט אונזער גלויבען און האט אנגעווי־
זען אויף זאכען, אין וועלכע ענן האט זיך נאך געהאלטען אן די מנהגים
פון די רבנים". מען קען אבער פון דעם ניט אורטיילען, אז בנימין האט
גאר ניט געהאט צו טון מיט'ן תלמוד, ווייל מיר זעהען גאנץ קלאר, אז
בנימין האט גענומען זעהר פיעל פון תלמוד און אריינגעשטעלט עס אין
זיינע לעהרען. נאך סלמון בן ירוחם מיינט צו זאגען, אז די ראשונים זיי־
נען נאך געווען באאיינפלוסט פון תלמוד און פון די מנהגים, אין וועלכע
זיי האבען געלעבט, און די שטה פון די קאראאימען ארויסצובאקומען
נייע אמת'ען דורך זייער זוכען אין תנ"ך איז נאך דאן ניט געווען פעסט
גענוג. בנימין אבער האט פארפעסטיגט די דאזיגע שטה און מבטל
געווען זאכען, אין וועלכע ענן האט זיך געהאלטען אן תלמוד. אבער דער,
וואס זאגט, אז בנימין האט לחלוטין פארווארפען דעם תלמוד, מאכט א
טעות, און לייקענט אפ זאכען, וועלכע מיר זעהען פאר אונז זעהר קלאר
און ריכטיג. פון אלעם וואס איז אונז פארבליבען פון דעם דאזיגען קא־
ראאים איז קלאר, אז ער האט זיך אפט באנוצט מיט'ן תלמוד אין זיינע
פארשונגען.

צו דעם דאזיגען בנימין ווערט צוגעשריבען א ספר, וואס ווערט
אנגערופען „משאת־בנימין". דער דאזיגער ספר פארנעמט זיך מיט
דינים אין געלט־זאכען, און ער האט איהם ארויסגעשיקט צו די קא־
ראאימישע קהלות אין די גלות־לענדער, זיי צו לערנען די דינים פון „בין
אדם לחברו" — צווישען איין מענשען און דעם צווייטען. די דינים ווע־
גען די ריכטער און דייניס, די דינים פון גביית־עדות — דאס אויפנע־
מען פון עדות־זאגען — ווי צו עקזאמינירען, אונטערזוכען און אויספאר־
שען די עדות, צי מען זאל זיי צולאזען צו זאגען עדות אדער זיי פסל'ע־
נען, באשטעטיגען לעגאלע פאפירען און אלע אנדערע פראצעסען פון
בית דין. דינים וועגען דעם אנקלאגער און דעם אנגעקלאגטען, וועגען
הלואות, וועגען דעם איינמאנען פון חובות, דינים וועגען שומרים און
פקדונות — חפצים, וואס מען גיט איבער צום היטען און באהאלטען —
גניבות, גזילות, קערפערליכער באשעדיגונג און אייגענטום באשעדיגונג,
אבידות, ארבייטס־לוין, ירושות, מתנות, און דאס ערווערבען באוועגליכען
אייגענטום און ערד. דינים וועגען איינעם, וואס איז ערב פאר'ן צוויי־
טען און אונטערנעהמער, דינים וועגען שלוחים, שותפים, אפוטרופסים
און אלערהאנט שבועות און חרמות. דינים וועגען קנעכט און זייער בא־
פרייאונג. דינים וועגען פאמיליען לעבען און אלעם וואס האט א שייכות
מיט מאן־און־ווייב און פאטער און קינדער עניינים. דער פארפאסער

פארענדיגט זיין בוך מיט א בריעף, וואס איז אדרעסירט צו אלע קהילות פון די גלות־לענדער און שרייבט אזוי:
„פיעל פריעדען צו אלע זיהן פון גלות פון מיר בנימין בן משה... איך האב שוין לאנג פאר אייך איינגעשריבען דעם דאזיגען ספר הדינים, נאך וועל־כען איהר, אנהייגנער פון דער געשריבענער תורה און אייערע ברידער און פריינד, זאלען שליכטען אייערע דינים. אויף יעדען איינציגען דין האב איך אנגעדייט א פסוק און אויף די אנדערע דינים, וועלכע די רבנים האבען געשריבען און געלערענט, האב איך קיין פסוק ניט געקענט גע־פינען. איך גיב אייך די דינים אויך איבער, כדי איהר זאלט קענען האנדלען וועגען זיי. איהר זאלט זיין אפגעהיט אין אייערע דינים, גע־זעצען און מצוות צו טון אלעס, ווי גאט האט אונז באפוילען". פון די דאזיגע רייד זיינע לערנען מיר, אז בנימין האט געוואוינט אין ירושלים, און זיינע רייד זיינען געווען אנגענומען פון די בני־הגולה פאר וועלכע ער האט געשריבען זיין בוך און האט געפאסט פאר זיי געזעצען אין דיני ממונות. (ח). אויך באקומט זיך ארויס פון זיין עדות־זאגען, אז די משנה און תלמוד זיינען געווען די קוועלען פון וועלכער ער האט גענומען זיינע דינים, פאר מאנכע האט ער געפונען אן אנדייטונג פון פסוק, און פאר מאנכע ניט. און דאך האט ער אויך זיי ארייגגענומען אין זיין בוך און האט ערלויבט זיינע אנהענגער צו באנוצען זיך מיט זיי. פון דעם זעהען מיר ווי ווייט די יעניגע, וואס באהויפטען, אז בנימין האט לחלוטין פארווארפען דעם תלמוד, זיינען זיך טועה. דער וואס בריינגט ארויין אין תוך פון זיינע אלע דינים און געזעצען, יענער זעהט באלד, אז זיי זיינען כמעט אלע גענומען פון תלמוד (ט), און נאך מעהר, ווען ער וויל אפט־מאל געבען א ראיה אויף עפעס א דין, האלט ער זיך ניט צוריק נאכצר געהן נאך א תלמוד'ישען מדרש, כאטש דער מדרש קלינגט ווייטלויפיג און ווילד (י). און מיר וואונדערען זיך גאר ניט אויף דעם, ווייל זיינע אייגענע אנדייטונגען, וואס ער געפינט אין די פסוקים, קומען אזוי צום איינפאכען זין פון פסוק, ווי טאג צו נאכט, אזוי אז די קאראאימען פון די שפעטעריגע דורות האבען ניט געקענט לייקענען, אז אין פיעלע שטע־לען איז ער געווען ווייט פון קלארען זין פון פסוק, און זיי פלעגען איהם אפפרעגען (יא). עס זעהט זיך אויך, אז דער דאזיגער מאן האט גע־וואוסט פון די גאונים'שע לעהרען, און דאס וואס איהם איז געווען גע־פעלען, האט ער אריינגענומען אין זיין חבור (יב). פון דעם אלעם זע־העז מיר, אז בנימין האט זיך ניט דערווייטערט פון תלמוד, און איז נאך אפשר געווען נעהנטער צום תלמוד פון ענן'ען. דער גרעסטער רוב

פון די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון ענג'ס תורה האט מיט'ן תלמוד גאר ניט צו טון. און זיינען גאנץ נייע באַשעפענישען, וואס אין יעדען איינעם פון זיי שטעקט פיעל נארישקייט און דומ־הייט. דאגעגען געפינען מיר, אז אלץ וואס צו אונז איז צוגע־קומען פון בנימינ'ען האט זיך זיין שורש אין תלמוד. דאס איז ווי־דער א באווייז, אז מיר זיינען גערעכט, ווען מיר באהויפטען, אז ענג'ס צוועק איז בלויז געווען זיין געגנערשאפט און נצחון פון שנאה־קנאה וועגען, און זיין גאנצער וואונש איז געווען צו באקעמפען די רבנים, ווען בנימין האט פאר זיך געהאט דעם צוועק צו פארשען געוויסענהאפט דעם אמת און גערעכטיגקייט.

אבער נאך מעהר ווי נאר מיט דעם אלעם איז בנימינ'ס שטה געווען אנדערש פון ענג'ס, דערמיט וואס בנימין איז געווען א גרעסערער גע־לעהרטער פון איהם, דעריבער האט ער זיך אויסער ווי מיט דינים אויך אפגעגעבען מיט פארשונגען וועגען די רעליגיעזע אנשויאונגען און באַ־גריפען. ער האט געפארשט און פארטיפט זיך אין פראגען וועגען דער גאטהייט און געזוכט צו דערווייטערען הגשמה פון דער תורה און באַ־שעפטיגט זיך מיט מעשי־בראשית — די לעהרע וועגען דעם, ווי די וועלט איז באשאפען געווארען. רב אהרן דער לעצטער אין זיין ספר „עץ־חיים“ (פ"ד) דייטעט אונז אן וועגען זיין שטה אין ענין פון בריאת העולם — וועלט־באשאפונג — און רב יהודה הדסי דערמאנט זיין אנ־שויאונג מכח דעם באשאף פון די מלאכים און גאטס כבוד און זיין כסא־הכבוד, און זאגט (אשכול הכופר כ"ה ע"ג): „און בנימין האוונדי דער געלעהרטער, האט געזאגט, אז פריהער פון יעדער באשעפעניש האט גאט באשאפען זיין כסא־הכבוד, אריינגעמענדיג אין כלל אויך אלע גייסטיגע וועזענס און די מלאכים“. און דער הדסי זאגט ווייטער: „און איך בין איינשטימיג מיט דער דעה פון דעם געלעהרטען בנימין אין דעם, וואס ער זאגט, אז די מלאכים זיינען באשאפען געווארען צוזאמען מיט די אויבערשטע הימלען אין דעם ערשטען טאג פון דער וועלט באשאפונג, ווי עס שטעהט געשריבען, אין אנפאנג האט גאט באשאפען די הימלען און די ערד“ (יג). און דאס אלץ האט ער געטאן כדי צו דערווייטערען די הגשמה, און צוליעב דעם ברייטערט ער נאך מעהר אוים זיין געדאנק און זאגט, אז גאט ברוך הוא האט באשאפען די מלאכים און צווישען זיי אויך אט יענעם מלאך, דורך וועלכען ער האט באשאפען די וועלט (דארטען מ"א ע"ד). די דאזיגע שטה זיינע ווערט דערמאנט אין רב יוסף הרואה'ס ספר „מחכימת פתי“ (נספחות 199). און דער צוועק פון זיין שיטה איז

צו דערוויטערען הגשמה אין אונזערע באגריפען וועגען דער גאטהייט און איז נאהענט צו פילון'ס אנשויאונג וועגען „דבור", לאגאס, (דאס ווארט) ווייל ער שילדערט דעם דבור, ווי א מין באזונדער עצם, וועלכער איז א מין משנה צום אל אלהי העולם (זעה גרעץ) אבער טאקע נאר בלויז עהנליך, ווייל עס איז יא דא צווישען זיי אן אונטערשייד. דער דבור ווי די אידען מיינען איז א באשאפענער עצם און איז אין דער מדרגה פון א מלאך, וואס טוט דעם רצון פון גאט. בנימין דערמאנט ניט דאס ווארט „דבור" און ער זאגט בפירוש, אז גאט האט באשאפען א מלאך, וועלכער האט באשאפען די וועלט. אויך רב סעדיה גאון (אמונות ודיעות מאמר ו', פרק ד') ברייגנט וועגען בנימין'ס שטה און דעם ענין פון שכר ועונש — באשטראפונג און לוין — נאכ'ן טויט. פון די דאזיגע ווייניגע באמערקונגען פארשטעהען מיר, אז בנימין האט זיך שוין אפגעגעבען מיט מעטאפיזישע פארשונגען וועגען די יסודות פון רעליגיאן. און אפשר איז ער אויך געווען דער ערשטער אויף דעם דאזי־גען געביט און מיט רעכט קאנען מיר אויף איהם זאגען, אז ער האט צו־געפיהרט דאס קאראאימישע גלויבען צו א נייער מדרגה. אמת, זיין חכמה איז איהם דאך ניט בייגעשטאנען, ניט אריינצופאלען אין נעץ וועלכע דאס דאזיגע גלויבען האט געהאט אויסגעשפרייט פאר איהרע אנהייגגער, זיי צו פארפיהרען אויף א וויסטען וועג, ווייט פון די פראק־טישע פאדערונגען פון לעבען און זיי מאכען געהן אנטקעגען לעבען. ווי ווייט אמת דאס איז, איז גענוג אנצוצייגען אויף איין זאך, נעמליך, אז בנימין איז געווען דער ערשטער פון די „בעלי־הרכוב", און ער איז דאס געווען דער יעניגער פון וועמען עס שטאמט די קרומע שטה פון „אשה גוף הבעל", אז די פרוי איז א קערפערליכער טייל פון איהר מאן (משאת בנימין ה', ע"ד, ע"א).

די קראים האבען זיך
אלץ מעהר פון תלמוד
דערווייטערט.

נאך בנימין'ס טויט זיינען די קאראאימען נאך ווייטער אוועקגע־גאנגען פון די רבנים. זיי האבען צוגעגעבען איין געבאט צום צווייטען און איין חומרא צו דער צווייטער. ווייל זיי האבען געטריי אפגעהיט ענן'ס אנזאג, און געזוכט אין דער תורה און אין גאנצען תנ"ך, און גריב־לענדיג זיך אין די פסוקים און מאכענדיג אנאליזען פון די מאמרים הא־

בעו זיי אלעמאל ענטדעקט נייע געזעצען און דינים און לעהרען, און אלץ איז נאך זייער מיינונג אויסגעקומען אין אנקלאנג מיט דעם טיפען זין, וואס דער פסוק ענטהאלט אין זיך, און אט אויף דעם וועג האבען זיך זייערע דינים געפרובפערט און געמעהרט אהן א שיעור און אהן א סוף, און די צאהל פון זייערע דינים האט זיך נאך געהאלטען אין איין מעהרען צוליעב דער מדה וואס זיי האבען אנגענומען, אז אומעטום וואו זיי זיינען אין ספק וועגען א זאך, אדער אין אן ענין וואס זיי האבען ניט קיין קלארען היתר פון א פסוק, זאל מען אימער אננעמען די חומרא. אזוי ווערט דערקלערט אין פיעלע פלעצער פון זייערע ספרים. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי האבען אויף זיך ארויפגענומען אזא שווערע משא פון דינים און דיני דינים, וואס פארטעמפען דאס הארץ און אונ־טערדריקען דעם פרייען געדאנק, קען מען דאך ניט לייקענען, אז אין ענינים פון גלויבען און רעליגיעזע אנשויאונגען איז זייער הארץ געווען אפען און פריי. זיי האבען זיך אפגעהיט פון אבערגלויבענס און זיינען ניט נאכגעגאנגען נאך די נארישקייטען פון די בעלי הסוד־מקובלים, וועל־כע האבען אין יענער צייט פארדונקעלט דעם אידישען גייסט. פון בנימין'ס צייט אן האבען די קאראאימישע חכמים זיך אפגעגעבען מיט זייער גאנצער ענערגיע מיט דער העברעאישער שפראך און איהר דקדוק, מיט מליצה און פאעזיע, מיט חקירות וועגען גאט און נאטור און אסטרא־נאמיע, און מאנכע אויך מיט פילאזאפיע. אויף דעם באווייזען די רייד פון סלמון בן ירוחם ווען ער זאגט, אז נאך בנימין'ען האבען זיך באוויזען די קאראאימישע חכמים און האבען געמאכט נייע גדרים אין די מצוות פון דער תורה, דערנאך זיינען אויפגעקומען מענשען פון מזרח און פון מערב און האבען פארשטארקט דאס גלויבען און דעם באגער נאך חכמה און האבען געמאכט זייער ציעל זיך צו באזעצען אין ירושלים, און הא־בען פארלאזט זייער האב און גוטס, און האבען פאר'מאוסט עולם הזה — און דאס זיינען די יעניגע, וואס געפינען זיך יעצט אין ירושלים (לקוטי קדמוניות כ"ב). פארשטעהט זיך, אז ער האט ניט געמיינט מיט דיזם צו זאגען, אז די קאראאימען ביז איהם זיינען געווען צוטיילט אין פיער סעקטען: ענן'ס סעקטע, בנימין'ס סעקטע, די סעקטע פון בנימין'ס נאכ־פאלגער, און די סעקטע פון די מענשען פון מזרח און מערב — דאס איז נאריש און ניט ריכטיג (רב שמחה פינסקער דארטען). סלמון בן ירוחם האט בלויז געשילדערט דעם ענטוויקלונגס־פראצעס פון זייער גלויבען ביז זיין צייט, ווי עס איז איבערגעגאנגען פון איין מדרגה צו דער אנדערער. אבער די מדרגות מאכען ניט קיין סעקטען. וואס ער מיינט צו זאגען

אין דאָס : דורך בנימין׳ען איז דאָס קאַראַאימישע גלויבען נעוואָרען שטאַרקער, ווייל ער האָט זיי באַוויזען דעם וועג אויף וועלכען צו געהן, אז זיי זאָלען ניט מיער ווערען צו נעמען אויף זיך נייע גדרים און שווע־ריגקייטען, זיי זאָלען זיך מיהען צו באקומען וואָס מעהר קענטנישען — און זיינע נאָכפאָלגער האָבען מיט אן אמת אָפּגעהיט זיין עצה. זיין עצה האָט זיי געלויכטען, זי האָט געוועקט אין זיי די ליעבע צו פאָר־שונגען, לויט ווי בנימין האָט דעם וועג אנגעצייכענט, און ביסלעכווייז האָבען זיך אויסגעאַרבייט און קלאָר געוואָרען ביי זיי אַזעלכע כללים, וואָס זיינען געוואָרען זייערע וועגווייזער, און עס זיינען אַרויסגעקומען די טעאָרעטישע יסודות אויף וועלכע זייער גלויבען איז געבוים.

זיבעטעס קאפיטעל.

די טעארעטישע גרונד־לאגען פון די קראים.

פעסימיסטען און
מחמירים.

זעהר פיעל מענשען זיינען מיט דער מיינונג, אז די געגנערשאפט צום תלמוד און דער תורה שבבעל פה אין אלגעמיין, ווי אויך די צושפאל־טונג — איז פארגעקומען דערפאר וואס דער תלמוד איז געפאלען צו לאסט דורך זיינע גזירות; מענשען זיינען מיעד געווארען צו פארטראגען די באגרענצונגען און שווערינקייטען און האבען זיך פון דעם געוואלט באפרייען — אבער עס איז ניט ריכטיג, שוין גלייך אין אנפאנג ווי די דאזיגע סעקטע האט זיך באוויזען, האט זי ניט געשטרעבט דערצו, אראפ־צוווארפען פון זיך דעם יאך פון די זקנים'ס תורה, כדי דערמיט צו דער־לייכטערען זייער רעליגיעזען לעבען: דער אנפאנג פון דער מחלוקה האט אלס זיין יסוד געהאט א טעארעטישע געגנערשאפט. ווען מיר קוקען זיך צו צו די אלע נייעסען וואס זיי האבען אויפגעטאן און צו די אלע איינ־צעלהייטען פון זייער מחלוקת, זעהען מיר אין די מעהרסטע פעלע, אז זיי האבען געקעמפט פאר נאך מעהר מחמיר זיין אין די דינים, ניט מיקל זיין. אזוי, אז עס זעהט אונז אויס, אז דאס איז געווען זייער הויפט־שטרעבונג, שווערער צו מאכען דעם יאך פון תורה און מצוות נאך מעהר פון די רבנים און צוצולעגען איין חומרא צו דער צווייטער, פון וואס די פארשטעהער פון דער אידישער טראדיציע האבען ניט געדענקט און ניט געטראכט קיינמאל. מיר זעהען פון די מעהרסטע פלעצער אוואו זיי ווייכען אפ פון דעם פירוש פון תלמוד, און זיי דערקלערען די מיינונגען פון די פסוקים לויט זייער שטה, אז פון זייערע פירושים קומען ארויס מעהר שווערינקייטען און חומרות, גאר זעלטען מאכען זיי לייכטער ווי

אין תלמוד. און דער וואס קען זיך דערגרונטעווען צו זייער כונה פאר־שטעהט, אז זייער וואונש איז געווען צו מאכען שווערער דעם עול התורה. און צוליעב דעם האבען זיי אויך אנגענומען אלע חומרות פון די רבנים, ווי מיר זעהען עס קלאר און דייטליך פון די שריפטען פון זייערע חכמים. מיר האבען שוין געהערט וואס דער קאראאים סלמון בן ירוחם האט גע־זאגט, אז רבי בנימין האט פארשטארקט דעם דת. דערנאך האבען די נאכפאלגער צוגעגעבען גייע באגרענצונגען, עס זיינען אויפגעקומען חכמים פון מזרח און פון מערב און האבען נאך מעהר פארשטארקט דעם דת. אזוי דער רופא משה דרעי לאכט אפ אין זיינע שירים פון די רבנים „וואס גלוסטען א גרינגען גלויבען און ווארפען אוועק די הארבע מצוות, און אויף זיי זאגט דער פסוק: זיי האבען אלע צובראכען דעם יאך און צו־ריסען די שטריק" (לקוטי קדמוניות עמוד ד'). און דער פארביסענער קנאי סלמון בן ירוחם זאגט אין זיינע תשובות אויף רב סעדיה גאון דאס פאלגענדע: ער האט אראפגעבלאנדזשעט פון דרך המשכילים מיקל צו זיין אין הארבע זאכען און מחמיר זיין אין גרינגע... און ער האט מתיר געווען אומריינע זאכען און די זופ פון נבלות (מאנוסקריפט אין בית המדרש) און דער קאראאים יפת בן עלי הלוי, וועלכער ווערט אנגערופען דער גרויסער לעהרער, בייזערט זיך אין א בריעף זיינעם געשריבען אין גראמען צו דעם רב רבי יעקב בן שמואל, אויף די רבנים דערפאר, וואס זיי האבען ערלויבט פיעל זאכען אין „עריות" וואס זיינען פארבאטען (נספחות זייט 24), און רב סהל בן מצליח אין זיינע שטראף־בריעף צו דעם אוי־בענדערמאנטען רב שימפפט און לעסטערט די חכמי התלמוד דערפאר, וואס זיי האבען ערלויבט דעם אידישען פאלק צו מון זאכען, וואס מען טאר ניט (דארטען 28), און וואס זיי האבען מיקל געווען אין די הייליגע מצוות פון נדה, שבת און יום־טוב עריות (דארטען 29, 30 און ווייטער). און וויפיעל נעמט זיך דאס איבער רב ישראל המערבי דערמיט, וואס ער האט מחבר געווען זיין ספר וועגען „הלכות שחיטה" אוואו ער געהט איבעראל לחומרא. און דער דאזיגער געדאנק ציהט זיך דורך אלע קארא־אימישע שריפטען. דעריבער איז אונז קיין וואונדער ניט ווען מיר זעהען, אז כאטש זיי האבען געמאכט צו שאנד און צו שפאט די משנה און דעם תלמוד און זיי נעזוכט מיט אלערליי מיטלען צו באקעמפען, האבען זיי זיך דאך מיט זיי אפגעגעבען און געלעגט א חוב אויף זייערע גלויבענס־גענאסען צו לערנען און פארשטעהן די משנה און תלמוד. זיי האבען עס געטאן פשוט דערפאר כדי צו וויסען זייערע חומרות און קולות, זיך צו־האלטען אן מאנכע דינים און באקעמפען די אנדערע און ניט זיין היג־

טערשטעליג בנוגע צו חומרות פון די רבנים. ווען מיר קוקען זיך צו אויפריכטיג צו דער דאָזיגער ערשיינונג, ווערט זי אונז גאַנץ פאַרשטענדליך. מיר ווייסען פון פּראַקטיק, אז ליידענדע, נידערגעשלאָגענע מענשען ליעבען זייערע ליידען און זוכען אַרויסצוגעמען אויף זייער געבויגענעם שולטער נייע רעליגיעזע לאַסטען און זיינען צופריעדען, ווען זיי קענען זיי נאך שווערער מאכען — ווייל אין דעם האָפען זיי צו געפינען זייער דערלעזונג. די מעהרסטע אסקעטישע און איראַציאָנאַלע רעליגיאָנען פון דער וועלט זיינען אַרויסגערופען געוואָרען צוליעב די גרויזאַמע ליידען און אונטערדריקונגען, וואָס מענשען האָבען געליטען. דאָס אייגענע איז געווען מיט׳ן אידישען גלויבען — וואָס מעהרער זיי האָבען געליטען און געפּיניגט געוואָרען פון די אַרומיגע פעלקער, אַלץ מעהרער און שווערער זיינען געוואָרען זייערע באַשווערונגען אין רעליגיאָן. און דאָס אייגענע איז אויך פאָרגעקומען מיט׳ן קאַראַאימישען גלויבען. אויסער די אַלע אויבענדערמאָנטע אורזאַכען, וואָס האָבען געפיהרט צו זייער אָפּפאַלען פון די רבנים איז נאך געווען א סבה, נעמליך, וואָס די מעהרסטע פון זייערע ערשטע חכמים זיינען געווען טרוימער, צובראָכענע און ליידענדע מענשען, וואָס האָבען געהאַלטען אין איין וויינען און קלאָגען אויף דעם חורבן פון ירושלים. די מענשען האָבען זיך אליין געפּלאָגט און זיך געפּייניגט דורך תעניתים, און עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, וואָס זיי האָבען ניט געקענט געפינען קיין גייסטיגע באַפרידיגונג אין דעם תלמודישען למוד און דער שאַרפער פּלפּול האָט ניט געקענט טרייסטען זייערע צובראָכענע הערצער. וואָרום פינסטער ווי די נאַכט זיינען די שילדערונגען פון הדסי, דאָס איז רב יהודה האבל, דער טרויעריגער רב יהודה, ווען ער שילדערט זייער לעבען און פיהרונג. אין זיינע פּיוטים זינגט ער וועגען זיי דאָס פאָלגענדע (אשכול הכופר, י׳ עמוד ב׳): „זיי האָבען באַשלאָסען אויפצוגעהן אין דער הייליגער שטאָדט צו וויינען און זיך מתודה צו זיין אויף זייערע זינד, האָבען פאַרלאָזט דאָס בעסטע און שעהנסטע פון דער וועלט... צו וויינען און קלאָגען אויף די זינד פון פאָלק... זיי פאַסטען טאָג־טעגליך, און א זאַק מיט אַש איז זייער אַנטון... געבויגענע געהען זיי, און זייער נשמה געהט אויס נאך גאָט׳ס הויז. זיי זאָרגען און זיפצען און קלאָגען... קיין פיינע ברויט און פלייש האָב איך ניט געגעסען, און קיין וויין האָב איך ניט געטרונקען... זיי פאַרהאַסען שעהנע גערעמע הייזער, און פרעהען זיך צו פאַרקויפען זייערע פעלדער און וועלדער, און קויפען א קליין שטיקעל פּלאַץ אין הייליגען לאַנד אוואו זיך מתודה צו זיין״. אָט אַזוי דערצעהלט ער פון זייערע אומצאָהליגע

תפלות און זייער נידערשלאָגנהייט און פון זייער תשובה־טון און פון זייערע קינות, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויפ'ן חורבן בית־המקדש און זייער באַגער צו דערנעהענטערן דעם סוף פון ביטערן גלות. און איבער־ראל וואו נאר עס קומט אויס, רעדט ער מיט אַזא פאַרוויטאָגטע נשמה. זיי האָבן שוין לאַנג פריהער דערצעהלט וועגן ענג'ען, אז ער האָט פארהאסט די פיהרערשאַפט און זיך אפגעזאגט פון דער רבנות, און פאַר־לאָזט זיין הויז און אוועקגעוואָרפן זיינע גיטער און אויפגעבויט א שול אין ירושלים, אום דאָרט זיך אויסצואווינען און דאָרטן תפלה צו טון און זיך מתודה זיין (אורח צדיקים, י"ט, ע"א). מיט אַזא געבראָכענ־קייט און טרויער רעדט אויך נסי בן נח אין זיין דערמאָנטער הקדמה. (לקוטי קדמוניות, ל"ט, מ') און זאָגט דאָרטן (מ"א), אז זיין ספר איז גע־קומען דורך תעניתים, תפילות און קלאָג. און דער דאָזיגער טרויעריגער געמיט איז אויסגעגאָסען איבער אלע זייערע שריפטען. כמעט אלע זייערע שריפטען זיינען פול מיט פינסטערע, מרה שחורה'דיגע געדאַנ־קען וועגן זינד, מיט ביטערע קינות אויפ'ן גלות, און דורך זיי אלע געהט דורך דער געדאנק, אז דורך דעם צוריקקער צו דער תורה נאָך זייער שטה נאָך וועלען זיי זוכה זיין צו מאַכען א סוף צום גלות און קומען צו קבוץ־גליות (א). אָט אַזא צומישעניש און פארפלאָנטערניש האָט ביי זיי געהערשט, פאַרפלאָנטערט אין אַזעלכע געדאַנקען, האָט זייער נשמה געלעכצט נאָך אַזעלכע פוסטע האָפנונגען און זיי האָבן געגלויבט, אז דורך דעם, וואָס זיי וועלען שווערער מאַכען דעם עול פון מצוות מיט אומ־צעהליגע חומרות וועלען זיי א סוף מאַכען צום גלות פון אידישען פאָלק און ברענגען פאַר איהם די גאולה. דאַריבער וועט ניט זיין איבערטרי־בען, ווען מיר וועלען באַהויפּטען, אז איינער פון זייערע הויפּט־יסודות איז דאָס פ ס ק נ ' ע ן א י ב ע ר א ל ל ח ו מ ר א א ו ן ש אַ־פ ע ן ש ט ע נ ד י ג נ אָ ך נ י י ע ח ו מ ר ו ת. און וויל זיי האָבען געזוכט די חומרות שטענדיג, דאַריבער האָבען זיי אויף זיך גע־נומען איבעראל אוואו עס איז פאַראַן א ספק, און זאָל זיין אפילו א ווייט לויפיגער ספק, זיך צו האַלטען בעסער ביי דער חומרות, וויל דער היתר דערפון איז ניט אויסדריקליך קלאָר, און דייטליך ערקלערט אין פסוק. וועגען דעם שרייבט „רב יהודה האבל" (אשכול הכופר ע"ה, ע"ד) מיט די דאָזיגע ווערטער: „אין יעדען ספק האָבען מיר מחייב געווען זיך צו האַלטען אַן דער האַרבער זייט, און א רמז דערויף געפינען מיר אין דער תורה: „כסף משנה, קחו בידכם" — צוויי מאָל אַזויפיעל געלט, וויפיעל איהר באַדאַרפט, זאָלט איהר מיט זיך נעמען. און אין

אן אנדער פלאץ (דארטען, קי"ב, עמוד ב') ערקלערט ער: „וואויל איז יענעם, וועלכער איז אפּגעהיט אין אזעלכע מצוות, וואס זיינען אין ספק ביי די חכמים. אזוי זאגט אויך רב אהרן בן אליהו (גן עדן, ענין טמאה, פ"ט): און אזוי האלטען די חכמים, וואס פסקנ'ען לויט דער שטה פון זוכען און פארשען, און דער דין איז, אז מען דארף זיך פיהרען לויט דעם „על צד החומרא" דערפאר וואס די תורה האט עם איבערגעלאזט אין א צושטאנד פון ספק.

דער זין פון מצוות.

דער צווייטער טעארעטישער יסוד פון קאראאימישען גלויבען איז דאס באמיהען זיך צו פארשען און דערגעהן דעם זין פון די מצוות. רב אהרן בן אליהו שרייבט אין נאמען פון זייערע ערשטע חכמים (זעה זיין הקדמה צו זיין ספר המצוות): די מצוות פון פארשטאנד איז זייער ניצליכקייט, די סבה אנצונעמען זיי אלס חוב, אבער אין די מצוות פון דער תורה איז זייער חיוב די סבה צו ערקלערען זיי אלס ניצליך... דער זין פון די מצוות פון דער תורה איז אפטמאל פארשטעלט און מען דארף זוכען זייער אורזאכע. ער מיינט מיט דעם צו זאגען, אז א מענש איז פארפליכטעט נאכצוזוכען דעם זין פון די מצוות און צו פרעגען פאר־וואס האט די תורה אנגעזאגט אזוי און אזוי? דאס זעלבע האט אויך רב אליהו בשייצי געשריבען אין זיין הקדמה פון „אדרת־אליה" אין נאמען פון די ערשטע: אז „יעדע איינציגע מצוה פון די פראקטישע מצוות האט א טעם און אן אורזאכע... און יעדער בעל־תורה דארף אננעמען די דאזיגע מצוות צוערשט בקבלה, און דערנאך, אויב גאט וועט איהם העל־פען, זאל ער זוכען דעם זין פון יעדער מצוה". און זיי האבען טאקע פארווירקליכט דיזען כלל אין זייערע פארשונגען אין דער תורה און האבען דורך איהם געמאכט נייע מצוות און גזעצען, און דיזער כלל איז אויך דער פונדאמענט, אויף וועלכען די שטה פון די בעלי־הרכוב איז געבויט. די דאזיגע „בעלי־הרכוב" (פארפלאנצער פון נייע אידעען אין אנדערע אידעען, וואס האבען מיט זיי קיין שייכות נים) האבען איינ־געפיהרט א נייע שטוינענדע אידעע אין באצוג צו עריות, און די דאזיגע אידעע איז געווארען איינשטימיג אנגענומען ביי די אלע ערשטע קאראַ־אימישע דורות ביז דער קאראאיב רב יוסף הרואה איז געקומען און האט זי באקעמפט, און רב ישועה בן יהודה האט זי שפעטער אין גאנצען מבטל געווען. (דער בעל־האדרת שרייבט, אז זי איז געווען אין קראפט

גענויע זעקס הונדערט יאהר — אבער עס איז ניט ריכטיג). אויב מיר ווילען צוקומען צום סאמע גרונד פון דער דאזיגער אידעע, זעהען מיר, אז דער פונדאמענט איהרער נעמט זיך פון וועלען דערגעהן די טעמים פון „עריות" (פרויען, וועלכע א מאן טאר ניט נעמען). די שטה פון די בעלי הרכוב באשטעהט אין דעם, וואס זיי פארגלייכען איין פארבאט צו דעם אנדערען, און ניט נאר פארגלייכען זיי איין פארבאט וואס איז ניט אויסדריקליך צו א פארבאט, וואס איז אויסדריקליך מן התורה, זאנדערען זיי פארגלייכען אויך איין ניט אויסדריקליכען פארבאט צו א צווייטען ניט אויסדריקליכען. וואס איז געגומען געווארען פון אן אויסדריקליכען פארבאט. און אזוי האבען זיי געמאכט פארגלייכונגען אהן א שיעור און אהן א סוף און די פארבאטען אין באצוג צו פרויען וועלכע א מאן מעג נעמען איז געוואקסען אהן אן ערך, ביז עס איז כמעט געווארען אומ־מעגליך פאר א מאן צו נעמען א פרוי, וואס זאל איהם ניט זיין פאר־באטען. און געקומען איז עס דערפון, וואס זיי האבען געזוכט די סבה פארוואס די תורה האט געמאכט יענעם אויסדריקליכען פארבאט, און זע־הענדיג, אז דער אייגענער טעם פאסט זיך אויך אויף א נאהענטען פאל, וואס איז ניט אויסדריקליך פארבאטען, האבען זיי עס פארגליכען צו יענעם, און אזוי ווייטער אהן א שיעור פארגלייכונגען (ב). נאך בולט'ער זעהט מען עס ארויס פון די רייד פון דעם לעצטען רב אהרן אין זיין ספר ווע־גען די מצוות, (גן עדן, ענין עריות פ"ב): די אידעען פון די בעלי־הרכוב האבען דערלאזען ניט קיין ריכטיגע פארבאטען אין עריות, זיי האבען גע־שטעלט מאן און פרוי אין דער מדרגה פון איין קערפער און איין נשמה, און זיי האבען פארבאטען זיין ווייב'ס פארוואנדטע ווי זיי וואלטען זיין זיינע אייגענע לייבליכע פארוואנדטע, און זיינען געגאנגען פון איין פאר־גלייך צום צווייטען, און פון איין אידעען־פארפלאנצונג צו דער אנדערער. מיר זעהען קלאר, ווען מיר טראכטען זיך איין אין דער גאנצער כונה פון דער דאזיגער שטה, אז זי איז געבוים אויף דער פארשונג איבער דעם זין פון די מצוות. און דער דאזיגער גייסט שוועבט איבער אלע ספרי־המצוות פון די קאראאימען און אין זייערע אלע פירושים, זוכענדיג אין יעדער מצוה אדער א מאראלען שכל, אדער זיי זוכען איהר סיבה אין די מנהגים פון די אמאליגע פעלקער, וועלכע די תורה האט באצוועקט צו דערווייטערען. ווי למשל זייער טעם פארוואס דער קרבן פסח ווערט גענומען פון שאף אדער ציגען. זיי זאגען: אז דאס איז דערפאר, ווייל גאט ברוך הוא האט אונז געוואלט אפשייטען פון די מצריים,ביי וועלכע קוילענגען א שאף איז געווען א זינד (המבחר בא י"ח, ע"א). ווייל די

מצריים האבען געגלויבט, אז זיי שטעהען אונטער׳ן מזל „טלה״ (שאף) און האבען די שאף פארגעטערט (ר׳ ישועה בגן עדן מ״ד ע״א). אזעלכע מינים טעמים גיבען זיי אויך אריין אין דער עבודה פון יום־כפור און אין דער מצוה פון קרבנות אין אלגעמיין. און פון זעלבען מין איז אויך דער טעם זייערער פארוואס גאט האט געהייסען זיך צו פרעהען מיט׳ן יום־טוב סוכות — ווייל די אומות הצאב״ה*) פלעגען האלטען טרויער זינט די זון איז אריין אין מזל מאזנים (וואגשאלען) (גן עדן ס״ו ע״ב). און אט אזוי האבען זיי אויך געגעבען פארשיידענע טעמים פאר די מצוות פון שמטה און יובלים, טעמים פאר דער מצוה פון שחיטה, בשר־בחלב, (פליישיגס און מילכיגס), אותו ואת בנו (די קוה מיט איהר קאלב) און פאר די ענינים פון טומאה. און אלס א כלל זאגט איינער פון זיינע לעצטע חכמים (אדרת אליה, ענין שבת פ״ט), אז יעדער משכיל דארף נאכפארשען יעדע איינציגע מצוה אין די ווערטער מיט וועלכע זי ווערט געזאגט, ווייל אין יעדען איינציגען ווארט איז פאראנען די געהעריגע כונה, און אויב מיר זעהען מאנכע, וואס מיר ווייסען ניט זייער טעם, איז דאס בלויז דערפאר, וואס אונזער שכל באגרייפט ניט.

נביאים און כתובים
אויף דער אייגענער מדרגה
ווי תורה.

דער דריטער טעארעטישער יסוד וועלכער איז דער ערשטער אין צייט און מדרגה, איז דער יסוד וואס ענן האט וועקגעשטעלט: „חפישו באורייתא שפיר״, זוכט גוט נאך אין דער תורה, און אונטער׳ן ווארט „תורה״ ווערען אריינגענומען אלע הייליגע שריפטען. דער תמצית פון דעם יסוד איז, אז ניט נאר אלץ וואס ווערט געזאגט אין תורת־משה איז דער פארמע פון געזעצען, דינים און מצוות געהט ארונטער אונטער דעם אידישען דת — זאנדערען אויך דאס אלץ, וואס ווערט געזאגט אין די אנדערע הייליגע שריפטען, וואס זיינען פארפאסט געווארען על פי נבואה און רוח־הקודש. און אויב דארטען איז דא א רמז אויף א מנהג, וואס איז

*) וואס שטאמען פון שבא. איניגע שבטים פון די שבאיים האבען געוואוינט אין אפריקא און איניגע אין אראביען.

אמאל איינגעפיהרט געווען ביי אידען, אדער מען קאן פון די נביאים און כתובים אפלערנען צו פארשטעהן די רייד פון דער תורה און איהרע געזעצען, זיי אויסצוברייטערען אדער באגרענעצען. באדארף דאס אלץ באטראכט ווערען ווי עס וואלט געווען אויסדריקליך געשריבען אין דער תורה, און האט די זעלבע מאכט. ריידען צופיעל וועגען דעם דאזיגען יסוד איז איבעריג, פונדעסטוועגען וועלען מיר ברייגנען איינציגע ביישפילען צו באווייזען אויף ווי ווייט זיי האבען זיך מיט דער מדה באנוצט. ענן האט געפאסט א געזעץ, אז מל'ען א קינד דארף מען מיט א שער, ווייל עס שטעהט געשריבען אין די נביאים „חרבות-צורים", אין לשון רבים (אויבען קאפיטלע ה'). זיי האבען פארבאטען פרויען פון די פעלקער עמון און מואב צוליעב א פסוק פון נחמיה: „גם בימים ההם ראיתי את היהודים הושיבו נשים אשדודיות עמונית ומואביות". אויך האב איך געזעהן אין יענע טעג ווי די אידען האבען געהייראט פרויען פון אשדוד, עמון און מואב (חלוק הקראים והרבנים, נספחות 105, המבחר פרשה „כי תצא". כתר תורה דארטען). נאך האבען זיי געזאגט: ווען איינער וויל מען זאל הרג'נען א מענשען, ווערט ער אנגערופען מערדער. זיי נעמען עס פון דעם פסוק וואס ווערט געזאגט ביי אחאב'ען „הרצחת וגם ירשת". דו האסט געמארדעט און אויך גע'ירש'ט, און עס איז אלץ איינס, צי דער מענש הרג'עט דעם אנדערען מיט זיינע אייגענע הענט אדער דורך זיין באפעהל צו אן אנדערען; און אויב ער קאן ראטעווען דאס לעבען פון איינעם און ער טוט עס ניט, איז ער אויך א מערדער, ווייל עס שטעהט געשריבען: „הצל לקוחים למות ומטים להרג אם תחשוך". מציל צו זיין די גענומענע צום טויט — און די געטריבענע צום הרג'ענען — אויב דו וועסט זיך צוריקהאלטען. און די אלע געהען ארונטער אונטער'ן דבור פון „לא תרצח" (אשכול הכופר, סימן רס"ט—ר"ע. גן עדן, דיני נזיקין). נון, דא אמווייניגסטענס זעהען מיר א פארלאנג צו פארשען און זוכען דעם אמת, כאטש אין אלגעמיין האבען זיי דעם אמת ניט געקענט געפינען, ווייל זיי האבען ניט געוואוסט אונטערצושיידען צווישען אן אויסדרוק, מיט וועלכען מענשען באנוצען זיך געוויינליך, און צווישען א קינסטלערישען אדער פאעטישען אויסדרוק, און צווישען א יורידישען אויסדרוק, וואס ענטהאלט אין זיך ווירקליך דאס געזעץ. מיר געפינען אבער, אז זיי זיינען אין דיזער הינזיכט געגאנגען אויך ביז צום לעצטען עקסטרים, אוואו עס ענדיגט זיך דער גראדער שכל און עס פאנגט זיך אן איינפאכע משוגעת, ווי מיר זעהן עס אין דעב. וואס מאנכע פון זייערע חכמים ווילען דרינגען אז דער געשלעכטליכער פערקער צווישען מאן און

ווייב איז פארבאטען אום שבת פונ׳ם פסוק „אם תשוב משבת רגלך“, ווייל די ערוה ווערט אנגערופען „רגל“, ווי מיר זעהן אין מאמר „לשתות את מימי רגליהם“ און פון דעם פסוק „וכבדתו מעשות דרכיך“, און דו זאלסט איהם עהרען (דעם טאג שבת), ניט צו מאכען דיינע ו ו ע ג ע ן, ווייל עס שטעהט „ואיש בארץ אין לבוא אלינו כדרך כל הארץ“, און קיין מאן איז ניטא אין לאנד צו קומען צו אונז, ווי עס איז דער ו ו ע ג — דער שטייגער — פון דער גאנצער וועלט (גן עדן, ענין שבת פרק י׳). און ווירקליך איז די דאזיגע מדה זייערע געווען א דאנקבארער מיטעל ביי זיי אין די הענט פאר זייערע קרומע און פאלשע וועגען צו באקעמפען שטענדיג די רבנים (ג). דעם כלל, אז די תורה, נביאים און כתובים שטעהן אויף דער זעלבער מדרגה, און זיי באזיצען אלע די זעלבע מאכט צו מאכען געזעצען האבען זיי געלערענט פון פסוק אין „משלי“ „הלא כתבתי לך שלשים — און איך האב דיר דאך געשריבען אייערנעכטען. זיי לייענען שלישים — דרייפאכיג: תורה, נביאים און כתובים (אלע קאראאימען). און ווער פארשטעהט עס ניט, אז דער דאזיגער פירוש איז ניט דער זין פון פסוק, און עס איז בלויז א דרש. און דערצו נאך, א דרש וואס ניט זיי אליין האבען ממציא געווען, נאר זיי האבען איהם גענומען פון די רבנים (ד). עס איז ווירקליך, ווי מיר האבען שוין געזאגט, אז וואו נאר זיי האבען עפעס געדארפט האבען פאר זייערען א צוועק, האבען זיי ניט געקוקט ווי ווילד און ווי קרום די זאך איז, עס אויסצונוצען, און האבען פארגעסען זיך אז דעם, וואס זיי זיינען קאראאימען, וואס האלטען זיך, אז זיי זיינען די איינציגע מענשען, וואס ווייסען דעם אמת׳ען זין פון פסוק... דעם דאזיגען יסוד האבען די שפעטערדיגע קאראאימישע חכמים אנגערופען „משמע“ (דרינגען) אדער „כתב“ („אשכול הכופר“, כ״ד, ע״ד; מבחר אין דער הקדמה; גן עדן, ענין שחיטה, און אין פילע אנדערע ערטער). אזוי ווי אבער זיי האבען זייערע מעהרסטע לערען געשעפט פון משנה, תלמוד און מדרש, אזוי האבען זיי דעם דאזיגען יסוד אויך אליין ניט ערפונדען, ווייל דער עיקר פון דעם יסוד שטאמט פון תלמוד, און דער אונטערשיד צווישען די קאראאימען און די רבנים אין דעם דאזיגען ענין, איז בלויז אין דער צאל פון די זאכען וואס זיי האבען גענומען פון דער קבלה (נביאים און כתובים). אבער די רבנים האבען זיך קיינמאל ניט צוריקגעהאלטען צו פאסען דינים פון דער קבלה (ה). און דאס, וואס דער תלמוד זאגט (בבא קמא ב׳ און דארטען נ׳) דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן“ — דאס הייסט, מיר לערנען ניט אפ א דבר תורה פון א דבר קבלה, געהט ניט ארונטער אין כלל פון דער דאזיגער מדה.

היקש.

דער פערטער יסוד איז: **דורך פארגלייכונגען (הקש) און דער באַ־גריף** פון פארגלייכען זאכען איז ביי זיי א פיעל ברייטערער ווי דער תלמודישער באגריף וועגען דעם. דאס פארגלייכען אין תלמוד נעמט בלויז אריין צוויי עהנליכע זאכען, וואס זיינען געשריבען איינע נעבען די אנדערע אין דער תורה אויסצוגלייכען זיי אין זייערע תנאים (אומ־שטענדען, קאנדיציאנען, באדינגונגען). זיי האבען אבער אריינגענומען אין כלל פון היקש — יעדע מין ענליכקייט פון איין זאך צו דער צווייטער, ווי זאכען, וואס ווערען אין תלמוד אפגעלערענט פון א „גזירה־שוה" אדער א „בנין אב" אדער א "מה מצינו"*) — ווארום זיי האבען זיך מיט דיזע אלע זאכען באנוצט, ווי עס וועט ערקלערט ווערען. און מיר האבען שוין אויבען באוויזען, ווי ווייט די ערשטע קאראאימען זיינען געגאנגען אין דער דאזיגער מדה, צוזעצענדיג איין פארגלייך צום צווייטען אהן א סוף און אהן א שיעור, ביז זיי זיינען שוין גאר אינגאנצען ארויס פון די ראמען פון געזונטען שכל. און ווירקליך, האט די דאזיגע קרומע און שעדליכע ארבייט געפונען איהרע געגנער שוין אויך צווישען זייערע גרעסערע און פארשטענדיגערע פון די לעצטע דורות, ווי ר' יוסף הרואה און רב ישועה בן יהודה (ו), וועלכע האבען מבטל געווען די רייד פון די פריהעריגע — כאטש זיי האבען אויך זעהר איבערטריבען, באנוצענדיג זיך מיט'ן כלל פון היקש. און פון זייער צייט אן און ווייטער האבען די קאראאימען פאר־ווארפען די שיטה פון די „בעלי הרכוב", ווי א צובראכענע כלי. און מיט אן אמת ווייזט אויס, אז די סיבה, וואס זייערע ראשונים האבען זיך אזוי שטארק באנוצט מיט דער דאזיגער מדה איז ניט געווען קיין אנדערע, ווי דאס, וואס זיי האבען זיך טועה געווען אין תלמוד, נאר וועלכען זיי זיינען נאכגעגאנגען, ניט קוקענדיג אויף זייער גאנצער שנאה און געג־נערשאפט. זיי האבען אהן צווייפעל געזעהן פון תלמוד, אז אין דער גאנצער תורה לערענט מען אפ א למד, א זאך, וואס שטעהט ניט בפירוש אין דער תורה, נאר מען דרינגט עס אויף א געוויסען אופן ארויס פון איהר — פון א למד, אויסער אין קדשים — און אפילו וועגען קדשים זיינען זיי אין דער גמרא מסופק געווען (זבחים מ"ח) צי מען קען ניט אין מאנכע מדות אפלערנען א למד פון א למד. זיינען זיי דורך דעם געג־קומען צו זייער שיטה פון היקשים אויף היקשים און רכובים אויף

---

*) זעה די ערקלעהרונג פון דיזע טערמינען אין נעקסטען קאפיטעל.

רכובים. כאטש אבער דער כלל פון הקש איז ביי זיי אזא וויכטיגער גע־ווען, האבען זיי דאך געמאכט פארגלייכונגען בלויז דארטען אוואו עס האט זיך געהאנדעלט מחמיר צו זיין (גן עדן, ענין טומאה, פ"מ, ז'), אבער ניט מקיל צו זיין.

סבל הירושה.

דער פינפטער יסוד איז דאס וואס קומט צו אונז דורך דער ע ד ה און קיבוץ אדער דורך דער „העתקה" (איבערגעבונג) און ווערט אויך דאס רוב אנגערופען די ל א ס ט פ ו ן י ר ו ש ה. מיר זעהען דערפון אז זיי האבען זיך געמאטערט דאס ערשט געבארענע קינד א נייעם נאמען צוגעבען, בלויז נאר צו פארווארפען דעם נאמען וואס די רבנים האבען דעם אלעם געגעבען — דעם נאמען קבלה. ווארום כאטש זיי האבען ניט געוואלט אנערקענען די קבלה און האבען בעהויפטעט מיט שוים אויף די ליפען אז זי איז פאלש און ניט ריכטיג, האבען זיי דאך קיין כח ניט געהאט פעסטצושטעלען זייער דת אהן דער הילף פון קבלה. און אויב מיר עקזאמענירען די זאך מיט אפענע אויגען זעהען מיר, אז עס איז קיין חלוק ניט צווישען דעם וואס זיי זאגען, אז אזוי און אזוי איז צו אונז דערגאנגען פון דער לאסט פון ירושה, אדער אזוי איז אונז באקאנט געווען די ירושה פון שליח (משה רבנו) עליו השלום, אן וועל־כען דאס גאנצע אידישע פאלק דארף זיך האלטען (גן עדן, שחיטה, אין דער פתיחה), און צווישען דעם וואס די רבנים זאגען אז אזוי און אזוי איז א „הלכה למשה מסיני". סוף כל סוף פארלאזען זיי זיך ביידע אויף זאכען וואס זיינען אנגענומען ביים פאלק וואס זיינען אין דער תורה ניט פארשריבען. אמת, זיי באהויפטען (ז), אז אפילו דאס וואס זיי האלטען צו זיין אלס סבל הירושה האט אלענפאלס אויך א רמז פון דער תורה, אבער דאס איז ניט מעהר ווי אן אויסגעטראכטע זאך, און זיי אליין האבען געוואוסט אז עס זיינען פאראנען ראיות וואס לייקענען אפ זייערע רייד. און רב טוביה דער עובד, רב ישועה'ס תלמיד, (דוד מרדכי ז', ע"ב), שרייבט: אז „די גאנצע העתקה — (א י ב ע ר ט ר א־ג ו נ ג) — אין וועלכער מיר גלויבען האט א רמז אין דער תורה, און אויב עמיצער וועט זאגען אז יענע און יענע העתקה האט ניט קיין גרונד אין דער תורה, איז דאס בלויז ווייל אונזער שכל קאן ניט משיג זיין יענעם רמז, און אונזער קבלה איז ניט קיין זאך וואס האט ניט קיין גרונד אין דער תורה, און דער פסוק איז דער פירוש דערפון, און ניט די קבלה איז

דער פּירוש פון פּסוק, און געווים קאָן די קבלה ניט געהן אין גענגענזאַץ אָדער אַפּלייקענען דאָס וואָס איז געשריבען אין דער תורה". דערפון קאָן יעדער איינציגער זעהן, אַז דער דאָזיגער קאַראַאים האָט אין האַרצען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז עס זיינען פאַראַנען אַזעלכע העתקות וואָס האָבען פון פּסוק ניט קיין אָנדייטונג, און ער האָט עס אַנגעהאַנגען דעם מאַנגעל אין דעם, וואָס מיר קאָנען עס ניט משיג זיין. אָבער דער וואָס פאַרשטעהט אַ זאַך ריכטיג פאַרשטעהט אויך, אַז דאָס זיינען פּוסטע דבורים. דען ווער וועט זיך צו זיי צוהערען און גלויבען, אַז זייערע פינף לאַנגע און האַרבע הלכות וועגען שחיטה, וואָס זיי האַלטען אַלס סבל הירושה, זאָלען האָבען די קלענסטע אָנדייטונג פון פּסוק? וואָרום ווען זיי וואָלטען זיך ניט אַרויסגעהאָלפען מיט'ן דרש פון תלמוד וואָס זאָגט, אַז דער רמז דאַרויף, אַז שחיטה דאַרף זיין דורך אַ מעסער, נעמט זיך פון פּסוק: „ויקח את המאכלת", ער האָט גענומען דאָס מעסער צו קוילענען זיין זוהן... וואָלטען זיי אפילו ניט געוואוסט אין וואָס שחיטה באַשטעהט. (חולין ט"ז, בראשית רבה, ל"א). אָבער די אונטערשטע שורה איז, אַז מיט זייער גאַנצער געגנערשאַפט צום תלמוד האָבען זיי ניט געקענט פאַרוואָרפען דעם ענין פון קבלה. וואָרום די הויפּט־סבה פון זייער פּירוש און התנגדות איז דאָך געווען צו ערפינדען נייע חומרות און דינים פון זייער פאַרשונג אין דער תורה, באַהויפּטענדיג אַז געהענדיג נאָכ'ן תלמוד איז מען ניט מקיים די מצוות ווי עס געהער צו זיין, און זיי זיינען ניט געקומען צו פאַרלייכטערען, נאָר פאַרקערט נאָך שווערער צו מאַכען דעם עול פון תורה, און דעריבער האָבען זיי ניט געקענט פאַרוואַרפען די מנהגים אַז וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַלטען, כדי דער עולם זאָל ניט זאָגען, מיר זיינען אַריבער געגאַנגען פון אַ האַרבער הייליגקייט צו אַ לייכטער.

שכל און וויסען.

דער זעקסטער יסוד איז: אין חכמת הדעת, דאָס מיינט, אין סברה און פאָרשען פון שכל. דעם דאָזיגען עיקר האָט רב סהל בן מצליח דער ערשטער דערמאָנט. נאָר אַנדערע באַקעמפען עס, זיי זאָגען, אַז די תורה פאַרבאָט צייטענווייז זאַכען וואָס דער שכל וואָלט ערלויבט, און ערלויבט זאַכען וואָס דער שכל וואָלט פאַרבאָטען (אשכול הכופר ס"ד, ע"ד). די דאָזיגע דעה אָבער איז קיין דעה ניט, און די קאַראַאימען גופא האָבען זי מבטל געווען. און דער הדסי זאָגט (דאָרטען

סימן ע"ד), אז אויב דער מענש פארשטעהט עס נים, זאל ער עס נים אננעמען. און ווער נאר עס פארשטעהט דעם וועג פון תלמוד ווייסט, אז אויך אין דעם כלל האבען זיי זיך געהאלטען אין תלמוד און ער האט זיי אלס וועגווייזער גערינט. די סברה, פארנופט איז איינע פון די גרויסע כללים אין תלמוד און באזיצט א גרויסע מאכט, ווייל דער תלמוד שטעלט אוועק א באוויז פון דער סברה אויף דער זעלבער מדרגה וואס א באוויז פון פסוק, און זאגט וויפיעל מאל: אויב דו ווילסט איז עס גע־דרונגען פון פסוק, און אויב דו ווילסט איז עס א סברה — א שכל זאך און אפטמאל שטעלט ער נאך די סברה העכער פון פסוק, זאגענדיג: צו וואס דארף איך אנקומען אויף דעם צו א פסוק, אז עס איז א סברה. נון, שוין די ערשטע קאראאימען האבען מכריע געווען צווישען צוויי פסוקים על פי סברה און גע'פסקנ'ט אויף וועלכען אופן עס איז אויף איין ארט דער אסור געזאגט געווארען און אויף וועלכען אופן עס איז אויף דעם צווייטען ארט דער היתר געזאגט געווארען. און זאגט אויפ'ן פסוק: „שבו איש תחתיו אל יצא איש ממקומו ביום השבת". „זיצט יעדער איינער אויף זיין פלאץ, קיין מאן זאל ארויסגעהן פון זיין ארט אין דעם טאג פון שבת", אז דאס ווארט תחתיו מיינט פון זיין רשות, און דאס איז צוויי טויזענט איילען (תחום שבת), און מען מעג געהן צום שוהל און בית־מדרש און, להבדיל, צו זיינע באדערפעניששען. און דאס וואס שטעהט „קיינער זאל נים ארויסגעהן פון זיין שטוב" מיינט, אז מען טאר נים געהן אין די צוויי טויזענט איילען ווען מען דארף עס נים און וואו עס געפינען זיך נים קיין אידען. פון דעם אלעם איז קיין רמז ניטא אין פסוק, און רב אהרן בן אליה (גן עדן ענין שבת פרק י') האט דאס גע־שפירט און געשריבען, אז דער פסוק האט נים דערקלערט אז ביי געוויסע אומשטענדען מעג מען געהן און ביי אנדערע טאר מען נים. ער האט אבער נים געוואוסט, אז ענן האט אין דעם פאל אנגענומען דעם פאל־גענדען כלל פון תלמוד: „דער פסוק האט עס בלויז איבערגעגעבען צו די חכמים, צו באשטימען אויף וועלכען אופן מען מעג און אויף וועלכען אופן מען טאר נים, ווי למשל, ארבייטען אום חול־המועד" (חגיגה י"ח) און ווירקליך דער וועג פון מכריע זיין דורך א סברה צווישען צוויי פסוקים איז געווען דער אפענער וועג פון די קאראאימען אין אלע זייערע פירושים (ח). און דער קאראאים סעיד בן יפת הלוי (ט), וועלכער האט באקעמפט דעם וועג, האט פארגעסען אז דער וואס קעמפט קעגען דעם באקעמפט אזוי ארום די יסודות פון זייער רעליגיאן, ווייל דער עיקר זיין פון היקש, ווי די ערשטע חכמים האבען מיט דעם באצוועקט.

איז געבויט אויף צו דערגעהן די טעמים פון זאכען. ווי אויך דאס ווערען דערגעהן די טעמים פון מצוות אז וועלכע זיי אלע האלטען זיך, נעמט זיך דאך און באשטעהט פון סברה און פארנונפט.

שיקול הדעת אין ענין

דער זיבעטער יסוד איז: אז דער מאמר פון דער תורה „על פי התורה אשר יורוך ועל המשפט אשר יאמרו לך תעשה לא תסיר מן הדבר אשר יגודו לך". לויט דער תורה וואס זיי וועלען דיר לערנען און לויט דעם משפט וואס זיי וועלען דיר זאגען, זאלסטו טאן, זאלסט ניט אפווייכען פון דעם וואס זיי וועלען דיר „זאגען" — געהט אויף דער געשריבענער תורה בוכ־שטעבליך. און זיי זוכען הילף פון דעם פסוק „כי יפלא ממך דבר", „אויב עפעס וועט פון דיר זיין פארהוילען". אז דאס מיינט א זאך, וואס זיין באשטימונג איז באמת דא אין דער תורה, מיר קענען עס אבער אליין ניט אויסגעפינען — געהט אויף דעם דער פסוק „לויט די תורה וואס זיי וועלען דיר לערנען", ווייל זיי באשעפטיגען זיך מיט די תורה מעהר און זיינען זיך מפלפל אין איהרע ארויסצוקריגען פון זיי דעם וואהרען אמת. אבער דאס וואס די רבנים מאכען באגרענצונגען און צאמען און תקנות איז ניט אונטער'ן כלל פון „לויט די תורה וואס זיי וועלען דיך לערנען". און דאס איז גאר קעגען דער תורה, וואס האט געזאגט: לא תוסיף ולא תגרע (אשכול הכופר ס"ו ע"ד, הקדמה פון כתר תורה ר"ם ז' ע"א און אין פיעלע ערטער פון זייערע ספרים) „זאלסט ניט צוגעבען און ניט ארונטערנעמען".
נון, מיר זיינען דא ניט אויסען זיך צו קריגען מיט די קאראאימען, מיר וועלען בלויז געבען א באגריף וועגען זייערע אנזיכטען און רעליגיעזע שטה אויף אזוי ווייט אויף וויפיעל אונזער ארבייט פאדערט פון אונז. פונדעסטוועגען, שוין אויך דורך דעם גופא אפילו זיינען מיר געצוואונגען צו מאכען זיי א פארוואורף פאר זייערע פוסטע רייד און נארישקייטען.
דער זין פון דעם דאזיגען פסוק איז באמת אזוי: אויב די אידישע ריכ־טער, וואס זיינען באשטימט געווארען צו משפט'ען אין די טויערען פון אייערע שטעט, וועלען ניט וויסען א דין. ווי קען עס אבער געמאלט זיין, אז זיי זאלען עס ניט וויסען, ווען זיי האבען פאר זיך די געזעצען פון דער תורה? מוזען מיר זאגען, אז עס רעדט זיך וועגען אזא דין און וועגען אזא סכסוך וועלכע געפינען זיך ניט אין דער תורה. און אין אזא פאל האט די תורה אנגעזאגט: „און דו זאלסט אויפשטעהן און אויפ־געהן פאר דעם גרויסען ריכטער און פאר די כהנים אין דעם אויסער־

וועלטען ארט און זיי וועלען דיר זאגען דעם דין, און דו זאלסט היטען צו טאן וואס זיי וועלען דיר לערנען" — הייסט עס, זיי האבען דאס רעכט צו באשטימען. „און לויט דער תורה, — דאס הייסט, לויט זייער תורה — וואס זיי וועלען דיר לערנען זאלסטו טאן. און זאלסט ניט אפקערען פון דעם וואס זיי וועלען דיר זאגען רעכטס און לינקס" — ווייל פון זיי קומט ארוים די באלערונג, און דו ביזט מחוייב זי אנצונעמען אהן ספקות. אזוי ווייזט אוים צו זיין דער פשוטער זין פון פסוק. איצטער פרעגט זיך ווער איז נעהענטער צום דין פון פסוק? מיר, ווי מיר האבען איהם אויבען אויסגעטייטשט, אדער זיי וואס זאגען אז די זאך וואס איז „פארהוילען" געהט בלויז אויף דעם, וואס דאס בית־דין ווייס ניט דעם פירוש אויף א געזעץ פון דער תורה, און זיי זיינען ערלויבט צו באלערען נאר בלויז וואס אנבאלאנגט דעם פירוש אויף יענעם פסוק. און מיר זיינען מחויב אנצונעמען זייער פשט — אבער אויסער דעם זיינען מיר ניט פארפליכטעט זיי אויסצוהערען און צו פאלגען. און יעדע באגרענצונג, פארצאמונג אדער תקנה וואס זיי וועלען מאכען איז אן ארויסגעווארפענע זאך, ווייל מען דארף זיך צו דעם ניט צוהערען. טראץ דעם, וואס זיי זיינען דער בית דין הגדול באדארפען מיר זיי ניט פאל־גען אין יעדער זאך, אוואו זיי שטיצען זיך ניט אויף א מאמר התורה — און דאס אלץ נעמט זיך דערפון וואס זיי באהויפטען, אז דער פסוק „על פי התורה" מיינט בוכשטעבליך, די געשריבענע תורה. זיי זיינען געקומען צום דאזיגען טעות צוליעב דעם, וואס זיי האבען זיך טועה געווען אין פשט פון נאך א צווייטען פסוק פון דעם אנזאג פון דער תורה: „זאלסט ניט צוגעבען און ניט ארונטערנעמען". וועלכען זיי האבען אויך געמאכט לויט דעם ווי זיי האבען איהם פארשטאנען פאר איינעם פון די יסודות פון זייער גלויבען, נעמליך:

לא תוסיפו.

דער אכטער יסוד: אין כלל פון „איהר זאלט ניט צוגעבען און ניט ארונטערנעמען" געהט אריין דאס אלץ וואס די חכמים פון שפעטעריגע דורות וועלען מאכען אין באגרענצונגען, פארצאמונגען און תקנות. און דעריבער זיינען אלע מצוות, וואס די חכמים האבען געמאכט אין תלמוד בלויז אן הוספה, אויך די אלע זאכען, אויף וועלכע די חכמים האבען געזאגט אין תלמוד „הלכה למשה מסיני" איז אויך מעהר ניט ווי א הוספה. נאר דא האבען זיי שוין צו זייער ניט פארשטעהן זאכען אויך

צוגעגעבען זייער מפשות, ווייל ניט נאר האבען זיי ניט אריינגעדרונגען אין זין פון פסוק (דברים י״ג), נאר זיי האבען פשוט ניט פארשטאנען גוט געגוג די דעה פון די חכמי התלמוד. דער איינפאכער זין פון פסוק „זאלסט צו דעם ניט צוגעבען און ניט ארונטערנעמען פון דעם", ד.ה. צו דעם און פון דעם וואס גאט האט באפוילען, מיינט: דו זאלסט ניט צוגעבען עפעס וואס איך האב ניט באפוילען און עס פארערעכענען פאר מיין באפעל, און דו זאלסט ניט ארונטערנעמען פון דעם וואס איך האב יא באפוילען און עס פארערעכענען, אז איך האב ניט באפוילען. דער דאזיגער מיין איז קלאר פון דעם וואס דער דאזיגער פסוק געפינט זיך צווישען די צוויי פרשיות וואס ריידען וועגען געצענדיענסט. די ערשטע פרשה איז אין זין פון צוגעבען, פון מאמר: „און איך וועל אויך טאן אזוי", דאס הייסט, אין מיין עבודה צו גאט, און די פרשה וואס געהט נאכ'ן פסוק איז אין זין פון ארונטערנעמען, ווייל זי ענטהאלט דאס פאר־פיהרט ווערען פון גאטעס־דינסט דורך א פאלשען נביא, און דאס איז פארמינערונג. און פון דעם לערנען מיר די הויפט־כונה פון די דאזיגע אזהרות אויף אן אנדער פלאץ (דברים ד׳) „איהר זאלט ניט פארמערען אויף דעם און איהר זאלט ניט מינערען פון דעם צו היטען דעם באפעהל פון אייער גאט ווי איך באפעל אייך". אויך דארט דערקלערט ער די אזהרה דערמיט, וואס ער דערמאנט די מעשה פון בעל־פעור. דערפון אורטיילען מיר, אז נאר דאן הייסט עובר זיין אויף בל תוסיף, נאר ווען מען לייגט עפעס צו צו די מצוות אין גאט'ס נאמען, און עובר זיין אויף בל תגרע הייסט אויך נאר דאן, ווען מען נעהמט ארונטער א מצוה און מען זאגט אז גאט האט אזוי ניט באפוילען. איצטער פרעגט זיך ווער אלזא האט עובר געווען אויפ'ן כלל פון לא תוסיף: צי די רבנים וואס האבען צוגעגעבען „שניות", די צווייטע קאטעגאריע פון פארוואנ־דעטע פרויען, וואס זיינען פארבאטען צו מענער: זיי זאגען דאך אליין, אז עס איז ניט מן התורה נאר מדברי־סופרים, האבען זיי דאך צו די רייד פון דער תורה גאר ניט צוגעגעבען.√ אדער די קאראאימען וואס האבען ממציא געווען אזוי פיעל פארבאטען אין דיזער היגזיכט דורך פילע היקשים און רכובים וואס זיינען אזוי ווייט פון געזעץ פון דער תורה, און באהויפטען אז דאס אלץ האט גאט אנגעזאגט, ווען עס איז ניט ריכטיג. לויט זייער מיינונג נאך, ווי וועלען מיר פארענטפערען דעם פסוק אין נחמיה (י׳ ל״ג) „און מיר האבען גענומען אויף זיך די מצוה צו געבען א דריטעל שקל יעדען יאהר". און ווייטער: (ל״ה) „און מיר האבען געווארפען גורל אויפ'ן קרבן־העצים". און דער אנדער פסוק:

דער וואס וועט ניט קומען אין די דריי טעג וועט זיין פארמעגען קאנ־פיסקירט ווערען" — וואס דאס הייסט, אז וואס בית־דין איז מפקיר איז הפקר. זעהען מיר דאך, אז זיי האבען געמאכט גזירות און געשטעלט תקנות — צום גונסטען פון פאלק און געזעץ און האבען זיך ניט אפגע־שטעלט פאר דער אזהרה פון „לא תוסיף" ? אמת, די קאראאימען בא־הויפטען, אז לויט זייער שטה, איז אלץ וואס איז געשריבען אין די היי־ליגע שריפטען אזוי גוט ווי עס איז געשריבען אין דער תורה גופא. נו, ווילען מיר זיי שוין נאכגעבען אין דעם. לערנען מיר דאך פון די הייליגע שריפטען אלענפאלס, אז זיי האבען מבטל געווען דעם „בל־תוסיף" מאכענ־דיג נייע גזירות און תקנות אויף צו מחזק זיין דעם דת און האבען צו־געגעבען זאכען, אויף וועלכע עס איז קיין רמז ניטא אין דער תורה. היינט אויב די קאראאימען האבען פאר זייער יעדע איינציגע נארישקייט געקענט געפינען א פסוק פון די נביאים און כתובים, טא פאר וואס האבען זיי פון די נביאים זיך ניט געלערענט, אז תקנות און גזירות געהען ניט ארונטער אונטערען כלל פון „בל תוסיף" ? ניט אנדערש, אז זייער ענגהערציגקייט האט זיי ניט דערלאזען דערצו (י).

דער יחיד באדארף ניט אין זיינע מיינונגען דעם רבים זיין אונטערגעווארפען.

דער נײנטער יסוד איז : אז מען דארף איבערגעבען די תורה אין די הענט פון יעדען איינציגען מענשען, און יעדער חכם האט דאס רעכט צו לערנען לויט ווי ער פארשטעהט דעם פסוק. ער קען נאכגעהן נאך דעם פשט פון דער תורה, וואס ער באטראכט פאר אז אמת'ען ווען די מעהר־סטע חכמים אפילו האלטען אנדערש. אין דעם וויכען זיי אפ דערפון וואס די חכמי־התלמוד האבען געלערענט, אז מען דארף נאכגעהן נאך דעם רוב־דעות, ווי עס שטעהט אין פסוק „אחרי רבים להטות", מען זאל זיך האלטען אין דער מערהייט. זיי האבען אנגענומען, אז מען געהט ניט נאך דער מערהייט. דער דאזיגער כלל איז געווען פאר זיי זעהר וויכטיג, ווייל ווען זיי וואלטען געהאלטען פון תלמוד'ישען כלל, וואלט זייער גלויבען אפילו צו קיין אנפאנג ניט געקענט קומען, ווייל זיי זיינען געווען די מינארימעט. און דעריבער האבען שוין די ערשטע קאראאי־מען באשלאסען, אז א מענש איז ניט באגרעניצט אין זיין פארשען און ער איז זיך ניט מחויב צו האלטען אין די רייד פון זיינע פארגייינגער,

כאטש זיי זיינען די מאיאריטעט. און נסי בן נח זאגט פאלגענדעס אין זיין הקדמה צום ספר „הפלס" (לקוטי קדמוניות מ"א) „דער וועג און די האנדלונגען און די שטרעבונגען פון דעם דאזיגען ספר זיינען צו דער־קלערען די וועגען פון גאט, אויסצוראטען די נארישקייטען... אז מען זאל זיך ניט האלטען אן דער מערהייט". און רב סהל שרייבט אין זיין שטראף־בריף (נספחות 35): „און ווי אזוי קען מען זיך אין אלץ האלטען אן דער מערהייט, די תורה האט דאך געזאגט, זאלסט ניט גיהן נאך די מעה־רערע... צו באגעהן שלעכטס".[1] און דער הדסי זאגט (אשכול הכופר, נ"ז, ע"ד) „ווי אזוי קען זיך אונז שיקען צו זאגען אז דער דין איז ניט ווי דער זאגט נאר ווי יענער, ווען מיר האבען ניט אויף דעם קיין ראיה פון דער תורה". און ער זאגט ווייטער: „און עס שטעהט געשריבען, זאלסט ניט געהן נאך די מעהרערע שלעכטס צו טאן, דאס הייסט, זאלסט זיך ניט פארלאזען אויף פרעמדע מיינונגען, נאר דו זאלסט האנדלען לויט דיין אייגענער ריכטיגער מיינונג" (ס"ו, ע"ד). און רב משה בשייצי שרייבט אין זיין ספר „מטה אלהים" (דברים י' ע"א) „דערפאר וואס די תלמידים פון בית־הלל זיינען געווען די מעהרהייט איז איבעראל געשלאסען געווארען דער דין ווי זיי האבען געהאלטען צוליעב דעם פסוק „אחרי רבים להטות". זאלסט נאכגעהן דער מערהייט, און אויף דעם האט שלמה המלך אנגעוואונקען „טוב ילד מסכן וחכם ממלך זקן וכסיל". בעסער א קינד וואס איז ארעם אבער קלוג איידער אן אלטער קעניג און א נאר, און ס'איז מיר א וואונדער וואס זיי האבען פארגעסען דעם פסוק, איהר זאלט ניט נאכגעהן נאך דער מעהרהייט שלעכטס צו טאן. און איינער פון זייערע לעצטע חכמים, דער פארפאסער פון ספר „לבוש־מלכות" (נייבוי־ער'ס אויסגאבע, זייט 40) שרייבט: און די חז"ל, איך מיין די קראים האבען געזאגט, אז דער אמת איז ניט אמת צוליעב דעם, וואס די מער־הייט האלט זיך אין איהם, ווארים עס קען זיך אמאל גע־פינען אז איינציגער מענש, וואס זאל אריבערוואויגען דעם כלל אין זיין פארשטעהן דעם אמת און אין זיין שטרעבען צו איהם. אבער זייער כלל (פון די רבנים וואס האלטען זיך אן דער מערהייט) אפ־צולייקענען דעם אמת, נעמט זיך דערפון, וואס זיי יאגען זיך נאך מאכט און הערשאפט. מיר זעהען אלזא אז דער דאזיגער כלל ציהט זיך דורך אלע שריפטען פון די ערשטע אזוי גוט ווי פון די לעצטע קאראאימען, און זיי אלע האבען איינשטימיג באשלאסען אז מען באדארף ניט נאכגעהן נאך דעם רוב דיעות נאר נאך דעם איבערוועגען פון שכל. דורך דעם האבען זיי די אלע קייטען פון „מוז" פון זיך אראפגעווארפען און האבען

זיך באפרייט פון דער פארפליכטונג פון דער מינדערהייט צו דער מערהייט און פארניכטעט אזוי ארום אט יענעם גרויסן עיקר פון געזעצענטשיידונג וואס איז אנגענומען ביי אלע פעלקער און לענדער, און האבן זיך געשטעלט אויסער דער אנגענומענער פיהרונג פון דער גאנצער וועלט. דיזער כלל זייערער האט ווירקליך ארויפגעלעגט א שטעמפעל פון ווילדקייט אויף זייער גאנצער תורה און געגנערשאפט צו די רבנים. איינע פון זייערע הויפט טענות איז געווען, אז דער תלמוד איז אפטמאל א צוגעבונג צו דער תורה און אפטמאל א פארמינדערונג, די תורה האט דאך אנגעזאגט, „איהר זאלט ניט צוגעבן און ניט ארונטערנעמען" — אבער זיי פיהרען זיך אנדערש, ווארום דאס אלץ וואס זיי האבן אויסגעפארשט און אויסגעבעסערט נעמט זיך דערפון וואס זיי שטיצען זיך אויף זייער פארשונג אין דער תורה און אין זייער פארשטעהן די כונות פון דער תורה. לויט דיזען כלל אבער, וועגן וועלכען מיר האבן אויבען גערעדט, איז דאך אבער אויך זייער פארשען אין דער תורה און די שלוסען, וואס זיי ציהען פון זיי ארויס ניט פריי אינגאנצען פון דער דאזיגער טענה. אמת, יעדער איינער פון זיי קען זיך האלטען, אז דאס וואס ער האט ארויסגעצויגען פון זיינע פארשונגען אין דער תורה איז די ריכטיגע כונה פון דער תורה און ער האט גאר ניט צוגעגעבן אדער ארונטערגענומען — אבער ווען מיר קוקען זיך צו צו זייערע פארשיידענע פירושים וואס זונדערען זיך אפ איינע פון די אנדערע. איינער איז מתיר און דער צווייטער אסר'ט, איינער איז מחמיר און דער צווייטער איז מקיל. זעהען מיר, אז סוף כל סוף קומען אויך זיי צו צום זעלבען , און אויך איינע פון זיי מוזען באשולדיגט ווערען אין דעם, אין וועלכען זיי באשולדיגען די רבנים. לויט דיזען כלל מוזען זייערע חכמים אפטמאל ערקלערען איינער דעם צווייטען אלס איבערטרעטער פון פארבאט: „זאלסט ניט צוגעבן און ארפנעמען", למשל, די צאהל פון די „עריות", וואס ענן האט אויסגערעכענט איז פיעל וועניגער פון דער צאל, וואס די שפעטעריגע האבען פעסטגעשטעלט, ווייל די שפעטעריגע האבען צוגעגעבען נאך פארבאטען ערקלערענדיג, אז לויט זייער פארשונג און אויסטייטשונג פון דער תורה האבען זיי פון איהר די דאזיגע פארבאטען ארויסגעדרונגען און זיי באדארפען באטראכט ווערען גלייך ווי די תורה וואלט וועגען זיי בפירוש גערעדט. קומט דאך אויס לויט זייער מיינונג, אז ענן האט ארפגענומען פיעלע פון די הייראטס־פארבאטען און עובר געווען אויף „לא תגרע". און די „בעלי־הרכוב", וועלכע האבען געמאכט צופיעל פארבאטען דורך זייערע רכובים און רב יוסף הרואה און רב ישועה זיי־

נען געקומען נאך זיי און אויפגעוויזען אז זייער וועג און האנדלונג איז ניט מן התורה און זיי מבטל געווען — קומט דאך אויס, אז די בעלי־הרכוב האבען עובר געווען אויף „בל־תוסיף". און עס איז איבעריג צו ברייגגען נאך מעהרערע ראיות, ווייל אזוי איז עס איבעראל אין זייערע מיינונגס־פארשיידענהייטען. און דאס איז אלץ צוליעב דעם ווייל יעדען איינעם איז ערלויבט צו טאן וואס זיין הארץ געלוסט און מאג אויס־טייטשען די תורה ווי ער פארשטעהט, און קיינער איז ניט מחויב אויס־צוהערען דעם צווייטענ'ס מיינונג אפילו ווען זיי זיינען די מערהייט. און ווירקליך די פאלגען וואס זיינען ארויסגעקומען פון דעם דאזיגען יסוד האבען געמאכט אן איבערקערעניש אין די דינים פון אסור והיתר און געבראכט צו אזא חומרא וועלכע דאס גרעסטע טייל פון פאלק האט עס ניט געקענט אריבער טראגען, ווייל אזוי גוט ווי זיי האבען מבטל געווען דעם ענין פון נאכגעהן נאך דער מערהייט אין מיינונגס־פארשיי־דענהייטען האבען זיי עס אויך מבטל געווען אין אלגעמיין. אזוי למשל: אויב עס האט זיך פארמישט א מאכל־אסור אין א מאכל־היתר, איז דער דין אז אלץ איז אסור כאטש די מערהייט איז מותר. דאס אייגענע, ווען א בכור איז אריינגעפאלען אין א גאנצע טשערעדע — ווערען אלע קודש (גן עדן, ענין שחיטה פ"ב און אדרת דארטען פב"ז). און ביי נבלה, אויב עס האט זיך פון איהר פלייש אויסגעמישט מיט וויפיעל עס זאל ניט זיין אנדערע פליישען איז אלעס אסור מן התורה (גן עדן דארטען, פרק י"ז). און מיט'ן כח פון דיזע אלע יסודות זיינען זיי ארויס אין קריג מיט דער תורה שבעל־פה. אמת, די געצייג פאר זייער ארבייט האבען ניט זיי מיט זייער אייגענער חכמה געשאפען, ווייל מיר זיינען ניט גע־נארט צו דיינקען, אז ענן מיט אלע זיינע אנהייגגער זיינען געווען אט יענע מענשען וואס האבען פארמאגט חכמה, פארשטאנד און וויסען, אין דער נויטיגער געהעריגער מאס, וואס פאדערט זיך פאר א גרינדער פון א דת און פאר א מענשען, וואס וויל צוווארפען א בנין, וועלכען טויזענ־טער ארכיטעקטען האבען געבויט מיט פלייס און מיט קענטשאפט העכער טויזענט יאהר צייט. זיי האבען די געצייג פאר זייער ארבייט גענומען פון אט יענעם קוואל וועלכען זיי האבען אזוי געהאסט, פון אט יענעם קוואל, וואס זיי האבען אזוי געלעסטערט, געשימפפט און געשמוצט, און דאס איז — פון תלמוד.

אכטעם קאַפּיטעל.

די מדות און כללים, מיט וועלכע די קראים האָבען זיך באנוצט אין זייער פאַרשען די תורה און זייערע אויף דעם פראָסטען פשט באַגרינדעטע פירושים.

אומדאַנקבאַרע תלמידים.

מיט זייער גאַנצער געגנערשאַפט צו דער משנה און תלמוד און מיט אַלע זלזולים, וואָס זיי האָבען געשימפּפט די דרושים זייערע אויף דער תורה, האָבען זיי אָבער דאָך ניט געקאָנט אָפּלייקענען, אַז זיי זיינען תלמידים פון תלמוד, און אַז פון איהם האָבען זיי גענומען זייערע מעהרס־טע לעהרען. און אויף זיי פּאַסט זיך זעהר גוט דאָס אַלטע שפּירכוואָרט: זאָלסט ניט שפּייען אין ברונען פון וועלכען דו האָסט געטרונקען וואַסער. און מיר וועלען ניט איבערטרייבען, ווען מיר וועלען באַהויפּטען, אַז אַלע קאַ־ראָאימען, פון די ערשטע ביז די לעצטע, האָבען געמוזט אַנקומען צום תלמוד, און ווען ניט דער תלמוד וואָלטען זיי זייער דת ניט געקענט גרינדען. מיר זעהען גלייך איין פון זייערע אייגענע רייד, אַז כאָטש זיי האָבען געמאַכט חוזק פון די מדות און כללים פון תלמוד, האָבען זיי זיך דאָך גאַר אין אַ גרויסער מאָס באַנוצט מיט זיי. „מיין נשמה איז ערשטוינט אין מיין גוף. זאָגט דער הדסי (אשכול הכופר, סימן ע״ג), און מיינע געדאַנקען זיינען אויפגעציטערט איבער די דאָזיגע מדות וואָס דיינע פיהרער האָבען מפרש געווען“. ער מיינט מיט דעם רב ישמעאל׳ן און רב אליעזר דעם זוהן פון רבי יוסי הגלילי און אין פאַרצוג צו זייערע מדות שטעלט ער אַוועק די מדות פון די קאַראָאימען. און וואָס זיינען זיי די דאָזיגע מדות? נון, ער רעכענט אויס ביז אַכציג מדות אין צאָל. וואָס דער יסוד פון גרעסטען טייל פון זיי איז אין דקדוק פון דער שפּראַך. און זאָגט אַליין אויף זיך עדות, אַז די אַלע מדות זיינען ניט באַשטימט

און אנגענומען פון אלעמען, זאנדערען ער האט זיי מחדש געווען און פעסטגעשטעלט. זיי זיינען געווען פאנאנדערגעווארפען אין פארשיידענע ספרים און נאכדעם, ווי ער האט זיך פארטיפט אין די פארשיידענע ספרי־מצוות, און אין די קאמענטאריען, וואס געפינען זיך דארטען, און אין די ספרים פון די קענער פון שפראך, האט ער זיי אלע צונויפגענומען און האט אויך פילעס צוגעגעבען צו זיי — מעהר וויפיעל ער האט גע־פונען אין די ספרים. עס איז אבער ווירקליך צו באוואונדערען דעם דאזיגען קאראאים, וואס איז אזוי אויפגעציטערט געווארען פון רב ישמעאל׳ס און רב אליעזר׳ס מדות, און דאך האט ער געהאט די חוצפה און אומפארשעהמטקייט צו ברייננגען אויפ׳ן זעלבען פלאץ און אין זעל־בען מאמענט איין און דרייסיג מדות פון די דאזיגע תנאים (א) און באַ־נוצען זיך מיט זיי, ווי מיט זיינע אייגענע. זיין קרומקעפיגקייט ווי אויך זיין וואונש צו פארפיהרען מענשען ברייננגען איהם דערצו צו געבען מאנכע פון די מדות נייע נעמען, אבער דער אונטערשייד אין נאמען מאכט נאך אלץ ניט קיין אונטערשייד אין זייער באדייטונג.

און אט זיינען די כללים וואס ער האט גענומען פון תלמוד און זאגט אז זיי זיינען קאראאימישע כללים.

א) קל וחומר*) און דער קראי ר׳ משה בשייצי (מטה אלהים, כתב יד ט״ז ע״א ביי גרעץ פינפטער טייל 500) ברענגט אין נאמען פון ענן, אז ער האט געזאגט אויף דער מדה (כלל) פון קל וחומר, אז עס איז אן אמת׳ער אופן און ער האט אפגעלערענט ערות בת (אז א טאכטער זאל זיין פארבאטען) דורך א קל וחומר פון זיין טאכטערס טאכטער, (וועלכע איז בפירוש פארבאטען אין דער תורה) און ווי אביי אין תלמוד (סנהדרין ע״ו) ב). גזירה שוה**) ג) די מדה פון היקש, און מיר

*) אַ מוידאָך. מוידאָך, אַז דאָס טאָר מען ניט, אַ פשיטא שוין...

**) מען לערנט אָב די באדייטונג פון ווערטער וואָס זיינען אין צווייפעל פון אנדערע, וואָס זיי זיינען מיט זיי פון איין גזרה (שניט, געבוי). די גמרא זאָגט, אַז גאָט האָט אָבגעשטעלט דעם גאַנג פון דער זון און לבנה ניט נאָר פאר יהושע׳ן, ווי עס שטעהט געשריבען אין ספר יהושע, נאָר אויך פאר משה׳ן, הגם עס דערצעהלט זיך ניט אין ערגעץ וועגען דעם. זי דרינגט ארויס אויף פאָלגענדען אופן: ביי יהושע׳ן שטעהט „היום הזה א ח ל גדלך“ (היינטיגען טאָג וועל איך אָנהויבען דיך גרוים מאַכען) און ביי משה׳ן שטעהט אויך „היום הזה א ח ל תת פחדך“ (היינטיגען טאָג וועל איך אָנהויבען דיין מורא וואַר־פען) לערען איך אחל פון אחל. אַזוי ווי יהושע׳ן האָט ער גרוים געמאַכט דורך דעם, וואָס ער האָט פאָר איהם זון און לבנה אָבגעשטעלט, אַזוי האָט ער אויך משה׳ן דורך דעם גרוים געמאַכט.

האבען שוין געזאגט, וואס די קראים האבען פארשטאנען אין גדר פון היקש. זיי האבען אריינגענומען אין דעם יעדען מין־פארגלייכונג צווישען איין זאך און דער צווייטער ד). די מדה פון סמוכים. צוויי ענינים, וואס שטעהען איינער נעבען צווייטען ה). דבר הלמד מענינו, א זאך, וואס ווערט אפגעלערענט פון דעם ענין אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען דעם ו). דבר הלמד מסופו, א זאך, וואס ווערט אפגעלערענט פון סוף פון ענין (סימן קס"ח, ס"ג ע"ד) ז). א זאך, וואס ווערט ניט גענוג ערקלערט אויף זיין פלאץ און ווערט ערקלערט אויף אן אנדער פלאץ (סימן קס"ח, ס"ד, ע"א) און דאס איז די מדה פון רבי אליעזר, דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי (דארטען, ס"ד, ע"א) ח) א „מה מצינו"*) ניט מעהר, דער הדסי רופט איהם גזרה שוה און רב סהל האט איהם גערופען „הפוך", און דער נאמען פון הדסי איז גענומען פון דער משנה. ווארים איין מאל ווערט דער מה מצינו אויך אין דער משנה, גזירה שוה גערופען (ביצה י"ב ט). דיו לבא מן הדין להיות כנידון (קס"ט, ס"ה, ע"א). עס איז גענוג פאר דער זאך, וואס ווערט אפגעלערענט פון אן אנדער זאך זי זאל נאר ווי זי זיין און ניט מעהר שטארקער פון איהר**) י). פון א כלל און א פרט י"א), פון א פרט און א כלל י"ב), כלל ופרט וכלל, י"ג). דער כלל, וואס באדארף האבען דעם פרט און דער פרט, וואס באדארף האבען דעם כלל (כ"ה, ע"ב) זיי זאלען ערקלערען איינער דעם צווייטען י"ד). א זאך, וואס איז געווען אין כלל און איז ארויסגענומען געווארען פון איהם, קומט ער אונז לערנען ניט נאר וועגען זיך אליין, נאר וועגען דעם גאנצען כלל***). ט"ו) א זאך, וואס איז געווען אין כלל און איז אויסגעטיילט געווארען צו רעדען וועגען א נייער זאך (דארטען, ק"ע, ס"ה, ע"ג), א זאך, וואס ערקלערט אביסעל פון דעם ענין, ערקלערט זי אויך דעם גאנצען כלל. און דאס איז די דריי און צוואנציגסטע מדה פון די מדות פון רבי אליעזר דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי, און דארטען

---

*) אנאלאגיען ציהען. אזוי ווי מיר געפינען (מה מצינו) אז אין יענעם פאל איז אזוי, אזוי מוז אויך זיין אין דעם פאל, וואס איז ענהליך צום ערשטען.

**) פריער ווערט ארומגערעדט אן ענין בדרך כלל און נאכדעם בדרך פרט.

***) למשל קול ה' יחיל מדבר. יחיל ה' מדבר קדש. גאט'ס קול מאכט ציטערען די מדבר, גאט מאכט ציטערען מדבר קדש. איז דא אויסגעטיילט געווארען א פרט נאך דעם כלל צואווייזען, אז אלע מדבריות ציטערען פון גאט'ס קול. ווארום, אז די מדבר קדש ציטערט, ציטערען די אלע איבעריגע שוין אודאי.

ווערט זי אנגערופען פון א זאך, וואס טייטשט אוים דער חבר זיינעם*) (דארטען ס"ה, ע"ד). ט"ז). א זאך, וואס איז געווען אין כלל, און איז אויסגעטיילט געווארען פון כלל צו לערנען עטוואס וועגען זיך אליין**). און דאס איז די פיער און צוואנציגסטע מדה פון רבי אליעזר (דארטען ס"ו, ע"א). י"ז). א זאך, וואס איז געווען אין כלל און איז אויסגעטיילט געווארען צו לערנען עטוואס בנוגע זיין חבר***), און דאס איז די פינף און צוואנציגסטע מדה פון רבי אליעזר (אויך דאס דארטען). י"ח) א בנין אב****) פון איין פסוק. י"ט) א בנין אב פון צוויי פסוקים (דארטען קע"א, ט"ו, ע"ב). כ) א זאך, וואס ווערט פארגלייכט אין דער תורה צו צוויי אנדערע געגענשטענדע און דו באדארפסט איהם צושרייבען נאר די מעלות פון זיי ביידען*****), און דאס איז די איין און צוואנציגסטע מדה פון רבי אליעזר. כ"א) ******) א זאך, וואס איז געזאגט געווארען נאר אין

*) למשל, קרוב ה' לכל קוראיו, לכל אשר יקראוהו באמת. גאט איז נאָ־הענט צו אלע, וואס רופען צו איהם. צו די אלע, וואס רופען איהם באמת. די צווייטע הוספה ערקלערט דעם כלל, אז נאר צו די, וואס רופען איהם באמת איז ער נאָהענט, אבער ניט צו אנדערע.

**) וישלח יהושע לראות את הארץ ואת יריחו. און יהושע האט געשיקט אויסצוקוקען דאס לאנד און יריחו. יריחו איז דא אויסגעטיילט געווארען צו ווייזען, אז זי באשטעהט אנטקעגען דעם גאנצען לאנד.

***) לא תקחו כופר לנפש רוצח. זאלסט ניט נעמען קיין אויסלייז געלט ביי א רוצח. וואס איז דאס אויסגעטיילט א רוצח צו ווייזען אז פאר א צאן אדער א אויג מעג מען יא נעמען אויסלייז געלט.

****) דער הויפט בנין, דער יסוד אויף וועלכען איך שטעל איבעראל. אויף איין פלאץ ווערט דייטליך ערקלערט דער אינהאלט פון א געוויסען באגריף און פון דארטען לערנען מיר אויף אלע אנדערע שטעלען וואו ער איז ניט דייטליך ערקלערט. למשל, אין איין פלאץ שטעהט עניתי בצום. איך האב מיך געפייניגט מיט פאסטען. לערנען מיר דערפון, אז אומעטום וואו עס שטעהט אין דער תורה תענו את נפשותיכם, מיינט עס, אז מען זאל פאסטען.

*****) צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגא. דער צדיק וועט בליען ווי א טייטעלבוים און ווי א צעדערבוים אין לבנון וועט ער זיך גרויסען. איך וואלט געקענט מיינען, אזוי ווי דער תמר האט קיין שאטען ניט און מען מאכט פון איהם קיין כלים ניט, אזוי וועלען אויך די צדיקים זיין, שטעהט דערפאר כארז, אזוי ווי דער ארז האט דאס אלעס, אזוי וועלען אויך די צדיקים דאס אלעס האבען. וואלט איך געקענט מיינען, ווי א ארז, וואס גיט קיין פירות ניט ארויס, וועט דער צדיק זיין — שטעהט דערפאר אויך כתמר.

******) אל תגזל דל, כי דל הוא. זאלסט ניט באגזלענען דעם ארימאן, ווארום ער איז אן ארימאן. מעג מען דען א רייכען יא באגזלענען. ער האט אבער געזאגט, דל, ווייל דער שטייגער איז, אן ארימאן זאל באגזלט ווערען.

א טייל און עס פאַרשטעהט זיך אַלעס אונטער דעם, די אַכטצעהנטע מדה פון רבי אליעזר. כ"ב). עטוואס, וואס באַציהט זיך אויף דעם און אויף יענעם*). די נייִנצעהנטע מדה פון רבי אליעזר. כ"ג) דרך קצרה, די תורה לאָזט דורך אַן אות, אַ וואָרט אָדער כדי צו פּאַסען זיך קורץ. די נייִנטע מדה פון ר"א. כ"ד). צוויי פּסוקים, וואס לייקענען אָפּ איינער דעם צוויי־טען (ס"ו, ע"ג) (געפינט מען אַ דריטען, וואס גלייכט זיי אויס). כ"ה). דאַס איבערדרעהען און איבערשטעלען די ווערטער פון זייער פּלאַץ אויף אַן אַנדער פּלאַץ, און דאס איז די איין און דרייסיגסטע מדה פון ר"א, און דאָרטען הייסט זי מוקדם (אַ זאַך, וואס שטעהט פריהער) שהוא מאוחר בענין (וואס אין ענין צו וועלכען ער באַלאַנגט איז ער אַ שפּעטעריגער (ס"ז, ע"א). כ"ו). פון אַ משל. אויסטייטשען בדרך משל, ניט נעמען די ווערטער און בוכשטעבליכען זין, די זיבען און צוואַנציגסטע מדה פון רבי אליעזר (ס"ז, ע"ב). כ"ז) יש אם למקרא ויש אם למסורת,**) מען באַדאַרף דרשענען לויט דעם, ווי דאס וואָרט ווערט געלייענט און לויט דעם, ווי די טראַדיציע גיט עס איבער — לויט דעם ווי עס איז געשריבען. כ"ח) את לרבות***) (ס"ח, ע"ג) דאס וואָרט את קומט אַרייננעמען נאָך זאַכען אויסער די, וואס ווערען דערמאָנט. כ"ט). אך ורק ומן למעט****, זיי קו־מען אויסשליסען עטוואס פון די זאַכען, וואס ווערען בפירוש ניט אויס־געשלאָסען. ל). כל לרבות (קע"ג, ס"ה, ע"ד).

האָבען מיר געזעהן פון דיזע אַלע זאַכען, אַז דעם עיקר פון זייערע

---

*) אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה. אַ ליכטיגקייט איז פאַרשפּרייט פאַר דעם צדיק און פון די מענשען מיט עהרליכע הערצער — פרייד. איז די ליכטיגקייט ניט נאָר פאַר די צדיקים, נאָר אויך פאַר די ישרי לב, און די שמחה איז אויך ניט נאָר פאַר די לעצטע, נאָר אויך פאַר די ערשטע.

**) פיעלע ווערטער אין תנ"ך איז אָדער קען זיין זייער קרי אַנדערש, ווי זייער כתיב. זיי ווערען געלייענט (קרי) אָדער קענען געלייענט ווערען אַנדערש, ווי זיי זיינען געשריבען (כתיב).

***) ה' פקד שרה. און גאָט האָט זיך דערמאָנט אין שרה. דערפון וואָס שטעהט ניט פקד שרה, נאָר פקד את שרה, לערנען מיר, אַז ניט נאָר שרה אליין איז געהאָלפען געוואָרען, נאָר אַלע עקרות פון איהר דור זיינען צוזאַ־מען מיט איהר געהאָלפען געוואָרען.

****) וישאר אך נח. און נאָר נח איז איבערגעבליבען. פאַרוואָס שטעהט ניט וישאר נח, נאָר וישאר אך נח צו ווייזען אונז, אַז אויך נח איז ניט אינגאַנצען געבליבען. ער איז אַן אָפּגעשוואַכטער און קראַנקער פון דער תבה אַרויס.

מדות צו דרשענען דורך זיי די תורה האבען זיי גענומען פון תלמוד, און אויב די לעצטע האבען זיך אזוי נוהג געווען, שוין א כל־שכן די ערשטע, וואס זיינען נאך מעהר נאך דעם תלמוד נאכגעגאנגען.

אויסער די, וואס הדסי האט אויסגערעכענט, געפינען מיר נאך אנ־דערע כללים אין מדרש און אין די דינים, וואס זיינען בפירוש אין תלמוד פאראן, וואס די קראים האבען זיי אין זייער תורה אריינגענומען. ווי די מדה: הריזה בא ללמד ונמצא למד, ער קומט אויסטייטשען א צווייטען און ווערט דערוויל אליין אויסגעטייטשט. לויט דער מדה האבען זיי געדרשענט דעם פסוק כמשפט הבנות יעשה (מבחר משפטים) און די עהנליכע מדה געפינען מיר אין מכילתא (משפטים, פרשה ג'). און די דרשה אין פסוק „ווער עס שלאגט זיין פאטער און מוטער, זאל געטויט ווערען" — מיר הערען וועגען דער שטראף, מיר האבען אבער ניט געהערט וועגען פארבאט. נאר היות אבער ער איז פארזאגט, ניט צו שלאגען קיינעם פון די אידען, איז שוין פאר־טער און מוטער אין כלל. (מבחר דארטען) און דאס איז לויט דער מדה: מען שטראפט ניט באלד, נאר מען מוז מזהיר זיין פריהער. און דאס אלעס איז גענומען פון דער מכילתא (דארטען פ"ה). און א סך כללים פון דינים געפינען זיך אין די ספרים פון די קאראאימען, וואס זיי האבען פון תלמוד גענומען, און מיר וועלען דא ברענגען אייניגע. תדיר ושאינו תדיר — תדיר קודם (אשכול־הכופר, סימן קע"א, ס"ו, ע"ב) א מצוה, וואס ווערט שטענדיג פראקטיצירט און אזא וואס מען באדארף נאר אין געוויסע צייטען מקיים זיין — קומט די ערשטע, ווען עס קומט אוים ביידע צוזאמען מקיים זיין פריהער. א לאו וואס ווערט ארויסגעדרונגען פון אן עשה — איז גלייך ווי אן עשה (מבחר ויקרא). דער וואס נעמט אוים א תנאי ווע־גען א זאך, וואס שטעהט געשריבען אין דער תורה, איז זיין תנאי בטל. (גן עדן ענין נדרים). די פיער כללים פון א תנאי. א דאפעלטער תנאי (אויב יא איז... און אויב ניט...) דער טייל פון תנאי באדארף זיין פאר דער מעשה (די קאנסעקווענצען) דער יא פאר דעם ניין (דער פאזיטיווער טייל פאר דעם נעגאטיווען), און א תנאי, וואס זאל קענען אויסגעפיהרט ווערען (דארטען סדר נשים פרק ז'). און נאך פיעלע אנדערע. האבען מיר געזעהן פון דעם אלעם, אז אויב אפילו עס זיינען זיי אפשר געניגענד געווען די פשטים פון זייערע אויסגעטראכטע פרושים צו ערקלערען דעם תנ"ך לויט זייער דרך נאך, האבען זיי אבער ניט געקענט מיסד זיין א דת וועלכער זאל קענען צופריעדען שטעלען די אנהענגער זייערע און באפרי־דיגען זיי אין אלעם, וואס זיי האבען נויטיג געהאט אין זייער רעליגיע־

זען לעבען און אנהאלטען די מעהרסטע דינים און מנהגים, וואס זיינען פון שטענדיג אן א טייל פון יהדות געווען. און דעריבער האבען זיי גע־מוזט זוכען זייער רעטונג אין תלמוד און פון דארטען זוכען חילוף פאר זיך.

עקשנות און
אויגען־פארבלענדעניש.

און דורך פארשיידענע מיטלען האבען זיי געזוכט צו באהאלטען דעם פאקט פון זייער באנוצען זיך מיט דעם תלמוד: א) איבעראל וואו זיי זיינען נאכגעגאנגען דעם תלמוד האבען זיי גערעדט מיט פארשטעלטע רייד, כדי עס זאל ניט זיין קענטיג, אז זיי האבען גענומען פון איהם זיי האבען איבערגעמאכט דאס אויסזעהן פון דעם, וואס זיי האבען פון תלמוד גענומען דורך דעם, וואס זיי האבען געענדערט די שפראך און דעם סגנון, אדער דורך דעם, וואס זיי האבען עס אין א פארקירצטער אדער פארגרעסערטער פארם איבערגעגעבען. זיי מאטערען זיך וואס מעהר ווערטער צו פארלירען און מיט וואס מעהר מליצות זיך צו באַ־נוצען, ווענען ענינים וואס דער תלמוד פטר'ט אב מיט איין ווארט אדער צוויי, ווי ווענען דעם ענין, למשל, פון פירות וואס פאלען ארונטער פון בוים אום שבת. וויפיעל מליצות און חקירות דער לעצטער רב אהרן (גן עדן, ענין שבת, פרק י"ט) האט עס אויסגעבראכט צו באווייזען זייער איסור: ער זאגט, אז פירות, וואס פאלען ארונטער אום שבת נעמט זיך זייער איסור פון דעם מאמר אין דער תורה „והכינו" — זיי זאלען אנ־גרייטען — און ניט דערפון, וואס דאס קלייבען איז פארבאטען אום שבת, נאר זיי זיינען אסור דערפאר, וואס אזוי ווי דעם מן האט השם יתברך אנגעגרייט פרייטאג, עס זאל אויך זיין אויף שבת, אזוי באדארף דאס אייגענע אויך זיין מיט אלעם, וואס מען האט נויטיג אויף שבת. מען באַ־דארף עס אנגרייטען פון פריהער צום עסען. און אזוי ווי די אראפגעפאַ־לענע פירות זיינען דאך ניט געווען אנגעגרייט צום עסען איידער זיי זיי־נען ארונטערגעפאלען פון בוים, דאריבער זיינען זיי אסור. און די גאנצע אריכות זיינע איז מעהר ניט ווי דברי מליצה צו פארבלענדען די אויגען פון אזעלכע מענשען וואס ווייסען ניט דעם תלמוד. ווייל די יעניגע, וואס ווייסען איהם יא דערזעהען דאך באלד, אז ער — רב אהרן — מיינט מיט

דעם, דעם ענין פון „מוקצה"*), און דער מקור זיינער איז פון תלמוד. ווייל אויך נאכ'ן תלמוד זיינען די פירות, וואס פאלען ארונטער אום שבת אסור צום עסען צוליעב דעם טעם פון מוקצה. און כאטש זיי גיבען אויף דעם אין תלמוד אן אנדער טעם, איז דאס בלויז דערפאר, ווייל זיי האבען די דאזיגע פירות געוואלט אסר'ען אפילו לויט דער שיטה פון דעם, וואס זאגט, אז מוקצה איז מותר (ביצה ג', תוספות, דבור המתחיל „גזירה") מיר האבען אזוי ארום ענטפלעקט דעם סוד, וועלכען דער קאראים האט געזוכט צו באהאלטען אונטער א מאסקע פון מליצות. ער איז אבער דורכגעפאלען אין זיין פילאזאפירען מכח דעם. עס איז אויף איהם מקוים געווארען דער פסוק „ברוב דברים לא יחדל פשע" — פון רעדען א סך קען קיין גוטס ניט ארויסקומען. ווארום אין יענעם גאנצען פרק געהט ער מיט דער שטה, אז טראגען און באוועגען א זאך, וואס איז מוקצה איז פארבאטען, היינט ווי קען מען זאגען, אז דאס קלייבען איז ניט פארבאטען אום שבת, ווי עס קומט אוים פון זיינע רייד, אז בלויז דאס עסען איז פארבאטען אבער דאס קלייבען איז ערלויבט? דאס קלייבען איז דאך אוממעגליך אהן באוועגען, און ער זאגט דאך, אז דאס באוועגען פון א זאך, וואס איז מוקצה איז אסור? ב) זיי נעמען די מיינונג, וואס ווערט ארויסגעזאגט אין א „סלקא־אדעתא" (א וואלט איך געקענט מיינען). א זאך, וואס קען אויף דער ערשטער מינוט שיינען צו זיין ריכטיג, אדער אין א קשיא פון תלמוד אלס יסוד צו בויען אויף דעם זייערען א בנין. ווי למשל דאס וואס זיי האבען אלע איינשטימיג אנגענומען, בלויז מיט קליינע אפווייכונגען, אין דעם ענין פון מקדש זיין א פרוי, אז די קידושין באדארפען פארקומען דורך: געלט, אפשריפט און פארקער (אשכול־הכופר י"א, ע"ג). און כאטש זייערע ערשטע חכמים, רב יאשיה הנשיא, ענג'ם אייניקעל, און רב בנימין האונדי האבען עס באקעמפט, צוגעבענדיג צו די דריי נאך אנדערע זאכען, האבען שוין אבער זייערע לעצטע חכמים לאנג געמאכט די דערקלערונג, אז די אנדערע זאכען זיינען בלויז א טפל און דער עיקר פון קדושין באשטעהט אין די דריי זאכען: דורך געלט, דורך אן אפשריפט, און דורך פארקער (גן עדן, סדר נשים, פרק ו'). נון, דעם דין האבען זיי גענומען פון דער משנה, וואס זאגט: „בכסף, בשטר ובביאה" — דורך געלט, דורך א פאפיר און דורך פאר־

*) מוקצה — אפגעזונדערט, אפגעטיילט. זאכען, וואס דער מענש האט זיי פון זיין געדאנק אוועקגענומען, ער זאל זיך מיט זיי באנוצען — טאר מען ניט געניסען און האלטען.

קער. זיי זיינען בלויז אוועק פון דער משנה אין דעם, וואס זיי זאגען, אז מען באדארף האבען די אלע דריי זאכען צוזאמען, און עס איז קענטיג, אז זיי האבען גענומען דעם „סלקא אדעתא" (איך וואלט געקענט מיינען) פון תלמוד ירושלמי (אין אנהויב קדושין) און געמאכט פון איהם א דין פאר זיך, ווייל דארטען שטעהט: ניט די דריי זאכען צוזאמען (לא סוף דבר שלשתן). אלע קאראאימען האלטען זיך ביי דער מיינונג, אז שבת איז דוחה די שחיטה פון קרבן־פסח און דאס שטימט מיט דער „סלקא אדעתא" פון די בני בתירה און אין געגענזאץ צו הלל'ם באשלוס, אז דער קרבן־פסח איז דוחה שבת (פסחים ס"ו) און אזוי ווידער זאגען זיי אלע, אז עס איז א חיוב צו עסען מצה אלע זיבען טעג פון פסח, און דאס איז ווי די „סלקא אדעתא" פון דער מכילתא (בא פ"ח). און אין חבור „יהי מאורות" (כ"י פינסקער אין סעמינאר פון וויען) שטעהט געשריבען: און בנימין האט געזאגט, אז דער פסוק „געדיינקט דעם טאג שבת" געהט צוזאמען מיט דעם פסוק „און אויפ'ן זיבעטען טאג זאלען זיי אנגרייטען אלץ וואס זיי וועלען ברייגנען" און ער לערנט אונז, אז אלץ וואס מען דארף האבען אויף שבת צום עסען מוז ווערען געקאכט און געבאקען פון ערב שבת. ער האט אנגענומען אין דעם, דעם „סלקא אדעתא" פון דער גמרא (פסחים, מ"ז:) אז מוקצה איז אסור מן התורה פון פסוק „זיי זאלען אנגרייטען אלץ וואס זיי וועלען ברייגנען". מאנכע פון די קאראאימען האבען געזאגט אז דער פסוק ושפך את דמו — „און ער זאל אויסגיסען זיין בלוט" וואס שטעהט ביי חיות און עופות מיינט צו זאגען, אז עס איז גענוג, מען זאל בלויז אויסגיסען זייער בלוט און זיי דארפען ניט האבען קיין שחיטה, און זיי פלעגען אויפשניידען די צוויי אדערען פון דער דיך ביז דאס בלוט פלעגט אפרינען (גן עדן, ענין שחיטה, פרק י"ב). און ווער קאן פון דעם ניט ארויסזעהן, אז די וואס האבען אזוי געהאלטען האבען אנגענומען דאס וואס רב יצחק בר פנחס זאגט, אז שחיטה פון עופות איז ניט מן התורה, ווייל עס שטעהט געשריבען „ושפך". הייסט עס, אז עס איז גענוג מען זאל בלויז אויסגיסען דאס בלוט, און דאס קען געטאן ווערען ניט נאר דוקא דורך שחיטה (חולין כ"ז). זיי האבען עס נאר איבערגעטראגען אויך אויף חיות, לויט דער קשיה פון דער גמרא. ג) זיי האבען אנגענומען די דעות פון א יחיד אין תלמוד און זיך אויף איהם פארלאזען, כאטש אין תלמוד איז זיין דין ניט אנגענומען געווארען, ווי למשל דאס וואס זיי זאגען, אז א גוי וואס האט זיך מגייר געווען צווישען פסח־ראשון און פסח־שני איז ניט מחויב צו מאכען דעם פסח־שני (גן־עדן ענין פסח פרק ד'). זיי האבען דאס גענומען פון תלמוד,

זיי האבען צוגעשטימט צו רב נתן'ס דעה, און ניט צו רבי'ס וואס דער דין בלייבט ווי ער זאגט, אז ער איז יא מחוייב צו מאכען דעם פסח־שני (פסחים צ"ג). און אויך דאס וואס בנימין האונדי (דארטען, דיני ירושה, פ"ה) דרשנ'ט, אז דער מאן ירשנ'ט זיין פרוי פון דעם פסוק „און דו זאלסט ניט איבערטראגען קיין נחלה פון איין שבט צום אנדערען" — האט ער מיט דעם גאר ניט אויפגעטאן אויסער דעם וואס ער האט אנגענומען די דעת יחיד פון רבי ישמעאל (בבא בתרא, קי"א). ד). דארטען וואו די חכמי־התלמוד האבען אפגעשאפט אן אלטען מנהג און איינגעפיהרט א נייעם מנהג וואס זאל זיך פאסען פאר דער צייט, האבען זיי צוריק אנגענומען דעם אלטען מנהג ניט רעכענענדיג זיך מיט דער פאדערונג פון צייט און פלאץ וואס איז געווען די אורזאך אפצושאפען דעם ערשטען מנהג, און ניט מיט די נוצען וואס איז ארויסגעקומען פון נייעם מנהג וואס די חכמי־התלמוד האבען איינגעפיהרט. ווי למשל אין דעם ענין פון קדוש־החדש. דער אויפטו פון משנה און תלמוד אין דעם דאזיגען ענין איז פאלגענדער: פריער פלעגען זיי מקדש זיין דעם חדש נאך דער נייער לבנה לויט דעם, וואס עדות פלעגען קומען און זאגען אז זיי האבען געזעהן די לבנה. אבער זיי האבען אויסגעפונען, אז מקדש החודש זיין על פי החשבון איז אזוי גוט ווי על פי הראיה (זעהן) און נאך בעסער. ווייל אין רעכענען קען מען קיין טעות ניט מאכען, און דורך עדות קען ארויסקומען א טעות, ווארים די עדות קענען מאכען אומשולדיגערהייט א טעות אדער מיט א כיון, און דעריבער האבען זיי אנגענומען דעם בעשלוס מקדש צו זיין דעם חדש על־פי־חשבון. בפרט נאך ווען אין דער תורה איז ניטא קיין שום אנדייטונג, ווי אזוי מקדש צו זיין דעם חדש, ליגט דאך אודאי די זאך ביי די חכמים אין די הענט, דעריבער האבען זיי איינגעפיהרט אפצושאפען דעם קדוש־החדש על פי עדות וואס דאס קען פיהרען צו טועה זיין זיך. זיי האבען עס געטאן אויך צוליעב דעם, ווייל דורך א אויסרעכענונג קען מען דערגרייכען, אז דער קדוש זאל פארקומען אין אלע פלעצער און אין אלע לענדער גלייך, וואס ניט אזוי וואלט אבער געווען דער פאל, ווען מען זאל זיך האלטען ביי קדוש החודש דורך עדות וואס קומען און זאגען, אז זיי האבען געזעהן די לבנה. ווארום ניט אומעטום איבער דער גאנצער וועלט ווערט זי גלייכצייטיג געזעהן. די קאראאימען האבען אבער פון דעם אלעם ניט געהאלטען און האבען זיך צוריק געקערט צו דעם אלטען מנהג פון קדוש־החדש, ווייל זיי האבען געדיינקט, אז אזוי איז געווען אנגענומען פון די נביאים גופא און מען מאר פון דעם ניט אוועק. ה) זיי האבען געלערענט פון תלמוד די שטה פון די צדוקים און

זייערע מאנכע פירושים אויף דער תורה, און עס געמאכט פאר זייער שטה און אנגענומען זייערע פירושים. און אומזיסט האבען זיי באליי־דיגט די רבנים דערפאר וואס די רבנים זאגען אויף זיי, אז זיי זיינען צדוקים, ווייל זיי האבען ווירקליך אנגענומען מיט צופרידענהייט די מערהרסטע באקאנטע פירושים אויף דער תורה וואס די צדוקים האבען געמאכט. ווי למשל, זייער פירוש אויפ'ן פסוק „ממחרת השבת", אז עס מיינט שבת בראשית און דעריבער קומט אלעמאל אוים זונטאג נאך דעם טאג שבת, נעמט זיך פון די צדוקים (מנחות ס"ה, מגלת תענית פ"א). אויך האבען זיי פארטייטשט דעם פסוק „עין תחת עין", אז ער מיינט אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט, אז אויג פאר אן אויג, ווי די צדוקים, און נאך פיעלע אנדערע פירושים האבען זיי גענומען פון די צדוקים. פון דעם אלעם זעהען מיר, אז מיר האבען ניט איבערטריבען צו זאגען, אז די פונדאמענט־שטיינער פאר זייער גלויבען האבען זיי געליען פון משנה, תלמוד און מדרש, און ווען ניט זיי, וואלטען זייערע חכמים ניט געווען ביכולת אויסצוטייטשען אפילו איין און איינציגען ענין פון דער תורה אין אנקלאנג מיט די פאדערונגען פון דעם טעגליכען לעבען. און די באפוצונגען און פליטערלאך וואס זיי האבען אנגעהאנגען אויף דעם אלעם, וואס זיי האבען פון תלמוד גענומען זיינען בלויז כדי צו פארבלענדען מענשען די אויגען.

נאך אין עפעס געפינען מיר, אז זיי געהען אין די פוס־טריט פון אונזערע חכמים, און דאס איז: צו דערקלערען אפטמאל א פסוק מעטא־פאריש און אלעגאריש. מיט דעם מיינען מיר ניט, אז דאס, וואס זיי האבען דערקלערט די שטעלען אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען די תוארים פון גאט און זיינע מעשים אויף א דרך משל, כדי עס זאל ניט קלינגען אזוי הארב פאר'ן אויער. מיר מיינען דאס, וואס זיי האבען אפטמאל גענומען פסוקים וואס בעהאנדלען דינים און געזעצען און זיי דערקלערט בדרך משל. מען האט דערצעהלט אויף רב ישמעאל'ן, אז ער האט גע־דרשנ'ט דריי זאכען על פי משל. דער פסוק: „אם יקום ויתהלך בחוץ על משענתי" אויב ער וועט זיך אויפהויבען און ארויסגעהן אין דרויסען אויף זיין שטעקען... מיט זיינע אייגענע פאלשטענדיגע כחות (משענת אין העברעאיש, מיינט אן אנשפאר) „אויב די זון האט אויפגעשיינט איבער איהם (איבער דעם גנב, וועלכער גנבעט זיך אריין אין א פרעמדענס הויז און דער בעל־הבית כאפט איהם און שלאגט איהם צום טויט) איז ער (דער בעל־הבית) שולדיג אין זיין טויט"... מיינט עס, אז ווען ער וויים אז דער גנב וועט איהם ניט אנגרייפען און ער טויט איהם, איז ער שולדיג אין

זיין טויט. דער פסוק: „און זיי זאָלען אויסשפּרייטען דאָס קלייד"... מיינט, רייד, וואָס זיינען קלאָר ווי אַ קלייד (מכילתא משפטים י', ירושלמי כתובות פ"ד הלכה ב' און נאָך אין פיעלע אַנדערע ערטער). נון דעם פּירוש פון „אויב די זון האָט אויף איהם געשיינט" האָבען די קאַראַאימען איבער־גענומען פון די רבנים. כאָטש זיי האָבען ניט אָנגענעבען פון וואַנען זיי האָבען עס גענומען, און האָבען אויך געענדערט די שפּראַך. עס איז גע־ווים ניט קיינעמס אַנדערענס ווי רב ישמעאל'ס (זעה מבחר און כתר תורה משפטים); אויפ'ן פּסוק „און זיי זאָלען אויסשפּרייטען דאָס קלייד"... (עס האַנדעלט זיך דאָרט, וואו דער ניי־פאַרהייראַטער מאַן קלאָגט זיין ווייב פאַר בית־דין, אַז זי איז ניט געווען אָרענטליך...) זאָגען זיי, אַז דאָס גלייכסטע איז עס זאָל פאַרגעבראַכט ווערען דורך עדות... (כתר תורה פּרשה כי תצא) און דער בעל המחבר (כתר תורה) זאָגט בפירוש, אַז לויט דער מיינונג פון מאַנכע פון זייערע חכמים, איז דאָס בלויז אַ משל. אויפ'ן פּסוק: „לא תאכלו על הדם", איהר זאָלט ניט עסען אויפ'ן בלוט, ברייננט ער די מיינונגען פון זייערע חכמים, אַז דאָס מיינט, מען זאָל ניט עסען פון די פרידענס־אָפּפער (שלמים) ביז מען וועט ניט שפּריצען זייער בלוט אויפ'ן מזבח. נאָך זאָגען זיי, עס מיינט, אַז מען טאָר ניט עסען אין דעם טאָג ווען אַ בית־דין פאַראורטיילט אַ מענ־שען צום טויט. און אַנדערע פון זיי זאָגען, אַז דאָס מיינט אַזאַ עסען און טרינקען וואָס קען ברייננען צו בלוט־פאַרגיסונג ווי דאָס עסען און טרינקען פון אַ זולל־וסובא, און נאָך, און נאָך אַזעלכע זאַכען וואָס קומען בדרך משל (מבחר קדשים); און די דאָזיגע מפרשים האָבען זייערע אַלע דרושים גענומען פון תלמוד נאָר זיי אַביסעל געענדערט און פאַרקרימט (סנהדרין ס"ג). אַזוי אויך האָבען זיי בדרך משל דערקלערט דעם פּסוק: זאָלסט ניט שילטען קיין טויבען און פאַר אַ בלינדען זאָלסטו ניט אונטער־לייגען קיין שטרויכלונג — אַז דאָס גערט אפילו אויף אַזאַ וועלכער זעהט און הערט, נאָר ער הערט ניט און זעהט ניט (אַלע זייערע מפרשים) צוליעב דעם וואָס ער איז ווייט פון פּלאַץ אָדער איז בלינד — ער פאַר־שטעהט ניט — אין בעצוג צו אַ געוויסען ענין, און דאָס איז גענומען פון ספרא (קדשים פּרשה ב'). און ווייל די קאַראַאימען האָבען אָנגענומען דעם דרך משל האָבען זיי מבטל געווען די מצוות פון תפלין און מזוזה, און געזאָגט, אַז די פּסוקים „איהר זאָלט זיי אָנבינדען" און „פאַרשריי־בען" — שיקען זיך ניט אַנדערש ווי בלויז בדרך משל. און מיר געפינען אַז זיי האָבען דערקלערט אַז דער פּסוק „זאָלסט ניט קאָכען אַ ציגעלע אין זיין מאַמעס מילך" וואָס שטעהט נאָהענט לעבען דער פּרשה פון

בכורים (ערשטצייטיגע) מיינט, אז מען זאָל ניט נעמען די צווייגען אָדער די פרוכט פון די בוימער און מיט זייער זאַפט איינרייבען אַנדערע פּרוכ־טען כדי זיי זאָלען גיכער צייטיג ווערען און זיי ברייננגען צו גאָט בכורים פאַר דער צייט. און דער זעלבער פסוק וואָס ווערט געזאָגט אין משפּטים געהט אויפ׳ן פּסוק: „און אויפ׳ן אַכטען טאָג זאָלסטו איהם געבען צו מיר”, דו זאָלסט ניט מיינען איהם רייף צו מאַכען און איהם האַדעווען דריי טעג אויף זיין מאַמעס מילך כדי ער זאָל אויסקוקען פעט און גרויס ווי אַ אַכט־טאָגיגער (אשכול־הכופר סימן ר״מ, צ״א, ע״ד). בשל — אין העברעאיש, מיינט קאָכען, ווי אויך רייף, צייטיג. פון דעם אַלעם זעהען מיר, אַז זיי האָבען ניט אוועקגעוואָרפען דעם דרך־המשל אין זייערע פּירושים. און אויב דער הדסי איז מיט דעם ניט איינפאַרשטאַנען, זאָ־גענדיג: „אַז גאָט האָט ניט דורך משלים פאַרזאָגט די מצוות, טאָמער וועט גאָט׳ס פאָלק זיך טועה זיין און וועלען ניט קענען אויסגעפינען און וויסען זיין מיין אויף קלאָר” — הערען ניט זיינע אויערען וואָס זיין מויל רעדט, ווייל ער מיט אַלע זיינע הייליגע חכמים האָבען גאַנץ אָפט אוועק־געוואָרפען דעם פּשוט׳ען זין פון זאַכען און אויסערוועלט צו געהן אויפ׳ן דרך־המשל.

אומזיסטע באַרימעריי.

לאָמיר יעצט באַטראַכטען זייערע אויף דעם איינפאַכען פּשט באַ־גרינדעטע פּירושים, ווייל אין דעם איז דאָך זייער גאַנצער רוהם און איבערנעמונג. זיי באַריהמען זיך דאָך, אַז זיי דערגרונטעווען זיך שטענ־דיג צום ריכטיגען פּשט פון תנ״ך, און אַז אַלעס וואָס זיי האָבען אויפ־געטאָן אויף דעם געביט איז דער אמת׳ער אמת און עס שוועבט אויף דעם דער גייסט פון גאָטס געלייטערט און ריין וואָרט. פאַרטיעפען מיר זיך אָבער אין זייערע רייד, געפינען מיר אויס, אַז זיי באַריהמען זיך, אומזיסט און אומנישט. מיר ווילען ניט לייקענען, אַז די קאַראַאימען האָבען זיך געמיהט צו פאַרשטעהן דעם תנ״ך לויט זיין איינפאַכען פּשט, מיר לייקענען אָבער יאָ, אַז זיי האָבען דערגרייכט זייער וואונש. כאָטש מיר וועלען צוגעבען, אַז שוין זייערע ערשטע דורות חכמים האָבען זיך ערוואָרבען וויסען אין דקדוק פון דער שפּראַך, וואָס איז דער פונדאַמענט אויף וועלכען דער פּשט האַלט זיך, וועלען מיר דאָך אָבער ניט איינשטי־מען, אַז זיי האָבען זיך ערוואָרבען די געהעריגע פאָלקאָמענהייט וואָס פאָדערט זיך אין דער דאָזיגער וויסענשאַפט, וועלכע איז נאָך בכלל אין

יענער צייט געלעגען אין די ווינדרעלער, און לויט דער מאס וואס זיי האט געפעלט צו זיין פאלקאם אין דער דאזיגער וויסענשאפט, פעהלט אויך פאלקאמענהייט אין זייערע פירושים. זייער פארשטעהן דעם תנ״ך איז ניט געגאנגען העכער פון זייער צייט, דעריבער האבען זיי ניט קיין גרעד סערע באדייטונג פון די פירושים פון אונזערע פריהיגע חכמים, וואס זייערע פירושים זיינען אויך געווען לויט דעם איינפאכען פשט, ווי עס איז אין זייער צייט פארשטאנען געווארען. אין פיעלע פון זייערע פירושים האבען די קאראאימען אליין צוגעגעבען, אז דאס זיינען ניט מעהר ווי רמזים און זיינען ניט באמת די פירושים פון תנ״ך, דאס גלייכען געפינען מיר, אז די חכמי־התלמוד האבען אפטמאל אנגעהאנגען דינים און דברי־סופרים אן א פסוק, אלס אן אנשפאר, אדער אן אנדייטונג אויף זייערע רייד. און אין דעם האבען די חכמי־התלמוד א פארצוג געגען די קאראאי־מען, ווייל זיי האבען ניט געדיינקט און ניט געהאט אין זינען צו דערקלע־רען אלעם אויף וואס זיי האבען געהאט אן אנשפאר אדער אן אנדייטונג פון א פסוק אלס גלייך ווי עס וואלט געווען אויסדריקליך געשריבען אין דער תורה. ביי די קאראאימען אבער איז א רמז געווען גענוג צו שליסען פון איהם א דין מן התורה. דערצו איז געלעגען נאך א שטיין אויף דעם וועג פון זייער פארשונג, און דאס איז זייער געוואלטיגע געגנערשאפט און פייעריגע קנאה צום תלמוד וואס האט זיי געשטערט צו דערגרייכען די געלאסענע פארטיפונג אום צו דערגעהן דעם ריינעם אמת. זייער וואונש נאך נצחון האט זיי אראפגעפיהרט פון ריכטיגען וועג. און אום באגלויבט צו מאכען אונזערע רייד, אז עס געפינען זיך אין זייערע פירושים אויף דער תורה אזעלכע פון וועלכע עס עקעלט פשוט אפ א מענשען מיט א פיינערען געשמאק, וועלען מיר דא ברייגגען איניגע ביישפילען פון זייערע שריפטען. למשל, וועגען די דריי מענשען וועלכע זיינען גע־קומען צו אברהם׳ען, האבען אפגעפסקענט אלע קאראאימישע חכמים, אז זיי זיינען געווען נביאים (מבחר מ׳ ע״ב). דעם פסוק „נעשה אדם בצלמנו“, לאמיר מאכען א מענשען אין אונזער געשטאלט, זאגען זיי, האט משה רבנו געזאגט צו די מענשען פון זיין דור. זיי טייטשען איהם אוים אזוי: משה רבנו, וואס האט געשריבען די תורה האט געזאגט צו זיין דור, רעדענדיג וועגען אדם׳ען: אדם איז געמאכט געווארען אין אונ־זער געשטאלט, האט אויסגעזעהן ווי מיר זעהן אויס, און אט אזוי האבען זיי אויך פארטייטשט דעם פסוק „הן היה האדם כאחד מאתנו“ — אדם איז געווארען ווי איינער פון אונז (דארטען כ״ד). אלע קאראאימען במעט און אבו נסי דער ערשטער פון זיי האבען דערקלערט דעם פסוק: גע־

דיינק צו פארהייליגען דעם טאג שבת, אז דאס מיינט, זיך אפצוזונדערען פון דער פרוי (נספחות ב 6). און ענן האט דערקלערט „לחם עוני", אז מען טאר ניט מאכען די מצות ניט פון קיין אנדער מעהל, זאנדערען פון גערשטען־מעהל, ווייל דאס איז דער מאכל פון ארעמע (זעה אויבען). איין פסוק זאגט פסח איז אויפ'ן פערצעהנטען, און אן אנדער פסוק זאגט „אויפ'ן פערצעהנטען טאג אין מאנאט פארנאכטליך". און נאך אן אנדער פסוק זאגט „זאלסט שחט'ען דעם קרבן־פסח אווענטצייט" — מיינט עס אזוי: אויב ערב פסח פאלט אוים פרייטאג איז „אויפ'ן פערצעהנטען פסח צו גאט", פאלט עס אוים אין מיטען וואך איז עס פארנאכטליך. פאלט עס אוים אום שבת זאלסטו שחט'ען דעם קרבן פסח אין אוועגט (אשה"ר פ' ע"ד. גן־עדן ע' מצות, פ"ג). ענן האט געדרשנ'ט: עס שטעהט „אין אוועגט זאלסטו עסען מצות" פון דעם איז גערדונגען, אז מען דארף די מצות באקען פארנאכט (גן עדן, ענין מצות, פרק ג'). רב דניאל אלקומסי האט דערקלערט דעם פסוק „זאלסט ניט קאכען א ציגעלע אין זיין מאמע'ס מילך", אז דאס מיינט, אלע מינים פליישען וואס נערען זיך פון זייער מאמע'ס מילך זיינען פארבאטען (אשכול הכופר, צ"א, ע"ב). און וועגען פארבאט ארויסצוטראגען פון איין רשות אין צווייטען אום שבת האט רב ישועה דערקלערט, אז מיר לערנען עס פון אנזאג „קיינער זאל ניט ארויסגעהן פון זיין פלאץ", ווייל אויב ארויס־געהן פון זיין פלאץ — פון זיין הויז — איז פארבאטען, זאל דאס ארויס־טראגען פון הויז אויך זיין פארבאטען (גן עדן, ענין שבת, פרק י'). און דער אויבענדערמאנטער רב דניאל אלקומסי האט פארבאטען צו עסען אייער, ווייל עס שטעהט אין פסוק (אין דער האנדלונג וואו איינער גע־פינט א נעסט מיט אייער) „זאלסט אוועקלאזען דער מאמען און די יונגע פויגעלעך מאגסטו צונעמען", הייסט עס, ווייל ער זאגט בלויז פויגעלעך, אבער ניט אייער, אז די פויגעלעך זיינען מותר אבער ניט די אייער. (אשכול־הכופר קי"ד, ע"ג). סהל בן מצליח האט דערקלערט דעם פסוק „און שרה האט געלעבט הונדערט יאהר און צוואנציג יאהר און זיבען יאהרען", אז די דריי צאלען זיינען אן אנדייטונג אויף די דריי ערטער וואו זיי זיינען געווען, אין אור כשדים, אין כנען, און אין לאנד פון די פלשתים (מבחר מ"ו, ע"ב). און רב יוסף הרואה האט אפגעלערנט דאס וואשען זיך פון א טמא טומאת ערב, דער וואס זיין טומאה דויערט נאר איין טאג, אז עס באדארף זיין אין לעבעדיגע וואסער פון א טמא טומאת מת. ווארים דא שטעהט „ורחץ בשרו במים" (ער זאל וואשען זיין לייב אין וואסער), און ווייטער שטעהט אויך „ורחץ בשרו במים" איז אזוי

ווי ווייטער מיינט עס לעבעדיגע וואסער, אזוי מיינט עס דא אויך לעבע־דיגע וואסער (גן עדן, ענין טומאה, פרק ג׳). און מ׳יר האבען געהערט אין נאמען פון ענו, אז ער האט גערדרשנ׳ט, אז היינטיגע צייטען גילט ניט דער ענין פון טומאת מת. ער האט עס אפגעלערענט פון א היקש. עס שטעהט „זאת חוקת התורה" און חוקה מיינט מען די פרה אדומה, ווארום עס שטעהט דאך ביי דער „פרה אדומה" והיתה זאת לכם לחוקת עולם (און דאס זאל זיין פאר אייך אלס אן אייביגער געזעץ) און תורה איז טומאת מת, ווארום עס שטעהט „זאת התורה אדם כי ימות באוהל" (דאס איז די לערע ווען א מענש שטארבט אין געצעלט). גלייכט מען צו תורה צו חוקה. דאן ווען מען קען מקיים זיין דאס, וואס איז געזאגט געווארען אין חוקה (די דינים פון פרה אדומה) באדארף מען אויך מקיים זיין, דאס וואס איז געזאגט געווארען אין תורה (די דינים פון טומאת מת). היינטיגע צייטען אבער ווען די דינים פון חוקה זיינען ניט גילטיג זיינען די דינים פון תורה אויך ניט גילטיג.

א פאר׳קנס׳טע דארף ניט אנקומען צו קיין גט, ווייל עס שטעהט געשריבען „אז א מאן וועט נעמען א פרוי און זיין מיט איהר און וועט איהר שרייבען א גט", פון דעם זעהט מען, אז בלויז די פארהייראטע דארף האבען א גט, אבער ניט די פאר׳קנס׳טע. מען זאגט אין רב בנימין האונדרי׳ס נאמען, אז ער האט פארגליכען דאס פארנאנדערגעהן זיך צו דער פאראייניגונג, וואס אזוי ווי די פאראייניגונג, ד.ה. די הייר־ראט, איז דורך א שריפט אזוי דארף דאס גט׳ען זיך אויך זיין דורך א שריפט. און אזוי ווי דאס פאר׳קנס׳ען פון א פרוי, קומט דאך פאר דורך עדות, קען זי אויך געגט ווערען נאר דורך עדות (גן עדן סימן נשים פכ"ז. אדרת שם פי"א). עס שטעהט געשריבען: „זיי האבען גענומען שאף און רינדער און יונגע רינדער און האבען זיי געשחט׳ען אויף דער ערד און געגעסען אויפ׳ן בלוט" — (שמואל א׳, י"ד). פארוואס שטעהט עפעס זיי האבען געגעסען אויפ׳ן בלוט? צו לערנען, אז אלץ וואס איז פארבאטען צו שחט׳ען געהט אונטערען כלל פון „איהר זאלט ניט עסען אויפ׳ן בלוט." די קוה און איהר קאלב (אותו ואת בנו) וואס מען טאר ניט שחט׳ען אין זעלבען טאג, אויב איינער האט אויף דעם עובר געוועזן און זיי יא געשחט׳ען טאר מען זייער פלייש ניט עסען צוליעב דעם אנ־זאג „לא תאכלו על הדם", און ווייל אין יענעם פסוק שטעהט „רינדער און יונגע רינדער" באווייזט עס אז זיי האבען געשחט׳ען די מוטער־רינדער מיט די קעלבער און דעריבער שטעהט דארטען „און זיי האבען געגעסען אויפ׳ן בלוט" (גן עדן, ענין שחיטה פ"ח). און אין „אדרת

אליהו" ווערט געבראכט אין נאמען פון זייערע ערשטע חכמים (ענין שבת פ"ט), אז דעריבער שטעהט דער פסוק וועגען אפהיטען שבת נאהענט צום מקדש, אונז צו לערנען, אזוי ווי דער בית המקדש האט א פארהויז, אזוי האט שבת אויך א פארהויז, ד.ה. מיר גיבען צו פון דער וואכעדיגער צייט צום שבת. דער איד איז מחויב צו לייענען „שמע", „ואהבת", „והיה אם שמוע" און „פרשת ציצית", ווארים עס שטעהט ודברת בם, און דאס איז, ווי דער תלמוד דרש'ט (אדרת אליהו, ענין תפלה, פרק ה). די זאלסט „שוינען דעם בעיאהרענטען מאן", דאס מיינט אזעלכען, וועלכער איז בעהאווענט אין תורה, און רב ישועה זאגט, אז אויב דער אלטער באזיצט ניט קיין תורה און יראת־שמים איז מען ניט מחוייב איהם אפ־צוגעבען כבוד (דארטען, ענין כבוד רבו, פרק ה'). „און צו קין און זיין געשאנק האט ער זיך ניט אומגעקערט" — מיינט, אז דאס פייער פון הימעל האט עס ניט פארצערט, דאס זעלבע ווי עס איז געזאגט אין „ספרא" (מכילתא דמלואים) און „ספר־הישר". עס שטעהט „איהר זאלט מקריב זיין אייער קרבן". פונקט אזוי ווי די גמרא לערענט.

מיר האבען דא אוועקגעשטעלט א קליינע טייל מדרשים פון זייערע ערשטע אזוי גוט ווי פון זייערע לעצטע חכמים, כדי יעדער איינער זאל קענען זעהן, אז זייער אפשטאם נעמט זיך פון דרוש, אבער זיי האבען גאר ניט וואס צו טאן מיט'ן איינפאכען פשט פון פסוק לויט דעם באַ־גריף פון אמת'ען פשטן. און עס איז קלאר, אז זיי אליין האבען עס אויך פארשטאנען, אז די גרעסטע טייל פון זייערע פירושים אויף דער תורה פון וועלכע זיי האבען געצויגען זייערע דינים און געזעצען, זיינען בלויז בדרך דרוש. איינער פון זייערע לעצטע, רב שלמה בן אהרן דער טראקער (ספר אפריון עשה, ח"ב כתב יד אין דער הקדמה), זאגט: די תורה דארף דערקלערט ווערען אויף אן אופן וואס דער איינפאכער פשט זאל ניט זיין געגען דעם, הוץ מאנכע שטעלען וועלכע דער שכל וואלט ניט געקענט אננעמען, ווען מען וואלט זיי דערקלערט לויט זייער פשט, און וועגען אזעלכע שטעלען האבען די חכמים געזאגט „די תורה רעדט ווי מענשען ריידען". דאס גלייכען אין מאנכע מצוות וואס דער שכל איז מיט זיי ניט צופרידען, אויב מיר זאלען זוכען זיי צו פארענטפערען פון איינ־פאכען פשט פון פסוקים, דעריבער זיינען די חכמים איינפערשטאנען זיי צו דערקלערען בלויז אלס א משל, כדי עס זאל ניט אויסקומען א ווידער־שפרוך אין די רייד פון דער תורה. פון דעם זעהען מיר, אז זיי זיינען מודה אז מיט זייער גאנצער אנשטריינונג זיך צו האלטען אן איינפאכען זין פון פסוק, האט זיך זיי עס ניט איינגעגעבען, און זיי זיינען געוועזן

געצוואונגען אפצואווייכען פון פשט. און מיר לערנען דערפון, אז אזוי ווי פאר די חכמים פון משנה און תלמוד, אזוי איז פאר זיי אויך ניט געווען געניגענד דער פשוטער זין פון פסוק אום צו באגרינדען דורך איהם זייער דת. און אפילו דארט וואו זיי מיינען, אז זיי געהען נאכ'ן קלארען פשט, מאכען זיי אויך בלויז א טעות. און ווירקליך יעדער איינער וואס קוקט זיך צו צו זייערע ספרים און איבערהויפט צו זייערע ספרי־המצוות, דער זעהט באלד, אז נאך אלעמען איז זייער גאנצער אויפטו מעהר ניט, ווי נאר א נייער תלמוד, וואס איז גלייך צום אלטען מיט זיינע מעהרסטע כללים און מדות, ווי אויך וואס אנבאלאנגט זיין טראדיציע און שכל הישר, און אפילו מיט דער זעלבער זאנדערבארקייט פון די מדרשים. ער איז בלויז ניי דערמיט, וואס ער האט צוגעגעבען איין שווערינקייט צו דער צווייטער, איין פארבאט צום צווייטען אהן א שעור און אהן אן ערך, און דערצו נאך פארבלענדט מענשען די אויגען מיט אלערליי מיטלען.

ניינטעם קאַפּיטעל.

דער אונטערשיד צווישען רבנים און קראים און זייערע מנהגים.

אַ שווערער עול
פון דינים.

מיר האָבען זיך ביז איצט אויף אַ ברייטען און אויספיהרליכען אופן אָפּגעשטעלט אויף זייערע געדאַנקען און אידייען, זייערע פאַרשונגען און כללים, און מיר האָבען געזעהען, אַז זייער ציל איז כלל ניט געווען זיך צו בעפרייען פון דעם יאָך פון גזירות און סייגים, וועלכען דער תלמוד האָט אַרויפגעלעגט אויף זיינע אַנהענגער, אַז זיי זיינען כלל ניט אויסגען געווען צו צורייסען די שטריק פון זיינע שטרענגע חומרות. פאַרקערט, מיר האָבען געזעהן, אַז לויט זייער פּסיכאָלאָגיע און פאַנאַטיזם, זיינען זיי געווען געניויגט נאָך שווערער צו מאַכען דעם עול פון דער אידישער רעליגיאָן, און די הארבע געזעצען זיינען זיי געווען צום הארצען, כאָטש זיי האָבען זיך געלעגט אויף זיי ווי שווערע שטיינער. „זיפצענדע און קרעכצענדע" מענשען ווי זיי, וואָס האָבען פאַרהאַסט די אַלע הבלי־עולם־הזה, און געפּייניגט זיך לײדענשאַפטליך דורך תעניתים און זיך אָפּגעגעבען מיט טרויערען און קלאָגען אויפ'ן ביטערען גלות און חורבן בית המקדש, זיינען זיי געווען מעהר ניט ווי צופרידען מיט דער אומגע־הויערער רעליגיעזער לאַסט וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען. וואָס עס איז יאָ אַ וואונדער — איז דאָס, וואָס די גרויסע מדרגה פון השכלה, וואָס זיי האָבען דערגרייכט — ווארום מען קאָן ניט לייקענען, אַז זייערע מעהרסטע חכמים זיינען בעלי השכלה געווען און האָבען פאַרמאָגט באַ־דייטענדע ידיעות אין פאַרשיידענע חכמות — איז זיי ניט בייגעשטאַ־נען צו געפינען דעם ריכטיגען מיטעל־וועג און האָט זיי ניט פאַרהיט פון נאַרישע איבערטרייבונגען. און אַנשטאָט וואָס געוועגליך פאַרהיט אַ גרוי־

סע מדרגה פון השכלה די אומגעלומפערטע איבערטרייבונג אין גזירות און דינים — איז ביי זיי געווען פארקערט. זייער אויפקלערונג איז זיי צו הילף געקומען, זיי זאלען דורך איהר ערפינדען נייע דינים און באַגרענצונגען פון וועלכע זייערע ערשטע חכמים האבען אפילו די קלענסטע אהנונג ניט געהאט. עס איז זיי איהר הילף בייגעשטאנען צו שאפען דורך איהר חומרות אהן א שיעור, אזוי, אז יעדע איינציגע מצוה איז זיך ביי זיי אין א גרויסען בארג צוואואקסען. אט זעהען מיר ווי זיי האבען מיט דעם גרעסטען פלייס אין דער מצוה פון „עריות" זיך פארטיפט און באשעפטיגט זיך אומאויפהערליך מיט פארשיידענע פארשונגען און אונטערזוכונגען אויף דעם דאזיגען געביט. און וואס איז פון דער דאזיגער מצוה דורך זייערע פארשונגען געווארען? זייערע ערשטע חכמים, דאס הייסט, די „בעלי־הרכוב" האבען פון איהר געמאכט אזא מצוה, וואס קאן כמעט ניט רעאליזירט ווערען אין לעבען. אזוי, אז די קאראאימען גופא האבען געזאגט: ווען מיר זאלען זיך האלטען אן זייער מיינונג, קאן מען זעהר זעלטען געפינען א מאן און א פרוי, וואס זאל ניט זיין קיין לייבליכע פארוואנדעטע. ווייל זיי האבען געצויגען פארשיידענע פארגלייכונגען אין די דינים פון „עריות" און געגאנגען פון איין פארגלייכונג צו דער צווייטער און פון איין צוזעצונג צו דער אנדערער און פארבאטען פיעלע „גופים" געגען די אנזיכטען פון מענשליכען שכל. זיי האבען צוגעגעבען פיעלע פארבאטען צו די, וואס זיינען געשריבען אין דער תורה און צו די, וואס זיי אליין האבען מחדש געווען דורך זייער „היקשים" (אדרת־אליהו, עריות פ"ה). און ווי שלעכט מוז שוין זיין דאס ברויט אויף וועלכען דער בעקער אליין זאגט עדות, אז עס טויג ניט. און אויך שפעטער אפילו, ווען רב יוסף הרואה, און נאך איהם רב ישועה זיינען געקומען און באשטריטען זייערע פארבאטען אין עריות, און מבטל געווען כמעט גאנצע דריי פיערטעל פון די, וואס זייערע ערשטע חכמים האבען פעסטגעשטעלט, איז דאך נאך אלץ געבליבען אין דעם ביסעל, וואס זיי האבען געלאזען א גרויסען צאל פון אזעלכע פארבאטען, פון וועלכע די בעלי־התלמוד האבען קיין אהנונג ניט. זיי האבען פארבאטען פאר א מאן צו נעמען די טאכטער פון זיין אנוסה (וואס ער האט מאנס געווען), וועלכע זי האט געבוירען פון אן אנדער מאן, צוליעב דעם פארבאט פון „אשה ובתה"; א מאן טאר ניט נעמען זיין ברודערס, אדער זיין שוועסטערס טאכטער; זיי האבען גע'אסר'ט צו נעמען די טאכטער פון פאטערס פרוי, וואס זי האט געבוירען פון אן אנדער מאן. זיי האבען גע'אסר'ט צו נעמען זיין ווייבס שוועסטער אפילו ווען זיין ווייב איז טויט. אויך אט יענע

אלע „עריות“. וואס זיינען לויט דער משנה און לויט דעם תלמוד פאר־באטען נאר דורך גזירת חכמים ווי די „שניות“, וואס זיינען פארבאטען נאר מדברי סופרים. ווי אויך יענע אלע אנדערע פרויען, וואס ווערען אויסגערעכענט אין דער משנה אלס אזעלכע, וועלכע די חכמים האבען פארבאטען, אבער זיי זיינען ניט פארבאטען מן התורה; און אויך אזעל־כע פרויען, וואס לויט די גזירות און סייגים פון די חכמים אפילו איז אין זיי קיין איסור פאראן און זיי זיינען נאר צוליעב מראית עין גע'אסר'ט געווארען, ווי אשת חמיו, למשל, זיין שווערס ווייב — אט די אלע, זיינען לויט די מיינונגען פון די קאראאימען אויסדריקליכע פארבאטען מן התורה. צו דעם אלעם זיינען זיי געקומען דורך דעם, וואס זיי האבען פארדרעהט און פארקרימט די רייד פון דער תורה. אט דאס איז געווען די פרוכט פון זייער אויפקלערונג. אויף זיי ווירקליך קאן מען זאגען: זיי זיינען חכמים צו מאכען ערגער, אבער ניט בעסער.

דעם שבת אין אייזערנע
קייטען פארוואנדעלט.

די מצוה פון שבת האט כמעט צו זיך קיין גלייכען ניט צווישען די אלע אנדערע מצוות אין באצוג צו דעם, ווי דאס אידישע פאלק אונטער אלע צייטען האט זיך אפגעהיט און פארהייליגט. דער דאזיגער מצוה האבען די חכמי התלמוד אפגעגעבען גאנצע צוויי מסכתות, און עס האט גאר קיין צאל ניט דאס אלעס, וואס זיי האבען בנוגע צו דער דאזיגער מצוה מחדש געווען. זיי האבען פון די אבות מלאכות (די הויפט מלאכות וואס ווערען דערמאנט אין דער תורה) פארשיידענע תולדות ממציא געווען, און די דאזיגע תולדות, וואס זיינען על פי רוב גיכער גע־ווען א תולדה פון חקיר'ענען און פון שארפזיניגען פלפול ווי א תולדה פון די אבות מלאכות פון דער תורה, האבען זיי ווידער אמאל נייע תולדות ארויסגעבראכט. אבער די קאראאימען זיינען מיט דעם אלעם נאך אלץ ניט געבליבען צופרידען, זיי האבען געזוכט און געגריבעלט אין די קלענסטע קנייטשען פון די פסוקים, וועלכע בעהאנדלען די מצוה פון שבת, ביז זיי האבען אויסגעפונען אומצעהליגע נייע חומרות. זיי האבען ממציא געווען נייע געזעצען און דינים, וואס מאכען שווער און ביטער דאס לעבען, אין גענצענזאץ צום לעבענספריידיגען גייסט פון דער תורה. דאס פארטיפען און גריבלען זיך אין דער מצוה פון שבת האבען זיי גע־בראכט צו ערשטוינענדע חקירות, ווייל זיי האבען אונטער די באגריפען

פון מלאכה, עבודה, מעשה, (די דריי טערמינען מיט וועלכע די תורה באנוצט זיך צו באצייכענען ארבייט דארטען, וואו עס רעדט זיך וועגען שבת), ארייגנענומען אלערהאנט באשעפטיגונג, ביז זיי זיינען געקומען צו דער החלטה, אז יעדע קערפערליכע און גייסטיגע באוועגונג, ווי דאס באוועגען זיך און געהען פון איין פלאץ צום אנדערען, ווי אויך יעדער געדאנק, רעכענונג און וואונש געהען אלע ארונטער אונטער'ן כלל פון ארבייט (אדרת אליהו ענין שבת, פרק ה'). צו דער דאזיגער החלטה זיינען נאך זייערע ערשטע חכמים געקומען. און לויט איהר איז גאר ניטא קיין איין באוועגונג, וואס א מענש זאל מאכען, ווי גרויס און ווי קליין זי זאל ניט זיין, וואס זאל ניט ארונטערפאלען אונטער'ן פארבאט. עס קומט אויס, לויט זייערע רייד, אז עס איז מן הדין, אז דער מענש דארף אויף זיך מקיים זיין דעם פסוק „ישב בדד וידום, כי נטל עליו השבת — ער זאל זיצען איינזאם און שווייגען, ווייל עס דריקט אויף איהם... דער שבת. אמת, זיי האבען אליין דערפיהלט די נארישקייט פון אזא מין באשלוס, וועלכער קאן בשום אופן ניט פארווירקליכט ווערען פון א מענשען, וואס וויל נאך לעבען אויף דער וועלט, און דעריבער האבען זיי ערלויבט די אומפארמיידליכע באדערפענישען אהן וועלכע א מענש קאן זיך ניט באגעהן, ווי: עסען, טרינקען, שטעהן, געהן, און אלע אנדערע אומפארמיידליכע באוועגונגען. וויסענדיג אבער, אז די אומפארמיידליכקייט פון א טאט מאכט איהם נאך ניט פאר אוים טאט, און טאטען זיינען דאך פארבאטען מן התורה, דעריבער האבען זיי זיך געקליגט צו ברייגנען ראיות פון פסוק אום צו ערלויבען די מעשים וועלכע זיינען אומפארמיידליך. נון, מיר ווייסען דאך, ווי עס פיהרט זיך אין דער טעאלאגיע. די פארשטעהער איהרע האבען גאר א קליינע זארג צו געפינען א ראיה פאר יעדער זאך, וואס ווילט זיך זיי נאר פון זייערע רעליגיעזע שריפטען. האבען זיך אויך די קאראאימען אזוי געפיהרט. אויף יעדען שענדליכען ארויסטריט זייערען געגען די רבנים, אויף יעדען שקר פון זייערע נארישע אויפטואונגען האבען זיי געזוכט און געפונען ראיות פון א פסוק אין דער תורה, אדער פון די נביאים און כתובים. און דעריבער האבען זיי אויך געפונען א ראיה צו ערלויבען דאס עסען פון פסוק: „עסט עס היינט". און וויבאלד אז עסען מעג מען, איז שוין זעלבסטפארשטענדליך, אז טרינקען מעג מען אויך, און צוליעב דעם האבען זיי שוין ערלויבט צו באוועגען און טראגען צוליעב דעם עסען, אויך אלץ וואס איז פארבונדען מיט די באדערפענישען פון עסען. און איבעראל אוואו דער פסוק איז זיי ניט געווען געניגענד צו ברייגנען דער־

פון א ראיה אויף א חומרה, ווי למשל, ניט אוועקצוגעהן פון אן אלטען מנהג, זיינען זיי אנגעקומען צו דער „לאסט פון ירושה“ (אדרת אליהו, דארטען). אבער דער אמת איז, אז זייער פארשונג און זייער מיה צו דערקלערען זאכען זיינען בלויז געווען אן אומזיסטיגע און שווערע אר־בייט פון גלאט פלאפלעריי, אבער ניט קיין דאנקבארע ארבייט, ווייל זיי האבען על פי רוב זיך געמאטערט און געארבייט און אריינגעלעגט אין די פסוקים אזעלכע כונות, וואס זיי האבען גאר ניט געמיינט. און ביי אונז אין די אויגען איז קלאר, אז זייער הויפט־מאטיוו איז געווען זייער געגנערשאפט צו דער תורה פון די רבנים. די רעזולטאטען וואס זיי האבען באקומען פון זייער זוכען און פארשען אין די פסוקים געהען אלע אנטקעגען די מיינונגען פון משנה און תלמוד, אבער ניט אויף לייכטער צו מאכען, נאר פארקערט. לויט זייער דעה נאך און לויט דאס וואס זיי דיינקען אפצולערנען פון די פסוקים, איז יעדער איינציגער וואס טוט עפעס אום שבת, סיי ער פארריכט און סיי ער מאכט קאליע, איז ער חייב, סיי די זאך איז געטאן געווארען אבזיכטליך, סיי ניט. סיי דער אנהויב פון א זאך איז פארגעקומען אום שבת גופא, און סיי עס איז געבוירען געווארען אום שבת פון זיך אליין, פאראורזאכט פון א טאט, וואס איז געטאן געווארען פאר שבת. „מוקצה“ איז אסור מן התורה אי צום עסען, אי עס צו באוועגען. עס איז קיין שיעור ניט פאראן — עס איז ביי זיי ניט שייך קיין וויפיעל — ביי מלאכות און אז צוויי מענשען האבען צוזאמען איין ארבייט געטאן, זיינען זיי ביידע שולדיג. יעדער „שבות“*) איז אסור מן התורה. אויף יעדער אופן פון ארויס־טראגען זאכען פון איין רשות צום צווייטען, איז מען חייב אפילו ווען קיין עקירה**) און הנחה***) זיינען דערביי ניט פארגעקומען. מען טאר ניט ארומגעהן אפילו אין זעלבען תחום־שבת, סיידען, אז ער געהט צוליעב א מצוה אדער צוליעב א נאטירליכער באדערפעניש. אבער געהן שפאצירען אדער גלאט געהן אין גאס אריין טאר מען ניט. פון אנזאג פון פסוק: „איהר זאלט ניט אנצינדען קיין פייער אין אייערע וואוינונגען אין דעם טאג פון שבת“, האבען זיי באשלאסען, אז מען טאר

*) שבות־שביתה (רוהען). נאר א מלאכה ניט טון אים שבת — איז ווע־ניג. מען באדארף אויך רוהען. דעריבער טאר מען ניט טון פיעלע זאכען כאטש זיי קענען ניט אלס מלאכה באטראכט ווערען. זיי זיינען אסור צוליעב שבות.

**) אפרייסען, אוועקנעמען.

***) אוועקלעגען.

קיין הנאה ניט האבען פון א ליכט אום שבת, כאטש דאס ליכט איז אנ־געצונדען געווארען ערב שבת, און דעריבער זיצען זיי פרייטאג־צו־נאכט אין דער פינסטער, ווי די בלינדע. זיי האבען פארבאטען צו האלטען ווארעם דאס עסען אויף שבת, אפילו ווען מען באהאלט עס ערב שבת. זיי האבען פארבאטען יעדע זאך, וואס איז פאר רפואה אום שבת אפילו וואו עס האנדעלט זיך וועגען א געפעהרליכען חולה, וואו עס שטעקט א ספק פון „פקות נפש". מען זאגט, אז ענן האט באפוילען, אז ווען א ברית־מילה קומט אויס אום שבת, זאל מען מל'ען דאס קינד שפעט פאר־נאכט, כדי די רפואה זאל זיך אנהייבען אין דער וואכען. אלע זייערע ספרים פון מצוות זיינען פול מיט חקירות וועגען זאכען וואס ווערען פארפאלקאמט אום שבת, וואס זיי רופען זאכען וואס ווערען געבוירען אום שבת פון פאלגען וואס האבען זיך אנגעהויבען פון ערב שבת. און זיי פסקנ'ען אלע, אז זאכען וואס ווערען געבוירען אום שבת אהן א חבור מיט דער פערזאן, וואס האט פאראורזאכט זייער געבורט, זיינען דאך אפהייגניג פון אונזער טאט. זיי מיינען דערמיט צו זאגען, אז גאר צום ערשטען איז די סבה פון דאס געטוענע אונזער ווירקונג, אבער ווען די זאך ווערט פאלקאם און באוויזט זיך אלס ווירקליכקייט, האט זי מעהר ניט קיין דירעקטען צוזאמענהאנג מיט'ן גוף, וואס האט זי גע־בוירען. פונדעסטוועגען זיינען זיי אסור סיי דער פאראורזאכער פון זייער געבורט האט זיי אליין אנגעפאנגען, סיי זיי זיינען געקומען דורך זיין באפעהל. עס איז לייכט פאר יעדען מענשען מיט פארשטאנד איינצו־זעהן וויפיעל אומצעהליגע חומרות עס האבען געמוזט פון דעם ארויס־וואקסען. אין איינקלאנג מיט זייער נייגונג צו פייניגען זיך דורך תעניתים, האבען זיי אויף זיך גענומען צו פאסטען זייערע פיער תעניתים אפילו אום שבת. אלץ וואס א אידען איז פארבאטען צו טון אום שבת און ער האט עס יא געטאן, אדער אויב א גוי האט עס געטאן פאר זיין אייגענעם געברויך טאר א איד פון דעם ניט הנאה האבען מן התורה. און ניט נאר אין אזא פאל אוואו דער טאט איז טאקע א ריכטיגע מלאכה, נאר אפילו דארט אוואו עס איז בלויז א לייכטער „שבות", ווען אפילו א איד גופא טוט עס, פונדעסטוועגען טאר א איד פון דעם קיין הנאה ניט האבען, אפילו דאן ווען א גוי האט עס געטאן פאר זיין איי־גענעם געברויך, און כדי נאר פולער צו מאכען די מאס פון די דאזיגע אומגעלומפערטע חומרות האבען זיי געפאסט א געזעץ, אז א איד טאר ניט באוועגען קיין זאך אום שבת אין א הויז אוואו עס געפינען זיך מענ־שען, וואס איינער פון זיי האט מחלל־שבת געווען, ווייל נאך זייער

מיינונג באדארף יענע הויז באטראכט ווערען אלס א פארשוועכטע, און דעריבער מוז זי שוין פאררעכענט ווערען, ווי א רשות־הרבים אוואו מען טאר קיין זאך ניט באוועגען. אין אלס צוגאב צו די דאזיגע אלע הויפט חומרות האבען זיי אויך מבטל געווען די תקנות פון די ערשטע רבנים, נעמליך: „עירובי־חצרות,"*) „שתופי־מבואות,"**) „עירובי־תחומין,"***) און „עירובי־תבשילין,"****) וואס אונזערע חכמים האבען מיט פיעל זין און וויסען מתקן געווען צום נוצען פון פאלק, אז דער שבת זאל זייער הנאה פון לעבען ניט פארשטערען, און די קאראאימען זיינען געקומען און זיי מבטל געווען, ווייל דער יאך מיט די שוועריגקייטען זיינען ביי זיי געווען לעבענס־באדערפעניששען, און מיר קוקען זיך צו צו די דאזיגע אלע הויפט חומרות געפינען מיר, אין די דאזיגע צוויי מצוות, אין עריות און שבת אומגעפעהר פופציג מיינונגס־פארשיידענהייטען צווישען די רבנים און קאראאימען און איבעראל אהן אויסנאם כמעט זיינען זיי מעהר מחמיר, ווי די רבנים. און אז מיר טראכטען זיך נאך איין אין די פיעלע צווייגען, וואס האבען פון די דאזיגע עיקרים ארויסגעשפראצט, דאן זעהען מיר, אז פון די מצוה פון עריות איז פאר זיי אין אן אומגליק פאר־וואנדעלט געווארען (א), און די מצוה פון שבת האט זיך אויף זיי גע־

---

*) עירוב — אויסמישונג, מאכען איינס. ערובי חצרות — הויזער, וואס געהען ארויין אין איין הויף. מאכט מען אן עירוב ווערט דורך דעם דער הויף א רשות היחיד, מעג מען שוין טראגען פון די הייזער אין הויף און פון הויף אין די הייזער. דער הויף ווערט אויסגעמישט מיט יעדען הויז און ווערט א טייל פון איהם. די הייזער מיט דעם הויף ווערען אלע איין רשות.

**) שתופי־מבואות — שותפות'דיגע געסלעך. הויפען, וואס געהען ארויין אין געסעל, מעג מען דורך אן עירוב טראגען פון געסעל אין די הויפען און פון די הויפען אין געסעל. דורך דעם עירוב איז דאס געסעל פעראייניגט גע־ווארען מיט יעדען הויף און זיי זיינען אלע איין רשות געווארען.

***) עירובי־תחומין — אויסמישען די גרעניצען. א תחום שבת איז צוויי טויזענט איילען פון זיין היום — אויסער דער שטאט, וויטער טאר מען ניט געהן אום שבת. ווען איינער בעדארף אבער געהן אום שבת מעהר ווי צוויי טוי־זענט איילען, „מאכט ער זיין היום" ערב שבת אויף א ווילע א פאר איילען פאר דעם פלאץ וואו דער תחום שבת ענדיגט זיך, און ער מעג שוין שבת געהן צוויי טויזענט איילען פון יענעם פונקט.

****) יום טוב מעג מען קאכען נאר פאר דעם געברויך פון יום טוב; וואס טוט מען אלזא, אז שבת פאלט באלד נאך יום טוב? מאכט מען ערב יום טוב אן עירוב תבשילין. דורך דעם ווערט פאראייניגט דאס קאכען פון יום טוב פאר שבת מיט דעם קאכען פון ערב יום טוב און עס הייסט שוין, אז מען האט ערב יום טוב פאר שבת געקאכט.

לעגט ווי א שווערע לאסט, און אנשטאט פרייד האבען זיי לייד. ווייל איבעראל, אוואו נאר זיי געהען און וואנדערן זיך, אין זייער יעדער באוועגונג, אין יעדען טאט, ביי יעדען טריט און אפילו ביי יעדען אטעמצוג זייערען שטעהט זיי א חומרא אין וועג.

אלע באוועגונגען
פארבאָטען אום שבת.

אונטער אלע צייטען זיינען שבת און יום־טוב געווען פאר'ן אידישען פאלק טעג פון אפרוה פון זייער מיה. זיי האבען זיך אין די טעג פאלשטענדיג אפגערוהט פון זייער שווערער לאסט. די דאזיגע טעג זיינען געווען דער איינציגער ליכטיגער שטראהל אין זייער פינסטערען לעבען. אבער ווען מיר קוקען זיך צו צו דער תורה פון די קאראאימען וועגען שבת און יום־טוב, זעהט אונז אויס, ווי זיי וואלטען מיט א כיון ארויפגעווארפען אויף שבת און יום־טוב א שווערע משא פון חומרות און באגרענצונגען וואס פארביטערען דאס לעבען, כדי צו פארקלענערען די שמחה. ווייל אזוי גוט ווי זיי האבען געטאן מיט שבת, אזוי האבען זיי אויך אין די דינים פון יום־טוב געשאפען איין חומרה אויף דער צווייטער. מיר זעהען ארויס פון זייערע שריפטען, ווי מאנכע פון זיי האט זיך זעהר געוואלט צו פארווערען דאס קאכען און באקען און יעדער אנדער ארבייט, וואס איז פארבונדען מיט מאכען עסען אום יום־טוב. און זיי האבען געוואלט פארווענדען דעם מאמר פון דער תורה, וועלכער ערלויבט בפירוש דאס מאכען עסען אום יום־טוב אויף אן אנדער כונה, און מאנכע פון זיי האבען באהויפטעט, אז דער פסוק מיינט ניט מען זאל מעגען קאכען, ער ערלויבט בלויז דאס עסען ווי עס איז לויט זייער מיינונג דער מיין פון דער תורה אין דעם פסוק: „עסט עס היינט" — מתיר צו מאכען דאס עסען אום שבת. אנדערע ווידער האבען געזאגט, אז דער פסוק האט בלויז געמיינט צו ערלויבען מישען פארשיידענע עסענווארגען, ווי אויל, עסיג און געווירצען, אבער ער ערלויבט ניט צו קאכען אום יום־טוב אין אלגעמיין, און זיי האבען געמאכט נאך פארשיידענע פארגרייזטע פירושים, און דאס אלע ווייל זיי האבען געוואלט פארווערען דאס צוגרייטען פון עסענווארג אום יום־טוב. נאר די מעהרער געלאסענע פון זיי האבען איינגעזעהן די נארישקייט פון אזעלכע פירושים און זיי האבען איינגעשטימט, אז עס איז יא ערלויבט, ווי עס איז דעריבער די מיי־

נונג פון די בעלי־התלמוד, און ווי עס ווייזט דערויף דער ריכטיגער זין פון פסוק. אבער זיי האבען אויך דעם היתר זעהר באגרענצט און זיי האבען בלויז ערלויבט די דריי ארבייטען וועלכע זיינען אומבאדינגט נויטיג, און דאס עסען קומט באלד נאך זיי, ווי קנעטען, באקען און קאכען. אבער אלע אנדערע זאכען פאר עסען, סיי אזעלכע וואס מען האט יא געקאנט טון ערב יום־טוב, און סיי אזעלכע וואס איז אוממעגליך געווען צו טון, האבען זיי פארווערט. און זעלבסטפארשטענדליך, אז זיי האבען פארווערט אלעם וואס די חכמי־התלמוד האבען פארווערט, און נאך צוגעגעבען צו זיי נייע חומרות. זיי האבען פארווערט: דאס שחט'ען, אפשינדען, צוהאקען די בהמה, טרויבערען, צורייבען געווירצען, און דאס גלייכען; זיי האבען פארווערט ארויסצוטראגען זאכען פון איין רשות אין דעם צווייטען, אפילו ווען עס איז אומבאדינגט נויטיג, פארווערט אנצינדען ליכט, ווען מען באדארף עס ניט האבען נויטיג צוליעב דעם עסען. אט די אלע אויסגערעכענטע זאכען זיינען חומרות, וואס זיי האבען מחמיר געווען מעהר פון די רבנים, און צווישען די אלע דינים זייערע וועגען יום־טוב איז ניטא קיין איין דין אפילו וואס זאל זיין לייכטער ווי אין תלמוד. און מיר קומען יעצט צו אנאליזירען ווייטער די איינצעלהייטען פון זייערע דינים וועגען יום־טוב אונטער וועלכע עס געהען אריין אויך אזעלכע וואס זיינען היינטיגע צייטען מעהר ניט גילטיג. מיר האבען שוין פריהער דערקלערט די מיינונג פון די קאראאימען וועגען קדוש־החודש, אז זיי טוען עס לויט דעם זעהן די לבנה און מאכען אן עבור־יאהר לויט דעם אנקומען פון פריהלינג, און האלטען ניט פון חשבון פון די רבנים, און צוליעב דעם איז פארגעקומען ביי זיי א צומישעניש וועגען באשטימען די מאנאטען, יום־טובים און יאהרען, און ניט נאר צווישען אונז און זיי איז ארויסגעקומען אן אונטערשייד, נאר אפילו זיי גופא האבען זיך איינע פון די אנדערע אין דעם אפגעשיידט לויט די פארשיידענע פלעצער און לענדער אוואו זיי האבען געוואוינט. וועגען קרבן־פסח האבען מאנכע פון זייערע ערשטע חכמים געזאגט, אז דער פסח־דורות*) דארף זיין פון שאף און רינדער, די צייט פון שחט'ען דעם קרבן־פסח איז ניט פון זעקס און האלב שטונדען נאך האלבען טאג, נאר עס מוז זיין אומבאדינגט אין צווישענאווענט צייט, ד. ה. פון זונאונטערגאנג ביז אווענט. דאס וואס בלייבט איבער פון קרבן־פסח דארף פאר־

---

*) דער ערשטער קרבן פסח, וואס די אידען האבען מקריב געווען, הייסט „פסח מצרים", די ווייטערדיגע „פסח דורות".

ברענט ווערען אויפ'ן פופצעהנטען, און ניט אויפ'ן זעכצעהנטען, ווי די משנה זאגט. דער קרבן־פסח טאר אנדערש וואו ניט געגעסען ווערען זאנדערען אין די פארצימערען פון בית־המקדש (ב). די פרויען זיינען פטור פון פסח דורות, אויב איינער האט בכיון ניט געמאכט דעם קרבן־פסח איז ער חייב און עס ווערט ניט אפגעלעגט ביז נאך פסח שני. לויט דער מיינונג פון די מעהרסטע ערשטע חכמים זייערע איז פסח ניט דוחה שבת. וועגען חמץ און מצה האבען די בעלי־התלמוד אזוי פיעל פארבאר־טען געמאכט, אז עס האט זיך געקאנט דאכטען, אז עס איז שוין אומ־מעגליך צו מאכען נאך נייע חומרות, און דאך זעהען מיר, אז אין דיזער הינזיכט זיינען די קאראאימען געווען נאך גרעסערע בריות פון די רבנים. זיי זאגען, אז חמץ וואס א גוי האט געלאזען אין א אידישע הויז (אפילו ווען דער איד האט ניט גענומען אויף זיך די אחריות דערפאר) ווערט אריינגענומען אין כלל פון „בל יראה" — „עס זאל ניט געזעהן ווערען ביי דיר קיין חמץ". מבטל זיין דעם חמץ ביי זיך אין הארצען איז קיין בטול ניט. מאנכע פון זיי זיינען מיט דער דעה, אז רייז און הירזש זויערען אויך. ענן האלט, אז מצה טאר ניט געמאכט ווערען פון קיין אנדער מעהל אויסער גערשטענע מעהל, און מען מוז באקען די מצה נאר אויפ'ן פערצעהנטען טאג אין אווענט, און מען מוז עס באקען אויפ'ן פייער, ניט אין אויווען. דאס עסען פון מצה איז א מצות־חובה אלע זיבען טעג. זיי דרשנ'ען, אז „ממחרת השבת" מיינט אויף מארגען פון שבת־בראשית און „עצרת" איז אלע מאל דעם טאג נאך שבת. דער עומר טאר ניט געשניטען ווערען ניט אום שבת און ניט אום יום־טוב. מען טאר ניט מקריב זיין דעם עומר ווען די תבואה איז נאך פייכט. ספירת העומר איז בייטאג און ניט ביינאכט. בנוגע ראש־השנה האבען זיי מבטל געווען די מצוה פון תקיעת־שופר. אנדערע ווידער באקעמפען עס און זאגען, אז דאס בלאזען דארף זיין פון אן אינסטרומענט און זיי מאכען ניט קיין אונטערשייד פון א טראמפייט ביז א שופר. פון די פינף ענויים — פינף וועגען פון פייניגען זיך — פון יום־כפור נעמען זיי אן בלויז צוויי: ניט עסען און ניט טרינקען. זיי האבען מבטל גע־ווען די תעניתים, וואס זיינען באשטימט געווארען אין משנה און תלמוד צוליעב דעם צווייטען חורבן און זיי פארביטען אויף אנדערע תעניתים וועגען חורבן פון ערשטען בית־המקדש. זיי האבען מבטל געווען די מצוה פון חנוכה. זיי מאכען פורים דעם פערצעהנטען און פופצעהנטען. בנוגע צו סכות האבען זיי מבטל געווען די מצוה פון אתרוג און לולב, און זיי האבען אויך מבטל געווען דעם שיער ווי הויך א סוכה דארף זיין.

אזוי ווי זיי האבען מבטל געווען אלע שיעורים. אט האבען מיר דא זיבען און צוואנציג אונטערשיידען צווישען זיי און די רבנים און בלויז אין א קליינעם טייל פון זיי האבען זיי אפגעווייכט פון די רבנים אויף מקיל צו זיין.

אן אונטערשיד אין
בניין און פיערציג דינים.

ווייטער זיינען פאראן נאך אונטערשיידען אין אנדערע דינים פון דער תורה, אומגעפעהר פופציג אין צאל, צווישען די קאראאימען און רבנים. 1) דער פסוק „פרוכפערט זיך און מעהרט זיך און פילט אן דאס לאנד" — איז ניט קיין מצוה נאך א ברכה, זיי זיינען אבער מחויב מקיים צו זיין די מצוה פון באפעלקערען די וועלט פון דער קבלה „און איהר זאלט געבירען זיהן און טעכטער". און נאך זייער מיינונג קומט אוים, אז אפילו דער וואס האט שוין איין זוהן און איין טאכטער, אדער אפילו צוויי זיהן, איז נאך אלץ מחויב מקיים צו זיין די דאזיגע מצוה, לויט דער מיינונג פון נתן, וואס האט געהערט צו די בית־שמאי — און איז אנטקעגען דער מיינונג פון תלמוד. 2) די מצוה פון מילה באשטעהט אין אראפנעמען די ערלה, די פארהויט אבער קיין „פריעה" דארף מען ניט מאכען. און לויט'ן תלמוד איז מילה אהן פריעה קיין מילה ניט. 3) ווי־באלד אז דער עיקר פון באשניידען איז נאך ארונטערנעמען די פארהויט, איז דעריבער אויב דאס קינד איז געבוירען געווארען א גע'מל'טער, דארף מען מעהר גאר ניט. און דער תלמוד הייסט אבער צו לאזען אפ־טריפען דעם דם־ברית. 4) לויט ענן'ס מיינונג איז, אז ווען דער מוהל איז ניט קיין איד, איז די מילה גאר ניט און א איד דארף דאס קינד ווי־דער מל זיין. און נאכ'ן תלמוד איז כשר אין אזא פאל. 5) ענן האט אנגעזאגט, אז מילה דארף געמאכט ווערען מיט א שער. 6) זיי אנער־קענען ניט די מצוה פון תפלין, און זיי דערקלערען די פסוקים „און עס זאל זיין אלס צייכען אויף דיין האנט", און איהר זאלט זיי פארבינדען". אז זיי געהען בלויז בדרך משל. ווי דער פסוק „קשרם על אצבעותיך" — קניפ זיי אן אויף דיינע פינגער. 7) זיי האבען אויך ניט אנערקענט די מצוה פון מזוזה און דאס אייגענע האבען זיי דערקלערט דעם פסוק „און דו זאלסט זיי אויפשרייבען אויף די ביישטענדלער פון דיין הויז" אזוי ווי דעם פסוק „פארשרייב זיי אויף די לוחות פון דיין הארצען". און זיי האבען מבטל געווען די מצוה פון מזוזה. 8) א אידישער קנעכט דארף

דינען דעם זוהן און די טאכטער און אלע איבעריגע יורשים פון פאר־שטארבענעם הארען, אין געגענזאץ צום דין פון תלמוד (קידושין י"ז). 9) דער פאטער מעג פארקויפען זיין טאכטער, און אפילו א בוגרת (א דערוואקסענע) כל־זמן זי איז ניט פארהייראט איז זי אין רשות פון איהר פאטער. און נאכ'ן תלמוד קאן ער זי בלויז פארקויפען ווען זי איז א קליינע. 10) ווען איינעם קומט מלקות איז קיין תירוץ ניט, וואס מען האט איהם פריהער ניט געווארענט אויף זיין עברה, ווייל דער לאו פון דער תורה איז שוין די ווארנונג. 11) „אן אויג אנשטאט אן אויג" מיינט אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט, און ניט באצאהלען דערפאר מיט געלט. נאר דאס איז, ווען ער האט איהם מיט א כיון בלינד געמאכט. 12) סיי „המודה במקצת", סיי איינער וואס איז זיך מודה אויף אביסעל, און סיי איינער וואס לייקענט אפ אין גאנצען זיינען מחויב צו נעמען א שבועה. 13) זיי האבען ערלויבט פלייש פון עופות מיט מילך. 14) דאס בלוט פון פיש איז פארבאטען ווי דאס בלוט פון בהמות. 15) א כהן מאר זיך ניט מטמא מאכען צו זיין ווייב, ווען זי שטארבט. 16) שחט'ען א טראגענדיגע בהמה איז פארבאטען, און ניט נאר מאכט עס ניט כשר דעם ולד, נאר די קוה אליין איז אויך פארבאטען. 17) אלע וואס איז אין ספק איז פארבאטען, און דעריבער אויב א פארבאטענע זאך האט זיך צומישט מיט כשר'ס איז אלעס פארבאטען ווי גרויס די פארמישונג זאל ניט זיין (ג). 18) די קוה מיט איהר קאלב ווען זיי זיינען גע־שחט'ען געווארען אין איין טאג, זיינען פארבאטען צו עסען אויף שטענ־דיג, און אפילו ווען מען האט זיי גע'שחט'ן אין צוויי באזונדערע טעג טאר מען זיי ניט עסען אין איין טאג, און נאכ'ן תלמוד נאך איז דאס אלעס ערלויבט. 19) ביי עופות גילט אויך דער זעלבער דין. 20) פון טריפות איז פארבאטען בלויז די בהמה וואס א חיה האט דורם געוועזן און זיי אנערקענען ניט וואס די חכמים האבען אויסגערעכענט, אבער זיי האבען פארבאטען די קראנקע בהמה, און דער סימן פון קראנקהייט ליגט אין עסען און טרינקען, און א בהמה וואס עסט און טרינקט איז ניט קיין קראנקע (ד). 21) די מצוה פון גיד־הנשה איז לויט דער מיינונג פון די קאראאימען ניט קיין בפירוש לא־תעשה, זיי האבען עס בלויז פאר־באטען צוליב דעם, ווייל פון פסוק „דעריבער עסען ניט די אידישע קינדער דעם גיד־הנשה" איז ניט קלאר, צי עס איז א פארבאט, אדער בלויז דער־צעהלט אין זין פון א דערקלערונג אין געגענזאץ צום תלמוד וואס זאגט, אז עס איז א פארבאט. 22) פילע פון זייערע חכמים האבען פארבאטען צו שחט'ען און עסען פלייש אין ירושלים נאכ'ן חורבן. 23) וועגען

שחיטה געהען זיי ווייט אוועק פון תלמוד, זיי אסר'ן שחיטה וואס איז ניט געמאכט געווארען נידעריגער פון גרויסען רינג פון גארגעל, און וואו די צוויי גרויסע אדערען אין האלז פון דער בהמה זיינען ניט איבערגע־שניטען געווארען. זיי אסר'ן ווען דער שוחט האט געמאכט אן אפהאלט אין קוילענען אין דעם ערשטען מיעוט פון גארגעל, ווי אויך אין דעם לעצטען מיעוט, דאס אייגענע ווען ער האט איבערגעשניטען די סימנים פון אונטען ארויף, און ווען ער האט אפגעשניטען דעם קאפ מיט איינמאל אפילו ווען דער מעסער איז לאנג ווי עס דארף צו זיין און מען דארף קיין מורא האבען, אז ער האט אפגעשניטען דעם קאפ צודריקענדיג דעם מעסער, און נאך אנדערע חומרות וואס געהען אלע אנטקעגען משנה און תלמוד. 24) באלד מיט דער שחיטה געהט נאך די בהמה ניט ארויס פון פארבאט פון „אבר מן החי" (א גליד פון א לעבעדיגע באשעפענים) און אויב איינער האט אפגעשניטען פלייש פון דער בהמה נאך דער שחיטה איידער זי איז אין גאנצען טויט איז די גאנצע בהמה אסור. און דאס איז געגען דעם תלמוד, וואס איז מתיר אפצושניידען א כזית פלייש, איידער די בהמה ווערט טויט און עסען איהם, ווען זי איז שוין טויט. 25) דעם מילץ טאר מען ניט קאכען. 26) דאס הארץ דארף מען צערייסען און לאזען אפרינען דאס בלוט, אויב מען האט עס ניט געטאן איז דאס אסור— געגען משנה און תלמוד. 27) דער עק פון א בהמה איז אסור צוליעב חלב, דאס אייגענע מיט די נירען און דאס פלייש וואס קומט צווישען לונג־און־לעבער. אנדערש ווי דער תלמוד זאגט. 28) די קאראאימען אנער־קענען פון כשרע בהמות און כשרע פיש בלויז די יעניגע וואס זיינען בפירוש אויסגערעכענט אין דער תורה, דאס אייגענע מיט עופות, און אפילו אין די האלטען זיי זיך אויך אפ צו עסען אזעלכע אין וועלכע זיי האבען א ספק, און לייקענען אין גאנצען אפ די סמנים וועלכע די משנה און תלמוד האבען געגעבען. 29) די קאראאימען זאגען, אז אויף יעדע בארירונג פון אן אומריינע זאך (טומאה) איז געווארענט געווארען מן התורה, און יעדע זאך וואס א טומאה האט באריהרט איז אסור, און אלע דינים פון טומאת־מת און טהרה זיינען גילטיג אפילו אין גלות אויך, באטש מיר האבען ניט קיין אפר חטאת*). דאס אייגענע מיט דער טומאה פון פארשיידענע נגעים — אלץ אנטקעגען דער מיינונג פון תלמוד. 30) אלע געטראנקען זיינען מקבל־טומאה אויסער וואסער. 31) דאס ריין

*) דאס אש פון דער פרה אדומה, וואס האט געריייניגט פון טומאה. חטאת — רייניגען.

ווערען פון דער טומאה קומט דורך וואשען זיך און ניט דורך טובלען זיך. 32) אין דינים פון זב און זבה, און קימפעטאָרין גײען זײ אין גאנצען אוועק פון תלמוד און זײ מאַכען האַרבער אין פיעלע פּרטים. אָבער צוליעב זײער געגנערשאַפט צום תלמוד האָבען זײ אין מאַנכע זאַכען אויך פאַרלײכטערט, ווי למשל דאָס וואָס זײ לײקענען אָפּ די 11 טעג פון איין „צײט“ צו דער אנדערער, און אין דעם וואָס זײ זאָגען, אַז מען דאַרף ניט האָבען קיין זיבען רײנע טעג. 33) די פרוי ווערט גענומען דורך געלד, שריפט, עדות, געשלעכטליכען פאַרקער, קדושין און קנין, און מען ברויך האָבען די אַלע זאַכען. — אנטקעגען דין פון תלמוד וואָס זאָגט אַז אײנער פון די דרײ זאַכען: געלד, אפשריפט אָדער פאַרקער איז גענוג. 34) די קאַראַאימען זאָגען, אַז דאָס גאָב וואָס שטעהט אין דער תורה איז דאָס קידושין־געלט און ניט ווי די בית־שמאי וואָס זאָגען אַ דינר (אַ געוויסע זילבערנע מטבע), און ניט ווי בית־הלל וואָס זאָגען אַ פּרוטה. 35) אַז אײנער איז מקדש אַ פרוי מיט געליהענע געלט זײנען די קדושין גילטיג. 36) דער פאָטער נעמט אָן די קדושין פון זײן טאָכטער, סײ פון אַ קלײנער און סײ פון אַ דערוואַקסענער. 37) ווען אײנער האָט זיך געשמד'ט דאַרף זײן ווײב פון איהם קײן גט ניט האָבען. ווײל עס שטעהט אין פּסוק: „און ער האָט זיך פאַרשולדיגט אין דינען דעם בעל און איז געשטאָרבען“ הײסט עס, ווײבאַלד ער האָט זיך געשמד'ט איז ער אזוי גוט ווי געשטאָרבען, און ניט ווי די רבנים האַלטען, אַז זי דאַרף יאָ אָנקומען צו אַ גט. 38) עמון און מואב, סײ זכרים און סײ נקבות, טאָרען ניט אַרײנגענומען ווערען אין אידישען פאָלק. 39) אַ מאַן טאָר ניט אָפּ'גט'ען זײן ווײב סײדען ער האָט אויסגעפונען וועגען איהר שענדליכע זאַכען, און אין דעם כלל געהען אַרײן אַזאַ פרוי וואָס היט ניט אָפּ די רעליגיאָן, אַ מורדת, און אַזאַ וואָס האָט קערפּערליכע פעלערען. 40) דער מאַן מוז אָפּ'גט'ען זײן ווײב סײ ער ווײל סײ ער ווײל ניט. למשל, אויב ער איז געווען ניט טרײ צו איהר, אָדער ער ווײל זי ניט אויסהאַלטען מיט חיונה, אָדער צוליעב אַ קראַנקהײט וואָס האָט קײן רפואה ניט, און דאָס גלײכען. 40) די מעהרסטע קאַראַאימען זאָגען, אַז דער פּסוק „ווען ברידער וועלען זיצען צוזאַמען“ (וואו עס האַנדעלט זיך וועגען די דינים פון מיבם זײן) מײנט אויף אַ פאַמיליען ברודער און ניט אויף קײן לײבליכען ברודער, ווײל אַזאַ טאָר דאָך ניט נעמען זײן ברודער'ס ווײב. 42) ווײל דער גאַנצער ענין פון יבום (ווען אײנער שטאַרבט און לאָזט ניט קײן קינדער נאָך זיך דאַרף דער ברודער אָדער נעהענטסטער פרײנד נעמען דעם פאַרשטאָרבענעמס ווײב, ווען ניט דאַרף ער איהך

געבען חליצה) איז צוליעב דעם אז דעם פארשטארבענעמס נחלה זאל בלייבען אויף זיין נאמען, דעריבער איז אין גלות דער גאנצער ענין בטל, און חליצה איז מעהר ניט גילטיג. 43) ווענען ירושות האבען זיי גע־פסקנט, אז אויב איינער שטארבט און לאזט קיין קינדער ניט, זיינען זיין פאטער און מוטער די ערשטע צו ירשענען איהם, און ניט לויט דער מיינונג פון משנה, אז די מוטער ירשנ'ט ניט. 44) דער מאן ירשנ'ט ניט זיין ווייב. 45) א משומד ירשנ'ט ניט דערפאר וואס ער ווערט פארעכענט פאר טויט, און דאס איז אנטקעגען דער מיינונג פון דער גמרא (קידושין י"ח) וואס זאגט, אז א גוי ירשנ'ט יא זיין פאטער. 46) די קאראאימען שטימען ניט איין, אז מען קען מתיר־נדר זיין. 47) דאס וואס דער פאטער קען צונישט מאכען דעם נדר פון זיין טאכטער געהט אויף א דערוואקסענע טאכטער אויך, און ניט ווי דער תלמוד מיינט, אז דאס געהט בלויז אויף אזוינער, וואס איז נאך ניט קיין בוגרת. 48) סיי א פארקנסטע און סיי א פארהייראטע פרוי איז איהר מאן געגוג צונישט מאכען איהרען א נדר, און ניט ווי דער תלמוד זאגט, אז ביי א פאר־קנס'טע פרוי דארפען איהר מאן און פאטער צוזאמען מבטל זיין איהר נדר. 49) דער בכור נעמט צוויי חלקים פון דער ירושה „בראוי כבמוחזק" (סיי פון דעם, וואס איז שוין דא גרייט און סיי פון דעם וואס באדארף ערשט אריינקומען נאך דעם טויט) סיי פון פאטער'ס און סיי פון דער מוטער'ס נכסים — און דאס איז אנטקעגען תלמוד. 50) די פאלשע עדות ווערען ניט געהרג'עט סיידען דער וואס איז פארמשפ'ט געווארען דורך זייער עדות זאגען איז פריהער דערהרג'עט געווארען.

א שפיעל אין ווערטער.

מיר האבען זיך אליין און דעם לעזער באמיט פארצוברייננען די אלע הויפט־פארשידענהייטען וואס לויט זייערע אלע פרטים נאך, וואס מיר האבען אויסגערעכענט דערגרייכען זיי צו הונדערט פיער און דרייסיג אין צאל. זיי האבען אבער נאך אלע אויך אפשטאמונגען, און ווען מיר זאלען זיך נאך אפשטעלען אויף די תולדות און אויך אויסרעכענען איינינע פון די וואס מיר האבען בלויז דערמאנט בדרך כלל מיט אלע זייערע איינצעלהייטען, ווי די דינים פון עריות, טומאות, נדה און שחיטה וועט זייער צאל זיין מעהר ווי דאפעל. און אנאליזירענדיג דעם שורש פון די דאזיגע פארשיידענהייטען זעהן מיר אז כאטש זיי געהען אין געגענ־זאץ צום תלמוד, שטאמען זיי דאך אפ פון תלמוד. אין מאנכע פון זיי

האבען זיי אנגענומען דעם „סלקא אדעתא" פון תלמוד. זיי האבען פון איהם א באשלוס געמאכט. און אין מאנכע האבען זיי מכריע געווען לויט דער מיינונג פון א יחיד וואס געפינט זיך אין תלמוד ווי אויך אין אנדערע ספרים פון דער תורה שבעל פה. אויך דאס זעהען מיר, אז אין די מעהרסטע פעלע האבען די קאראאימען מעהר חומרות ארויסגעגעבען ווי די רבנים, ווארום נאר אין ווייניגע אויסנאמען זעהען מיר, אז זיי זאלען מקיל זיין. און מיר זעהען אויך, אז אפילו די גרעסטע און בעסטע קאראאימען, אהן אויסנאם אפילו פון רב יוסף הרואה, מיט וועלכען אלע קאראאימען בארימען זיך (ו), אז זיינען אלע געווען פארפיהרט צוליעב זייער קנאה און זייער וועלען אויספיהרען נצחון; און זייער שטרעבונג איז געווען צו מאכען פארהאסט דעם תלמוד, ניט נעמענדיג אין אכט די פאדערונגען פון דער געגענווארטיגער צייט. יעדער איינציגער, וואס האט נאר אויגען אין קאפ קען זעהן, אז אזא רעליגיאן, ווי זיי האבען געפריידיגט, וואס האט קיין בליק ניט פאר יענעם גייסט וואס זאל קענען ברייגגען דעם פאלק צו דער מדרגה אויף וועלכער ער איז גערופען זיך צו שטעלען לויט זיינע אייגענשאפטען, צום נוצען פון זיין מאראלי־שען וואוילזיין און צום וואוילזיין פון דער ארומיגער געזעלשאפט — אזא רעליגיאן, זאגען מיר, האט ניט געקענט ווערען די אלגעמיינע רע־ליגיאן פון אידישען פאלק, ווייל עס וואלט זיך אונטער איהר ניט געקענט האלטען צווישען די ארומיגע פעלקער. די דאזיגע קאראאימען האבען זיך ניט גערעכענט מיט דער מיין פון די רבנים און זייערע לערען. זיי זיינען געווען פארבלענדט פון זייער פיינדשאפט און קנאה. זיי האבען ניט פארשטאנען, אז שאפען און אנהאלטען א רעליגיאן דורך חומרות און באגרענצונגען איז אוממעגליך. און אז די וואס ווילען אנהאלטען אן אלטע רעליגיאן מוזען מיט שכל און וויסען זיך צוקוקען דערצו וואס די נייע צייטען און ערטער פאדערען. די חכמי התלמוד זיינען באזעסען די דאזיגע מדה, און כאטש מיר קענען לויט אונזערע היינטיגע באגריפען ניט זאגען, אז זיי האבען אלעס אויף א געהעריגען אופן געטון, דאך קומט זיי דער לויב דערפאר, וואס זיי האבען אויפגעטאן פאר זייער צייט, ווייל זיי האבען פארשטאנען ווי אזוי די אומשטענדען פון פאלק בייטען זיך פון איין דור צום צווייטען. און ווער קען לייקענען און זאגען, אז די תקנה פון עירובין איז ניט געמאכט געווארען כדי צו מאכען גרינ־גער דעם עול פון שבת, נאר שווערער. דאס אייגענע איז געווען מיט דעם באשטימען די מאנאטען און יאהרען פאר אלע אידישע קהלות אין די פארשיידענע גלות לענדער. אויך די תקנה האט דאס לעבען געפא־

דערט. און דער וואס פארשטעהט נאר זעהט, אז דער צוועק פון זייערע לערען איז ניט געווען שווער צו מאכען דאס לעבען, נאר געהן אין זייערע לערען האנט אין האנט מיט די אומשטענדען. זיי האבען פארשטאנען, אז די צייטען בייטען זיך, און צוזאמען מיט זיי בייטען זיך די אומשטענדען און מען מוז אנקומען צו רעפארמען, אמאל צו אזוינע, וואס פארגרינגערען דעם עול פון דער תורה און אמאל אזוינע, וואס מאכען איהם שווערער. געהן אבער צוריק צו דעם צושטאנד פון די אמאליגע צייטען, וואס איז אין גאנצען אנדערש געווען פון די אומשטענדען און אנזיכטען פון דער געגענווארטיגער צייט, הייסט געהן אנטקעגען לעבען. דעריבער איז עס אוממעגליך אנצוהאלטען די תורה אויף שטענדיג, אויב מען וועט זיך ניט האלטען אין יסוד, אז דער פסוק איז איבערגעגעבען געווארען צו די חכמים, זיי זאלען איהם דרשענען. און זיי האבען דאס רעכט צוצוגעבען נייע תקנות, וואס ווערען אין דער תורה ניט דערמאנט, לויט די פאדערונגען פון דער צייט, און זיי מאגען פאר א ווייל אויך אינגאנצען אפשאפען עפעם פון דער תורה, ווען די צייט פאדערט עס אלס נויטיגקייט, און נאך מעהר אין אזא פאל ווען דאס צונעמען פון עפעס ווירקט גאר אויף שטארקער צו מאכען די רעליגיאן אין אלגעמיין. די קאראאימען אבער האבען אויף דעם אלעם זיך ניט אומגעקוקט. זייער גאנצע ארבייט איז באשטאנען אין א שפיל פון ווערטער. זיי האבען גענישטערט און געגריבעלט זיך און מדקדק געווען אין יעדען ווארט און אין יעדען קנייטש פון דער תורה, אבער די מעגליכקייט פון מקיים צו זיין די פאראָרדנונגען איהרע איז זיי ניט אנגעגאנגען, און זיי האבען געמאכט אזעלכע געזעצען וואס האבען זיך ניט געקענט האלטען. אזוי, אז מאנכע פון זייערע אייגענע מעהר פארשטענדיגע חכמים האבען געמוזט איבער רעווידירען פיעלע זאכען, וואס זייערע פארגייענגער האבען מחדש געווען, און זיי זיינען געווען געצוואונגען זיי מבטל צו זיין, ווייל דאס פאלק האט זיך ניט געקענט האלטען אין אזעלכע דינים. למשל די פארבאטען אין „עריות" לויט דער שטה פון די בעלי־הרכוב זיינען געווען גילטיג פיעלע דורות, ביז עס איז געקומען רב יוסף הרואה און זיי מבטל געווען, און רב ישועה נאך איהם איז נאך ווייטער געגאנגען. דאס אייגענע איז געווען מיט דעם באשטימען דעם יאהר לויט דעם פרילינג. וויפיעל טינט און פאפיר זיי האבען עס אויסגעבראכט מיט זייערע ספרים צו באווייזען ווי פאלש און ווי ניט־ריכטיג די רבנים האבען געטאן מאכענדיג א לוח פאר יעדע ניינצעהן יאהר צייט, און וויפיעל זיי האבען זיי דערפאר געטאדעלט. און **וואס איז געווען דער סוף דערפון? זיי האבען אליין איינגעזעהן, אז די**

ענדערונגען פון צייט און לעבען פאַרערען זיך צוריק צוקערען צום חשבון פון די רבנים — און זיי זיינען טאַקי געקומען צוריק. און אזוי זאָגט רב אהרן דער „בעל המחבר“ (פ׳ בא): „און מיר וועלכע וואוינען אין חוץ־לארץ זיינען בעוונותינו הרבים געצוואונגען צו געהן נאָכ׳ן תקון פון די רבנים וואס זיי האבען איינגעפיהרט א לוח פאר יעדע ניינצעהן יאָהר צייט... און אזוי ווי אונזערע חכמים ז״ל האבען איינגעזעהן אז זייערע מעהרסטע עבור־יאהרען זיינען ריכטיג, האבען זיי אונז געלאָזט זיך האלטען אן דעם“. און ווייטער זאגט ער דארטען: „און נאָך היינט זיינען זיך אונזערע ברידער קאראאימען אין ארץ ישראל נוהג צו האלטען אז מנהג פון אונזערע הייליגע אבות, צו באשטימען דעם יאָהר נאָכ׳ן פריהלינג“. און די דאָזיגע הוראה זיינע איז וויכטיג צוליעב דריי זאכען. ערשטענס, זעהען מיר אז זיי זיינען געווען געצוואונגען מודה צו זיין אז עס איז אוממעגליך צו באשטימען די יאהרען אין חוץ לארץ און דער חשבון פון די רבנים איז דער אייאנציגער וועג, און זיי האבען געמוזט מבטל זיין זייערע שטה צוליעב די ענדערונגען פון צייט און אָרט. צווייטענס, וואס זיי האבען געמוזט מודה זיין, אז די עבור־יאהרען פון די רבנים זיינען ריכטיג, און ממילא זיינען אלע זייערע באליידיגונגען און געשרייען געווען אומזיסט און אומנישט. דריטענס, שוין אנערקענענדיג אז דער חשבון פון די רבנים איז ריכטיג, זיינען זיי דאָך אין ארץ ישראל געגאנגען נאָכ׳ן אלטען מנהג, כאָטש זיי האבען געוואוסט אז זיי קענען צוליעב דעם אמאל מאכען א טעות מיט יום־טובים. און געקומען איז עס דערפון ווייל זיי האבען זיך ניט געקענט צוריקהאלטען פון עפּעס וואס איז ביי זיי געווען א געוואוינהייט. דערמיט טאדלען זיי זיך אליין מיט דעם וואס זיי האבען געטאדעלט די רבנים, אז זייער תורה איז מעהר ניט ווי א מצות אנשים מלומדה. וועגען אנצינדען ליכט אויף שבת, וואס איז איינע פון די הויפּט פארשיידענהייטען צווישען די קאראאימען און רבנים, ווערט דערצעהלט אין נאמען פון אליהו בשייצי, אז אין זיינע צייטען האבען זיך די קאראאימען צוטיילט אין צוויי כתות, איין כתה האט זיך געהאלטען אן דעם דאזיגען פארבאט, און די צווייטע האט איינגעזעהן, אז עס איז אן אוממעגליכקייט און האט ערלויבט אנצוצינדען ליכט ערב־שבת כדי עס זאל זיין ליכטיג פרייטאג צונאכט. און רב אליהו בשייצי איז געקומען און האט בעקאנט געמאכט אז עס איז ערלויבט צו טאָן עס (אדרת, ענין שבת פרק ב׳). און באמת ווען זיי וואלטען גוט פארשטאנען און זיך אריינגעטראכט אין זאכען וואלטען זיי פארשטאנען וואס פאר א סוף זייער גלויבען וועט האבען. זיי וואלטען

פארשטאנען אז זיי האבען קיין צוקונפט ניט, ווייל זיי רעכענען זיך ניט מיט די ענדערונגען פון צייטען און אומשטענדען, און ניט מיט דעם ענטוויקלונגס פראצעס, ווי אויך מיט נויטווענדיגקייטען און מעגליכקייטען. און דאך האבען זיי געוואגט צו האפען אז זייער גלויבען וועט ווערען דאס אלגעמיינע גלויבען פון אידישען פאלק, און אז מיט דער צייט וועט זיי געלינגען צו באקערען די רבנים צו זייער תורה. און זיי האבען זיך זעהר שטארק אפגעגעבען מיט דער דאזיגער האפנונג, זיך מיהענדיג מיט אלע קרעפטען צו פארשפרייטען זייער גלויבען אין אלע אידישע קהלות, אפצוציהען זיי פון די רבנים און זיי אוועקנעמען פון תלמוד.

צעהנטעם קאפיטעל.

די וועגען פון די קאראאימען צו פארשפרייטען זייער דת.

די קאראאימען מאכען
זייער צענטער אין
ארץ ישראל.

די מיטלען ווי אזוי צו באקערען מענשען צו א נייער שיטה אין א גלויבען זיינען פארשיידען אויף אזוי פיעל ווי עס אונטערשיידען זיך די אנשויאונגען און מיינונגען פון די מענשען און ווי ווייט זיי האבען א באגריף וועגען דער נייער שטה. דער המון ווערט קיינמאל ניט צוגעצויגען צו א רעליגיאן ווייל ער אנערקענט איהר אמת, דערפון איז ער זעהר ווייט. אבער על־פי־רוב זעהען מיר, אז דער המון געהט נאך דעם גע׳־רודפ׳טען. אויב אן אומרעכט איז באגאנגען געווארען קעגען דעם גרינדער פון דער נייער שיטה, אויב ער האט געליטען צוליעב זיין שיטה און איז דאך ביי איהר געבליבען, אזא פאל וועט באקערען די הערצער פון המון נאכצוגעהן בלינדערהייט נאך איהם, ניט וועלענדיג דערגעהן כלל צו די שטראף, וועלכע ער האט געליטען איז א פארדינטע, אדער אן אומזיסטע. אויך דאס פארבלענדט זייערע אויגען, ווען זיי זעהען, אז דער מענש שטעלט זיך פעסט און אונערשראקען פאר שטארקערע און מעכטיגערע פון איהם — אויף אזא מענשען קוקען זיי ווי אויף א וואונדערבארען מאן און גיבען זיך איבער מיט לייב און לעבען נאכצופאלגען זיינע אידייען. ניט אזוי אבער טוען די מעהר אויפגעקלערטע און פארשטענדיגע מענשען פון פאלק, זיי אורטיילען ניט בלויז פון דעם וואס זיי זעהען און הערען, נאר זיי געהען און טוען לויט זייער פארשטאנד און אויפקלערונג. און דעריבער איז ביי אונז א גרויסער וואונדער, מיט וואס האט ענן געקענט צוציען צו זיין נייער שטה די הערצער פון גרויסע און אויפגעקלערטע מענשען? ווארום אפילו, אז מיר זאלען אננעמען אז

די עולה, וואס איז לויט ווי ער האט פארזיכערט, געגען איהם באגאנגען געווארען, און זיין מוטיגקייט און דרייסט האבען אונטערגעקויפט די משכילים — קענען מיר דאך ניט גלויבען אז באמת אויפגעקלערטע מענשען זאלען זיין מיט דער מיינונג, אז ענן איז אומזיסט געקריוודעט געווארען, און ווי אויך, אז זיין אייפער פאר דער נייער שיטה אין אידישקייט פליסט פון א ריינעם הארצען ארויס; ווארום מיר אפילו היינט זעהען דאך פון די קליינע רעשטלאך וואס זיינען אונז איבערגעבליבען פון זיין געשיכטע, אז די עולה וואס איז קעגען איהם באגאנגען געווארען. ווי איהם האט זיך געדאכט, איז גאר קיין עולה ניט געווען, און אז די לײדען וואס ער האט געליטען זיינען געווען כשר פארדינטע. אויך זעהען מיר, אז זיינע מאטיווען האבען ניט געפלאסען פון ריינעם הארצען, און ניט פון זיין ליעבע צו דערגעהן דעם ריינעם אמת, זאנדערן זיין קנאה האט איהם דערצו באוואויגען — און נאך מעהר פון אונז האבען עס די חכמים פון זיין צייט געמוזט וויסען. און דעריבער דיינקען מיר, אז דאס, וואס ער האט געפונען חברים פאר זיך צווישען די חכמים האט זיך גענומען דערפון, ווייל זיי האט צוגעצויגען דער הויפט־געדאנק פון זיין שיטה, נעמליך, זיין געגנערשאפט צו די לערען פון די רבנים מיט וועלכע זיי זיינען ניט געווען צופרידען שוין פון לאנג, און דאס איז געווען דער בונד, וואס האט זיי פארבונדען. ניט ענן, און ניט די איינצעלהייטען פון זיין לערע האבען זיי צוגעצויגען. און דער אמת איז דאך, אז דערנאך ווי ענן האט שוין פארשפרייט דעם דאזיגען געדאנק, און דער געדאנק איז געווארען פארווירקליכט אין טהאט, האבען זיי זיך באדיינקט, אז ענן האט שוין פארענדיגט אלץ וואס ער האט געהאט צו טאן און דערמיט ענדיגט זיך זיין מיסיאן. און וויסענדיג, אז די איינצעלהייטען פון זיין תורה זיינען ניט גינסטיג צו זיין א מליץ יושר פאר דעם קאראאימישען געדאנק, ער זאל קענען פאר זיך א וועג דורכברעכען צווישען גאנצען אידישען פאלק, האבען זיי דעריבער א קורצע צייט שפעטער מבטל געווען זיינע מעהרסטע לערען, און האבען זיך גענומען שעהנער מאכען דעם אויסזעהן פון זייער גלויבען צוצוגעבען אויסערליכען פראכט און שעהנקייט, כדי געווינען מענשליכע הערצער. אבער כדי צוצוקומען צו זייער וואונש, האבען זיי צו אלערערשטען זיך גענומען צו באווייזען די חסרונות פון תלמוד און פארשפרייטען צווישען פאלק, אז די תלמודיסטען האבען ניט פארשטאנען דעם זין פון דער תורה, ווייל זיי האבען זיך ניט אפגעגעבען מיט דער שפראך און דקדוק, און זיי האבען אויסגעלאכט זייערע גלויבענס און אנשויאונגען טענהנדיג, אז זיי זיינען פאלש. ווויי־

טער האבען זיי זיך גענומען צו באווייזען שכל'דיגע טעמים פאר די מצוות, זאגענדיג אז די בעלי־התלמוד ארט ניט דערפאר און זיי האבען געשימפט און געזידעלט די בעלי־התלמוד, אז זייער רעליגיאן איז בלויז אן אטאמאטישע אויסגעלערענטע זאך, און קומט ניט פון זייער אייגענעם שכל. דורך אזעלכע מיטלען האבען זיי געהאפט צו געווינען פאר זייער גלויבען אנהייננער און פארעהרער, כדי צו פארגרעסערען זייער לאגער און אויפהויבען דאס קאראאימישע גלויבען אויף א הויכער מדרגה, כדי זי זאל זיך פארשפרייטען צווישען אלע אידישע קהלות פון ארץ ישראל אזוי גוט ווי פון די גלות־לענדער.

דער ערשטער מיטעל וואס זיי האבען אנגענומען צו דערגרייכען זייער צוועק איז געווען וואס זיי האבען גענומען פארשפרייטען צווישען פאלק די גרויסקייט פון זייער גלויבען און איהר פארנינפטיגקייט, שימפענדיג אין דער אייגענער צייט די תורה פון די בעלי־התלמוד. מיר האבען געזעהן, אז ענן האט שוין אויך אזוי געטאן, און לויט'ן עדות זאגען פון זיינע גלויבענס־גענאסען איז די ערשטע זאך וואס ער האט געטאן געווען צו ריידען אין דער עפענטליכקייט, און דערקלערען זיינע טענות אנטקעגען דער תורה שבעל־פה און אפלייקענען איהר עקזיסטענץ. און די קאראאימען זאגען וועגען איהם: ווען ער האט איינגעזעהן, אז קיינער וויל איהם ניט הערען און פאלגען און אננעמען זיינע גזרות, האט ער פארהאסט די פירערשאפט און פאראכטעט די רבנות, און איז אוועק מיט זיינע זיהן און זיינע אייגענע און תלמידים נאך ירושלים, און דארט אויפגעבויט א שוהל אויף אויסצואווייגען זיך דארטען און טאן תפלה (ארח צדיקים י"ט, כ"א). אבער אונז קומט אויס, אז ניט נאר דער באגער פון וויינען און תפלה טאן האט איהם געצויגען נאך ירושלים, נאר עס איז געווען דערביי נאך אן אורזאכע וואס האט איהם באוואויגען צי מאכען ירושלים פאר זיין היים און דאס פעלד פאר זיין ווירקען, און אפשר איז די דאזיגע אורזאכע גאר געווען דער הויפט־צוועק פון זיין קומען אהין. די דאזיגע אורזאכע באשטעהט אין פאלגענדען: זעהענדיג, אז בבל איז ניט דער ריכטיגער פלאץ צו פארקערפערען זיין געדאנק אין טהאטען, דעריבער איז ער אוועק נאך ירושלים, אוואו ער האט געהאפט, אז זיין תורה וועט זיך גיכער אננעמען. דארטען האט ער ארום זיך צונויפגענומען אזעלכע מענשען וואס האבען שוין פון לאנג זיך אויפגעהערט מוסר־נפש זיין פאר'ן תלמוד. ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז אין ארץ ישראל זיינען דא מעהר מענשען וואס געהען אוועק פון תלמוד איידער אין בבל וואס איז געלעגען אונטער דער הערשאפט פון די גאונים.

און דעריבער האט ער אויף ארץ ישראל געהאט די האפנונג, אז דארט וועט איהם געלינגען צו פארשפרייטען זיין גלויבען. און ווירקליך, פיעלע פון זיינע נאכפאלגער האבען זיך אפגעלערענט פון איהם און שפעטער געטאן דאס אייגענע וואס ער. פיעלע חכמים זייערע האבען אויסגע־וואנדערט פון זייערע ערטער און ארומגעוואגעלט פון שטאט צו שטאט און פון לאנד צו לאנד צוליעב דעם אייגענעם צוועק, ווי למשל, נסי בן נח, סלמון בן ירוחם און רב יוסף הרואה (א). נאר מעהרער וויפיעל זיי האבען געטאן מיט'ן ריידען אין דער עפענטליכקייט כדי צו פארשפרייטען זייער גלויבען, האבען זיי עס געטאן דורך זייערע שריפטען פון וועלכע מען זעהט, אז זיי זיינען אויסען געווען נאר צו פארבלענדען די אויגען פון די לעזער און זיי זיינען ביז צום העכסטען גראד פון א דעמאגאגישען כאראקטער. עס איז אוממעגליך זיך צו מאכען א באגריף פון זייערע זידלערייען און זלזולים אויף די רבנים און זייערע נאכפאלגער. נאר אזוי ווי אלע יעניגע וואס זוכען צו באקערען מענשען צו זייערע אנשויאונגען וואס געגען די, וועלכע זיינען זייערע אויסגעשפראכענע געגנער מיט פולער אינערליכער איבערצייגונג און זיי ווייסען אז זיי האבען קיין האפנונג נים, זיי צו געווינען אויף זייער זייט — טרעטען זיי ארוים חצופ'דיג מיט זידלערייען און זלזולים — אבער צו די יעניגע וואס קווינקלען זיך אהער און אהין ריידען זיי מיט א גלאטער חניפה'דיגער צונג אום זיי צו געווינען אויף זייער זייט — אזוי האבען אויך די קאראאימען געהאנ־דעלט אין זייער קאמף פאר זייער גלויבען. מיט גרוים כעס און פאר־ביסענקייט האבען זיי געטאדעלט און געלעסטערט אט יענע רבנים און זייער תורה, וואס זיי האבען געוואוסט, אז זיי קענען פון זיי גאר נים האפען, דערפאר האבען זיי אבער גערעדט מיט עניוות און געלאסענקייט גוטע און פיינע רייד צום כלל פון די רבנים, צו אלע די, וואס זיי האבען געהאפט אפצוריידען זיי פון דער תורה שבעל פה און זיי באקערען צו זיך. רב יפת בן עלי הלוי אין זיין געגראמטען בריף „להרבני רב יעקב בן שמואל" (נספחות 19), נאכדעם, ווי ער האט אויסגעלאזט זיין גאנצען כעס אויפ'ן תלמוד און די רבנים, בייט ער גלייך איבער זיין טאן, ווען ער ווענדעט זיך צו רב יעקב'ן, און חנפה'ט זיך צו איהם מיט זיסע רייד, און בעט זיך ביי איהם, ער זאל זיך נים לאזען פארפיהרען פון די לערער פון זיין קהלה, און גאט זאל איהם צו הילף קומען, ווייל ער האט גערינקט אז עס איז נאך דא א האפנונג איהם פאר א קאראאים צו מאכען. און אזוי זאגט רב סהל בן מצליח הכהן (דארטען 27): איך קום פון בית־המקדש, צו ווארענען די קינדער פון מיין פאלק, און ווער וועט איילען

מער פון די קאַראַאימען גיכער צו טאָן דאָס אַלעס זאָל זיי גאָט היטען און אין לעבען האַלטען, ווייל זיי פאַרטיפען זיך אין גאָט'ס תורה. און וואָס פאַרדריסט דאָס דיר אַזוי, ווען איך קום זיך לערנען און באַלערען אַנדערע מענשען צוזאַמען מיט די בעסטע און גרעסטע חכמים פון מיין קהלה, צוריקצופיהען די פאַרפירטע מענשען פון גאָט'ס פאָלק. און ער זאָגט ווייטער: „וויס, אַז איך קום פון בית־המקדש צו וואַרענען... און צוריקצוקערען די הערצער פון די גאָטספאַרכטיגע צו תורה, און הלואי וואָלט איך קענען אַרומגעהן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער און וואַ־רענען און אויפמונטערען גאָט'ס פאָלק" (דאָרטען 30). און נאָך זאָגט ער: „און וואו נעם איך די קרעפטען צו קומען אין יעדער קהלה און שרייען ביטערליך צו דערמאַנען און צו וואַרענען אין גאָט'ס נאָמען, פּי־לייכט וועלען זיי זיך צוהערען און זיך צוריקקערען פון זייער שלעכטען וועג" (דאָרטען 32). און אָט דער גערדאַנק ציהט זיך דורך אין אָט יענעם שטראָף־בריף. און גאָר צום סוף זאָגט ער פאָלגענדעס: ברידער, וואָרום זאָלט איהר זיך צוהערען צו דעם וואָס מענשען זאָגען אייך, אַז די קאַראַאימען ווינשען אייך שלעכטס, מיר זיינען אומשולדיג פון אַזאַ פאַר־ברעכען. דיזער וועג און אורטייל דערמאַנען אונז אָן אַ נ ד ע ר ע רע־ליגיאָנס־לערער, וואָס צייכענען זיך אויס דערמיט, וואָס זיי פאַנגען נפשות פאַר זייער רעליגיאָן און פון זייער מויל טריפען זיסע רייד ווי האָניג, און אין האַרצען זיינען זיי פאַלש און בלוטיג. דער וואָס זעהט דורך אַלע זייערע שריפטען וועט געפינען דעם דאָזיגען גייסט שוועבענדיג איבער זיי. און דער אויבענדערמאַנטער רב סהל זאָגט בפירוש: און גאָט וועט צוליעב זיין גרויסען נאָמען שטיצען די קאַראַאימען וואָס צוליעב זייערע גוטע שטראָף־רייד און ש ר י פ ט ע ן וואָס זיי האָבען געשריבען צו זייערע ברידער זיינען זיי געקומען נאָך ירושלים, זאָל זי אין אונזערע טעג אויפגעבויט און פאַרפעסטיגט ווערען. אַלע צדיקים און חסידים (דאָר־טען 30) און רב יהודה הדסי שרייבט (אשכול הכופר סימן כ"ג, י"ז, עמוד ב'): „צו אייך מענשען טו איך רופען, און הויב אויף מיין שטים... פאַרשטעהט, איהר גאָטספאַרכטיגע לייט, אַז אַזוי דאַרפען די מ ש כ י ל י ם זיך באַנעמען... קערט זיך צוריק, איהר זאָלט ניט באַגעהן קיין פאַר־ברעכען, איהר אַלע וואָס ווילט זיין גערעכט אין דער תורה". און פון די דאָזיגע רייד מיט וועלכע ער עפענט זיין ספר, זעהט אונז אויס, אַז ער האָט דעם ספר ספּעציעל געשריבען פאַר די מענשען וועלכע געהען נאָך די רבנים, כדי זיי אָפּצואָווענדען פון די רבנים, און זיי באַקערען צו זייער רעליגיאָן און תורה.

מסירת און
פארלוימדונג.

דער צווייטער מיטעל, ווי אויך דער העסליכסטער מיטעל, צו פאר־שפרייטען זייער רעליגיאן, איז באשטאנען דורך פארלוימדען און מסירות. פון זייערע ערשטע חכמים ביז צו די לעצטע האבען זיי אלע גערייגקט, אז וואס מעהר זיי וועלען פארלוימדען דעם תלמוד און זיינע לערנער און גלויביגע פאר׳ן פראסטען המון, אלץ מעהר וועט זייער גלויבען דאדורך געווינען, און אלץ גרעסער און צאלרייכער וועלען ווערען זייערע אנהייני־גער. דעריבער האבען זיי איבעראל געזוכט זיך צו גרויסען דורך דער שאנד פון די גאונים און זיי האבען געמאכט דעם תלמוד צו שאנד און שפאט. אמת, מיר קאנען ניט לייקענען, אז די גאונים און די רבנים האבען פון זייער זייט אויך ניט געשוויגען, זיי ארייגגעווארפען אין חרם און זיי געטאן שאדען, ווי ווייט זיי האבען נאר געקאנט, און אפשר איז אויך אמת, וואס די קאראאימען דערצעהלען, אז די רבנים האבען זיי רודף געווען דורכ׳ן גוי׳שען געזעץ (סהל בן מצליח און נספחות י״ב). ווייל אזוי זיינען זיי זיך אין יענער צייט באגאנגען מיט יעדען איינעם, וואס האט איבערגעטראטען די רעליגיאן אפילו אין דער קלענסטער קליי־ניגקייט. א פשיטא שוין, אז זיי האבען זיך געמוזט נאך שטרענגער באַ־געהן מיט מענשען, וואס באקעמפען די תורה שבעל פה אין גאנצען. און דארום פארשטעהען מיר אויך די קאראאימען אין דיזער הינזיכט, און מיר קאנען זיי מוחל זיין דערפאר זייער שנאה און קנאה, מיט וועלכע זיי האבען זיך באצויגען צו די מענשען וועלכע האבען זיי גע׳רודפ׳ט און זיי געווארפען אין חרם. ווייל ניט יעדער איינציגער קאן אפצאלען פאר שלעכטס מיט גוטס און ניט יעדערער קאן אימער צו זיין פון די אנגע־גריפענע און קיינמאל ניט פון די אנגרייפער. אבער זיי האבען געטאן אזעלכע זאכען, וואס מיר קאנען זיי ניט בארעכטיגען ווי ווייט מיר זאלען ניט וועלען, ווייל זיי זיינען דורך דעם באגאנגען א חלול־השם, חלול־התורה און א חלול פאר׳ן גאנצען אידישען פאלק. כמעט אלע זייערע רעדען פון אונזערע חכמים ווי פון א חברה פארדעטער און גארנישטען, פון זייער ערשטען חכם ביז דעם סאמע לעצטען האבען מחלל געווען דעם נאמען פון די רבנים און זייער תורה צווישען אידישען פאלק, ווי אויך צווישען די ארומיגע פעלקער און זיך אויך ניט אפגעשטעלט פאר קיין מסירות. מיר האבען שוין פריהער געזעהן, אז ענן האט זיי אין דעם תלמוד

געטאַרעלט פאַר די ברייטע מאַסען אידישען פאָלק און האָט גע׳מסר׳ט דאס רבנישע גלויבען פאר׳ן כליף, און באַהויפּטעט צווישען די גויים, אז די אידען האבען זיך פארזינדיגט מיט דעם אלעם, וואס זיי האָבען צום גרינ־דער פון קריסטענטום געטאָן (ב). ער האט מודה געוועזן מיט׳ן פולען מויל, אז מחמד איז געווען א נביא פון גאָט געשיקט צו די אראבער. און אזוי ווי ער אזוי האבען אלע זיינע נאכפאָלגער דאס זעלבע געטאן אין אלע שפּע־טעריגע דורות (לקוטי קדמוניות, זייט כ׳, נייבויער 53). אויך די מדה זיי־נען זיי אלע באַזעסען, און דאס איז די ערגסטע און די שענדליכסטע מדה, צו רעדען וועגען די חכמים וואס זיינען שוין געווען טויט מיט א טויזענט יאהר פריהער ווי מען רעדט ניט וועגען דעם נידעריגסטען שמוציגסטען מענשען אויף דער וועלט. יעדער אנשטענדיגער ריינער מענש גיט אָפּ כבוד דעם אנדיינקונג פון זיינעם א גייסטיגען געגנער, מיט טויט ווערט פארלוירען יעדע קנאה־שנאה, דער טויט איז מכפר אויף יעדען אומרעכט. וואס איז באגאנגען געוואָרען — אבער ווי האבען די קאראאימען געהאנ־דעלט אין דיזער הינזיכט ? זיי האבען געהאנדעלט ווי מענשען, וואס פאר־מאגען אפילו ניט דעם עלעמענטארסטען באגריף וועגען מאראל. עס איז גאר עקלהאפט צו ברייגען אויף די ליפּען די אלע זידלערייען, מיט וועלכע זיי האבען געזידעלט עהרליכע מענשען, וואס האבען זיך געהאלטען אן דער תורה, וואס זייערע פאטערס האבען זיי געלאזט. זאל שוין זיין, אז זיי זיי־נען גערעכט, באהויפּטענדיג, אז זיי האבען געמאכט א פארזעהן אין זייער אויסטייטשען די תורה ! איז צוליעב דעם האבען זיי א רעכט זיי צו שמור־צען און שימפּפען מיט אזוינע ווערטער, וואס קיין מענש וואס האט דעם קלענסטען זין אפילו פאר מאראלישער האנדלונג וואלט ניט וואגען פון זיין מויל ארויסצוברענגען ? וועגען רב ישמעאל און רב עקיבא, אט די צוויי גרויסע ליכטיגע גייסטער, וואס האבען געפיהרט זייער פאלק מיט עהרליכע אפענע הערצער — וועגען זיי רעדען זיי ווי וועגען פינסטערלינגען, וואס האבען געלייקענט אין לעבעדיגען גאט — און שילטען זייער געביין אין קבר. אויב ביי זיי אין די אויגען זיינען זיי אויסגעקומען צו זיין פארפיהרט אין זייער אויסטייטשען די תורה, האבען זיי אבער ניט געטארט פארגעסען זיי־ערע ריינע אבזיכטען וואס זיי האבען געהאט, ווייל זיי האבען געלאזט פאר־גיסען זייער בלוט פאר דער תורה און פאר דער אידישער רעליגיאן. זיי האבען ניט באדארפט פארגעסען, אז דיזער מאן עקיבא, וועלכען זיי שימפּ־פען און רופען מבוהל און ליגנערישער פארברעכער, האט ביז זיין לעצטען אטעמצוג פארהייליגט דעם נאמען פון גאט פון ישראל. אבער דער אמת איז, אז גלייך פון אנהויב האבען זיי דורך פארשיידענע תחבולות געזוכט

צו קריגען זיך און קעמפּפען, כדי אזוי ארום זייער גלויבען אין די הער־צער פון זיינע אנהעגנער צו פארפעסטיגען און ארויפצווינגען עס אויף אלע מעהר גרעסערע קרייזען. זיי האבען געדרינקט, אז זיי וועלען צו דעם צוקומען דורך פאר׳מסר׳ען די תורה פון תלמוד און איהרע אנהייג־נער פון אלע צייטען, און אום צו דערגרייכען דיזען צוועק זייערען האבען זיי זיך ניט אפּגעשטעלט פאר קיינע נידערטרעכטיגקייטען און פארברע־כענס אין דער וועלט.

העברעאיש ווערט די שפּראך
פון זייערע געלעהרטע.

און צוליעב דעם, כדי צוצוציהען די הערצער פון די לומדים און משכילים האבען זיי געגעבען זייער תורה אויך אין א נייער פאָרם, וואס איז געווען באליעבט ביי די לומדים, ווייל דורך דעם איז לייכטער געוואָ־רען פאר זיי צו פארשטעהן, וואס מען האט זיי געלערענט, — דערפאר האבען זיי אנגעהויבען רעדען צו זיי מיט א רייכער קלארער שפּראך און מיט אן איינפאכע פארשטענדליכע מליצה. די רבנים פון יענע דורות האבען אין דיזער הינזיכט זעהר פיעל געזינדיגט, ווייל מען קאָן ניט אפּ־לייקענען, אז דער תלמוד איז אין יענער צייט געווען ווי א פארזיגעלטער בוך. אפילו פאר די יעניגע, וואס פארשטעהען די שפּראך פון תנ״ך איז אויך זעהר שווער צו פארשטעהן די געמישטע תלמודישע שפּראך, און נאך מעהר איז דאס דער פאל מיט די גרויסע מאסען לעזער. קאמענ־טארען וואס זאלען זיין צוגענגליך פאר יעדען איינעם זיינען נאך ניט גע־ווען. און די גאונים, ניט נאר האבען זיי זיך געפוילט דאס אויסצובע־סערען, נאר זיי האבען נאך אליין פארגרעסערט די פינסטערניש דאדורך, וואס זיי האבען געערדט צום פאלק מיט אן אומפארשטענדליכע צודרעה־טע שפּראך, וואס דאס פאלק האט ניט געקאנט פארשטעהן. דורך דעם האבען זיי זיך אליין געשעדיגט און שאדען געטאן זייער אייגענע תורה. עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז דאס אלעס האט געפיהרט דערצו, וואס זעהר פיעל מענשען זיינען פון זיי אוועק. אייניגע פון די לעצטע גאונים האבען שוין איינגעזעהן דעם פעהלער — רב סעדיה און רב האי גאון — און האבען זיך געמיהט עס צו באזייטיגען און האבען געשריבען א קליינעם טייל פירושים און פסקים און א גרויסען טייל תשובות אין אראביש — אבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, און דעם שאדען איז שוין געווען אוממעגליך צו פארריכטען. די קאראאימען האבען דעם דאָ־

זיגנו פעהלער פון די גאונים גוט פארשטאנען און געזוכט ארויסצוציהען דערפון דעם פולען נוצען פאר זייער זאך. דעריבער זיינען זיי געקומען צום באשלוס צו שרייבען זייערע לעהרען אין א לשון, וואס זאל זיין פאר־שטענדליך פאר יעדען איינעם, אין ריינעם לשון־קודש אדער אראביש. עס איז אמת, אז ענן איז אין דיזער הינזיכט נאכגעגאנגען נאך די גאונים. ער האט געמוזט מאכען דעם טעות דיינקענדיג, אז זיינע רייד וועלען מא־כען א גרעסערען איינדרוק אויב ער וועט שרייבען מיט'ן לשון פון די גאונים. אבער עס האט ניט לאנג גענומען און די קאראאימען זיינע נאכפאלגער האבען איינגעזעהן, אז ער האט געמאכט א טעות און האבען פארשטאנען, אז די זאך איז אומגעקערט, און אז זייער תורה וועט זיך גיכער פארשפרייטען, ווען זיי וועלען שרייבען אין א שפראך, וואס איז פארשטענדליך פאר יעדען איינעם, איידער אין ארמית, ווי די גאונים האבען געשריבען. שוין נסי בן נח באקלאגט זיך דערויף, וואס זיינע פארגייער האבען זיך באנוצט מיט ארמית. און ווען ער קומט צו פאר־פאסען א בוך וועגען די מצוות, לויט דער אויפפאסונג פון די קאראַ־אימען, האלט ער פאר זיין פליכט עס צו שרייבען אין א ריינער קלארער שפראך ווי די אמאליגע העברעער האבען גערעדט, און ניט אין כאלדע־איש און ארמית, וואס זיינען די שאנדע שפראכען פון גלות, וואס צוליעב זיי האבען די אידען פארגעסען זייער אייגענע שפראך, און זייער חכמה און אויפקלערונג זיינען אין א שטאמלענדער שפראך, און זיי מאכען טעות'ען אין תנ"ך, און זייערע פירושים זיינען ניט ריכטיג, און געהען אוועק פון ריינעם פשט" (הקדמה צום ספר פלס ביאור המצוות — לקוטי קדמוניות ל"ח). און כמעט אלע זייערע שרייבער זיינען געגאנגען אין זיינע טריט און געשריבען זייערע חבורים אין א ריינער העברעאישער שפראך, און מאנכע פון זיי האבען געשריבען אין אראביש, וואס איז געווען אין זייערע מקומות צוגענגליך פאר יעדען איינעם. און מעהר נאך פון דעם, וואס זיי האבען זיך געבייזערט אויף די בעלי־התלמוד דערפאר וואס זיי האבען געשריבען זייערע ספרים אין ארמית, זיינען זיי געווען נאך מעהר אויפגעבראכט אויף זיי דערפאר, וואס ארמית איז געווען די אומגאנגס־שפראך פון בית־דין, אין זייערע בריף און גזירות און אין אלע זייערע דאקומענטען, און איבערהויפט דערפאר, וואס זיי האבען געשרי־בען גט'ען אין ארמית. און אזוי שרייבט דער הדסי וועגען דעם (סימן ח' י"ג, ע"א): „זייער ריכטיגע פארם באדארף זיין ניט אנדערש, זיי זאלען ניט געשריבען ווערען אין אן אנדער שפראך, אויסער דיין אייגענער. די רבנים נעמען אן מנהגים פון די פרעמדע און אין זייערע גט'ען שרייבען

זיי פיעלעס אין אן אנדער שפראך, דאס אייגענע, מיט אנדערע פאפירען און ספרים... ניט אזוי איז דער וועג פון דיין תורה, ווייל אונזער שפראך איז די, וואס גאט האט גערעדט פון בארג סיני... דעריבער דארף מען אין איהר שרייבען אונזערע פאפירען און ספרים". און צוליעב דעם אייגענעם טעם, וואס זיי האבען געוואלט זיך אפשיידען פון די בעלי־התלמוד אין שפראך און מליצה, האבען זיי אויך אומגעביטען די איינגעפיהרטע שפראך־טערמינען פון משנה און תלמוד און זיי פארביטען מיט אנדערע, צוגעטראכטע, וואס האבען קיין זין ניט (ג). און דאס אלץ האט זיך גענומען פון זייער וואונש צו געהן דאגעגען, וואס מעהר געגנערשאפט צו די בעלי התלמוד ארויסווייזען, ווי אויך פון זייער באגער צוצוציהען די הערצער פון די ליעבהאבער פון דער העברעאישער שפראך צו זייער שיטה.

די טעמים פון די מצוות.

מיר האבען שוין אויבען באוויזען, (קאפיטעל זעקס), אז איינער פון די יסודות פון קאראאימישען גלויבען איז געווען, צו פארשען און דער־געהן די טעמים פון מצוות. זייערע ערשטע אזוי גוט ווי זייערע לעצטע חכמים האבען דעם דאזיגען יסוד אימער אפגעהיט. דעם דאזיגען יסוד האבען זיי געמאכט פאר'ן וויכטיגסטען אין זייער גלויבען, ווייל ער באַ־זיצט די צוציהונגסקראפט צו געווינען די משכילים פון פאלק, וואס שטעלען זיך ניט צופריעדען מיט גלויבען בלינדערהייט, נאר ווילען קומען צו זייער גלויבען דורך אויפקלערונג. און צוליעב דעם דאזיגען טעם האַ־בען זיי געשאפען און איינגעפיהרט נאך א יסוד. נעמליך: אז דער פאר־שער אין דער תורה איז ניט געבונדען פון קיין אויטאריטעט, און יעדער איינציגער האט דאס רעכט צו פיהרען זיך אין זיין אויסטייטשען די תורה לויט דעם, ווי זיין פארשטאנד דיקטירט איהם, און זיין גייסט און פארשטאנד זיינען אויך פריי צוצושרייבען דער תורה אט יענע כוונות און טעמים, וואס געפעלען זיי אמבעסטען. און דער דאזיגער וועג האט געהאט א גרויסע צוציהונגסקראפט פאר פיעלע משכילים, וואס האבען ניט געוואלט פארבייגען זייערע אייגענע מיינונגען און זיין פארשקלאפט צו די מיינונגען פון אנדערע מיט וועלכע זיי זיינען ניט געווען צופרי־דען. און גלויבענדיג, אז די בעלי משנה און תלמוד זיינען געשטאנען נידעריגער פאר זיי און פארשטעהן דעם זין פון תורה און מצוות, האבען

זיי דעריבער געקוקט אויף דער קאראאימישער שיטה ווי אויף אן אויס־לייזער, וואס האט באפרייט זיי פון צוואנג און אונטערדריקונג.

נאר מעהר ווי אויף דעם אלעם, האבען זיי געלעגט האפנונגען צו קריגען נייע חברים און גלויביגע, דערפון וואס זיי האבען זיך אויפגעהויבען אין קאמף אנטקעגען די ווילדע לעגענדען פון תלמוד ווי אויך אנטקעגען מאנכע ספרים פון מדרש, וואס זיינען געווען זעהר פארשפרייט אין יענער צייט און וועלכע די מעהרסטע גאונים האבען באטראכט אלס הייליג. און ווירקליך, אלע קאראאימישע חכמים און שרייבער, האבען אויסגעלאזט צו זיי זייער גאנצען כעס, זיי זיינען ארויס קעגען זיי אין דער עפענטליכקייט און אויפגעוויזען זייער נארישקייט און דעם שאדען, וואס זיי פאראורזאכען צו די עיקרים פון אידישען גלויבען. כמעט אלע, פון די ערשטע ביז די לעצטע, האבען די לעגענדען ביטער באקעמפט און זיי גיפטיג אויסגעלאכט. אמאל פלעגען זיי קומען מיט זידלערייען און זלזולים, און אמאל מיט חוזק און ליצנות, און אויסגעלאכט די תורה שבעל־פה און איהרע אנהיינגער פאר מאנכע אומגעלומפערטע לעגענדען און נארישע זאכען פון איינצעלנע מענשען, און פאר מאנכע ספרים, וואס זיינען קיינמאל ניט פאררעכענט געווארען אלס די תורה פון תלמוד. און דאס איז געווען בלויז צו פארפיהרען יענע מענשען, וואס האבען ניט געוואוסט אונטערצושיידען, פון ספרים וועלכע די חכמי־התלמוד האבען יא געהאלטען פאר תורה שבעל פה, ביז ספרים, וואס זיי האבען ניט געהאלטען. שוין איינער פון זייערע ערשטע חכמים, נסי בן נח, ווארענט די לערנער און פארשער, אז זיי זאלען זיך ניט אומזיסט באמיהען צו לייענען די ספרים פון פארפיהרער, וואס זיינען געמאכט אויף די נעמען פון צדיקים און חסידים (אין דער הקדמה צום ספר הפלס), און ער מיינט דערמיט אהן א ספק די ספרים, וואס זיינען צוגעשריבען געווארען צו די ערשטע תנאים, ווי למשל, דעם ספר „היכלות", וואס איז צוגעשריבען צו רבי ישמעאל'ן, און ספר „אותיות דרבי עקיבא", און מאנכע אנדערע (לקוטי קדמוניות מ"ב). אלענפאלס זעהט מען פון זיינע רייד ארויס, אז כאטש ער איז געווען א געגנער פון די אנשויאונגען פון משנה און תלמוד, האט ער דאך גערעדט פון זיי מיט כבוד און ער רופט זיי אן „צדיקים וחסידים", און גלויבט ניט, אז די אלע ספרים וועלכע ער רופט אן „ספרים פון די פארפיהרער" זיינען פארפאסט געווארען פון זיי, און ער זאגט בפירוש, אז זיי זיינען צו זיי פאלש צוגעשריבען געווארען. אבער אין א שפעטעריגען דור איז אויפגעשטאנען אן אנדער קאראאים, א גרויסער קנאי און היציגער כעסן, און ער שמועסט צום געריכט רב ישמעאל'ן

און רבי עקיבא'ן פאר די ספרים, וועלכע זיינען דורך א שקר צוגעשריבען צו זיינע נעמען. כאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט ביי זיך אין הארצען, אז ניט זיי האבען געשאפען די דאזיגע ספרים, און אז זיי זיינען בלויז געפעלשט געווארען אויף זייערע נעמען, ווי די פריהערדיגע קאראימען האבען עס אליין געזאגט, האט ער דאך דאס מאל זיך געמאכט גלויבענדיג אין דער ניט ריכטיגער קבלה פון די רבנים, כדי ער זאל האבען מיט וואס זיי צו באקעמפען, ווי אויך ער זאל זיך מיט דעם ליגען קאנען באנוצען צו איבערצייגען ווי גערעכט ער איז אין זיינע באשולדיגונגען געגען משנה און תלמוד, און דאס אלץ כדי פארברעמדט צו מאכען די מענשען פון זייער תורה און מאכען שונאים פון גוטע פריינד. דער דאזיגער קאראאים איז געווען סלמון בן ירוחם, א צייט־גענאסע פון רב סעדיה גאון, וועלכער האט זיך געמיהט צו ענטפערען אויף רב סעדיה גאונ'ס רייד, וועלכער האט געמאכט צו־נישט די גאנצע קאראאימישע שיטה. אין זיינע תשובות וועלכע ער האט געשריבען אין גראמען (כתב יד פון פינסקער אין „בית המדרש") שילט ער און זידעלט די משנה און תלמוד, און נאכדעם ווי ער שיט פעך און שוועבעל אויף זיי, נעמט ער זיך צו די לעגענדען און מדרשים פון תלמוד מיט די שענדליכסטע ווערטער, און זידעלט רב ישמעאל'ן און רופט איהם: פארברעכער, און רעדט וועגען רב עקיבא'ן ווי וועגען א נידערטרעכטיגען מענשען. ער שטעלט צום געריכט די גאנצע רבנישע תורה צוליעב מאנכע ספרים, וואס זיינען צוגעשריבען צו די לעהרער פון משנה און תלמוד, ווי למשל, דער „ספר־הרזים", „שם בן נח", „אותיות דרבי עקיבא" און „שעור־קומה" — און ער שטעלט זיך גאר ניט אפ, צו פארטראכטען זיך אויף א ווייל, אז אפשר זיינען דיזע אלע ספרים ניט ריכטיג צוגעשריבען געווארען צו אט יענע תנאים. די שנאה זיינע איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט גערגלויבט אויף זיי יעדען ליגען, און איז אין א משוגענעם פארוואנדעלט געווארען יעדען מאל, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו רעדען פון די רבנים. ער האט אליין געוואוסט, אז ער טרעט איבער יעדען גרענעץ פון אנשטענדיגקייט און מאראל אין זיין זידלען און שימפפען, און ער פארענטפערט זיך מיט דעם; וואס ער זאגט ווען „אז ווען דער לומפ סעדיה וואלט זיך ניט אריינגענומען צווישען די חכמים, וואלט ער קיינמאל דעם דאזיגען בריף ניט געשריבען". אבער דער אמת איז, אז כאטש זיינע אלע לעסטערונגען זיינען געצילט אנטקעגען רב סעדיה גאון, האט ער געמיינט דערמיט אויך צו פאר'מיאוס'ען דעם תלמוד אין די אויגען פון זיינע אנהיינגער און זיי צו באקערען צו דער קאראאימישער תורה. ער

זאגט דאך דארט צו רב סעדיה'ן גופא: „אויב דו האסט ווערטער און קראפט מיר צו ענטפערן — רייד! און אויב דו האסט קיין ענטפער ניט, קער זיך צוריק צום אמת און ווער א חבר פון מיינע גלויבענס גע־נאסען". און ווענדעט זיך דאן ווידער צו די אנהייגער פון תלמוד און זאגט פאלגענדעס: „ברידער, האט מורא פאר אייער גאט, ברידער, זעהט, וואס איהר טוט און היט אפ זיינע מצוות, ברידער, פארזינדיגט ניט אייערע נשמות". און צום סוף זאגט ער: „איין תורה זאל זיין פאר אונז אלעמען אזוי ווי אמאל. אמן, גאט זאל געבען און עס זאל זיין אזוי."
און מעהר נאך פון דעם פארלוימדער האט דער הדסי געזידעלט און גע־שימפפט פאר די לעגענדען און מדרשים און האט ווידער איבערגעקייט דאס וואס סלמון בן ירוחם האט גערעדט, נאר מיט מעהר ליצנות נאך. (סימן ע"ח—פ"ד און אין פיעלע אנדערע ערטער) און האט געבראכט פאר'ן לעזער א גרויסע צאל פון טשיקאווע ווילדע לעגענדען. און ער דער־קלעהרט אפען, וואס ער באצוועקט מיט'ן ברייגען פון די דאזיגע לע־גענדען, מיט די ווערטער: „די געבראכטע זאכען זיינען בלויז איין קליי־נער טייל פון די רייד פון דיינע חכמים, ווייל מיר ווילען דערמיט אויפ־קלערען דיר און אלע גאטספארכטיגע מענשען פון פאלק". אט די מאוסע פארלוימדונג, צו פאר'מסר'ן די תורה פון די רבנים צוליעב די ווילדע לעגענדען, וואס געפינען זיך אין תלמוד, און צוליעב די נארישע ספרים אין סתרי קבלה, וואס זיינען געפעלשט געווארען און צוגעשריבען גע־ווארען צו דער תורה שבעל פה — איז געווארען אן אייביגער געזעץ ביי די קאראאימען פון איטליכען דור און אלע זייערע שרייבער האבען אי־בערגע'חזר'ט און אויפגעמישט די אייגענע און זעלבע פארלוימדונג.

און ניט נאר דאס אליין, זאנדערען די שולד פון יעדען שלעכטען מנהג און יעדע נארישע איינבילדונג, און שעדליכע אבערגלויבענס, וואס זיינען געווען פארשפרייט צווישען אידישען פאלק האבען זיי ארויפגע־ווארפען אויפ'ן תלמוד. אין די אלע נארישקייטען פון „שמות" און זייער צוזאמענשטעלונג אין קמיעות צו פארהיטען פון שאדענס און אויסהיי־לען קראנקע — אין דעם אלעם, האבען זיי געזאגט, זיינען שולדיג די בעלי־התלמוד (רב סלמון בן ירוחם אין אויבענדערמאנטען כתב יד). מיט אזעל־כע ווענען האבען זיי געזוכט צו פאר'מיאוס'ען דעם תלמוד און אין דער אייגענער צייט בארימען זיך מיט זייער אייגען גלויבען, צו דער זעלבער צייט האבען זיי אויך געהעצט דעם פראסטען עולם אנטקעגען די חכמים, זיי דערצעהלט אלץ וואס דער תלמוד זאגט וועגען די עמי־הארצים, מיט א כיון צו פארלוימדען אין זייערע אויגען דעם תלמוד און זיינע לערנער.

און רב יהודה הדסי (אשכול־הכופר קל״ח ע״א) האט מעהר פון זיי אלע־מען די דאזיגע שנאה קולטיווירט. ער האט אויסגעזוכט אלעס, וואס געפינט זיך צעווארפען אין תלמוד וועגען עמי־הארצים און האט זיי צו־נויפגענומען און צונויפגעשטעלט אין איין פלאץ און הענגט אן אין זיי זיינע הלצות און קאמענטארען, וואס יעדער ווארט פון זיי איז ווי א שארפער פייל געציעלט קעגען די רבנים, און פון דעם אלעם זעהט זיך ארויס זיין רשעות און זיין ווונש צו פארגרעסערען די שנאה פון די עמי־הארצים אנטקעגען די חכמים. און ער ענדיגט זיין מאמר מיט די פאלגענדע ווערטער (דארטען ע״ב): „די חכמים זאגען, אז מען מאג שטעכען אן עם־הארץ אום יום־כפור, וואס פאלט אוים אום שבת — אזוי האבען זיי געלערענט און גע׳פסק׳נט. צו אזעלכע מענשען זיינען עס די פאסענדע פירער פון אידישען פאלק, א איהר פאלשע הירטען, וואס פארלאזען די שאף״...

א פארלארענער קאמף.

נון, מיט אזעלכע מיטלען האבען זיי אנגעפירט דעם קאמף, און גע־מיינט, אז דורך דעם וועט זיך זיי איינגעבען אפצוציען דאס פאלק פון די רבנים און זיי באקערען צו זיך. אבער ווען זיי וואלטען בעסער פאר־שטאנען וואלטען זיי איינגעזעהן, אז דערמיט קען מען בלויז אויפוועקען א שנאה אנטקעגען תלמוד ביי מאנכע מענשען, אבער קיין פריינד קען מען זיך דורך אזעלכע גיינג ניט קויפען, ווייל נאך אלעמען זיינען אלע זיי־ערע מיטלען באשטאנען בלויז אין פארלוימדונג. און פארלוימדונג ברענגט ניט פאר׳ן פארלוימדער די געווינשטע פרוכט. ווארום אפילו אז דער פאר־לוימדער מאכט יא אן איינדרוק אויף זיינע צוהערער ווערט דער פארלוימ־דער דאך אבער פון זיי געהאסט און פאראכטעט. נאר מעהר פון דעם אלעם איז שוין גאר אין אנהויב דער כאראקטער פון זייער לערע און שיטה געווען אזעלכע, וואס האט גאר ווייניג האפנונג געקענט שאפען פאר זייער גלויבען אין א לאנגען און פולען לעבען, ווייל דאס וואס זייער גלויבען האט געפאדערט פון אידען און די אלע דינים וואס דאס דאזיגע גלויבען האט איהם געשטעלט, ווי זיך צו באגעהן אין לעבען און אין רעליגיאן זיינען געווען אזעלכע וואס דער גרעסטער טייל פון פאלק האט זיי ניט געקענט אננעמען. פייניגען זיך אונטער א לאסט פון טויזענדער חומרות, און די נארישע חסידות אין זייערע מעהרסטע האנדלונגען, זיינען געווען צוגעפאסט בלויז פאר זייער ווייניגע מענשען וואס זיינען געווען פון זייער

נאטור געצויגען צו חלומות און פעסימיזם, אבער ניט פאר דעם דורכ־שניטליכען מענשען. און דער סוף וואס האט זיך פון זיי אויסגעלאזט באווייזט ווירקליך, אז זייער גלויבען איז ניט געווען גינסטיג צוציען צו זיך דאס גאנצע פאלק, ווייל די אנהייגנער פון קאראאימישען גלויבען זיינען שטענדיג זעהר ווייניג געווען. און אויך די אלע מיטלען, מיט וועלכע זיי האבען זיך באנוצט האבען ניט פארמאגט די קראפט צו ער־ווערבען פיעלע חברים. דער פראסטער עולם וואס האט זיך ניט געקענט אריינטאן אין זייער תורה האט ניט באדארפט זייערע שארפע פירושים. ווייל זיי האבען דאך גאר אין גאנצען גאר ניט פארשטאנען, זיי האבען בעסער געוואלט פארבלייבען לעבען נאכ'ן אלטען שטייגער נאך, ווי זיי־ערע פאטער'ס האבען געלעבט, איידער געהן זוכען נייע וועגען. וואס קענען זיי קיין שום נוצען ניט ברייננען. די אויפגעקלערטע ווידער פון רבנישען לאגער, וועלכע זיינען מיט'ן תלמוד אפילו ניט געווען צופריד־ן האבען זיך אבער אויך ניט געאיילט צו לויפען צו די קאראאימען, ווייל מיט וואס שטעהען עס העכער די וואס פארדרעהען דעם ריכטיגען מיין פון פסוק על פי דרך הפשט פון די וואס מוען עס על פי דרך הדרש. אבער די רבנים גופא האבען ניט ווילענדיג געבראכט דערצו, וואס די קאראאימען זיינען געווארען א באזונדער פאלק פאר זיך, און אין זייערע ערשטע דורות האבען זיי זיך אזוי באפעסטיגט, אז מאנכע פון רבנישען לאגער האבען פארלאזט זייער גלויבען און איבערגעגאנגען צו די קאראאי־מען, ווייל די ערשטע גאונים האבען ניט פארשטאנען ווי אזוי זיך צו באגעהן ניט צו דערלאזען צו א פאלקאמע צושפאלטונג, און זיינען אוועק אויף א קרומען וועג אין זייער קאמף מיט די קאראאימען. כאטש מיר קענען ניט לייקענען, אז די קאראאימען מיט אלע זייערע נייע לערען האבען אין יענער צייט ניט געהאט קיין בארען אונטער די פיס, ווי אויך אין שפעטעריגע דורות, ווייל זיי זיינען געשטאנען אויף א שטאנד־פונקט וואס די צייטען האבען עס ניט געקענט פארטראגען, און אלע זייערע האנדלונגען און פירושים און זייערע פארשונגען קענען זיך ניט פארגלייכען צו דעם איין און איינציגען גרויסען יסוד פון דער רבנישער לערע: „אז די תורה ליגט אין די הענט פון די חכמים צו ווערען אויס־געטייטשט לויט זייער פארשטאנד". קען מען אבער דאך אויך ניט לייקענען, אז מאנכע פון זייערע טענות אויף דער תורה שבעל פה זיינען געווען גערעכטע, און אלענפאלס האבען זיי פארדינט, מען זאל זיך מיט זיי פארנעמען און געבען אויף זיי א ריכטיגען ענטפער, און ניט געהן מיט עקשנות. די גאונים אבער האבען ניט געהאנדעלט אזוי — און

אין דעם ליגט זייער שולד. מיר ווייסען ניט פון ערגעץ, אז איינער פון די גאונים זאל זיך האבען געמיט זיי אויפצואווייזען, אז זיי האבען ניט ריכטיג אויפגעפאסט דעם תלמוד און זיין האנדלונג; אז ניט אלץ וואס איז געשריבען אין תלמוד איז תורה שבעל פה; און ניט אלץ וואס איז געשריבען אין איהם איז אן אנגענומענע זאך, וואס דאס גאנצע אידישע פאלק מוז גלויבען און פאלגען. אויך האבען מיר ניט געהערט, אז זיי זאלען האבען דערקלערט, אז ניט אלץ וואס איז געשריבען אין די ספרים פון מדרש איז א געזעץ, וואס מען טאר ניט וואגען עס איבערצוטרעטען; און אז די ספרים וואס פארנעמען זיך מיט סודות און מיסטעריעזע זאכען פון מה למעלה ומה למטה (וואס פון אויבען און וואס פון אונ־טען) זיינען נאך ניט קיין תורות אין וועלכע דאס גאנצע אידישע פאלק מוז אומבעדינגט גלויבען. אנשטאט דעם האבען זיי אליין געגלויבט אין די אלע זאכען און האבען מיט אלע כחות זיך געמיט צו רעכטפערטיגען יעדע איינציגע זאך וואס די פריערדיגע חכמים האבען געזאגט. און אויפ־געטאן דערמיט האבען זיי בלויז דאס, וואס זיי האבען פארשטארקט זיי־ערע געגנער'ס ארגומענטען. אבער העלפען זייער זאך האבען זיי ניט געהאלפען. אונז איז קיין וואונדער ניט אויף די גאונים פון זעקסטען יאהרהונדערט ווי אויך פון א גרויסען טייל פון זיבעטען יאהרהונדערט, וואס זייער ענטוויקלונג איז ניט געשטאנען אויף זעהר א הויכער מדרגה און זיי האבען מיט אן אמת געגלויבט אין דעם אלעם אין וואס די קא־ראאימען האבען זיי באשולדיגט. מיר וואונדערען זיך אבער יא אויף אזא מאן, ווי רב סעדיה גאון, וואס איז געווען א גרויסער חכם און איז געווען געלערענט אין אלע אנדערע וויסענשאפטען, אויפגעקלערט אין זיינע אנשויאונגען און אידייען, אז ער האט זיך ניט אומגעקוקט און זיך ניט אפגעגעבען מיט דעם אלעם. און דעריבער, זאגען מיר, אז ניט דער זכות פון די גאונים איז בייגעשטאנען דערצו, וואס די קאראאימישע תורה האט זיך ניט אנגענומען ביים פאלק, זאנדערען, עס איז אזוי גע־ווען צוליב דעם, וואס זי האט אן און פאר זיך, ניט פארמאגט די נויטיגע לעבענס־קרעפטען דערצו.

עלפטעס קאפיטעל.

וואס האבען זיי אויפגעטאן.

דער איסלאם ניט גינסטיג
צו די קאראאימען.

דער וואס קוקט זיך צו צו אלע דורות וואס זיינען פארלאפען פון אנפאנג פון זעקסטען יאהרהונדערט וואס דאן האט די קאראאימישע באוועגונג אנגעהויבען צואוואקסען ביז צו דער סאמע ענדע פון יענעם יאהרהונדערט — געפינט ניט, אז וועלכער ניט איז פון די גאונים זאל האבען דערמאנט מיט איין איינציגען ווארט אפילו וועגען דער דאזיגער סעקטע. מיר קענען דאך ניט אפלייקענען, אז די באוועגונג איז געווען א שטארקע, און לויט איהר כאראקטער האט זי געקענט געהן די גאונים אין לעבען — און דאך זעהט מען ניט און מען הערט ניט איין ווארט וועגען דעם, אזוי ווי עס וואלט ביי זיי געהערשט שלום שטענדיג. און דאס איז דער בעסטער באוויז, אז די קאראאימישע האפנונג צו פארשטארקען זייער רעליגיאן און זי צו פארשפרייטען אין פאלק האט זעהר שוואכע שאנסען געהאט. ווען זיי וואלטען אפילו אביסעל צוגעקומען צו דעם וואס זיי האבען געהאפט, און ווען גרויסע מאסען פון פאלק און אנגעזעהענע מענשען וואלטען צו זיי צוגעשטאנען, וואלטען די גאונים ניט אין גאנצען געשוויגען. אבער דאס וואס זיי האבען יא געשוויגען און זיך אויף זיי אומגעקוקט, איז א באוויז, אז זיי האבען פאר זיי אין גאנצען קיין מורא געהאט, אדער זיי האבען אויף זיי געקוקט ווי אויף א סעקטע וואס קען זיי קיין שאדען ניט טאן. נון, מיר האבען שוין פריער געזאגט, אז די גאונים האבען אין זייער אורטייל קיין טעות ניט געמאכט. די דאזיגע סעקטע האט ניט געקענט ווערען קיין אלגעמיינע געפאר. ווארים זי איז געווען אהנמעכטיג אנטקעגען די גאונים וואס

ביי זיי אין די הענט האט זיך די פּולע מאכט געפונען, און דורך איהרע
אייגענע פאַרדינסטען און ריכטונג האט זי ניט געהאַט די צוציהונגס־
קראַפט. דאס פּשוטע פאָלק אַזוי גוט ווי די חכמים, האָבען אין די
אויפטוען וואָס זי האָט געשאַפען ניט קיין תכלית און ניט קיין נוצען
געזעהן, ווי מיר האָבען עס שוין פריער דערקלערט. נאָר עס איז קענטיג,
אַז עס איז געוועזען נאָך אַן אנדער אורזאַכע, פאַרוואָס די רבנים זיינען
געוועזען אַזוי זיכער און קיין מורא ניט געהאַט פאַר זייערע פּלענער. וואָ־
רום עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די כאַליפען זיינען געוועזען בעסער
און גינסטיגער צו די אידען וואָס האָבען געגלויבט אין דער קבלה, ווי
צו די אידען פון קאַראַאימישען גלויבען, וואָס האָבען די קבלה אָפּגעֿ
לייקענט. מיר האָבען געזעהען, אַז שוין ענן איז גערודפ'ט געוואָרען
פון דער רעגירונג און איז שיעור ניט אומגעקומען, און כאָטש ער איז צום
סוף באַפרייט געוואָרען, האָט ער דאָך זיך מעהר ניט געקענט האַלטען
אין בבל, און ער מיט זיינע נאָכפאָלגער זיינען געוועזען געצוואונגען צו
פאַרלאָזען דאָס לאַנד. אמת, די קאַראַאימישע שרייבער זאָגען, אַז ער
האָט פאַרהאַסט די פירערשאַפט און זיך אָפּגעשאָקעלט פון דער רבנות
און איז אַוועק נאָך ירושלים, אַבער ווער קען עס פון דעם עצם געשע־
העניש ניט אַרויסזעהן, אַז די זאַך איז פאָרגעקומען פּונקט קאַפּויר: אַז
די פירערשאַפט האָט איהם פאַרהאַסט, און די רבנות האָט איהם אָפּגע־
שאָקעלט פון זיך, און זיין פאַרלאָזען דאָס לאַנד איז געוועזען אַ געצוואונ־
גענע פאַראָרדענט פון דער רעגירונג. עפּעס מוז דאָך שטעקען אין דעם
וואָס אַלע קאַראַאימען האָבען געשימפּפט און געלעסטערט מחמד'ן און
איהם גערופען משוגע'נער (נייבויער, די געשיכטע פון די קאַראַאימען
7 הערה 3) — און דאָס מוז זיך נעמען דערפון, וואָס די רעגירונג איז
זיך באַגאַנגען מיט זיי זעהר שטרייננ. און מיר גלויבען ווירקליך, אַז
דערביי האָט געווירקט אַ רעליגיעזע אורזאַך וואָס זיי זיינען געוועזען מעהר
גענייגט צו די רבנים ווי צו די קאַראַאימען. וואָרום פון אַלעם וואָס
מיר ווייסען פון די ערשטע קאַראַאימען, זעהען מיר, אַז זיי זיינען אַלע
געוועזען טרויעריש געשטימטע מענשען, וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט
וויינען און קלאָגען אויפ'ן חורבן בית־המקדש, און זיי האָבען געגלויבט,
אַז דורך זייער צוריקקומען צו דער תורה לויט זייער ריכטונג נאָך וועט
נעמען אַ סוף צום גלות, און דאָס אידישע פאָלק וועט באַפרייט ווערען
פון דער אונטערדריקונג פון פרעמדע פעלקער. פיעלע פון זיי האָבען גע־
האָט אויסגערעכענט דעם „קץ“ און זיי האָבען אַרויסגעקוקט, אַז משיח
וועט אין גיכען קומען (אויבען קאַפּיטעל זעקס). פאַרשטעהט זיך, אַז די

מחמדאנער זיינען מיט דעם ניט געווען צופרידען און זיי האבען געקוקט מיט א בייז־אויג אויף דער דאזיגער האפנונג, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז מיט מחמד'ן האט זיך געשלאסען די נבואה, און נאך איהם וועלען מעהר קיין נביאים ניט קומען (רב אברהם גייגער אין זיין בוך „וואס האט מחמד גענומען פון די „אידען" זייט 34). הייגט ווי אזוי האבען זיי געקענט זיין אויפגעלעגט צו די קאראאימען, וועלכע זיינען צו יענער צייט אין גאנצען געווען פארפלאנטערט אין א נעץ פון משיח־געדאנקען און האפנונגען?

די אורזאכען.

נאך מעהר פון אלץ ווערט אונז קלאר פארוואס די קאראאימען זיי־נען געווען פארהאסט ביי די מחמדאנער, ווען מיר קוקען זיך צו צו מחמד'ס לערען און לעגענדען. דאס איז דאך א באקאנטער פאקט, אז די בעסטע לערען, גלויבענס און אנשויאונגען וואס מחמד האט אריינגע־בראכט אין קאראן, האט ער גענומען פון די אידען און זייער תורה. אונ־זערע הייליגע שריפטען אין דער קריסטליכער עוואנגעליום זיינען געווען די קוועלען, פון וועלכע ער האט געשעפט זיין גאנצע חכמה. די אידישע שריפטען זיינען געווען דער הויפט־קוואל, און ניט נאר האט ער אנגע־נומען דאס וואס איז בפירוש געשריבען אין דער תורה, נאר ער האט אויך אנגענומען אלע דרשות און לעגענדען וואס די חכמי־התלמוד און מדרש האבען אנגעהאנגען אן דער תורה. און עס איז גאר ניט איבער־צוצעהלען די אלע לעגענדארע מעשיות וואס זיינען ארומגעגאנגען ביים אידישען פאלק, וועלכע מחמד האט מיט ליעבע און באגער אריינגענומען אין זיין תורה. און כאטש ער האט אין די מערסטע פעלען איבערגעאנ־דערש און געפעלשט זאכען, עס זאל זיך איהם לוינען פאר זיינע צווע־קען (א) און באדערפענישען — האט ער דאך די עיקרים פון די זאכען געטריי אנגענומען, און האט זיי פארגרויסט און פארהייליגט ביי זיין פאלק, זאגענדיג, אז גאט האט איהם מגלה געווען אלע זאכען פון הימעל. נון, די קאראאימען וואס לייקענען אפ יעדע קבלה, און גלויבען בלויז אין דער געשריבענער תורה, און פאראכטען דעם תלמוד און מדרש. די קא־ראאימען וואס לאכען אויס און פארשפאטען די לעגענדארע מעשיות פון תלמוד — ווי אזוי האבען זיי געקענט געפינען חן ביי די גלויביגע פון קאראן? ווארום מיט זייער לעכטערען די לעגענדען פון תלמוד געהען זיי דאך אויך די לעגענדען פון קאראן אין לעבען. אלזא, פאר די גלויי־

ביגע אין מחמד׳ס נבואה און אין זיין מיסיאן, איז די דאזיגע פארליי־קענונג געווען דערווידער, כאטש זי איז געקומען ניט פון קיין גלויבענס־געגנאסען. און נאך מעהר דערפאר, ווייל אהן דעם האבען זיך שוין צווישען זיי אויך געפונען אזעלכע וואס האבען אויך ניט געגלויבט, אז די לעגענדען וועלכע מחמד האט זיי דערצעהלט קומען בנבואה, און האבען באהויפטעט, אז ער האט עס געלערענט פון ערגעץ, און האבען איהם חושד געווען, אז ער האט געהאט אידישע לערער פון וועלכע ער האט גענומען זיין תורה (גייגער דארטען זייט 39). און מחמד אליין באקלאגט זיך אויף דעם וואס מען האט אין איהם קיין אמונה ניט און מען איז איהם חושד, אז ער האט געפעלשט זאכען. און אויסער, וואס מען האט איהם חושד געווען אין דעם, האבען זיך נאך אויך געפונען צווישען זיין פאלק גייסטיג־אנטוויקעלטע מענשען, וואס האבען זיך אויסגעלאכט פון די זאכען גופא, באהויפטענדיג, אז זיי זיינען נאריש און אומגעלומפערט און אלט (דארטען). נעמענדיג אלזא אין אנבעטראכט דאס אלעס, איז ניט ווייטלויפיג צו באהויפטען, אז די קאראאימען זיינען געווען פאר־האסט ביי די גלויביגע פון קאראן דערפאר וואס מיט זייער אויסלאכען די הגדות פון די בעלי התלמוד האבען זיי פארגרעסערט די רייען פון זייערע אייגענע ניט גלויביגע. אין עס לאזט זיך שיקען אז דער רבנישער טייל פון אידישען פאלק איז אויסער דעם, וואס ער איז געווען דער גרעסטער און אנגעזעהענסטער טייל פון פאלק, און אויסער דעם וואס ער איז געווען רייך אין געלט, אין גיטער און אין געשעפטען, און דעריבער זיינען צו זיי געווען גינסטיג אי דאס פראסטע פאלק און אי די העכערע שיכטען זיינע. זיינען זיי נאך אויך געווען איינפלוסרייך דערמיט, וואס זיי זיינען געווען נאהענט צו די מחמדאנער אין זייערע אנשויאונגען. ווייל אזוי ווי די מחמדאנער, אזוי האבען דאך אויך די רבנים געגלויבט אויפריכטיג אין די אלע לעגענדען וואס מחמד האט געבראכט אין קאראן, ווייל זיי זיינען געקומען פון אידישען קוואל. אט די גלייכהייט אין אנשויאונגען, זאל זיין אפילו ווי קליין עס איז, האט זיי געשטימט בעסער צו די רבנים וואס האבען געגלויבט אין דעם, ווי צו די קאראאימען וואס האבען עס אפגעלייקענט. די דאזיגע גלייכהייט זעהט זיך נאך קלערער פון מאנכע לעגענדען וואס זיינען אריינגעקומען אין שפעטעריגע ספרים פון מדרש, וועלכע מיר געפינען ניט אין גאנצען אין תלמוד. אדער מיר געפינען זיי מיט אן אנדער סגנון, אבער זיי געפינען זיך ממש מיט דעם אייגענעם לשון אין די מחמדאנישע לעגענדען. מיר קענען ניט זאגען, אז די אידען האבען זיי גענומען פון די מחמד׳אנער, אבער דאס קענען מיר יא זאגען

אז די דאזיגע לעגענדעז זיינעז ארום געגאנגעז פוז מויל צו מויל, און גע־וועז פארשפרייט צווישען די אידען אזוי גוט ווי צווישען די אראבער — און ביידע פעלקער האבען זיי גערן אויפגענומען (ב). און היות דער מצב איז אזעלכער געווען, האבען די רבנים נים געהאט קיין אורזאכע צו דאגה'נען, טאמער וועלען די קאראאימען זיי שאדען טאן. אויך האבען זיי געקענט זיין גאנץ רוהיג און זיכער, אז די קאראאימען וועלען זייער וואונש נים דערגרייכען. נאר וואס אלזא דארפען זיי פירען מלחמה מיט מענשען וואס זיינען געווען שוין טויט ביים לעבען.

דער געגען קאמף פון די
גאונים געגען די
קאראאימען.

אבער כאטש מיר זעהען, אז די גאונים אין ערשטען יאהרהונדערט, נאכדעם ווי די קאראאימישע באוועגונג האט זיך אנגעהויבען, האבען זיך מיט זיי ניט שטארק אפגעגעבען און זיך בלויז באנוגענט זיי צו ווארפען אין חרם, א זאך וואס זיי האבען געטאן צו יעדען איינעם וועלכער פלעגט איבערטרעטען די קלענסטע מצוה, אדער אפילו צו איינעם וואס פלעגט נים פאלגען דעם באפעל פון די ישיבות, אבער אין גאנצען געשוויגען האבען זיי אויך ניט, ווייל מיר געפינען פילע זאכען, וואס די גאונים האבען מתקן געווען אדער גוזר געווען כדי אונטערצושטרייכען זייער געג־נערשאפט צו דער נייער קאראאימישער באוועגונג, זיי האבען נאך מעהר פארשטארקט און שטרייגנער געמאכט זאכען, וואס די קאראאימען הא־בען אפגעלייקענט און זיי ארום געצאמט מעהר ווי מען האט עס געדארפט על פי דין. מיר זעהען עס שוין פון דער צאל מצוות וואס דער מחבר פון „הלכות גדולות" האט אויסגערעכענט אין דער הקדמה צום ספר. אין צאל פון די מצוות רעכענט ער אויך אריין זאכען, וואס זיינען מדברי סופרים, ווי למשל, די מצוה פון חנוכה, לייענען די מגלה, און נאך אזעל־כע זאכען. און וויפיל האבען עס די גרעסטע מחברים באהאנדעלט די־זען אופן זיינעם פון צעהלען די מצוות אין זייערע שריפטען. מאנכע האבען איהם באשולדיגט דערפאר וואס ער רעכענט אריין די מצוות פון חכמים צווישען די מצוות פון דער תורה, און מאנכע ווידער האבען זיך געמיט איהם צו בארעכטיגען פאר זיינע אנגרייפער (דער „ספר המצוות" פון רמב"ם און אין די השגות פון רמב"ן און אין ספר מגלת אסתר און אין „זוהר הרקיע" פון רשב"ץ). די אלע רייד זייערע זיינען

אבער ניט וויכטיג, ווייל עס איז קענטיג, אז דער מחבר פון „הלכות־גדולות“ האט געהאט דערמיט אין זינען די יעניגע וואס לייקענען אפ די רייד פון חכמים. און עס איז זיך גאר ניטא וואס צו וואונדערען און שטעלען פראגען: סטייטש, ווי קען עס געמאלט זיין אז דער מחבר פון ספר זאל האבען געהאט אין זינען די קאראאימען אויסרעכענענדיג די מצוות, ווייל, ווער עס זאל ניט זיין דער מחבר צי רב שמעון מקיירא, צי רב יהודאי גאון, האבען זיי דאך ביידע געלעבט איידער דער דת פון די קראים האט זיך פארשפרייט. דער ענטפער איז, אז אזוי ווי א פאלק קען ניט געבוירען ווערען מיט איין מאל, אזוי קען אויך אזא סעקטע ניט אויסוואקסען איבער נאכט. און אהן צווייפעל זיינען שוין ביי זייערע צייטען געווען אזעלכע מענשען וואס האבען געהאט טענות צו דער תורה שבעל פה און זיך אויסגעלאכט פון די רייד פון חכמים. און ווער ווייסט אויב ניט אין מצרים גופא, דאס געבורטלאנד פון רב שמעון מקיירא, האט זיך אנגעהויבען די אומצופרידענהייט מיט דער תורה שבעל פה. ווייל עס זעהט אוים פון דעם קאמף וואס רב סעדיה גאון האט נאך אין זיינע יונגע יאהרען אנגעפירט אנטקעגען די קאראאימען, אז מצרים איז שוין פון לאנג געווען א זיכערער פלאץ פאר די געגנער פון תלמוד. ווארום דארטען האט זיך געשטארקט און געוואקסען די קאראאימישע באוועגונג מעהר ווי אין אלע אנדערע לענדער. און דאס איז אויך א באווייז אז די דאזיגע ריכטונג האט זיך דארטען אויך פריער אנגעהויבען. מיר קענען אורטיילען אויך פון סוף פון דער הקדמה וואס אנטהאלט אין זיך די צאל פון די מצוות, אז דער מחבר האט באצוועקט צו ווארענען און אנזאגען דעם עולם, אז עס איז א חיוב צו גלויבען אין תורה שבעל פה. דעריבער האט ער צוגעגעבען צו זיין מאמר וועגען דער צאל פון די מצוות אויך לויב רייד וועגען דער תורה שבעל פה, וואס האבען מיט'ן ענין גאר קיין שיכות ניט. מיר דיינקען אויך אז מיט'ן לעצטען מאמר זיינעם האט ער געהאט אין זינען די קרומע אנשויאונג פון די קאראאימען וועגען דעם מיין פון דער מצוה: „לויט די תורה וואס זיי וועלען דיר לערנען זאלסטו טאן“. מיר האבען שוין אויבען דערקלערט, אז די שיטה פון די קאראאימען אין דיזער הינזיכט איז, אז דאס געהט אויף דער געשרי־בענער תורה בוכשטעבליך, אבער דאס וואס די חכמים לערנען אפ דערפון, געהט ניט ארונטער אונטער'ן כלל און מיר זיינען ניט פארפליכטעט צו טאן ווי זיי ווילען. און עס איז גאנץ קלאר אז דער מחבר פון הלכות־גדולות האט געהאט אין זינען די דאזיגע פאלשע מיינונג ווען ער זאגט צום סוף: עס שטעהט „לויט דער תורה וואס זיי וועלען דיר לערנען“

און ניט ווי זי וועט דיר לערנען, באווייזט עס אז מען דארף פאלגען די רייד פון די חכמים.

נייע מנהגים
און תקנות.

פילע נייע מנהגים און תקנות האבען זיי איינגעפיהרט, וואס ווען מיר קוקען זיך גוט צו צו זיי, זעהען מיר, אז זיי האבען באצוועקט דורך זיי צו באקעמפפען די אנזיכטען און מיינונגען פון די קאראאימען. איינע פון די גאונים'ס תקנות איז, צו מאכען א ברכה אויף די שבת־ליכט, און איז אהן צווייפעל געצילט אנטקעגען די קאראאימען. ווארום די גמרא זאגט, אז אנצינדען ליכט אויף שבת איז א חיוב און וועגען דעם עניין פון א ברכה מאכען האבען זיי געזאגט, אז אויף קיין חיוב בעדארף מען קיין ברכה ניט מאכען. און אין אמת'ן איז טאקי אין תלמוד אין ערגעץ ניט דערמאנט געווארען, אז מען דארף מאכען א ברכה אויף שבת־ליכט (ג). אבער די דאזיגע ברכה נעהמט זיך פון די תקנות וואס די גאונים האבען געמאכט, און ווערט געבראכט אין רב עמרם גאון'ס סדור, און די ערשטע פוסקים, ווען זיי ברייגגען וועגען דער ברכה, דערמאנען, אז זי שטאמט אפ פון רב עמרם גאון'ס סדור. און עס לאזט זיך שיקען, אז זיי האבען איינגעפיהרט צו מאכען די ברכה צוליב די קאראאימען, וועלכע האבען פארווערט זיך צו באנוצען מיט די ליכט אום שבת, אפילו ווען מען האט זיי אנגעצונדען ערב שבת. און אום צו פארשטארקען און פארעפענטליכען זייער געגנערשאפט אנטקעגען דער מיינונג פון די קאראאימען, האבען זיי איינגעפיהרט די מצוה פון צינדען ליכט און מאכען אויף דעם א ברכה. וועגען ספירת־העומר געפינען מיר אין נאמען פון רב יהודאי גאון אין הלכות גדולות (ק"א ע"ג), אז אויב איינער האט דורכגעלאזט צו צעהלען ספירה די ערשטע נאכט, טאר ער די ווייטעריגע נעכט אויך ניט צעהלען, ווייל מיר לייענען „תמימות תהיינה", פאלקאם זאלען זיי זיין, עס טאר קיין איינמאל אפילו ניט פארפעהלט ווערען, און ער זאגט ניט, אז זיין צעהלען פון בייטאג קען עס גוט מאכען. און עס שיקט זיך זעהר, אז צעהלען ספירה ביי טאג איז ביי זיי ניט געווען ווינשענווערט, ווייל אזוי האבען זיך געפיהרט די קאראאימען, באהויפטענדיג, אז די מצוה פון צעהלען ספירה דארף זיין נאר בייטאג. עס איז אן אלטער מנהג פארשפרייט אין גאנצען אידישען פאלק מקדש צו זיין די פרוי דורך א רינג. אין גאנצען תלמוד איז ניטא קיין איין רמז אויף א

טבעת־קדושין. די קדושין פון תלמוד איז גילטיג דורך געלט, וואָס פאַר א געלט עס זאָל ניט זיין, אָדער דורך עפּעס וואָס איז ווערט געלט, און זיי פלעגען זיך פיהרען מקדש צו זיין מיט מטבעות, מיט זיידענס (קידושין ז׳ ע״ב), און אפילו מיט פירות, און פיעלע אַנדערע זאַכען (דאָרטען י״ב, זייט א׳ און זייט ב׳, י״ג). אַבער שוין אין די צייטען פון די גאונים איז עס געוואָרען אן אַלגעמיינער מנהג מקדש צו זיין מיט א רינג. און מיר געפינען אין די גאונים׳ס זאַמלונגען פון תשובות, אַז זיי ריידען וועגען טבעת־קדושין ווי וועגען א גוט־באַקאַנטען אַנגענומענעם מנהג: די מענשען פון מזרח האַלטען פון טבעת־קדושין, אַבער די מענשען פון ארץ־ישראל האַלטען ניט פון טבעת־קדושין (שערי צדק, ח״א, שער ג׳ סימן י״ב) דער טבעת־קדושין ווערט אויך געבראַכט אַלס אַן אַנגענומענע זאַך פון רב סעדיה גאון (ש״צ, ח״א, ש״ג סימן י״ב) און רב האי גאון אין זייערע תשובות (חדושי גאונים סימן קס״ב). און ווי עס ווייזט אויס, האַבען די גאונים עס איינגעפיהרט, אַז קדושין זאָלען זיין דורך א באַשטמטע זאַך צוליעב די קאַראַאימען, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז דאָס קדושין־געלט, דורך וועלכען א מאַן איז מקדש א פרוי איז דער „מוהר" (גאָב, אויסשטייערונג) וואָס איז געשריבען אין דער תורה און דאַרף האַבען דאָס זעלבע ווערט ווי דער מוהר. און כדי אויסצואוואַרצלען דעם דאָזיגען טעות האָבען זיי איינגעפיהרט דעם קדושין־רינג. און ווער ווייס, אויב דער מנהג צו זאָגען יעדען טאָג אין דאַווענען „איזהו מקומן" (ד) און רב ישמעאל׳ס „שלש־עשרה מדות" שטאַמט אויך ניט פון זייער געגנערשאַפט צו די קאַראַאימען. ווייל דער מנהג ווערט צום ערשטען מאָל אַנגעדייט אין רב עמרם גאון׳ס סדור, און דערפאַר איז ניט ווייטלויפיג צו זאָגען, אַז די גאונים האָבען עס איינגעפיהרט אויף צו להכעיס די קאַראַאימען, וואָס האָבען אָפּגעלייקענט די משנה און תלמוד, און האָבען באַצוועקט דערמיט צו פאַרשטאַרקען דעם גלויבען אין תורה שבעל־פה. און אַזוי האָבען זיך שוין אויך די ערשטע חכמים געפיהרט, אַז וואו נאָר זיי האָבען געוואָלט פאַרשטאַרקען זאַכען אויף וועלכע עס זיינען געווען געגנער, האָבען זיי עס אריינגעגעבען אין דאַווענען. מיר זעהען אויך ווי ווייט די גאונים האָבען מקפיד געווען איינצוהיטען דעם קלענסטען מנהג וואו נאָר עס האָט זיך געהאַנדעלט אין עפּעס אַן אונטערשייד מיט די קאַראַאימען. עס האָט פּאַסירט אין א פּלאַץ, אַז מאַנכ[illegible] מענשען האָבען זיך נוהג געווען צו פאַרקירצען די פּסח׳דיגע הגדה, אויסלאַזענדיג די מדרשים, זאָגענדיג בלויז די פסוקים פון דער תורה, און אַז רב נטרונאי גאון האָט דערפון געהערט, האָט ער זיך געערגערט אויף יענע

מענשען. וואס באגעהען זיך אזוי און האט געשריבען „אז דער וואס טוט אזוי איז ניט יוצא, און נאך מעהר, ער ווערט פארעכענט פאר אן אפיקורוס וואס לייקענט אין די רייד פון די חכמים ז"ל, און פארהאסט משנה און תלמוד, און די אידישע קהלות דארפען זיי לעגען אין חרם און זיי אפּ־זונדערען פון כלל ישראל (ווייטער אין נעקסטען קאפּיטעל). רב נטרונאי איז צו גרויס און וויכטיג אין אונזערע אויגען מיר זאלען קענען גלויבען. אז ער האט מיט אן אמת געדיינקט, אז דער וואס לאזט דורך פון דער הגדה די מחלוקת פון רב אליעזר און זיינע חברים וועגען דער צאהל פון די מכות, דארף ווערען אפּגעזונדערט פון אידישען פאלק. נאר דער אמת איז, אז לויט זיין מיינונג האט מען עס געדארפט נויטיג האבען פאר יענעם מאמענט צוליעב די קאראאימען, וואס האבען געהעצט און אפּגערעדט דעם פאלק פון תלמוד, און דעריבער האט ער אזוי מקפיד געווען אויף דער דאזיגער קלייניגקייט. און ווען מיר קוקען זיך צו צו נאך אנ־דערע תקנות און מנהגים פון די גאונים'ס צייטען, זעהען מיר באלד. אז מאסען זאכען האבען זיי אויפגעטאן צוליעב די נייעסען, וואס די קאראאימען האבען איינגעפיהרט אין זייער רעליגיאן. עס איז ווערט זיך צו פארטראכטען וועגען איין נארישען מנהג, וואס איז געווען איינ־געפיהרט אין די אידישע קהלות, און אפילו די גאונים וועלכע האבען פארשטאנען די נארישקייט דערפון, און זיך ניט געפיהרט אזוי אין די ישיבות — האבען דאך זיך ניט געפלייסט דעם מנהג אפּצושאפען. מיר ריידען וועגען דעם מנהג צו זאגען יום־כפור ביינאכט די תפלה פון „כל־נדרי". איניגע גאונים זיינען אנגעפרעגט געווארען אויף דעם דאזיגען מנהג, רב נחשון (חדושי גאונים, סימן מ"ד) און זיין זוהן רב האי (שערי תשובה סימן קמ"ג) און כאטש דער מנהג איז זיי ניט געווען געפעלען, האבען זיי איהם דאך ניט געקענט מבטל זיין. און רב סעדיה גאון האט אין זיין סדר תפלה (טור אורח חיים סימן תרי"ט) דערקלערט דעם זין דערפון און האט זיי געלאזען האלטען דעם דאזיגען מנהג (זעה ווייטער קאפּיטעל 14). און עס קען זעהר מעגליך זיין, אז דוקא דערפאר, וואס די קאראאימען האבען איינגעלעגט די וועלט געגען דעם דאזיגען מנהג, דעריבער האבען זיי איהם ניט אוועקגעווארפען. און ווירקליך איז עס געווען נויטיג פאר די גאונים צו פארשטארקען זייערע לערען, ווייל וואס מעהר די קאראאימען האבען געארבייט צו מאכען גרעסער די צושפּאל־טונג צווישען זיי און די רבנים, וואס מעהר זיי האבען זיך געפלייסט וואס ווייטער אוועקצוגעהן פון דער תורה שבעל פה און שיטען אויף איהר פער און שוועבעל — אלץ מעהר האט זיך געלעגט די פליכט אויף

די רבנים צו זארגען וועגען איהר און אפצוהיטען זי און מאכען וואס מעהר גדרים און באגרענצונגען, כדי דאס פאלק זאל ניט ארייַנפאלען אין די נעצען פון די קאראאימען, ווייל די קאראאימען האבען זיך געמיט מיט אלע קרעפטען צו פאנגען די הערצער פון די מענשען, וואס זיינען געגאנגען נאך די רבנים.

די גוטע ווירקונג
פון די קאראאימען
אויף די רבנים.

נאר עס איז פארלאפען דער גאנצער זעקסטער יאהרהונדערט און קיינער פון די גאונים האט זיך ניט אפגעגעבען דערמיט אומצואווארפען דורך גערעכטע ראיות אלע זייערע יסודות. זיי האבען זיך בלויז באגנוגענט מיט ווארפען זיי אין חרם, מיט אפזונדערען זיי פון כלל ישראל, כדי זייער ביישפיל זאל קיין גרעסערע שיכטען פון פאלק ניט פארכאפען. און ווי דער סוף האט באוויזען, האט זיך זיי דאס ווירקליך איינגעגעבען. די האפנונג פון די קאראאימען, אז זייער גלויבען וועט זיך פארשפרייטען איז ניט מקוים געווארען. זיי זיינען אויף אימער פארבליבען א קליינע כתה מיט א ניט באדייטענדען איינפלוס. אבער איין זאך קענען מיר ניט אפלייקענען, אז כאטש די גאונים און רבנים האבען זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט און ניט מורא געהאט פאר זיי, האט דאך די דאזיגע באוועגונג געווירקט אויף זיי ניט היילענדיג. מיר האבען שוין געזעהן, אז דער גייסט וואס שוועבט איבער די תשובות פון די גאונים האט זיך ביסלאכווייז געענדערט זינט די קאראאימען זיינען אויפגעקומען. דער חשק צו וויסענשאפטען, צו העברעאיש, שפראך־קענטניס און דקדוק האט ערוואכט ביי די רבנים, און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז איינע פון די סבות וועלכע האט געבראכט צו דער דאזיגער ענדערונג, איז געווען דאס שטרעבען פון די קאראאימען צו ענטוויקלען און פארפאלקאמען זיך אין די וויסענשאפטען, און דאס האט זעהר פיעל געווירקט אויך אויף די רבנים. אין אנפאנג פון זיבעטען יאהרהונדערט שפירט זיך שוין א נייער גייסט אין ווירקען פון די רבנים, וואס נעמט זיך דערפון, וואס זיי זיינען שוין אויף א העכערער מדרגה פון ענטוויקלונג געשטאנען. ווען מיר קוקען זיך צו צו זייער לעבען און ווירקען ענטפלעקען זיך פאר אונז נייע איינדרוקען פון זייער גייסטיגען צושטאנד, און מיר זעהען, אז מאנכע פון זיי פארנעמען זיך אויך מיט וויסענשאפטליכער פארשונג.

און דאך געפינען מיר אפילו קיין איינעם ניט צווישען זיי אלעמען, וואס זאל געווען באזיצען די געהעריגע בילדונג, אין די נויטיגע קענטנים אין דער העברעאישער שפראך און דקדוק אין דער מאס וואס האט זיך גע־פאדערט אויף צו קענען פארפיהרען ויכוחים מיט די קאראאימען, ווייל מיר קענען ניט לייקענען אז לויט דעם צושטאנד פון דער העברעאישער קענטנים אין יענער צייט זיינען זיי געשטאנען פיעל העכער פון די רבנים — און דעריבער האבען די גאונים ניט געקענט דעבאטירען מיט זיי דורכ'ן רוב פון זיבעטען יאהרהונדערט. אין לעצטען פערטעל אבער פון דערמאנטען יאהרהונדערט איז אויפגעשטאנען א גאון, וואס לויט זיין גרויסער בילדונג אין דקדוק, און לויט זיינע ידיעות, ווי אויך לויט זיין גרויסען גייסט אין יעדער חכמה איז ער געווען דער ריכטיגער מאן זיך אויפצוהויבען אנטקעגען זיי און זיי באקעמפען מיט וויסענשאפט־ליכען וואפען מיט דער האפנונג זיי צו באזיגען. דער דאזיגער מאן איז געווען — רב סעדיה גאון.

דעם פּערפֿאַסערס באַמערקונגען

קאפיטעל 1.

זייט 16, צייכען (א).

א) רב שרירא גאון צעהלט נאָך איינעם נאָך רב סימונא און דאָס איז רב רבאי דמן רוב, און ער ווייזט אָן אויף דער גמרא פון סנהדרין (מ"ג) והכי גרסינן: ואם אינן מתנדבות משלהן — משל מי? (אויב זיי זיינען ניט מנדב פון זייערס, פון וועמען דען?) אמר רב רבאי דמן רוב: מסתברא דמשל צבור... (האָט רב רבאי דמן רוב געזאָגט, די סברא גיט מיט, אַז פון צבור) און אין אונזער גמרא געפינט זיך לא התנדבו נשים — משל מי? הא ודאי מסתברא... און עס ווייזט אויס, אז דאָ איז פאַראַן א טעות סופר. פון די ווערטער אמר רב רבאי איז געוואָרען הא ודאי. און אַזוי האָט אויך גע־שריבען בריל אין דער שטעלע, אויף וועלכער איך האָב אָנגעוויזען אין טעקסט זייט 59, און אין דקדוקי סופרים האָט ער געשריבען אין נאָמען פון רב חננאל, אַז מיר זיינען אַזוי גורס: האָט עס אויסגעטייטשט רב רבאי דמן רוב — די סברא גיט מיט, אז פון צבור וכו׳ (און אַזוי ווייטער).

זייט 16, צייכען (ב).

ב) רב שרירא גאון איז מיחס די גאַנצע סוגיא פון אָנהויב „קידושין" ביז צו „בכסף מנלן?" צו די רבנן סבוראי. און זעה דעם דריטען טייל פון אונזער חבור זייט 220 און דער בעל העטור שרייבט זי צו צו רב הונא גאון פון סורא. און ווידער האָט געשריבען רב שרירא גאון אין זיין בריף, אַז עס זיינען אריינגעקומען אין דער גמרא פיעלע סברות פון די רבנן סבוראי. און זעה כרם חמד, חלק ו׳, זייט 250, וואָס הרב רש"ל ראפאפארט האָט געשריבען וועגען דעם דאָזיגען ענין. און אין תוספות כתובות (ב:) פאראגראף „פשיט" האָט דער רשב"ם געשריבען, אז אין יעדער פשיט רב אחאי אָדער פריך רב אחאי איז די כונה אויף רב אחאי דעם בעל השאילתא, און אין תוספות שוין האָבען זיי די דאָזיגע השערה סותר געווען.

זייט 17, צייכען (ג).

ג) אין כרם חמד, וואָס איך האָב דערמאָנט אין דער פאָריגער הערה, האָט געשריבען רש"ל ראפאפאָרט: נאָך מיין מיינונג באדארף מען צו זיי מיחס זיין די אלע הויות און מסקנות, וואָס קומען אין די סוגיות נאָך די גאָר לעצטע אמוראים, ווי, למשל, אין גטין (מ.) מר בר רב אשי זאָגט: „טראָגען טאָר מען אויך ניט וכו'". און עס איז ניט אַזוי. טראָגען מעג מען יאָ וכו׳. נון, איז דער געדאַנק, וואָס ווערט ארויסגעזאָגט אין ערשטען טייל פון דיזען מאמר, אז אלעס וואָס קומט אין די סוגיות נאָך די גאָר לעצטע אמוראים באדארף מען מיחס זיין

צו די רבנן סבוראי, אַ זעלבסטפאַרשטענדליכער, און ווען מיר וואָלטען געפונען אזוינע שטעלען, וואָלט ווירקליך געווען דער אמת, ווי עס ווערט געזאָגט דאָרטען. ער האָט אונז אבער נִיט געזאָגט, אוואו ער האָט אַזוינס געפונען. ווארום דאָס, וואָס ער האָט אָנגעוויזען אויף גטין, געפעלט מיר, אַז עס איז קיין ראיה ניט. הרב ראפאפאָרט האָט געדענקט, אז מר בר רב אשי איז גאָר דער לעצטער אמורא, און ער האָט פאַרגעסען, אַז נאָך איהם איז געווען רבא תוספאה און נאָך רבא'ן רבינא בר הונא, און דעריבער — ווער האָט עס איהם געזאָגט, אַז דער דאָזיגער „ולא היא" (און עס איז ניט אַזוי) איז ניט פון איינעם פון די דאָזיגע צוויי אמוראים.

זייט 18, צייכען (ד)

ד) דער וואָס פאַרשטעהט דעם צוועק פון מיין חבור וועט אַליין פאַרשטעהן, אז מיין כונה איז ניט מיט דעם מדקדק צו זיין וועגען יעדען איינציגען פרט פון די הוספות, ווארום דאָס איז א באזונדער ארבייט. פאר אונזער צוועק איז אונז געננג די אַלגעמיינע זאכלאגע, אַז די רבנן סבוראי האָבען מוסיף געווען אויף דער גמרא און איבערגעבען אין אַלגעמיינע שטריכען דעם כאַראַקטער פון די הוספות. און דער וואָס וויל זיך אָפּשטעלען אויף די פרטים זאָל נאָכזעהן אין דעם מאמר פון רבי נחום ברילל, אויף וועלכען מיר האָבען אָנגעוויזען אין טעקסט. דאָרטען זיינען געבראכט געוואָרען באריכות די אַלע דיעות פון די לעצטע מחברים בנוגע צו דיזען געגענשטאַנד, און ער האָט פאַר אונז כמעט גאָר ניט איבערגעלאָזט, מיר זאָלען זיך קאָנען אין דעם אויסצייכענען.

זייט 19, צייכען (ה).

ה) וועגען די סימנים זעה כרם חמד, חלק ו', זייט 253 און ספר דורש לציון פון הרב יעקב ברילל, וועלכער רעדט מיט חכמה וועגען דיזען געגענשטאַנד און אין יאהרבוך פון רבי נחום בריל הנ"ל פון זייט 59 און ווייטער.

זייט 20, צווייכען (ו).

ו) פון די דאָזיגע צוויי דיעות העננען אָפּ די גירסות, וואָס מיר געפינען אין די ראשונים בנוגע צום ענין פון תקנת מורדת, וואָס מיר וועלען ברענגען ווייטער, די דאָזיגע תקנה האָט לדברי הכל מר רבא פון פומבדיתא מתקן געווען. און לויט דער מיינונג פון רב שרירא גאון איז דיעזער רבא ניט געווען פון די רבנן סבוראי, און עס איז דאָ דערויף אַן הסכמה אין דער גירסא פון תשובות הגאונים אין שערי צדק, חלק ד', סימן ט"ו, אַז נ אָ ך די רבנן סבוראי איז די דאָזיגע תקנה איינגעפיהרט געוואָרען, און אַזוי איז דאָס אויך אין רי"ף און אין רא"ש און אין הגהות אשר"י אין כתובות פרק „אף על פי". אין „הגהות מיימוני" אָבער פרק י"ד פון אישות שטעהט געשריבען אין נאָמען פון רבנו גרשום מאור הגולה: די רבנן סבוראי, וואָס נאָך דער הוראה האָבען מתקן געווען אָפּצונעמען פון איהר, וואָס זי האָט פאַרכאפּט און איהר געבען באלד א גט, און אַזוי איז דאָס אויך אין תוספות כתובות (ס"ג:) פאַראגראף „ואינהו", און אַזוי האָט אויך געשריבען דער בעל העיטור אות מ' און אַזוי איז דאָס אויך אין מרדכי צום סוף פון פרק אף על פי, און די אַלע זיינען נאָכגעגאנגען נאָך דער שיטה פון ראב"ד, וואָס אמבאלאנגט דער

ציוט פון די רבנן סבוראי. און אין אמת'ען קאָן מען פון זיי קיין ראיה ניט ברענגען, ווארום זיי האָבען אין אַזוינע ענינים ניט מדקדק געווען פיעל און זיי האָבען פאַרביטען די דורות און געענדערט די ציוטען. און זעה, וואָס דער מרדכי האָט געשריבען אין דער הגהה צו גטין סימן ת"ס.

זייט 20, צייכען (ז).

ז) עס איז א וואונדער אין מיינע אויגען, וואָס זיי האָבען גוזר געווען אויף מפטיר זיין פון נביאים שבת צו מנחה, און זיי האָבען ניט גוזר געווען אויף מפטיר בנביא זיין בכלל און אויף קריאת התורה. און מיר זעהען דער־פון, אז דאָס מפטיר זיין פון נביאים ביי דער שבת'דיגער מנחה איז אַנדערש געווען: מען האָט מפטיר געווען מיט די נחמות פון ישעיהו, ווי עס שטעהט געשריבען אין חמדה גנוזה. און מען האָט אָהן צווייפעל אויך גע'דרשנ'ט וועגען זיי, כדי צו שטאַרקען דאָס פאָלק אין זייער ציוט, און דאָס איז זעהר ניט געפעלען געווען דער רעגיערונג, און איך האָב דאָס זעלבע געפונען אין ערך מלין, ערך אפתיתא 171. וזה לשונו: „און זיי האָבען ניט געוואָלט, מען זאָל לייענען די נחמות פון ישעיהו און דרשנ'ען וועגען זיי, כדי דאָס אידישע האַרץ זאָל זיך ניט ציהען צום הייליגען לאנד".

זייט 21, צייכען (ח).

ח) דער תואר גאון, האָט גרעץ גערעכענט (חלק ה' 140), איז ניט קיין העברעאישער, נאָר ער איז גענומען פון די אַראַבער אָדער פערזיאנער. און אין ספר ערוך השלם האָט דער הרב המחבר געוויזען, אז אין פערזיש און אַראַביש געפינט זיך אַזאַ עפיטעט, וואָס באדייטעט א איש מכובד און לעהרער פון געזעץ און דת. פונדעסטוועגען זעה איך ניט קיין נויטווענדיגקייט דערצו, ווארום מיר געפינען, אז שוין די קדמונים האָבען גערופען הויכגעשטעלטע מענשען מיט דעם נאָמען גאון, ווי אין ספרי פרשה בחוקותי: ושברתי את גאון עוזכם (און איך וועל צוברעכען דעם שטאָלץ פון אייער שטאַרקייט) — דאָס זיינען די גרויסע (גאונים) מענשען, וועלכע זיינען דאָס שטאָלץ פון די אידען (גאונם של ישראל), ווי פפוס בן יהודה וכו' און די עלטסטע און גרעסטע פון פאָלק ווערען אָנגערופען גאים, ווי זיי האָבען גע'דרשנ'ט (עבודה זרה י"א און לויט דער גירסא פון ילקוט): „שני גוים בבטנך" — זאָלסט ניט לייענען גויים נאָר גאים. דאָס זיינען אנטוניגוס און רבי. און זעה אויך אין חולין (צ"ב) ווי ער ברענגט שרי גאים. און אין די בריף פון רב שרירא גאון באַטיטעלט ער אמאָל אויך די אמוראים מיט'ן טיטול גאון. און דאָס איז דערפאַר, וויל גאון איז אן אָנגענומענער טיטול געווען אין זיין ציוט, האָט ער מיט איהם אויך די אמוראים באַצייכענט. עס מיינט אבער ניט, אז שוין אין זייערע ציוטען איז דער טיטול גאון געווען.

זייט 21, צייכען (ט).

ט) אין די תשובות פון די גאונים (דפוס ליק, תרכ"ד) סימן מ"ה ווערט געבראכט אין נאָמען פון דאָזיגען רב מארי און זיין פאָטער רב דימוי א פירוש וועגען די ווערטער היזמי והיגי, און רב יהודאי גאון איז דאָס דער, וואָס ברענגט זיי און מיט זייערע רייד קאָן מען פאַרענדיגען די צאָל פון די

פירושים אויף די דאָזיגע ווערטער, וועלכע דער בעל הערוך האָט מסדר געווען אין ערך היזמי. און אין די הלכות גדולות הלכות מילה (דפוס וויען כ"ב) איז פאַראַן א הוראה פון מר רב מארי וועגן די הייראט צווישען א ממזר און א שפחה. מעגליך, אז ער מיינט דעם דאָזיגען רב מארי.

זייט 25, צייכען (י).

י) זעה אין רמב"ם הלכות נחלות, פרק ד', הלכה ו'. עס ווייזט אויס פון זיינע רייד, אז זיי באַציהען זיך אויף דער דאָזיגער תשובה, וואָס מיר האָבען פאר אונז, און דער ראב"ד האָט אויף איהם מהרהר געווען, און לויט דער דיעה פון רמב"ם פאַרלאָזט מען זיך ניט אויף דער חזקה, אַז אַ מאַן מאכט ניט זיין געשלעכטליכען פאַרקער פאר זנות אין סתם פעלע. און דער הרב המגיד האָט מפרש געווען זיינע רייד און ער פיהרט אויס, אז די חכמים האָבען געזאָגט: אין אדם עושה את בעילתו בעילת זנות, נאר דאָרטען, אוואו עס איז דאָ א צד קידושין. און אין אמת'ען איז אומעטום, אוואו עס געפינט זיך אין ש"ס די דאָזיגע חזקה, דער ענין פון קידושין פאַראַן. דער רא"ש אבער אין פרק ב' דיבמות, סימן ג', האָט ניט אַזוי געשריבען און ער קריגט אויף דעם רמב"ם. איך האָב שוין אָבער געזאָגט, אז פאר דעם רמב"ם זיינען געווען ניט נאָר די תשובה פון רב נטרונאי און די תשובה פון דעם, וואָס האָט געקריגט אויף איהם, וועלכע ווערען געבראכט פון הרב המגיד רא"ש און רי"ף, נאָר אויך די, וואָס מיר האָבען פאר אונז. און זעה נאָך אין די דאָזיגע אַלע ערטער. און דאָ איז ניט דער פּלאץ מאריך צו זיין וועגען דאָזיגען דין, וואָרים מיר האָבען צו רעדען נאָר וועגען דעם פסק פון די ערשטע גאונים.

זייט 26, צייכען (י"א).

י"א) אין דעם בריף פון רב שרירא ווערט געשריבען: און זיי האָבען געזאָגט, אז עס איז געווען אין סורא אין יענער צייט (שע"ד) רב חיננאי און רב חנא גאון פון פומבדיתא. און רב יצחק, וועלכער איז געווען אין פרוז שבור וכו', און נאָך איהם איז געווען רב רבא, און ער האָט ניט געזאָגט, וואו רב יצחק איז געווען? און וואָס איז דער פשט פון וואָרט אחריו? און על כל פנים איז ער ניט געווען אין סורא, ווארום אויב אַזוי, וואָס איז דער ואחריו? ווארום נאָך זיין מי[illegible]ג איז מר רבא געווען אין פומבדיתא און מיט איהם רב הונא פון סורא אין פומבדיתא, ווי עס שטעהט אונטען ביי מר שמואל וזה לשונו: און דער פאָטער פון דעם מר שמואל איז געווען דער זוהן פון מר רבא, וואָס מיר האָבען געשריבען, אז ער איז געווען אין פומבדיתא און מיט איהם איז געווען רב הונא פון מתא מחסיא. און נאָך זיין מיינונג, איז אין זייער צייט געווען רב ששנא אין סורא. דאָס אלעס איז ערקלעהרט אין דעם בריף, און אפילו לויט דעם ראב"ד קען מען נאָר אויסדרינגען, אז רב יצחק איז געווען א ראש ישיבה, ווען עלי איז געקומען נאָך בבל, עס איז אָבער ניט קלאָר, אין וועלכער ישיבה. ער שרייבט: מר הונא אין סורא און מר רבא אין פומבדיתא און נאָך זיי רב ששנא און רב כוסאי. נאָר גרעץ האָט געשריבען, אז רב יצחק איז געווען גאון אין סורא און נאָך איהם מר הונא און רבא אין פומבדיתא, און איך ווייס ניט דעם מקור. און איך האָב געזעהן, אז אין סדר

הדורות און צמח דוד האָבען זיי געמאכט רב יצחק'ען פאר א ראש ישיבה אין פומבדיתא, שטיצענדיג זיך אויף דעם ראב"ד און דאָס איז כלל ניט געדרונגען פון די רייד פון ראב"ד.

זייט 26, צייכען (י"ב).

י"ב) דער ראב"ד ברענגט אויך רב יצחק בר ישי. און דאָס איז א טעות סופר. עס באַדאַרף זיין צדוק אנשטאט יצחק, און איך האָב געפונען אין ספר „האשכול", אז ער ברענגט דעם דאָזיגען פירוש אין ענין פון „אגרות רשות" אויף דעם נאָמען פון רב צדוק. פון דעם אָבער, וואָס מיר געפינען דעם דאָזיגען פירוש אין הלכות גדולות מיט דעם לשון „און די רבנן זיינען מפרש" איז געדרינגען, אז דאָס איז א פריהעריגער גאון, און מיר געפינען ניט קיין גאון מיט דעם נאָמען צדוק, אויסער רב צדוק בר רב אשי, און ער איז געווען שפעטער פון בעל הלכות גדולות. און ווירקליך דער טעות צווישען צדוק און יצחק איז א געוועהנליכער. זעה מכילתא יתרו פרשה א' און אין מדות סופרים דאָרטען, אות ח'.

זייט 27, צייכען (י"ג).

י"ג) רב שרירא גאון האָט געשריבען: און מיט איהם איז געווען רב הונא דמתא מחסיא. פון לשון מיט איהם ווייזט אויס, אז ער איז געווען מיט רבא'ן אויף איין אָרט. און די כונה פון דבור „דמתא מחסיא" איז ניט, אַז ער איז דאָרטען געווען גאון, ווארום אויבען האָט ער בפירוש געשריבען, אז אין דער צייט פון רבא איז רב ששנא געווען אין סורא. און דעריבער איז די כונה, אַז ער איז געווען פון סורא און צוליעב זיין חכמה איז ער גערופען געוואָרען קיין פומבדיתא. און מיר געפינען אויך דאָס זעלבע ביי רב יהודאי, וואָס שלמה נשיאה האָט איהם באשטימט אלס גאון. ער האָט איהם גערופען פון פומבדיתא נאָך סורא צוליעב זיין חכמה, און זעה אויבען הערה ניין.

זייט 27, צייכען (י"ד).

י"ד) פון לשון פון דער תשובה איז געדרינגען, אז זיי געהען אין די געריכטען פון די גויים און זיי צווינגען אויף א גט. און עס קומט צוליעב דעם אַרויס א תקלה, ווארום זיי האָבען חתונה נאָכדעם פאַר אידען דורך א געצוואונגענעם גט. און פון ראַ"ש פרק אף על פי, סימן ל"ה, ווייזט אויס, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבען מורא געהאט, אז זיי וועלען זיך אָנהענגען אין גויים און וועלען ארויסגעהען לתרבות רעה, און אַזוי האָט אויך געשריבען דער מרדכי צום סוף פון פרק אף על פי און אויך אין „שלטי גבורים", און לויט מיין מיינונג איז דער עיקר, ווי איך האָב געשריבען.

זייט 29, צייכען (ט"ו).

ט"ו) אויסער די דאָזיגע תשובות, וואָס איך האָב געבראכט אין טעקסט, האָב איך געפונען נאָך מאנכע תשובות, וואָס זיינען צוגעשריבען צו רב ששנא גאון. אין די תשובות ישנות, דפוס קאָנסטאַנטינא, האָב איך געפונען צוויי תשובות פון איהם אין ענין פון עירובין און שתופי מבואות און עס געפינט זיך אין זיי נאָר די באשטעטיגונג פון דער הלכה. און אין שערי צדק, חלק ד', שער ג', סימן י"ד ענטפערט ער וועגען א ענין פון א מעשה שהיה און

זיין תשובה איז על פי רוב פון שקול הדעת. אויך דאָרטען שער ד׳, סימן ל״ג איז דער ענין פון דער תשובה קובע הלכה צו זיין, און אין די אויבענדער־מאָנטע תשובות ישנות, וועלכע ווערען אויך אָנגערופען הלכות פסוקות ווערט געבראכט א תשובה אין הלכות יין נסך און ער האָט מתיר געמאכט פון זיין שקול הדעת. אמת, די תשובה איז געשריבען אויף דעם נאָמען פון רב בשושא. עס איז אָבער ניטאָ קיין גאון מיט דעם דאָזיגען נאָמען און עס באַדאַרף אָהן צווייפעל זיין רב ששנא. און כאָטש אין א שפּעטערדיגער צייט איז געווען איי־נער פון די גרעסטע חכמים, וואָס האָט אויך געהייסען רב ששנא, וועלכער איז געווען דער פאטער פון רב עמרם גאון, פונדעסטוועגען האָב איך צוגעשריבען די דאָזיגע אלע תשובות צום פריהעריגען רב ששנא, ווייל פון זייער כאַראַק־טער זעהט מיר אוים, אז זיי זיינען אויף דעם שטייגער פון די קדמונים. און ווידער רב ששנא דער פאטער פון רב עמרם גאון איז ניט געווען פון די ראשי ישיבות און עס זיינען אויף זיין נאָמען קיין תשובות ניט געשריבען גע־וואָרען.

זייט 30, צייכען (ט״ז).

ט״ז) איך האָב אפילו קיין איינעם ניט געפונען צווישען די דאָזיגע אלע גאונים, וועמען מען זאָל קענען צושרייבען אויף זיכער א תשובה פון די תשובות, וואָס איך האָב געזעהן, אויסער צו רב יעקב כהנא. אין שערי צדק, חלק ד׳, שער ג׳, סימן ל״ה: א שכיב מרע וואָס האָט געזאָגט, בנין ובנן לירתון בנכסי אחרי (מיינע זיהן און טעכטער זאָלען ירשנ׳ען מיינע נכסים נאָך מיר) און ער האָט געזאָגט בלשון ירושה, האָט געזאָגט דער גאון, אַז ער האָט דאָס רעכט צוטיילען זיינע נכסים צו יעדען וועמען ער וויל, ווארום די הלכה איז ווי ר׳ יוחנן בן ברוקא, און דאָס איז ניט לויט דער מסקנא פון דער גמרא בבא בתרא (ק״ל.) און זעה וואָס עס האָט געשריבען ר׳ חיים מודעי, וואָס האָט אַרויסגעגעבען די תשובות אין זיין הערה. און איך האָב געזעהן, אז החכם גרעץ אין חלק ה׳ אין די הערות, וואָס צום סוף פון ספר, סימן י״ד, האָט צו־געשריבען צו רב נטרונאי בר נחמיה, וועלכען איך האָב געבראכט אין טעקסט פיער תשובות אין שערי צדק, שער ו׳, סימן ז—י, זייט כ״ד אין ענין פון צוריקקערען פון די כופרים צום דת היהדות. און טראָץ דעם, וואָס ער האָט דאָרטען א דבר חכמה געזאָגט און מיט גרויסער חריפות, פונדעסטוועגען באַ־דארף מען נאָך גוט מעיין זיין וועגען דעם. ווי עס וועט נאָך ערקלערט ווערען אין דעם, וואָס וועט קומען, ווען מיר וועלען רעדען וועגען דעם שפּעטעריגען רב נטרונאי.

קאַפּיטעל 2.

זייט 33, צייכען (א).

א) דאָס, וואָס רב שרירא גאון האָט געשימפּפט בוסתנאי׳ס זיהן און איי־ניקלעך געהט נאָר אויף זיי. ער אליין אבער איז געווען א צדיק. אַזוי איז געדרינגען פון די תשובות שערי צדק, חלק א׳, שער א׳, סימן י״ז.

זייט 34, צייכען (ב).

ב) עס איז א וואונדער אין מיינע אויגען אויף דעם, וואָס החכם גרעץ האָט געשריבען אין זיין ספר חלק ה׳, זייט 150, אז די נדבות אין נדרים,

וואָס זיינען געשיקט געוואָרען סתם צו די ישיבות אָהן אַן אויסדריקליכער באַשטימונג זיינען איינגעטיילט געוואָרען אין דריי חלקים און צוויי דריטעל פון זיי האָבען זיי געגעבען צו דער ישיבה פון סורא און איין דריטעל צו דער ישיבה פון פומבדיתא. איך האָב פאַר דעם ניט געפונען אין ערגעץ קיין קוועלע. און פון דעם בריף פון רב עמרם גאון, וואָס ער האָט געשריבען נאָך שפּאַניען דאָן, ווען ער האָט זיי געשיקט דעם סדר התפלות, האָב איך אַרויסגענומען, אַז אַמאָל האָבען זיי געשיקט די מתנות אַ טייל פון זיי צום ראש ישיבה און אַ טייל אין דער קאַסע פון דער ישיבה. זעה דאָרטען.

זייט 34, צייכען (ג).

ג) דער מקור פון אַלעם דעם, וואָס מיר האָבען געשריבען אין טעקסט, איז דער מאמר פון ר׳ נתן הבבלי, וואָס איז בייגעלעגט געוואָרען אין ספר יוחסין צו דעם בריף פון רב שרירא גאון. און אין יענעם מאמר זיינען פאַרצייכענט און דערקלערט נאָך פיעלע זאַכען, מיט וועלכע דער ראש ישיבה פון סורא שטעהט העכער פון ראש ישיבה פון פומבדיתא. פאַר אונזער צוועק אָבער איז ניט נויטיג צו ברענגען זיי דאָ.

זייט 39, צייכען (ד).

ד) וועגען תשובות, וואָס זייער ענין איז נאָר פשט אין דער גמרא און קובע הלכה זיין זעה אויבען קאַפּיטעל א׳ און זיי זיינען א סך. און צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען אַזוי פיעל קאָן מען אויף זיי אַלע ניט אָנווייזען, נאָר אויף אייניגע פון זיי. זעה שערי צדק, שער א׳, סימן ב׳, ג׳, ד׳, ו׳, ז׳, י׳ — י״ג, י״ח — כ״א, כ״ה, ל׳, מ״ב, און נאָך אַנדערע. און באַזונדערס געפינען זיך פון זיי פיעלע אין די הלכות פסוקות. און פירושים זעה אין חידושי גאונים, און אין די תשובות דפוס ליק און בערלין און לייפּציג. דער רוב פון די תשובות דאָרטען זיינען פון דעם מין, און פיעלע פון זיי געפינען זיך אין שערי צדק און הלכות פסוקות.

זייט 39, צייכען (ה).

ה) מען באַדאַרף ניט קיין ביישפּיעלע. אוואו נאָר מיר וועלען אויפעפענען איינעם פון די ספרים פון די תשובות הגאונים, וועלען מיר געפינען א ביישפּיעל. מיר וועלען נאָר אויפמערקזאַם מאַכען אויף די תשובות פון רב יהודאי, וואָס דער רוב זייערער איז ווי הלכה למשה מסיני.

זייט 40, צייכען (ו).

ו) זעה אין מיין דאָזיגען חבור, חלק ג׳, זייט 224 און ווייטער. דאָרטען האָב איך געבראַכט פיעלע ראיות אויף דעם און עס איז ניט נויטיג ווידערהאָלען די רייד. און זעה נאָך אויבען, פרק א׳ אין די הערות. און זעה שערי צדק, חלק א׳, שער א׳, סימן א׳, אַז די גאַנצע תשובה איז ניט ריכטיג לויט דער גמרא, ווי עס האָט שוין אויפמערקזאַם געמאַכט הרב המגיה ר׳ חיים מודעי. און זעה נאָך ווייטער קאַפּיטעל ב׳.

זייט 40, צייכען (ז).

ז) אין חלכות פסוקות הלכות כלאים. רבי הלאי האָט געזאָגט, און אין ענין פון דרעשען מיט אן אָקס און אַן עזעל האָבען די רבנן געזאָגט, פאר וואָס האָט די תורת גע'אסר'ט אקערען מיט אן אָקס און אַן עזעל משום דשור פשר וחמור לא פשר. דעריבער איז אסור און דרעשען איז אויך ווי אַקע־רען גלייך און עס איז אויך אסור, און דאָס איז ניטאָ אין דער גמרא.

זייט 40, צייכען (ח).

ח) אין שערי צדק, שער ד', סימן א', ווען מען געהט צוריק פון בית הקברות באדאַרף מען זיך זעצען זיבען מאָל, ווארום די רוחות באַגלייטען איהם און יעדען מאָל, וואָס מען זעצט זיך, אנטלויפט איינער פון זיי. און ביז צו היינטיגען טאָג נאָך האלט מען זיך ביי דעם דאָזיגען מנהג שטות. און ער איז אַריינגענומען געוואָרען אין שלחן ערוך, סימן שע"ו סעיף ד' אין די הגהות הרמ"א. און זעה דאָרטען אין ש"ך און אין ט"ז. דער מנהג צו נעמען היהנער ערב יום כפור פאר א כפרה און זאָגען זה תחת זה און אַזוי ווייטער, איז אונז געבליבען בירושה פון די גאונים. און זעה חדושי גאונים, סימן צ"ג און אין שערי תשובה, סימן רצ"ט און אין הלכות פסוקות. און עס ווייזט אויס, אַז אויך דער מנהג ניט פראַוען קיין חתונות צווישען פסח און שבועות איז פון די גאונים איינגעפיהרט געוואָרען. זעה אין די שאלות ותשובות שערי תשובה, סימן רע"ח, און זעה אויך אין די חידושי גאונים, סימן קס"ו.

זייט 40, צייכען (ט).

ט) זעה אין שערי צדק, שער א', סימן כ"ג, אַ תשובה פון רב סעדית גאון וועגען דעם ענין וועד איז ראוי צו מיבם זיין. שוין אין דער שאלה האָבען זיי געפרעגט וועגען די אלע מעגליכע אופנים און ער ענטפערט אויף אַלעס און פאַרענדיגט אָט ווי די דאָזיגע דינים באדאַרף מען אין אלע אופנים טון און מען טאָר ניט ענדערען. און דאָרטען שער ב', סימן א' — בנוגע די דינים פון א גט און זיינע תנאים, וועלכער נעמט ארום דעם גרעסטען טייל פון די דינים פון גט, און מיר ווייזט אויס, אַז די דאָזיגע תשובה איז פון רב האי גאון, ווארום אין אָנהויב זאָגט ער, אַז מען באדאַרף לכתחלה פאר־פערטיגען די מגלה (דעם פּאַפּיער), אויף וועלכען מען שרייבט דעם גט, אַז זי זאָל ניט זיין מחוסר קציצה (מען זאָל זי ניט באַדאַרפען אפּרייסען ערשט נאָך דעם שרייבען) און אויב ער האָט געשריבען אין דער מגלה און ערשט נאָכדעם אָפּגעריסען איז דאָס בדיעבד א גוטער גט. און דאָס איז די שיטה פון רב האי, וואָס ווערט געבראַכט אין ר"ן, אין גטין פרק ב'. דאָרטען חלק ה', שער ז' סימן כ"ח האָט ער צונויפגענומען די אלע דינים פון פסול'ע עדות, וואָס זיינען פסול צוליעב קרובה'שאַפט אָדער צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען עובר געווען אויף אַן עבירה סיי מדאורייתא און סיי מדרבנן. און זי איז צוגע־שריבען צו רב שרירא גאון. און אין די תשובות גאונים קדמונים (דפוס בערלין תר"ח) סימן א' ווערט זי צוגעשריבען צו רב נחשון, און עס איז פאַ־ראַן א קלייננער אונטערשיד צווישען זיי אין סגנון פון דער שפּראַך און עס איז לויכט איינצוזעהן, אַז זיי זיינען איין תשובה. מעהר ניט אין די תשובות

גאונים קדמונים איז זי פאַרגרייזט געוואָרען אָדער געפעלשט געוואָרען, און אין חמדה גנוזה, סימן קי״ג איז רב צמח גאון געפרעגט געוואָרען וועגען א גוי, וואָס האָט ארויסגעטאָן זיין האנט אין וויין פון א אידען, און ער האָט זיי געענטפערט און געשריבען. זיי האָבען אייך געשריבען אויף אונזער באַפעהל נאָר מאנכע פון די כללים פון יין נסך. און אין די תשובות פון גאונים קדמונים, סימן מ״ו איז די דאָזיגע תשובה געשריבען געוואָרען אויף דעם נאָמען פון מר שר שלום.

זייט 41, צייכען (י).

י) זעה וועגען ענין פון נדוי און חרם אין זייער צייט אין שערי צדק, חלק ה׳, שער ד׳, סימן י״ד און אַזוי האָט געענטפערט רב פלטוי (דער, וואָס דער בית דין האָט איהם מנדה געווען דרייסיג טעג, ווי דערפאר, למשל, וואָס ער האָט עובר געווען אויף איינע פון די פיער און צוואנציג זאַכען, וואָס מען איז מנדה אויף זיי — זעה ירושלמי מועד קטן, פרק ג׳ — און ער האָט ניט חרטה געהאט איז מען איהם מחרים — נדוי איז א גרינגערע מדרגה פון חרם — און אַזוי באגעהט מען זיך מיט דעם ארויסגעוואָרפענעם אין חרם) מען רופט אויס וועגען איהם, אז זיין ברויט איז דאָס ברויט פון א גוי און זיין וויין איז יין נסך און זיינע פירות זיינען טבל (וואָס עס איז ניט אַראָפּגענומען געוואָרען פון זיי די תרומות און מעשרות) און זיינע ספרים — ספרים פון מכשפים, און שניידט אויס זיינע ציצית און רייסט ביי איהם אַוועק זיינע מזוזות און איהר זאָלט ניט דאַוונען צוזאַמען מיט איהם און איהר זאָלט ניט מל זיין זיינע קינדער און ניט לערנען זיינע זיהן אין שולען, און ניט באַגראָבען זיין מת און איהר זאָלט איהם ניט ארייננעמען ניט אין קיין חבורת (געזעלשאַפט) מצוה און ניט אין קיין חבורת רשות (ערלויבטע) און שווענקט אויס דעם כוס נאָך איהם און זייט זיך נוהג מיט איהם א מנהג של בזיון און מנהג אחרים, און דאָס אלעס האָט קיין שורש ניט אין דער גמרא. די גאונים אליין האָבען עס ערפונדען די דאָזיגע אלע שעהנע זאכען. און זעה ים של שלמה אויף בבא קמא, פרק י׳, סימן י״ג, וואו ער האָט תרעומות אויף דעם גאון.

זייט 43, צייכען (י״א).

י״א) אין די שאלות ותשובות שערי צדק געפינט זיך אפילו קיין איין תשובה ניט אין עניני אגדה, און אויך אין די תשובות קדמוניות (דפוס קאנסטאנטינא) געפינט זיך גאָר ניט וועגען אגדה. איך קען אבער וועגען די ניט אורטיילען אויף קלאָר, ווארום איך האָב פון זיי אין מיין האנט נאָר א קליינעם פראגמענט, און מיר געפינען גאָר ניט וועגען אגדה אויך אין די הלכות פסוקות פון די גאונים (דפוס קאָנסטאנטינא, רע״א). נאָר אין די תשובות הגאונים דפוס ליק געפינען מיר פינף קורצע תשובות וועגען אגדה, וואָס זיינען צוגעשריבען צו רב יהודאי גאון. זעה דאָרטען אין סימן מ״ח. דער פירוש וואָס אין סימן כ״ח דאָרטען, וואָס איך האָב געבראכט אין טעקסט, האָב איך מיחס געווען צו א גאון קדמון, ווארום דער אויסדרוק „און מיר געפינען אין פירוש פון גאון ז״ל" שיינט מיר אַזוי צו זיין דער פשט. און אויך ווייזט

דער טערמין ואשכחן (מיר געפינען) לויט מיין מיינונג אויף פאַרשריבענע זאַכען.

זייט 44, צייכען (י"ב).

י"ב) מיר זיינען געצוואונגען צו זאָגען, אז די דאָזיגע תשובה איז ניט פון רב נטרונאי, ווארום ער דערמאָנט דאָך אין איהר רב מתתיה גאון און רב עמרם גאון און וועגען זיי ביידען האָט ער געשריבען ז"ל. און ווירקליך לויט דעם סדר פון די גאונים איז דאָס ניט ריכטיג, ווארום רב מתתיה איז ניט גע־שטאָרבען, ווען רב נטרונאי האָט נאָך געלעבט און רב עמרם גאון האָט געלעבט נאָך פיעלע יאָהרען נאָך איהם.

זייט 44, צייכען (י"ג).

י"ג) איך מיין מיט דעם די תשובות, וועלכע עס האָט מיר געגעבען הרב ר' יואל מילער אין כתב יד און זיי ווערען אָנגערופען: הלכות פסוקות פון די גאונים אויף איסור והיתר אויף דעם ספר זרעים און אויף דעם ספר המדע און אויף דעם ספר קדושה און אויף דעם ספר טהרה און אויף דעם ספר נשים און אויף דעם ספר הפלאה. פון דעם זעהט מען, אז דער מסדר האָט געלעבט שפעטער פון רמב"ם און האָט מסדר געווען זיינע הלכות לויט די ספרים, וואָס אין יד החזקה. און ווייטער פרק ג', הערה 10, האָב איך געבראַכט פינף תשובות, וואָס דער מסדר האָט פאַרשריבען אויף דעם נאָמען פון רב שמעון מקאַאירא און זיי זיינען אלע גענומען מיט דער שפראַך, אין וועלכער זיי זיינען געשריבען פון אונזער הלכות גדולות, דורכלאָזענדיג נאָר די ראיות, און זיי זיינען ניט קיין תשובות, וואָס ער האָט געענטפערט. און אַזוי געפינען זיך פיעלע פון זיינע תשובות אין אנדערע זאמלונגען, ער האָט זיי נאָר פאַרקירצט און האָט דורכגעלאָזט די ראיות. אין די שאלות ותשובות גאונים קדמונים מ"ו גע־פינען מיר א לאנגע תשובה אין נאָמען פון רב שר שלום אין ענין פון די כללים פון יין נסך און די דאָזיגע תשובה איז אויך פאַראַן אין די חידושי גאונים, סימן קי"ג אויף דעם נאָמען פון רב צמח גאון. און אין די דאָזיגע הלכות פסוקות, הלכות יין נסך, געפינען מיר טיילען פון דער דאָזיגער תשובה אויף דעם נאָמען פון רב צמח און טיילען פון איהר אויפ'ן נאָמען פון אנדערע גאונים. און דער רוב כמעט פון די דינים וועגען יין נסך געפינען זיך אויך אין שערי תשובה פון סימן רמ"ח און ווייטער. מעהר ניט, דער בעל ההלכות האָט איבערגעדרעהט די אָרדנונג און האָט פאַרביטען די נעמען און פאַרקירצט און דורכגעלאָזט. פון דעם אלעם איז קלאָר, אז די דאָזיגע הלכות פסוקות זיינען אויף קיין פאַל ניט קיין תשובות פון גאונים. עס האָבען אין זיי גע'בעל־הבית'עוועט די הענט פון דעם צוזאַמענשטעלער און אויך די צוזאַמענשטעלונג איז א שפעטערדיגע, און מען קאָן זיך אויף זיי ניט פאַרלאָזען נאָר נאָך גרוים פאַרזיכטיגקייט.

זייט 46, צייכען (י"ד).

י"ד) אין בית האוצר פון חכם שד"ל (נ"א) ברענגט ער די דאָזיגע תשובה פון רב יוסף טוב עלם, וועלכע ווערט געבראַכט אין מחזור ויטרי, סימן שי"ז און ער מאַכט א טעות, ווארום די דאָזיגע תשובה איז פון גאון און ר' יוסף טוב עלם האָט זי אריינגענומען אין זיין תשובה אלס א ראיה אויף זיין

פסק, און זעה אין אשכול, חלק ב׳, סימן י״ד, וואו ער ברענגט זי אין נאמען פון רב פלטוי גאון און דארטען איז די גירסא „לעמיק בהלכות״ (פארטיפען זיך אין די הלכות).

זייט 47, צייכען (ט״ו).

ט״ו) אין מיין מאמר מבואות התלמוד אין בית תלמוד, אין יאהר 116 האב איך געבראכט, וואס רש״ל ראפאפארט האט געשריבען, אז די גאונים זיינען ניט געווען בקי אין ירושלמי און זיי האבען זיך מיט איהם גאר אינגאנצען ניט באנוצט און אין שערי צדק ווערט ער גאר אינגאנצען ניט דערמאנט. האב איך אנגעוויזען דארטען זיין טעות פון פיעלע ראיות און די תשובות פון די גאונים און אין הלכות גדולות. און ווייטער וועלען מיר זעהן, אז אויך דער בעל השאילתות שרייבט איבער פון איהם, און עס איז אמת, אז אין זייערע תשובות האבען זיי איהם נאר אין זעלטענע פעלע געבראכט, און דאס איז דערפאר, וואס אין הוראה זיינען זיי נאכגעגאנגען נאך דעם בבלי. און ווי רב האי האט געשריבען צו רב נחשון בן ברכיה (שערי תשובה, סימן ל״ט): „מיר פארלאזען זיך אויף אונזער תלמוד, און דאס וואס ווערט דא גע׳פסקנ׳ט ארט אונז ניט וועגען דעם, וואס עס ווערט דארטען געזאגט וכו׳ און זעה אין אשכול דארטען. און דער בעל יד מלאכי אין די כללים פון די תלמודים האט געשריבען דאס אין נאמען פון די אחרונים און ער האט ניט געוואוסט, אז דער מקור פון דעם איז אין דער תשובה פון רב האי גאון.

זייט 47, צייכען (ט״ז).

ט״ז) זעה אין מסכתא סופרים, פרק ב׳, הלכה ז׳, וועגען א יריעה וואס איז פארפוילט געווארען, און דארטען פרק ה׳, הלכה ז׳ וועגען טינט, וואס האט אראפגעטריפט אויפ׳ן פאפיער. דאס אלעס געפינט זיך אין הלכות גדולות הלכות סופרים ווארט ביי ווארט.

זייט 49, צייכען (י״ז).

י״ז) זעה אין בית תלמוד אין מיין אויבענדערמאנטען מאמר. דארטען האב איך ארומגערעדט באריכות וועגען דעם ספר תנאים און אמוראים פון זייט 26—30 און אויך דארטען זייט 53-55 און איך האב אנגעוויזען אויף די פארשיידענע נוסחאות. און איך האב געפונען, אז די נוסחא, וואס שד״ל האט ארויסגעגעבען איז די ריכטיגע, אלענפאלס די מעהר באגלויבטע און דורך איהר ווערט באגלויבט די נוסחא, וואס אין כתב יד מינכען, אויף וועלכער איך האב אנגעוויזען אין טעקסט. און זעה אין קונטרס הכללים (וויען תרל״ח) פון ר׳ אהרן יעלליניק, וועלכער האט, ווי געהעריג, אלע נוסחאות מסדר געווען און אין מיין אויבענדערמאנטען מאמר האב איך געבראכט א רייהע ערשטע מחברים, וואס זיי האבען זיך באנוצט מיט דעם סדר תנאים ואמוראים. זיי דארטען גוט מעיין.

זייט 51, צייכען (י״ח).

י״ח) הרב שזח״ה אין זיין בריף צו מיר האט מיר מודיע געווען, אז אין די הלכות גדולות כתב יד רומי געפינען זיך ניט די אלע ווערטער, וואס אין אונזער הלכות גדולות פון: „אמר גאון מדקא אמרונן מולגין את הראש״ ביז „צריכין תיקון״ און עס געהט אפ אויך פאר דעם „תנו בבראשית דרב

חושעיה וכו׳״, און דעריבער איז דאָס אפשר צוגעגעבען געוואָרען אין א שפּע־טעריגער צייט און איז ניט פון בעל הלכות גדולות.

קאַפּיטעל 3.

זייט 55, צייכען (א).

א) זעה בית תלמוד, דריטען יאָהר, זייט 29-26, 59-52, 79-71, 117-108, 148-144 א מאמר בקורת וועגען די שאילתות פון ר׳ יעקב רייפמאַן, אין וועל־כען ער רעדט מיט חכמה וועגען די אלע ענינים פון ספר, וועגען זיין כאַראַק־טער, געשיכטע און זיינע קוועלען, און עס איז מיר א וואונדער, וואָס ער האָט איהם צוגעשריבען קוועלען אין אַזוינע ספרים, וועלכע זיינען אין זיין צייט נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, ווי דער מדרש שוחר טוב, ווארום דער דאָזי־גער מדרש איז א שפּעטערדיגער, און איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען ניט פריי־הער, ווי אין זיבעטען הונדערט פון פינפטען טויזענט, און זעה אויבען דרי־טען טייל, זייט 275.

זייט 55, צייכען (ב).

ב) זעה אין יוחסין, ווי ער ברענגט א מאמר פון ר׳ נתן הבבלי וועגען די ישיבות און זייערע פיהרונגען און וועגען דעם שטייגער פון זייערע דרשות, און דאָס אלעס איז פונקט אויף דעם זעלבען אופן, ווי די שאילתות דרב אחא.

זייט 56, צייכען (ג).

ג) אין בית תלמוד דריטען יאָהר, זייט 77, האָט ר׳ יעקב רייפמאַן גע־בראַכט פיערצעהן ערטער, וואָס זיינען לויט זיין השערה שפּעטעריגע הוספות. זיינע אלע השערות זיינען אבער געבויט אויף קליינינקייטען און זיינען ניט צווינגענד. נאָר זאָל זיין אפילו ווי ער זאָגט, בלייבט אלץ ריכטיג אונזער מיי־נונג, וואָס מיר האָבען ארויסגעזאָגט אין טעקסט, אז זיי זיינען הגהות, וואָס זיינען צוגעשריבען געוואָרען אויף די גליונות און די איבערשרייבער האָבען זיי אריינגענומען בטעות אין ספר אריין. נאָר איין שאילתא סימן ט״ו אות ד׳ שאילתא לפורים איז מיט אַן אמת אַן הוספה, און זי איז ניט פון ספר, ווארום אַזוי איז געדרונגען פון דער שפּראַך און סגנון.

זייט 56, צייכען (ד).

ד) דער פּירוש פון וואָרט שאילתא, ווייל דער שטייגער פון דעם, וואָס פלעגט דרש׳ענען ברבים אין יענער צייט, פלעגט זיין, וואָס ער פלעגט שילדע־רען דעם ענין, וואָס ער האָט געוואָלט באלעהרען אויף דעם אופן פון א שאלה און תשובה, אויף דעם אופן, ווי מיר געפינען עס אין פיעלע מדרשים. זעה אויבען דריטען טייל, זייט 271 און דעריבער האָבען זיי גערופען זייערע דרשות מיט דעם נאָמען שאילתא. אַזוי קומט אויס פון ירושלמי מגלה, פרק א׳, הלכה ד׳, לויט דעם פּירוש פון הרב בעל קרבן העדה, ווייל דאָרטען איז פאַראַן: רב חנוי האָט געזאָגט: ר׳ שמואל בר יצחק איז אַריינגעקומען אין שול, האָט ער געזעהן, ווי דער חזן שטעהט און פאַרטייטשט. ער האָט ניט געשטעלט אַן אַנ־דערען דערויף. האָט ער איהם געזאָגט: דו טאָרסט עס ניט. אַזוי ווי די תורה

איז געגעבען געוואָרען דורך א פארמיטלער, אזוי באדאַרפען מיר זיך נוהג זיין מיט איתר דורך א פאַרמיטלער. איז געקומען ר׳ יהודה בן פזי יעבוד לה (און האָט געמאכט) שאילה (אן אָנפראגע): אנכי עומד בין ה׳ וביניכם. און דער בעל קרבן העדה האָט מפרש געווען ועבדה שאילה — ער האָט עס געזאָגט אויף דעם וועג פון א שאלה ותשובה און האָט עס אַרויסגעדריגגען פון דעם, וואָס שטעהט „איך שטעה צווישען גאָט און צווישען אייך (אנכי עומד בין ה׳ וביניכם) ווארום גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן און משה האָט איבערגעזעצט און פאַרטייטשט צו זיי. האָט מען אלזאָ גערופען עס שאילה, ווייל זיי האָבען עס גע׳דרש׳עט אויף דעם שטייגער פון א שאלה און תשובה. און דער ענין פון דבור ברם צריך איז דער אויסדרוק פון פרעגט זיך אין תלמוד, ווארום, אז דער אויסדרוק צריך זאָל ווייזען אויף פרעגט זיך געפינען מיר אין פיעלע פלע־צער אין ירושלמי. און דער טערמין צורכא פון ירושלמי איז ווי איבעיא אין תלמוד בבלי.

זייט 57, צייכען (ה).

ה) זעה אויבען הערה ג׳, וואָס מיר האָבען געשריבען וועגען די הוספות. און די מפרשים פון די שאילתות האָבען אָנגעוויזען אויף פיעלע זאכען, וואָס זיינען אין ספר ניט אויפ׳ן ריכטיגען פלאַץ, און ר׳ יעקב רייפמאן אין זיין אויבענדערמאָנטען מאמר האָט באַשטעטיגט זייערע רייד און האָט נאָך צוגעגע־בען צו זיי. דערפאר האָבען מיר מדקדק געווען צו זאָגען, אז ע ל פ י ר ו ב איז ער אין זיין אָריגינעלער פאָרם געבליבען.

זייט 58, צייכען (ו).

ו) אין אויבענדערמאָנטען מאמר האָט ר׳ יעקב רייפמאן אָנגעוויזען אויף די אלע פלעצער, וואו דער שאילתות האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם ירושלמי און ער האָט א פיינע אַרבייט געטאָן. אמת, ר׳ שלמה בובער אין זיין מאמר וואָס אין בית תלמוד, דריטען יאָהר, זייט 210, קריגט אויף איהם צוליעב דעם. זיינע רייד געפעלען מיר אבער כלל ניט. ווארום זיין הויפט־אָפפרעגען איז, אז דאָס וואָס שטעהט געשריבען אין שאילתות, ווי דער ירושלמי, האָט ער ניט גענומען פון דאָרטען, נאָר פון זיין אייגענער דיעה האָט ער ווי דער ירושלמי געשרי־בען. און דאָס איז א זאך, וואָס האָט קיין זין ניט, און עס איז ניט כדאי צו פאַרלירען דערויף איין טראָפען טינט אפילו. און אויף איינע פון די ראיות, וואָס ווייזען באשיינפערליך, אז ער ברענגט עפּעס פון ירושלמי ממש אין זיין שפראך, האָט דער חכם בובער געשריבען, אז דער מאמר פון ירושלמי שטעהט אויך געשריבען אין דער פסיקתא רבתי און פון דאָרטען האָט זי רב אחא משבחא גענומען. און דאָס איז א גרויסער טעות. די פסיקתא איז פאַרפאַסט געוואָרען ד׳ אלפים, תר״ה, ווי עס שטעהט בפירוש אין אָנהויב פון ספר און ר׳ שלמה בובער האָט דאָס געבראכט אין מבוא פון זיין פסיקתא, סימן ג׳, היינט ווי קאָן עס גאָר אויפ׳ן געדאנק ארויפקומען, אז רב אחא משבחא, וועלכער איז געקומען פון בבל קיין ארץ ישראל ארום דעם יאָהר ד׳ אלפים ת״ק זאָל זיך באַנוצען מיט דער פסיקתא רבתי און איבערשרייבען פון איהר, און זעת דעם ספר האשכול, הלכות נדה, זייט 117, וועלכער האָט געזאָגט: „און אָזוי האָט געשריבען רב אחא משבחא״ און ער ברענגט עס פון ירושלמי.

זייט 58, צייכען (ז).

ז) מען באדארף ניט קיין ביישפיעלען דערויף, ווארום אלע מפרשים זיי־נע האבען שוין דערויף אויפמערקזאם געמאכט. און דער בעל שאילת שלום האט אויף זיי אנגעוויזען אין קורצען אין גליון השאילתות. זעה דארטען.

זייט 58, צייכען (ח).

ח) אין שאילתא ב׳ פון דער מדה פון גערעכטיגקייט און דינים, וואס בין אדם לחברו. שאילה ג׳ און שאילה ל״ח און קמ״ז, און ל״ט פון דער מדת פון חסד און רחמים, שאילת ד׳ וועגען דער פארדאמונג פון גזילה און רויבעריי. שאילתא ז׳ ח׳ וועגען דער מעלה פון תורה און תפלה. שאילתא י״ד און ל״ד וועגען גוטל חסד זיין מיט די מתים. שאילתא כ״ז וועגען דער מצות פון לא תשנא אחיך בלבבך. (זאלסט ניט האסען דיין ברודער אין דיין הארצען). שאילתא ל״א און שאילתא קי״א אין דער מדה פון טון חסד מיט׳ן חבר, אין עכין פון מפרנס זיין איהם און אויסלייהען איהם געלט, ווען עס איז איהם ענג. שאילה ל״ב צום גנאי פון עוצרי פרות (די וואס לאזען ניט ארויס די פראדוקטען אויפ׳ן מארק), שאילתא א׳. האנדלען עהרליך, שאילתא מ׳ דן זיין יעדען איינעם לכף זכות. שאילתא נ״ו וועגען כבוד אב ואם. שאילתא ס״ב וועגען דער מעלה פון צדקה. שאילתא פ״ח און שאילתא קכ״ט וועגען דער פארדאמונג פון לשון הרע. שאילתא ק״א אהבת השם. שאילתא ק״ב וועגען דער שענדליכקייט פון פאלשקייט. שאילתא קל״א וועגען דער שענדליכקייט פון מחלוקת. שאילתא קמ״ב מגדל זיין קינדער לתלמוד תורה.

זייט 58, צייכען (ט).

ט) שוין דער ערשטער מדרש וואס אין די שאילתות אין פסוק ויכל אלחים א. וו. געפינט זיך ניט אין ערגעץ און עס איז דער מדרש פון מחבר. ווידער דארטען: אזוי ווי שבת איז ניט געגעבען געווארען נאר צו עסען און טרינקען אזוי איז אויך אויף יענער וועלט א. וו. ווידער דארטען אין פסוק: ראו כי ה׳ נתן לכם את השבת א. וו. דא שטעהט לחם יומים. דאס אלעס האט ער גע׳דרש׳עט פון זיך אליין, און עס געפינען זיך דארטען נאך פילע אזוינע דרשות. און זעה שאילתא א׳ נאהענט צום סוף: אזוי איז געווען דער מנהג פון הלל הזקן ערב שבת. האט צו איהם געזאגט איינער: וואוהין געהסט דו? האט ער איהם געזאגט: צו טאן א מצוה, האט ער צו איהם געזאגט: וואס פאר א מצות: האט ער איהם געענטפערט: אין בית מרחץ. און די מפרשים האבען ניט געפונען דעם מקור פון דיזען מדרש. ער איז אבער אין ויקרא רבה. ל״ד. נאר דארטען ווערט ניט געזאגט, אז עס איז געווען ערב שבת.

זייט 60, צייכען (י).

י) וועגען דיזע חלכות פסוקות פון די תשובות הגאונים האב איך שוין אויפמערקזאם געמאכט אין פרק ב׳. אויך וועגען די תשובות, וואס זיינען דארטען דערמאנט געווארען אויף דעם נאמען פון רב שמעון פון קאאירא, אז זיי זיינען אלע איבערגעשריבען פון חלכות גדולות ווארט ביי ווארט, נאר אין מאנכע האט ער פארקירצט די ראיות. א) אין חלכות תרומה, ווען ער האט געבאקען און

האָט ניט אראָפּגענומען ניט תרומה און ניט חלה. אין הלכות גדולות (דפוס ווינן ט"ו, ע"ג) אות באות. ב) אין הלכות עבודה זרה: לפני אידיהן א. וו. אין הלכות גדולות זייט פּ"ט ע"ב אות באות. ג) אין הלכות בכורות און דגים: און מען טאָר ניט עסען די אייער פון אן עוף טמא א. וו. אין הלכות גדולות זייט צ"א, ע"א, ע"ב און אין הלכות פסוקות איז אלעס צומישט. ד) און אין הלכות טריפות דצידו לה געפינט זיך אלעס ווי עס שטעהט דאָרטען געשריבען מיט דעם זעלבען לשון אין הלכות גדולות זייט צ"ו י"ג, ע"ד. ה) און אין הלכות מזוזה: און ווער עס שלאָגט צו א מזוזה א. וו. א קצור פון הלכות גדולות ל"ז ע"ג. און מיט זיין לשון ממש.

זייט 61, צייכען (י"א).

יא) אין די שאלות ותשובות פון די גאונים פילע תשובות אויף דעם נאָמען פון רב חנניה סתם און מען קען ניט דערגעהן וועלכער עס איז. אין שערי צדק, חלק ד', שער א', סימן י"ג וועגען ענין פון איינמאָנען קנס אין בבל און די שפּראך פון דער תשובה איז א שעהנע און זיין מסקנא איז, אז כאָטש מען מאַכט ניט איין קיין קנס אין בבל, פונדעסטוועגען חייסט מען איהם, ער זאָל איבערבעטען דעם געגנער זיינעם און מען איז איהם מנדה. און דער מנהג מען זאָל איינאמען קנס אויף דיזען וועג האָט רב צדוק איינגעפיהרט און אזוי האָבען זיך אויך נוהג געווען די חכמים, וואָס זיינען געקומען נאָך איהם, ווי עס איז ערקלערט אין שערי צדק, חלק ד', סימן ב' און סימן י"ד און חלק ג', סימן ס'. איז דערפון געדרונגען, אז רב צדוק גאון איז געוועזן פריער פאר אָט יענעם רב חנניה'ן, און אויב אזוי, איז דער רב חנניה פון די תשובות ניט רב חנניה בר משרשיה, ווארום דיזער רב חנניה איז געוועזן פיעל פריהער פאר רב צדוק'ן. און אין חלק ד', שער ג', סימן מ"ב אין ענין פון כתם קנין לכתיבה עומד געפינט זיך אויך א תשובה פון רב חנניה און ער ברענגט דאָרטען הלכות פסוקות פון רב יהודאי. און מעגליך, אַז דאָס איז דער דאָזיגער רב חנניה. און דאָרטען שער ד', סימן ט"ז און סימן י"ז אין די דינים פון כתובה און די כתובה פון בנין דכרין. דער עיטור האָט געשריבען, עס ווערט געבראכט אין רא"ש אין כתובות, פרק ד', סימן כ"ד און אין מרדכי דאָרטען סימן קס"ד, די דאָזיגע תשובה אין נאָמען פון רב חנניה בר יהודה. דאָרטען חלק ח', שער ז', סימן י"ח י"ט אין די דינים פון באשטעטיגען שטרות און א פריעריגער און שפּעטעריגער שטר. און מען קען ניט דערגעהן צו וואָס פאַר א רב חנניה זיי באלאנגען. דער לעצטער סך הכל איז, אז פון די אלע תשובות, וואָס זיינען צוגעשריבען צו רב חנניה'ן סתם קען מען ניט דערגעהן אויף קלאָר בנוגע צו איינער פון זיי אפילו, אז זי באלאנגט צו רב חנניה בן משרשיה.

זייט 64, צייכען (י"ב).

י"ב) ווייל אין דער בריף פון רב שרירא גאון שטעהט געשריבען „למערבא" האָט גרעץ געדענקט, אז די כונה איז אויף קירואן. עס איז אָבער קיין נויטווענדיגקייט ניטאָ צו זאָגען אזוי. מעהר וואַרשיינליכער איז, אז ער האָט געמיינט ארץ ישראל, וועלכע ווערט אָנגערופען מערבא.

זייט 65, צייכען (י"ג).

י"ג) עס איז ניטאָ נאָך א מעהר שווערערע ארביים, ווי אויסצוגעפינען דעם מחבר און דאָס לאַנד פון א ספר, וואָס ווערט גערופען אויף דעם נאָמען פון אנדערע. ווארום אַזאַ מחבר איז זעהר פאָרזיכטיג געווען, ער זאָל זיין סוד באהאלטען, זיין פעלשונג זאָל זיך ניט ארויסזעהן. מונדעסטוועגען זאָגט ער דאָך אמאָל אוים זיין סוד ניט ווילענדיג. אין היכלות, וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין בית מדרש זאָגט יעללינעק ארוים אין זיין מבוא (איינלייטונג) זייט XX—XXIII זיין השערת דורך מאנכע פערזישע אנשויאונגען און מנהגים, וואָס געפינען זיך אין ספר, ווי דער חשבון פון די פינגער, וואָס איז באַוואוסט ביי די אַראַבער אלס א חכמה, אז ער שטאַמט פון בבל. און כאָטש דער באוויוז איז מעהר ניט, ווי א לייכטע אָנדייטונג איז ער אָבער א צוגאָב צו אנדערע מעהר דייטליכע באווייזע, ווי אין פרק ב' האָט ער מסדר געוועזן די ענינים פון דער תורה: משניות, מדרש הלכות ואגדות, און די ע ר ק ל ע ר ו נ ג פ ו ן ה ל כ ו ת א י ס ו ר ו ה י ת ר. און דאָרטען פרק כ"א. די פ י ר ו ש י ם פ ו ן ה ל כ ו ת א י ס ו ר ו ה י ת ר. און עס זעהט זיך ארוים, אַז דער שרייבער האָט געמיינט דאָ די גרעסערע און קלענערע הלכות זאמלונגען פון די בבליים, ווארום אין ארץ ישראל האָבען מיר ניט געפונען אזוינע, און אין פרק כ"ח דערמאָנט ער ר א ש י ג ל י ו ת. און מיר געפינען אין איהם איניגע אויסדריקע, וואָס ער האָט גענומען פון תלמוד בבלי, ווי פרק ד' און פרק ח': נשפך כקיתון, פרק ו' הברוז יוצא, פרק ח' תשש כחם און נאָך אנדערע. דיזער ספר איז זעהר פארהייליגט געוואָרען און פיעלע האָבען זיך מיט איהם באנוצט. זיין באליבטקייט זעהט זיך ארוים פון דעם, וואָס מיר האָבען פון איהם פיעלע נוסחאות. און אין די סדורים פון די גאָר אלטע צייטען האָט מען פון איהם גרויסע מאמרים ארויסגענומען. זעה אין סדר רב עמרם גאון. איניגע אָבער פון די לעצטע גאונים האָבען ניט געהאַלטען פון איהם און האָבען געזאָגט, אז ער איז ניט קיין הלכה, ווי רב שמואל בן חפני. זעה תשובות הגאונים דפוס ליק, סימן צ"ט. און עס איז קלאָר, אז עס זיינען געווען נאָך אנדערע, ווי ער.

קאפיטעל 4.

זייט 69, צייכען (א).

א) אין שערי צדק, חלק ה', שער ז', סימן י"א האָט געשריבען רב נחשון: מען מעג לכתחלה אוועקזעצען א דיין, וואָס איז בלינד אויף ביידע אויגען, אויב ער איז א חכם ונבון און פילע באדארפען צו איהם אָנקומען. און מיר שיינט, אז רב נחשון האָט קובע געווען די דאָזיגע הלכה, שטיצענדיג זיך אויף דעם, וואָס מען האָט געמאכט רב יהודאי'ן פאר א ראש ישיבה, כאָטש ער איז געווען א סגי נהור. כאָטש עס איז דערויף ניטאָ קיין ראיה פון דער גמרא. נאָר פארקערט נאָך, פון דאָרטען איז דערויף א סתירה פאראן.

זייט 70, צייכען (ב).

ב) אין שערי צדק זיינען פאראן פון איהם דרייצעהן תשובות. אין חלק

א׳ שער ד׳, סימן י״ג — א איד, וואָס האָט משומדים קרובים, צי מעג ער זיי געבען עסען די ערשטע סעודת אבלים: האָט ער געזאָגט, אז עס איז גאָר קיין פראגע ניט. א מנודה — צי מעג מען דאָס פאר איהם טאָן? האָט ער ניט קלאָר געמאכט. דאָרטען שער ה׳, סימן ד׳, עבד שוטה וקטן — צי מעג מען זיי טובל זיין? האָט ער געזאָגט, ווי אַ גר. און אין ספר האשכול חלק ב׳ זייט 125 ווערט געבראכט די דאָזיגע תשובה בטעות. דאָרטען סימן י״ב צי מעג מען מל זיין אויף ערד? און ער האָט געענטפערט אז מען מעג. ווידער דאָרטען אין דעם ענין פון א סרים. ענטפערט ער על פי סברא. חלק ד׳, שער ב׳, סימן כ״א הלכה פסו׳ ה׳ אין ענין פון פּראָצענט נעמען. שער ג׳, סימן ט״ז, אַ תשובה וועגען א מעשה שהיה און ער האָט מכריע געווען אָהן א ראיה. דאָרטען סימן ל״ד און סימן נ״ד און אזוי אויך אין חלק ה׳. שער ח׳, סימן י׳, א תשובה מיט א ראיה, און אזוי אויך דאָרטען שער ד׳, סימן ס״ט און סימן ע׳. אין די תשובות דפוס קאָנסטאנטינא — פינף זעהר קורצע תשובות, ווי זיין שטייגער איז און דריי אין מכריע זיין די הלכה. און אין די תשובות דפוס ליק, סימן מ״ב ברענגט ער צוויי און פערציג תשובות פון איהם און פון זיי צעהן, וואָס זיינען שוין דערמאָנט געוואָרען אין די אויבענדערמאָנטע ספרי תשובות און אין כלל פון די אנדערע זיינען פאראן זעכצעהן קירצערע אויף דעם שניט פון די, וואָס מיר האָבען דערמאָנט, וואָס די גאַנצע תשובה איז מעהר ניט, ווי א צוויי אדער דריי ווערטער. פינף פון זיי זיינען אין קובע הלכה זיין און די איבעריגע זיינען פירושים אין תנ״ך, משנה, תלמוד און מדרש און זעה אין דער הערה 3. און אין שערי תשובה געפינען זיך צוויי תשובות און זיי זיינען שוין געבראכט אין די זאמלונגען, וואָס מיר האָבען דערמאָנט.

זייט 70, צייכען (ג).

ג) זיינע פירושים זעה אין שערי צדק, חלק ה׳, שער ז׳, סימן ל״ב א פירוש אין דער משנה אל תעש עצמך כעורכי הדיינים. און ער געפינט זיך אויך אין די תשובות, דפוס ליק, סימן מ״ה. און ער האָט נאָך געבראכט דאָרטען א תשובה אויף דעם, וואָס ער איז אָנגעפרעגט געוואָרען, אויב רחב איז פון די ז׳ עממים (זיבען פעלקער, צו וועלכע ארץ ישראל האָט געהערט הכנעני, החתי א. וו.) האָט ער ערקלערט, אז ניין. און זעה הלכות גדולות דף פ׳, ע״ד. ווידער דאָרטען: מען האָט געפרעגט פון איהם דעם פירוש פון דעם פסוק מי עלה לשמים א. וו. ווידער דאָרטען: וואָס הייסט צנים פחים. דער ענטפער איז אָבער זעהר פארגרייזט און מען קען בשום אופן ניט דערגעהן דעם מיין זיינעם. און מיר געפעלט, אז אַזוי באַדאַרף זיין די נוסחא מיט איהר אויסבעסערונג אין פירוש: מאי צנים פחים: האָט ער געזאָגט, דער פירוש איז קעלט און ווארים, דאָס הייסט, פחים, איז ניט פון לשון פח ומוקש (א נעץ אין שטרויכלונג). תוב אמר (דער פירוש איז — ווידער האָט דער גאון געזאָגט און עס איז ניט קיין באזונדער ענין) רחמנא (והמדנא חוב אמר רחמנא — דיזע פיער ווערטער זיינען א טעות סופר) ומתניתן כי הא לא בקא בר יומא בגרסא קאמרינן.

ווידער דאָרטען: פאר וואָס האָט יעקב ניט געקושט רחל׳ען? האָט ער

געזאָגט, ווייל ער האָט געליינט קריאת שמע — האָט ער ניט געוואָלט מפסיק זיין.

זייט 70, צייכען (ד).

ד) אין די אויבענדערמאָנטע תשובות, אין אויבענדערמאָנטען סימן. מען האָט געפרעגט פון איהם: צי מעג מען מאַכען קידוש ניט אויף דעם פּלאַץ פון דער סעודה ווי רב און רב יהודה, אָדער אין קידוש אלא במקום סעודה, ווי שמואל. און ער האָט געזאָגט: די רבנן האָבען געזאָגט, אז די הלכה איז, ווי שמואל, און דאָס וואָרט „רבנן" מיינט דאָ די גאונים, וואָס זיינען געווען פאַר איהם. און זעה תוספות פסחים (ק:) פּאַראַגראַף ידי. זיי האָבען זיך דאָרטען אָפּגעשטעלט אויף דעם ענין און אויך אין רי"ף, אין רא"ש און אין מרדכי — און זיי אלע האָבען ניט געבראכט קיין ראיה פון רב יהודאי. און דער דאָזיגער ענין ווערט אויך געבראכט אין הלכות גדולות (י"ג ע"ד) בזה הלשון: אזוי האָט א גאון געזאָגט, אז די הלכה בלייבט, ווי רב הונא האָט געטאָן, דאָס הייסט, ווי רב הונא, וואָס האָט געטאָן, ווי שמואל. און מען קען דערפון דרינגען צוויי זאַכען. איינמאָל, אַז דעם טעם פון גאון, וואָס ער האָט גע'פסק'ענט די הלכה ווי שמואל, כאָטש די הלכה בלייבט ווי רב אין איסורים, ווער שמועסט נאָך, אז רב יהודה האלט אויך מיט איהם, פונדעסטוועגען איז דאָ די הלכה ווי שמואל, ווייל רב הונא האָט געטאָן, ווי ער. און ווידער איז געדרונגען דערפון, אז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אמור רבנן האָט ער געמיינט א גאון, וואָס האָט געלעבט פאר איהם. און נאָך ברענגט ער אין יענער תשובה א פירוש פון מר רב דימי און מר רב מארי זיין זוהן.

זייט 72, צייכען (ה).

ה) די דאָזיגע תשובה האָט מפרש געווען רש"ל ראַפּאָפּאָרט אין זיין בריף, וואָס איז געדרוקט אין דער פתיחה פון די תשובות גאונים קדמונים דף י"ב ע"א און דאָס איז, וואָס ער שרייבט: אַז דאָס, וואָס ער האָט געשריבען, אז רב שמעון לא קם אטעמיהון דמר רב יהודאי ודהנך רבותא (כו' וכיון ד"א שבת דהווינן בהא מילתא יכו' טעה בהכי ולא אסקא לשמעתתא לטעמא) איז ניט דער פּשט דערפון, אז רב שמעון האָט ניט פאַרשטאַנען די כונה פון רב יהודה אין זיין ספר, וואָס פון דעם וואָלט זיין געדרונגען אז רב יהודאי האָט מחבר געווען זיין ספר פאר רב שמעון. און דאָס איז באמת ניט אזוי, ווארום דער בעל הלכות גדולות איז געווען פאר רב יהודה. גרעץ אָבער אין מאָנאַטשריפט פון פראנקעל 1858 זייט 220 טייטשט אויס ווי די אויסטייטשונג, וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט פארוואָרפען און ער שרייבט, אַז רב שמעון איז געווען נאָך רב יהודאי און ולא קם אטעמיהון הייסט אז ער, רב שמעון האָט ניט פארשטאנען דעם טעם פון רב יהודאי, וואָס איז פאר איהם געווען. עס איז מיר אָבער א וואונדער, ווארום מצד הלשון קען מען געווים אויסטייטשען ווי רש"ל האָט אויסגעטייטשט. און מען מוז גאָר אזוי אויסטייטשען. ווארום דער גאַנג פון דעם גאונ'ס רייד איז אזוי. רב האי זאָגט, אז רב שמעון האָט א טעות געהאט אין די רייד פון דער גמרא און ער האָט ניט אויסגעפיהרט די הלכה לויט דעם טעם, ווארום דער עיקר טעם איז פון אָט יענער ברייתא פון הסופגנין און ער האָט געדענקט, אז ער איז ניט קראנט ווייל עס איז דאָ, מיט וואָס איהם אָפּצו-

פרעגען. און אין דעם איז באַשטאַנען זיין טעות, און ניט, אז ער האָט א טעות געהאט אין די רייד פון רב יהודאי. און יעצט אלזא, איז קלאָר, אז רב יהודאי האָט פארגרייזט רב שמעון׳ס רייד און ניט פארקערט. א סימן האָסט דו, אז אזוי איז דאָס, ווארום לויט גרעץ׳ן, אַז אונזער הלכות גדולות איז פון שפּע־טעריגען רב שמעון, וואָלט דאָך באדארפט זיין זיין נוסח לויט דעם שיטה פון רב שמעון. און די נוסחא אין אונזער הלכות גדולות איז לויט דער שיטה פון רב יהודאי. עס וואונדערט מיך!

זייט 73, צייכען (ו).

ו) רי״ף הלכות תפלין אין ענין פון ברכת תפלין „והזינא בהא מילתא טעותא בהלכות גדולות״ (און מיר זעהען אין דיזער זאַך א טעות אין הלכות גדולות) און ער האָט געמיינט מיט דעם דאָס וואָס שטעהט אין אונזער הלכות גדולות (ל״ז ע״ב). און אין הלכות ציצית: „און אזוי האָט געזאָגט דער בעל הלכות גדולות אין ענין פון כלי קיפסא״ (קליידער, וואָס מען טראָגט ניט, נאָר זיי ליגען אין קופערט) און אזוי געפינט זיך עס טאַקי אין אונ־זערען (ל״ה ע״א). שבת פ״ט: מיר געפינען אין הלכות גדולות געשריבען. און עס געפינט זיך אין אונזערען (כ׳ ע״ד). און דאָרטען פרק כ״ב אין ענין פון אויסדריקען וויינטרויבען: און אזוי געפינען מיר ביים בעל הלכות פסוקות „שכתבה ביום טוב ולא כתבה בשבת״. און אזוי איז דאָס אין אונזערען. און אזוי אין אלע זיבע ציטאַטען.

זייט 73, צייכען (ז).

ז) אין שבת פרק י״ז: און דער בעל הלכות האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב צמח גאון. און אין פרק כ״ב: און עס האָט גע׳פסק׳ענט דער בעל הלכות אין נאָמען פון רב צמח בר פלטוי. און סוף פרק כ״ב: און אזוי האָט געזאָגט דער בעל הלכות אין נאָמען פון רב צמח. די דאָזיגע אלע זאַכען זיינען ניטאָ אין אונזער הלכות גדולות. די אלע איבעריגע זאַכען אָבער, וואָס ער ברענגט אין נאָמען פון בעל הלכות זיינען יאָ פאראן אין אונזערען.

זייט 73, צייכען (ח).

ח) זעה אין יד מלאכי אין די כללים וועגען די הלכות גדולות. ער האָט געבראכט די אלע מיינונגען מיט די מראה מקומות. און עס איז ניט נויטיג צו ווידערהאָלען דאָ דאָס אַלעס, וואָס געפינט זיך באריכות אין יד מלאכי. און מיר קענען נאָך מוסיף זיין פון די ספרי ראשונים. פאר אונזער צוועק וועט עס זיין איבעריג.

זייט 73, צייכען (ט).

ט) אין מבוא פון ספר „האשכול״ מאַכט אויפמערקזאם דער ארויסגעבער און דער מפרש זיינער וועגען דער באציהונג, וואָס צווישען דעם מחבר און דעם בעל הלכות גדולות. עס ווערען אין איהם געבראכט זאכען אין נאָמען פון הלכות גדולות און הלכות פסוקות, און זיי געפינען זיך ניט אין אונזערען. און ער האָט געשריבען אין זייט XIX, אז דאָרטען, וואו ער דערמאָנט דעם בעל הלכות פסוקות מיינט ער רב יהודאי גאון. די ווערטער אבער „הלכות פסוקות״ געפינען זיך ניט אין גאנצען ספר. און אויך דער דבור „הלכות

גדולות" געפינט זיך נאָר אפּט מאָל. ארום הונדערט מאָל אָבער ווערט דערמאָנט בעל הלכות סתם. און דער נאָמען פּסקא וואָס מיר האָבען ארויסגעזאָגט די השערה, אז ער מיינט די מיט הלכות פּסוקות געפינט זיך אויך נאָר עטליכע מאָל, ניט מעהר ווי צעהן. נאָר איין מאָל (צווייטער טייל זייט 10) שטעהט געשריבען „און מיר געפינען רב יהודאי וואָס האָט געשריבען אין זיינע הלכות. און פון דעם איז געדרונגען, אז עס האָט קיין יסוד ניט זיין כלל דאָרטען: וואו ער דערמאָנט הלכות פּסוקות — איז דאָס רב יהודאי גאון און דאָרטען וואו ער האָט געשריבען הלכות גדולות איז דאָס רב שמעון פון קאאירא, און וועמען מיינט ער אין גרעסטען רוב פון די ערטער, וואו ער האָט געשריבען בעל הלכות סתם? איך האָב נאָכגעזוכט אין די אלע ציטאַטען פון האשכול און געפונען, אז ער ברענגט אמאָל די רייד פון בעל הלכות גדולות און זייער שפּראך און אמאָל נאָר לויט זייער אינהאלט. און פאר דעם וואָס טראַכט זיך איין אין דעם ווערט קלאָר, אַז זיי געפינען זיך אלע אין אונזערען אויסער אין פיער פעלע. אין הלכות נטילת ידים, ערשטער טייל, זייט 40 אין ענין פון מעשה אלפס (וואָס ווערט געקאָכט אין א קעסעל) האָט ער געשריבען אין נאָמען פון בעל הלכות, אז די הלכה בלייבט ווי ריש לקיש און אין אונזערען אין פּרק ו׳ פון ברכות האָט ער גע׳פּסק׳ענט ווי ר׳ יוחנן. דריטער טייל זייט 15 ברענגט ער אין נאָמען פון בעל הלכות, אז מוקצה אים יום טוב איז מותר ווי רבי שמעון און אין נאָמען פון פּסוקות, אז אסור. און אין אונזערען איז ער מתיר וואָס זשע פאר א פּסוקות זיינען עס יענע? דאָרטען זייט 27; און דער בעל הלכות האָט געשריבען, אז די הלכה בלייבט ניט ווי ר׳ יהושע בן חנניה און עס געפינט זיך ניט אין אונזערען. דאָרטען 108: און ער האָט געשריבען אין דער פּיסקא: א גוי, וואָס האָט פארקויפט א בהמה, און עס געפינט זיך ניט אין אונזערען. און זעה דאָרטען 23 האָט ער געבראַכט פון בעל הלכות: אויב א גוי האָט דעם ערשטען סימן געקוילעט א. וו. און ער פיהרט אויס די שחיטה איז פון אָנהויב ביז צום סוף. און ער גיט צו: און די הלכה איז, אז שחיטה איז נאָר לבסוף. און אזוי איז דאָס אין אונזערען. און דאָס איז ניט קיין סתירה, נאָר פריער האָט ער געבראַכט די הויפּט רייד פון הלכות גדולות און האָט זיי סותר געווען, אז עס איז ניט אזוי, נאָר די הלכה איז, אז אינה לשחיטה אלא לבסוף. און אזוי האָט אויך געשריבען דער מפרש דאָרטען. און עהנליכעס דאָרטען 53. זעה דאָרטען אין מפרש.

זייט 75, צייכען (י).

י) האָבען די רבנן געפרעגט מר יהודאי׳ן (י״א ע״ד) האָבען די רבנן געזאָגט אין נאָמען פון רב יהודאי (ס״ו ע״ד) די אנפראַגע פון מר יהודאי (ע״ט ע״ג) אין נאָמען דרב יהודאי (פ״ה ע״ג) מר יהודאי האָט אזוי געזאָגט (ק״א ע״ג) און מר יהודאי גאון האָט געזאָגט (פ׳ ע״ד) מר רב הונא אלוף (י׳ ע״ג) רב אחא (י׳ ע״ד) מר רב אחא משיבחא (ס״ד ע״ב) רב שמואל (י״א ע״א) רב פּיאס (ט׳ ע״ג?) רב מארי (כ״ב ע״א) מר אהינאי (דאָרטען ע״ב) רב יהודה אלוף פון נהר פּקוד (כ״ד ע״א) רב חיננאי (נ״ט, ע״ד, ק״ב, ע״ב) רבנן סתם: די רבנן האָבען ניט געזאָגט (ט). אָט זיינען פאַראַן רבנן (דאָרטען ע״ד). א גאון האָט געזאָגט (י״ג ע״ד). די רבנן פון דער ישיבה (ל:) און די

רבנן זיינען מפרש (ל"ג ע"ד) האָבען אויסגעפיהרט די לעצטע רבנן (ס"ח ע"א) און די רבנן זיינען מפרש (פ"ה ע"א).

זייט 77, צייכען (י"א).

י"א) אין דער הערה 10 האָב איך געבראַכט די נעמען פון די גאונים וואָס אין אונזער הלכות גדולות. נון, רב אחא, מעגליך, אַז דאָס איז רב אחא גאון, וואָס איז געווען ראש ישיבה פאַר רב יהודאי. אָבער דאָס איז ניט דער בעל השאילתות. ווארים די אַלע זאַכען, וואָס ער ברענגט אין זיין נאָמען (י' ע"ד, י"א ע"ב) זיינען ניט פון די שאילתות. רב מארי און רב שמואל זיינען געווען פאַר דעם בעל הלכות גדולות און מר אחיגאי האָבען מיר משער געווען, אַז דאָס איז מר רב הונא פון די קדמונים. און עס ווערען דערמאָנט רב יהודה אלוף פון נהר פקוד און רב הונא אלוף. און די זיינען אפשר געווען פאַר איהם, ווארום זיי זיינען געווען פון די חכמי הישיבה און ווער ווייסט, ווען זיי האָבען געלעבט. און מר רב פיאס איז אודאי א טעות סופר און אפשר באַדאַרף זיין יוסף און עס איז פאַראַן א רבי יוסף גאון, וואָס איז געווען פאַר רב יהודאי. דאָס אָבער וואָס באַלאַנגט אויף זיכער צו די הוספות איז דאָס אַלעס, וואָס ווערט געבראַכט אין נאָמען פון ר' חנינאי. ווארום ער איז געווען רב יהודאי'ס א תלמיד און זיין ממלא מקומו.

זייט 77, צייכען (י"ב).

י"ב) די אַלע זאַכען, וואָס דער רי"ף האָט געבראַכט פון בעל הלכות גדולות אין נאָמען פון רב צמח און אין אונזער הלכות גדולות געפינען זיי זיך ניט. און אין צווייטען פרק פון פסחים האָט דער רי"ף געשריבען: „און דער בעל הלכות האָט געשריבען אין נאָמען פון רב כהן צדק" און גרעץ ציטירט איהם, און דאָס איז אויך ניטאָ אין אונזערען. און אין הלכות גדולות פון ראב"ד אין ספר הקבלה איז געווען געשריבען עפּעס אין נאָמען פון רב כהן צדק, האָט דער ראב"ד געוואָלט אויסגלייכען די סתירה, אז מעגליך, דער דאָזיגער כהן צדק איז געווען דער רבי פון רב שמעון דעם בעל הלכות און ער איז ניט נסמך געוואָרען פאַר א גאון. און פון דעם איז קלאָר, אַז די אַלע זאַכען אין הלכות גדולות אין נאָמען פון רב צמח, וואָס דער רי"ף האָט געבראַכט, זיינען ניט געווען אין הלכות גדולות פון ראב"ד, וואָרים ווען זיי וואָלטען געווען זיין, פאַר וואָס האָט ער זיי ניט געבראַכט. און וואָס פאַר א נוצען האָט ער דאַן פון זיין פשרה. די קשיא בלייבט דאָך נאָך אַלץ פון רב צמח גאון. נאָר זיכער איז, אַז דאָס אַלעס איז ניט געווען אין זיין ספר, און דאָס איז א קלאָרער באַווייז, אַז שוין אין יענער צייט זיינען פאַרשיידענע הוספות געווען און אין מאַנכע זיינען מעהר הוספות געווען, ווי אין אַנדערע, און עס איז געדרונגען, אַז די דאָזיגע אַלע זאַכען זיינען מעהר ניט, ווי הגהות, וואָס זיינען אריינגעטראָגען געוואָרען אין פנים פון ספר.

זייט 78, צייכען (י"ג).

י"ג) די דאָזיגע תקנה האָט געבראַכט מר רב חנניה גאון און ער האָט געשריבען, אַז זי איז איינגעפיהרט געוואָרען פריער מיט פיעלע יאָהרען. זעה שערי צדק, פערטער טייל, שער ד', סימן י"ג, און עס איז דאָס זעלבע אויך

געבראכט געוואָרען אין נאָמען פון רב מתתיה גאון. זעה רא"ש כתובות, פרק ד׳, סימן כ"ד און אין מרדכי דארטען, סימן קס"ב. און רב מתתיה האָט געלעבט אין ערשטען פערטעל פון זיבעטען הונדערט.

זייט 81, צייכען (י"ד).

י"ד) זעה אין תולדות רב נתן בעל הערוך פון רש"ל ראפאפארט הערה 4 און הערה 24. ער האָט באַרירט אביסעל דעם ענין פון הלכות גדולות. אָבער נאָר פון אויבען אויף און ער האָט ניט אריינגעדרונגען טיף אין ענין.

זייט 81, צייכען (ט"ו).

ט"ו) גרעץ ברענגט פיעלע הלכות סתומות, וועלכע זיינען לויט זיין מיינונג ארויסגענומען פון תשובות פון שפעטעריגע גאונים. א) אין הלכות גדולות (ל"ג ע"ד): און די רבנן זיינען מפרש אגרות של רשות־פסקים פון דער רעגירונגס — און עס געפינט זיך אין די תשובות פון רב שר שלום (זעה קאפיטעל א). שוין די ראיה אליין אָבער איז מבטל זיין באהויפטונג. דער רב שר שלום ברענגט דעם פירוש אין נאָמען פון א גאון, וואָס איז געווען פאר איהם און פון אָט יענעם גאון האָט אויך דער בעל הלכות גדולות גענומען און ניט פון רב שר שלום. ב) אין די שאלות ותשובות גאונים קדמונים סימן ק"ג — א תשובה אין ענין פון בנין דכרין און עס ברענגט זי ר"מ ב"ק. און אין דער תשובה ווערט געבראכט אין נאָמען פון ר׳ משה גאון א תשובה און ער פארענדיגט: אזוי איז גע׳פסק׳ענט געוואָרען אין דער ישיבה און זי איז געשריבען אין הלכות גדולות. און עס שטעהט מיט אן אמת אזוי געשריבען אין הלכות גדולות וועגען דעם דאָזיגען דין: דער פסק דין, וואָס איז גע׳פסק׳ענט געוואָרען אין דער אנוועזענהייט פון די דיינים פון דער ישיבה (נ"ח ע"ג). און די רייד זיינען זאָנדערבאר. וואָרים יעדער, וואָס קוקט זיך צו צו דער גאנצער תשובה פון רמב"ק זעהט, אז דאָס וואָס ווערט געבראכט פון רב משה׳ן איז א באזונדער זאַך און די ווערטער „דער פסק, וואָס איז גע׳פסק׳ענט געוואָרען אין דער ישיבה" איז ווידער א באזונדער זאַך און דער בעל הלכות גדולות האָט מיט זיינע רייד ניט געמיינט קיינמאָל רב משה גאון. און ווען דו זאָלסט אפילו זאָגען, אז עס איז איין ענין. איז דער פשט דערפון אזוי, אז רב משה האָט גע׳פסק׳ענט ווי דער פסק פון דער ישיבה, וועלכער איז געווען פאר איהם אין צייט און יענער פסק שטעהט אויך געשריבען אין הלכות גדולות און ניט פארקערט. ג) ער ווייזט אָן אויף א תשובה, וואָס ווערט געבראכט אין „פרדס": א אָנפראגע צו דער ישיבה: א שרץ, וואָס איז אריינגעפאלען אין משקה א. וו. אויב עס איז פאראן אין איהר טויזענט און איינס איז זי ריין א. וו. גרויסע שרצים אבער א. וו. ווערען געוואויגען אין איינס פון פינף א. וו. און א פליג איז איהר שיעור איינס פון זעכציג און אלעס איז צוליעב בל תשקצו (איהר זאָלט זיך ניט פאראומווירדיגען) און דאָס איז דער פירוש פון רב כהן צדק ראש ישיבה. און אין די הלכות גדולות (צ׳ ע"ג) שטעהט געשריבען: א פאָס, וואָס עס איז אין איהר פאַראַן משקין א. וו. און עס איז אין איהר אַריינגעפאלען אן עכבר אָדער א שרץ — איז זיין שיעור איינס פון טויזענט. און דערפון דרינגט גרעץ, אַז דער בעל הלכות גדולות האָט גענומען פון רב

כהן צדק, און עס איז כלל ניט אַזוי. דער מקור פון בעל הלכות גדולות איז אין ירושלמי תרומות, פרק י׳ און אין דעם פון פרדס איז א צוגאָב פון א פירוש פאַראַן און נאָר דאָס איז פון רב כהן צדק. ד) אין הלכות גדולות (צ״ב ע״ב) און יעצט איז מעשים בכל יום, אז מען עסט בטהרה. און אין עטור ברענגט ער אין נאָמען פון רב כהן צדק אונזער מנהג, מען זאָל עסען בטהרה ווי ר׳ בינא. און די דאָזיגע ראיה פאַרשטעה איך ניט. זיי ביידע דערצעהלען דאָך דעם מנהג פון זייער צייט און מען האָט זיך שוין אַזוי נוהג געווען אין דער צייט פון בעל הלכות גדולות. ה) אין הלכות גדולות (מ׳ ע״ג) א שומרת יבם (אַ פרוי, וואָס וואַרט, איהר מאַנס ברודער זאָל איהר מייבם זיין) וואָס איז אריינגעפאלען צו א משומד — ווערט זי ניט מותר פאר דער וועלט, ביז ער גיט איהר ניט קיין חליצה. און אין שערי צדק, ערשטער טייל, שער א׳, סימן נ׳ ווערט געבראכט עהנליכעס אין נאָמען פון רב פלטוי גאון און דעריבער האָט דער בעל הלכות גדולות איבערגעשריבען פון רב פלטוי. גאָט פון אברהם! און פאַר וואָס ניט פאַרקעהרט? אָדער לאָמיר זאָגען, אז זיי האָבען ביידע צו איין זאַך צוגעטראָפען. און ווידער דאָרטען סימן נ״ג איז דאָך דאָס געבראַכט געוואָרען אין נאָמען פון רב הילאי און אין מרדכי פרק החולץ, סימן כ״ז, אין נאָמען פון רב יהודאי און ווער קאָן עס מכריע זיין. ו) עס איז געשריבען אַן הלכה אין הלכות גדולות (סימן ע״ב) אין ענין פון גט פרסאה (וואָס איז געשריבען אין פערסיש) און א גט, וואָס עס איז אין איהם א מחק (אויסגעמיעקט) פאַראַן. און די דאָזיגע צוויי, ווי זיי זיינען געשריבען מיט זייער שפראַך געפינען זיך אין שערי צדק אויף דעם נאָמען פון רב נטרונאי. און גרעץ האָט משער געווען, אז פון רב נטרונאי׳ן איז זי גענומען געוואָרען אין הלכות גדולות, און עס איז ניט אַזוי. וואָרים עס איז מעהר וואַרשיינליך, אז רב נטרונאי האָט זיי גענומען פון בעל הלכות גדולות. דער כלל פון דער זאַך איז, אַז איך זעה קיין אנהאלט ניט פאר איינער אפילו פון אלע זיינע ראיות.

זייט 84, צייכען (ט״ז).

ט״ז) ילקוט במדבר תרמ״ד, תרל״ו, תרל״ז, תרל״ט, תרמ״ב, תשע״ג, און דברים רמז תתמ״ה און זעה וועגען דאָזיגען מדרש ביי צונץ גאָטעסדיענסטליכע פאָרטרעגע ג׳ 27 און אין די הערות, און כרם חמד, חלק ו׳, סימן י״ד אות י״ח, מ״ט, כ׳. רש״ל ראפאפאָרט האָט דאָרטען מאריך געווען וועגען דעם דאָזיגען רב חנינאי און וועגען הלכות גדולות און רב יהודאי גאון. און אין מאַנכע פון זיינע רייד בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך איהם.

זייט 84, צייכען (י״ז).

י״ז) זעה שערי צדק, חלק א׳, שער ו׳ סימן כ״ד, כ״ח, כ״ו און דאָרטען שער ב׳ סימן ו׳ אַן אָנפראגע וועגען שיקען א גט. און דאָס איז געשריבען דאָרטען. בעי מר חנינא גאון בבלה רבתא א. וו. (האָט געפרעגט מר חנינאי גאון) ואמרו ליה רבנן (און די רבנן האָבען איהם געזאָגט. און אין הלכות גדולות (נ״ט) איז די גירסא: בעי רבנן קמיה חנינאי בבלת רבתא א. וו. (די רבנן האָבען געפרעגט פון רב חנינאי) ואמרי ליה רבנן. און אין ביידע איז א טעות סופר. אנשטאט בבלה באדארף שטעהן בכלה און דער אמרי ליה רבנן אין הלכות

גדולות איז אויך א טעות. און עס האָט באַדאַרפט זיין: אמר להו לרבנן (האָט ער געזאָגט צו די רבנן). און ריכטיג איז ווי די גירסא פון ראַ"ש פרק ב' פון גטין, סימן כ"ו. דאָרטען איז אבער די גירסא „באיכה ובתי" און דאָס איז אַ קענטיגער טעות. און אין ר"ן איז די ריכטיגע גירסא אָהן קיין שום טעות. זעה כרם חמד, חלק ו' 240, וואָס ראפאפארט האָט געשריבען. און דאָרטען 243 האָט ער ווידער געשריבען, אז רב חנינאי איז פון מלכות הינגעריכטעט געווארען און ער נעמט עס אַרויס דערפון, וואָס רב האי האָט געשריבען אויף איהם „און זיין טויט צום איביגען לעבען, א הייליגער און א ריינער". די זאַך איז אבער ניט אזוי, ווארום פאָלגענדעס שרייבט רב האי אין שערי צדק, חלק ד', שער ג', סימן י"ב: „און עס געפינט זיך ביי אונז א פסק דין, וועלכען עס האָט געשריבען אונזער האר מר רב חנינאי כהנא בר הונא ראש ישיבה, א תלמיד פון מר רב יהודאי זכרונו לברכה און זיין טויט צו איביגען לעבען און א הייליגער און א ריינער". נו, איז כלל קיין נויטווענדיגקייט ניט פאַראַן צו זאָגען, אז דער מאמר „און זיין טויט צום איביגען לעבען געהט אויף רב חנינאי, נאָר עס געהט אויף רב יהודאי." און ווידער עהנליכעס געפינען מיר אין הלכות גדולות, סימן ט"ו, אז רב פלטוי האָט אַזוי געשריבען אויף רב יהודאי'ן. און דאָ ברענגען מיר, וואָס ער שרייבט: מען איז זיך נוהג אַזוי פון די צייטען פון אונזער האר, די ליכט פון דער וועלט, מר יהודאי, קדוש וטהור און פון די צייטען פון רב חנינאי ז"ל און זייערע נשמות צום איביגען לעבען. באַדאַרף מען אלזאָ יעצט באַהויפּטען מיט ראפאפאָרט'ען, אז רב יהודאי איז הינגעריכטעט געוואָרען. ווארים ער רופט איהם קדוש וטהור. און ווידער ווען עס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט רב שרירא גאון ניט געשוויגען וועגען דעם אין זיין בריף.

זייט 85, צייכען (י"ח).

י"ח) דער דאָזיגער גאון ווערט ניט דערמאָנט אין די לעצטע אויסגאַבען פון אגרת רב שרירא גאון, וואָס אין יוחסין. אין יוחסין השלם אבער 206 עמוד ב', ברענגט ער איהם יאָ. און ער האָט געשריבען, אז ער איז געווען גאון אכטצעהן יאָהר. און אין יוחסין דפוס קאָנסטאַנטינא שטעהט פיערצעהן יאָהר און אַזוי אויך אין חפש מטמונים. אויך דער ראב"ד ברענגט איהם און האָט געשריבען אכטצעהן יאָהר. און זעה אין בריף פון ראפאפאָרט וואָס אין אָנהויב פון די תשובות גאונים קדמונים, ח', ע"א. און גרעץ האָט שוין איינגעשטעלט דעם חשבון אויף ריכטיג (234) און נאָך איהם בין איך נאָכגעגאַנגען. און זעה, וואָס איך האָב געשריבען אין הערה 20. און ווייס, אז די אלע תשובונות וועגען די יאָהרען פון די גאונים זיינען צווייפעלהאפט, וואָרים די קוועלען זיינען צומישט און זיי זיינען סותר איינע די צווייטע. פאַר דער אַרבייט אבער, וואָס מיר האָבען פאַר זיך, איז דאָס נאָר א טפל זאַך.

זייט 85, צייכען (י"ט).

י"ט) זעה שערי צדק, חלק א', שער א', סימן ח', די תשובה פון רב כהן צדק וועגען א קרוב, וואָס האָט געבראכט דעם גט און ער האָט גע'פסק'ענט, אַז עס איז רעכט און ער האָט א פיינעם טעם געגעבען דערויף דורך א טיפער סברא. און זעה נאָך דאָרטען, שער ד', סימן י"ד, א תשובה פון רב משה גאָ־ין

וועגען א חכם וואָס איז געשטאָרבען, זיינען אַ ל ע — זיינע קרובים, און סימן ט"ו פון רב צדוק און ענין פון טועה זיין זיך אין אבלות. דאָרטען שער ה', סימן ה' אין ענין פון א אידען, וואָס האָט פאַרקויפט זיין קנעכט צו א גוי א. ז. וו. און זעה נאָך חלק א', שער ו', סימן כ', כ"ב, כ"ח און נאָך אין פיעלע ערטער. און אין תשובות גאוני מזרח און מערב, וואָס אין בית תלמוד, פיערטען יאָהר, זייט 154, סימן ס"ב—ס"ה פון רב משה גאון. און אין די אַלע שטעלען, וואָס איך האָב פאַרצייכענט, זעהען מיר א נייעם וועג, זיי האָבען זיך געמיהט צו פאַרטיפען זיך אין הלכה לויט טיפען און פאַרנינפטיגען אַנאַליז.

זייט 86, צייכען (כ).

כ') איך האָב ניט געפונען פאר נויטיג צו פערצייכענען די אלע תשובות, וואָס ווערען געבראכט אויף די נעמען פון די דאָזיגע אלע גאונים, וואָס מיר ווייסען ניט, צו וועמען זיי באלאנגען, צי צו דעם, וואָס האָט פריהער אָדער שפּעטער געלעבט מיט דעם זעלבען נאָמען. איך וויל דאָ אויפמערקזאם מאַכען נאָר אויף די, וואָס איז מיר קלאָר צו וועמען זיי באַלאַנגען. אין הלכות גדולות, סימן ט"ז איז געבראַכט געוואָרען צווישען די תשובות פון רב פלטוי אַ תשובה פון רב כהן צדק אין ענין פון א סירכא און דער איז אודאי דער ערשטער כהן צדק, און אין יענער תשובה געפינט זיך אויך רב יעקב. און אויך דאָס איז קלאָר, אז דער דאָזיגער רב יעקב איז א צייט גענאָסע פון אבומאי'ן און רב צדוק, וואָס ווערט געזאָגט אויף זיי, אז זיי זיינען אריינגעגאנגען צו רב יעקב. און אַזוי ווערט אויך דערמאָנט דער דאָזיגער רב יעקב אין הלכות גדולות, סימן ס"ח אין דער מחלוקת מיט רב צדוק. און דאָרטען סימן צ' ווערט געבראכט א תשובה אין נאָמען פון רב נטרונאי, וועלכער איז אָהן צווייפעל רב נטרונאי בר הילאי. ער שרייבט פאָלגענדעס: און דאָס וואָס איהר האָט געשריי־בען אין נאָמען פון מיין האַר מיין פאָטער דעם גאון און נאָך איהם מר יעקב און נאָך איהם מר רב אבימאי און מר רב צדוק נאָך איהם. און אַזוי איז דער סדר פון די דאָזיגע גאונים, ווי מיר האָבען זיי אין טעקסט אויסגערעכענט. און דערפון איז געדרונגען, אז דער עיקר גירסא אין דעם בריף פון רב שרירא גאון איז ווי די גירסא, וואָס אין יוחסין דפוס קאָנסטאנטינא. זעה הערה 8, און אין אשכול חלק ב', זייט 99 איז די דאָזיגע תשובה געבראכט געוואָרען. און דער מפרש שרייבט דאָרט, אז רב נטרונאי האָט געזאָגט אבא מארי אויף זיין זיידען רב מארי גאון און איך ווייס ניט, צי וואָס מען באַדאַרף זיך קניי־טשען אויף אזא אופן. פאַרוואָס האָט ער ניט מפרש געווען, ווי דער פּראָס־טער פשט איז אויף זיין פאָטער רב הילאי, וואָס דאמאָלסט איז ריכטיג אויך דער סדר. און עס וועט אויך רעכט זיין דער מאחריו (און נאָך איהם

זייט 87, צייכען (כ"א).

כ"א) אין די תשובות פון גאונים קדמונים דפוס בערלין, דף מ"א ע"א ווערט געבראכט דער פירוש: אדכרתא מאי עבדת באורתא (איך האָב מיך דערמאָנט, וואָס דו האָסט אין אבענד געטאָן) אַזוי האָט מפרש געווען אבא מארי מר בר רב צדוק ראש ישיבה. און ראפּאפּאָרט אין זיין בריף דאָרטען דף י', עמוד א' האָט אויסגעמעקט דאָס וואָרט בר און האָט געוואָלט דערפון אויס־

דרינגען, אז די אלע פירושים דאָרטען זיינען פון רב נחשון. נאָר איך האָב געפונען אויך אין האשכול, חלק ג׳ דעם דאָזיגען פירוש און די גירסא איז דאָרטען אות באות ווי אין די תשובות, און עס איז שווער צו זאָגען, אז אין זיי ביידען איז א טעות סופר און א איבעריג וואָרט. און דעריבער האָב איך משער געווען, אפשר האָט רב צדוק געהאט א זוהן, און ער האָט געהייסען אבא מארי און פון איהם האָט רב משולם געבראכט דעם פירוש.

זייט 88, צייכען (כ״ב).

כ״ב) די כונה פון די רייד פון גאון, כאָטש זי איז ניט אויסגעדריקט בפירוש, איז אַזוי. עס איז געדרונגען פון ש״ס אין כתובות (פ״ז), אַז מען באַשווערט שבועות המשנה אויך אויף קרקעות, און ווי דער אלפסי האָט מפרש געווען אין פרק שבועות הדיינים, און דעריבער נאָכדעם, ווי די ערשטע גאונים האָבען בטל געמאכט א שבועה מדאורייתא און האָבען איהר געמאכט ווי א שבועה מדרבנן און מיט א שבועה דרבנן גיט דער דין מיט, אַז מען זאָל באַשווערען אויף קרקעות. און עס איז א כל שכן פון שבועת המשנה. ווארום שבועת המשנה שווערט מען לויט דעם דין פון דער גמרא בנקיטת חפץ (מען האלט א הייליגע זאַך בשעת מען שווערט) ווי עס איז ערקלערט אין אלע ערשטע פוסקים און קיינער קריגט גאָר ניט אויף דעם (זעה טור און בית יוסף חושן משפט, סימן פ״ז) און שוין אַ כל שכן די שבועה, וואָס זי איז פון וועניגער חשיבות פון דער שבועת המשנה. ווארום לויט דער תקנה פון די גאונים איז זי ניט בנקיטת חפץ און זי איז נאָר א שבועת היסת (מען רעדט יענעם איין גיבען די שבועה), און מיט א שבועת היסת באַשווערט מען אויך וועגען קרקעות. און זעה אין חושן משפט, סימן צ״ה, סימן א׳, אין ש״ך און אין ב״ח, וואָס ער האָט געבראכט אין נאָמען פון רב האי גאון, וועלכען דער בעל הסמ״ג ברענגט איהם, אין הלכות תובע ונתבע, עשין צ״ב.

זייט 89, צייכען (כ״ג).

כ״ג) דאָס וואָס איך האָב געשריבען, אז רב צדוק האָט גוזר געווען נדוי אויף דעם, וואָס האָט עובר געווען אויף זיין פארזאָג — נעם איך עס אַרויס פון דער תשובה אין חלק ג׳, סימן ס׳, וואָס ער האָט געשריבען: די לעצטע חכמים האָבען זיך נוהג געווען צו מנדה זיין איהם ביז ער וועט איהם ניט מפייס זיין. און ער ברענגט א ראיה פון א פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען פאר רב צדוק און ער פאַרענדיגט דאָרטען: און דער מנהג, וואָס האָט איינגעפיהרט אונזער האר מר רב צדוק גאון זיינען מיר זיך נוהג. פון דעם איז געדרונגען, אַז אויך רב צדוק האָט מנדה געווען דעם, וואָס האָט עובר געווען אויף זיין פאַרזאָג און ער איז ניט געגאַנגען איבערבעטען דעם געשעדיגטען.

זייט 89, צייכען (כ״ד).

כ״ד) אין הלכות גדולות, סימן קמ״ג האָט ער געפּסק׳ענט ווי רב און שמואל, אז א מענש לאָזט ניט איבער ירושה א שבועה צו זיין זוהן און ער האָט מכריע געווען ניט לויט דער מסקנא פון דער גמרא (שבועות מ״ח), אַז דער וואָס טוט ווי רב שמואל איז רעכט, און ווער עס האָט געטאָן ווי רב אלעזר איז אויך רעכט. און זעה אין תשובות גאונים, דפוס ליק, סימן כ״ג,

זאָגען דעם ענין, צי א משומד ירש'עט זיין פאָטער, און רב צדוק האָט גע־פסק'ענט, אז ניין, און ער האָט געבראַכט זיינע ראיות. און עס האָט עדות גע־זאָגט רב נטרונאי, אז די רבנן פון דער ישיבה האָבען עס אָנגענומען. און זעה נאָך דאָרטען סימן נ"ב, און עס ווערט געבראַכט נאָך אין איניגע תשובות־זאַמ־לונגען.

קאַפּיטעל 5.

זייט 97, צייכען (א).

א) מיר וועלען דאָ אויפמערקזאַם מאַכען אויף די פּיוטים, וואָס אין סדר תפלה, ווי: אל אדון על כל המעשים, און נאָך אנדערע. און אויך די פּיוטים פון יוסי בן יוסי, וועלכע שטאַמען אַלע פון א פריהעריגער צייט, און אַלענ־פאַלס זיינען זיי פאַרפאַסט געוואָרען ניט שפּעטער, ווי אין אָנהויב פון דער קראים־עפּאָכע. און זעה וועגען זיי אין בוך פון צונץ וועגען די פּיוטים פון די תפלות אין פאַרשיידענע צוואוואָרפענע ערטער.

זייט 97, צייכען (ב).

ב) זעה אין לקוטי קדמוניות פון ר' שמחה פינסקער, זייט 4, און דאָס איז בקיצור, וואָס ער זאָגט דאָרטען: נאָכדעם, וואָס גאָט האָט מיר צוגעשיקט איניגע ספרי קראים, מאַנוסקריפּטען פון פאַרשיידענע אלע מחברים... האָב איך פון זיי געלערענט, אז מיט פיעלע יאָהרען נאָך פאַר דער אויבענדערמאָנטער צייט (דאָס הייסט די צייט פון די לעצטע גאונים), היינו באלד נאָכדעם, ווי דער תלמוד איז געשלאָסען געוואָרען, האָבען זיך באוויזען מחברים פון צווי־שען די בעלי מקרא, וועלכע האָבען זיך געפליסט... און ערפאָלג געהאַט אין אַלע מינים ידיעות חיצוניות אין אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע, אין מליצה און שיר און דקדוק און האָבען זיך פאַרנומען מיט דעם צוזאַמענשטעלען די שרשים פון לשון קודש לויט דעם אל"ף בי"ת, אויף וויפיעל זיי האָבען עס נויטיג געהאַט צו פאַרשטעהן דעם תנ"ך. דאָ אָבער וואו ער שרייבט מחברים בעלי מקרא באַדאַרף עס ניט פאַרשטאַנען ווערען אויף די קראים, נאָר אויף די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שטודירען דעם תנ"ך (מקרא) און ווי מיר האָבען אין טעקסט געשריבען.

זייט 98, צייכען (ג).

ג) דער דבור קראי געפינט זיך אין פיעלע פּלעצער ווי ר"ח קראי און אויך בעלי מקרא: „חגפן" — אלי בעלי מקרא (עירובין כ"א) יש כהם בעלי מקרא, און דאָס זיינען די, וואָס פאַרנעמען זיך נאָר מיט תנ"ך, וואָס עס ווערט געזאָגט דערויף (בבא מציעא ל"ג), אז עס איז יאָ א מדה און ניט קיין מדה (עס קען יא געלויבט ווערען און ניט געלויבט ווערען). אחיכם — אלי בעלי מקרא (דאָרטען ל"ג).

זייט 99, צייכען (ד).

ד) דיביידע ישיבות ווערען אָנגערופען על פי רוב מיט דעם הויכען תואר די הייליגע ישיבות, און אין דער תשובה פון רב שרירא גאון, וואָס אין דער הקדמה פון די שאלות ותשובות שערי צדק האָט ער געשריבען: זייערע רייד (די רייד פון די אלע גאונים) זיינען די רייד פון לעבעדיגען גאָט און אפילו אין דער אקאדעמיע פון משה דער רבי פון אלע נביאים ווען מען זיי

פון זייער פלאַץ ניט אָפּשטויסען, און זייער חכמה און זייער פּלפּול — איז דאָס, וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט צו משה'ן. און כאָטש זיי זאָגען, אַזוי איז דאָס, און זיי ברענגען קיין ראיה ניט, אין וואָס פאַר אַ אָרט עס איז, האָט מען גאָר ניט וואָס איבערצוטראַכטען — ווי בנוגע צו קליינע אַזוי אויך בנוגע צו גרויסע זאַכען. און ווער עס קריגט אויף עפּעס פון זייערע רייד איז גלייך ווי ער קריגט אויף גאָט און אויף זיין תורה.

זייט 101, צייכען (ה).

ה) וועגען „שיעור קומה" און „היכלות" און די איבעריגע ספרים, וואָס איך האָב דערמאָנט האָט אפשר געמיינט נסי בן נח אין דער הקדמה צום ספר פּלס ביאור המצוות (זעה לקוטי קדמוניות ל"ח). דער דאָזיגער קראי איז געווען פון זייערע ראשונים און ער האָט געזאָגט: דער לעזער בעדאַרף זיך ניט באַמיען צו לעזען די ספרים פון די פאַרפיהרער, וועלכע זיינען געמאַכט אויף די נעמען פון צדיקים און חסידים. היכלות, רזים, שם בן נח, אותיות דרבי עקיבה ווערען דערמאָנט אין די אַרויסטרעטונגען פון סלמון בן ירוחם געגען רב סעדיהו און זיי בײדע האָבען אין איין צייט געלעבט (כתב יד פּינסקער אין בית המדרש אין וויען). דעם היכלות האָט ער ביים נאָמען ניט דערמאָנט. אָבער אין פּרק ט"ו האָט ער געבראַכט זאַכען וואָס זייער מקור איז אין די היכלות. און זעה צונץ גאָטעסדיענסטליכע פאָרטרעגע 16, יעלינעק בית המדרש, חלק ב' XXIV, XV, XX און חלק ג' XV און ווייטער XV, XX, XXI. און דאָס וואָס ער האָט משער געווען דאָרטען, אַז די היכלות זיינען פאַרפאַסט געוואָרען צו ענדע פון אַכטען יאָהרהונדערט לויט דער קריסטליכער צייטרעכענונג, וואָס קומט אויס אַרום דער העלפט פון זעקסטען יאָהרהונדערט פון פינפטען טויזענט ליצירה, שיינט מיר, אַז עס איז דאַרויף קיין ראיה ניט פאַראַן. עס איז פאַראַן אָבער אַ רמז אויף פאַרקערט. ווארים צום סוף פון הלכות גדולות צעהלט ער צווישען די אָנגענומענע ספרים אויך דבר גדול און דבר קטן און פון ש"ס ווייסען מיר, אַז דבר גדול איז מעשה מרכבה און דעריבער איז ניט ווייט צו באַהויפּטען, אַז דער בעל הלכות גדולות האָט געמיינט מיט דעם דעם גרויסען און קליינעם ספר היכלות, וואָס די גאונים האָבען וועגען זיי געזאָגט, אַז זיי זיינען אַלטע משניות. אויב אַזוי אַלזא, איז ער אַלענפאַלס פאַרפאַסט געוואָרען פאַר דעם הלכות גדולות. ספר אותיות דרבי עקיבא איז אַ מעהר שפּעטעריגער און דער מחבר זיינער האָט שוין געהאַט פאַר זיך דעם שיעור קומה און היכלות. דער מחבר רעדט פון די ישיבות אין בבל. צונץ גאָטעסדיענסטליכע פאַרטרעגע 169, הערה 6 האָט געשריבען, אַז מען קען ניט ברענגען קיין ראיה, אַז ער איז געווען אַ צייט גענאָסע פון די גאונים דערפון, וואָס ער האָט דערמאָנט „ראשי ישיבות, דער שטאָלץ פון יעקב", ווייל מיר געפינען, אַז רבנים אין בבל און צפת, וואָס האָבען געלעבט אין צוועלפטען און דרייצענטען יאָהרהונדערט זיינען אויך אַזוי טיטולירט געוואָרען. און דעריבער האָט ער גערעכענט, אַז ער איז שפּעטער פאַר די גאונים געווען. דאָס איז אָבער בשום אופן ניט אַזוי. ווארים סלמון בן ירוחם, אַ צייט גענאָסע פון ר' סעדיה גאון דערמאָנט איהם, און לויט זיינע רייד איז ער שוין דאַן אַלענפאַלס אַן אַלטער ספר געווען, ווארים אויך ער האָט איהם צוגעשריבען צו ר' עקיבא.

זייט 102, צייכען (ו).

ו) דער געלעהרטער הרכבי אין זיין חבור זכרון לראשונים, חלק א׳, תולדות רב שמואל בן חפני, הערה 19 טייטשט אויס דאָס, וואָס רב האי גאון שרייבט דאָ: ער קוקט אין די אינערליכסטע און אין די חדרים, אז דאָס מיינט, אין די אינערליכקייטען פון זיין נשמה און אין די חדרים פון זיין האַרצען און אויך דאָס וואָס ער האָט געשריבען, ער ווייזט זיי אין די אינערליכקייטען דאָס אויסזעהן פון זיינע פּאַלאַצען מיינט — אין דער אינערליכקייט פון זייער האַרצען. נאָך מיין מיינונג אָבער דערלאָזען ניט די רייד פון גאון דעם דאָ־זיגען וויטלויפיגען פּירוש.

זייט 104, צייכען (ז).

ז) זעה אין לקוטי קדמוניות אין די נספחות זייט 98, ווי די קראים דער־צעהלען די מעשה וועגען ענן באריכות לויט ווי די רבנים האָבען עס דערצעהלט. עס ווערט געבראַכט אין חלוק הרבנים והקראים דאָרטען זייט 103. און דאָס איז דער תמצית פון דעם, וואָס ווערט דאָרטען דערצעהלט: זיי האָבען געזאָגט אויף ענן׳ען, אז ער איז געוועזן עלטער פון זיין ברודער חנינא אין יאָהרען און גרעסער פון איהם אין תורה און זיי האָבען אויסדערוועהלט זיין ברודער, וועל־כער איז געוועזן גרעסער פון איהם אין נאָכגעביגקייט, באַשיידענהייט, ביישנות און מורא פאר גאָט. האָט זיך ענן מתקנא געוועזן — און די כת זיינע, וואָס איז באַשטאַנען פון די איבערגעבליבענע פון צדוק און בייתוס כתה, און האָבען אָפּגעטאָן זייער ארבייט אין דער שטיל, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאר מלכות. און אז זיי האָבען איהם געמאַכט פאר א נשיא איז די זאַך ענטפּלעקט געוואָרען פאר דעם מלך און ער האָט איהם אַריינגעגעבען אין תפיסה און האָט איהם פאראורטיילט צום טויט. איז דאָרטען געוועזן מיט איהם איינער וואָס האָט מורד געוועזן אין דת מחמד. האָט ער זיך מיט איהם אַן עצה געהאַלטען, ווי אזוי ער זאָל זיך פארענטפערען. האָט יענער איהם אן עצה געגעבען, ער זאָל זאָגען פאר דעם קעניג: דו האָסט געמאַכט קעניגען מיין ברודער איבער איין דת און איך בין דער הויפּט איבער א צווייטען דת. און איך האָב ניט מורד געוועזן דערמיט צו ווידערשפּעניגען דיין געזעץ. און ענן האָט אזוי געטאָן און האָט נאָך צוגעגעבען צו זאָגען דעם קעניג מיט וואָס זיין דת אונטערשיידט זיך פון דת פון זיינע ברידער. וואָרים דער דת פון זיינע ברידער איז לויט דעם זעהן פון דעם לבנה און עבור פון פריהלינג. און היות די צייט רעכנונג פון די מוסעלמאַנער איז אויך לויט דעם זעהן פון דער לבנה און לויט דעם פריה־לינג האָט דאָס געווירקט צוזאמען מיט דעם חאבאר, וואָס ער האָט געגעבען, אויף דעם קעניג, ער זאָל איהם מוחל זיין.

זייט 107, צייכען (ח).

ח) זעה אין דער בראשור פון הרב רבי פּינחס פראנקעל מיט דעם נאָמען „קאַראַאימישע שטודיען“ געדרוקט אין קראטאשין יאָהר? וואָס זיין צוועק איז צו ווייזען, אז ביז דעם לעצטען פון זיי — איז פעלשונג זייער ספּעציאליטעט געוועזן. ער האָט דאָרטען געשטיצט די יסודות פון זיינע חקירות אויף א בריף, וואָס לויט די רייד פון ר׳ אברהם פירקאוויץ, וואָס רופט זיך אבן רש״ף איז

יאָס א בריף, וואָס געפינט זיך אין סוף פון „זאת התורה" אַ קאָמענטאַריע אויף דער תורת פון הרב טוביה הבקי בן ר' משה האבל. און די ראיות פון מחבר פון דער בראשור זיינען אויף אזוי פיעל צווינגענד, אז מיר קענען אננעמען זיין החלטה אלס יסוד, ווי מיר האָבען עס געטאָן אין פנים. און מיר בעדארפען דאָ נאָר איין זאַך צוגעבען, און דאָס איז — אז ווען מיר טראכטען זיך איין אין דער שפּראך פון דעם דאָזיגען בריף און אין זיין מליצה און אין זיין סגנון, דערקענען מיר באַלד, אז דער בריף איז ניט ארויסגעגאנגען פון אונטער דער פען פון א קאַראַאימישען שרייבער, וואָס צום סוף פון זיבעטען יאָהר־הונדערט פון פינפטען טויזענט, ווארים זי איז אינגאַנצען געשריבען מיט דער שפּראך פון די אחרונים און עס זיינען אין איהר פאראן נייע מליצות, ווי חיי הנפש אחרי המות (דאָס לעבען פון דער נשמה נאָכ'ן טויט) אין די באר (ניט גענוג אויפצוקלערען) חצי ישועה (א האלבע הילף) און ער האָט געשריבען דאָרטען: זעה זיינע רייד (פון ר' סלמון בן ירוחם) און ווער קלוגער פון זיין ספר בריתא וואָס ווערט אָנגערופען מחוצה) — באַווייזט עס גאַנץ גענוי זיין מקור אין אשכול הכופר. און דאָרטען האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם טערמין מחוצה צוליב דעם גראם.

זייט 108, צייכען (ט).

ט) עס לאָזט זיך אָנצונעמען, אז די דאָזיגע הגדה וועגען גלות, ווען דער בית ראשון איז חרוב געוואָרען, וואָס זיי זיינען פארטריבען געוואָרען לויט ווי זייט דערצעהלען קיין בבל און זיי רעכענען ספּעציעל אויס די שמידען און די שלאָסער (החרש והמסגר) איז געבויט געוואָרען אויף דעם יסוד פון אן אגדה פון די בעלי הקבלה, וועלכע האָבען אויך געזוכט צו פארבינדען די תורה פון זייער קבלה מיט דער צייט פון בית ראשון און זיי האָבען אויסגעטייטשט החרש והמסגר — דאָס מיינט מען די חכמי התורה, וואָס האָבען געבראַכט די תורה שבעל פה קיין בבל. זעה אין דער גמרא גטין (פ"ח) און תוספות גטין (ו) און אין ספרי, האזינו, שר"א.

זייט 113, צייכען (י).

י) דער דאָזיגער ספר איז פארלאָרען געגאנגען און געפינט זיך ניט מעהר און נאָר זיין הקדמה איז איבערגעבליבען, און ר' שמחה פינסקער ברעיגט זי בקיצור אין לקוטי קדמוניות. ער האָט אבער ניט גוט געטאָן, וואָס ער האָט זי מקצר געווען, באַזונדערס דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעלאָזט די אלע זאַכען, וואו עס רעדט זיך וועגען די עניגים פון טומאה און טהרה און די איבעריגע מצוות, און ער האָט דורכגעלאָזט די איבעריגע טיילען פון זיין ספר ווי דעם סדר שעטנז, סדר טומאת מת א. וו. און מעגליך, אז פון די דאָזיגע עניגים וואָלטען מיר געקענט בעסער לערנען דעם כאַראַקטער פון דער שיטה פון קאַראַאי־מישען דת ווי מיר האָבען עס געלערענט פון די מעהרסטע זאכען, וואָס זיינען געשריבען אין דער הקדמה, וואָס פינסקער האָט געדרוקט.

זייט 113, צייכען (י"א).

י"א) אין לקוטי קדמוניות זייט מ"ב האָט אויפמערקזאם געמאכט ר' שמחה פינסקער, וואָס עס הייסט תוספות גדולות וקטנות (גרויסע און קליינע הוספות)

און ער האָט משער געווען, אז ער האָט געמיינט מיט דעם די ברייתות פון ר׳ חייא און ר׳ אושעיא און תוספתא דר׳ נחמיה. און לויט זיינע רייד קומט אויס, אז ער האָט געדיינקט, אַז עס זיינען געווען דאַמאָלס אין די צייטען פון נסי בן נח באַזונדערע תוספות דר׳ נחמיה, ניט צוזאַמען מיט די תוספות פון ר׳ חייא און ר׳ אושעיא און דאָס איז עטוואָס אַזוינס, וואָס מיר האָבען קיינמאָל ניט געהערט. מיר ווייסען אבער, אז אין א צייט פריער, און דאָס איז אין דער צייט פון בעל הלכות גדולות איז געווען די תוספתא איינגעאָרדענט אין זעקס סדרים, ווי עס איז ערקלערט צום סוף פון הלכות גדולות. עס ווערט אויך קיינמאָל אויף קיין פלאַץ ניט דערמאָנט „תוספות גדולות וקטנות“. מיר געפינען אָבער אין ירושלמי און אין מדרשים. „גרויסע און קליינע משניות און גרויסע און קליינע מסכתות“. און דאָס נאָהענטסטע איז, אז דאָ איז פאַראַן א טעות סופר. עס בעדאַרף זיין הלכות גדולות וקטנות און תוספות. וואָרום אויך אין פירוש צו די עשרת הדברות דערמאָנט ער נאָר, אז ער זאָל זיין בקי אין משנה און אין תלמוד און אין הלכות און זאָל לערנען תוספות און הגדות.

זייט 113, צייכען (י״ב).

י״ב) ר׳ ישועה, וואָס דער מחבר האָט דאָ דערמאָנט איז בן יהודה, וועלכער האָט געלעבט אין דער העלפט פון ניינטען הונדערט פון פינפטען טויזענט און ער האָט מחבר געווען דעם „ספר הישר“ אין עריות. זעה לקוטי קדמוניות רי״ת אין אין די נספחות זייט 78, 79 און דאָס איז דער ספר העריות, וואָס דער מבחר האָט דערמאָנט. און ר׳ אהרן בן אליהו אין דער פתיחה פון ענין עריות וואָס אין זיין ספר גן עדן האָט געבויעט די עיקרים פון די עריות לויט דער דיעה פון ר׳ ישועה, ניט אָפּווייכענדיג פון איהם רעכטס אָדער לינקס. און אין זיינע פרקים דאָרטען פרק ב׳ דערמאָנט ער בפירוש דעם ספר פון ר׳ ישועה וועלכער האָט געקריגט אויף די בעלי הרכוב און האָט זיי מנצח געווען א. וו. אין זיין גאַנצע גרויסקייט און אלעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן איז פארשריבען אין זיין ספר הישר און דאָרטען אין פרק י״ד רופט ער איהם ספר העריות, און דער דאָזיגער ר׳ ישועה ווערט גערופען א תלמיד פון ר׳ יוסף הרואה, ווי עס איז געשריבען דאָרטען אין פרק ב׳. און ווייטער אין פרק ח׳ וועלען מיר ריידען וועגען דעם דאָזיגען ר׳ יוסף באריכות.

זייט 116, צייכען (י״ג).

י״ג) זעה אשכול הכופר, סימן רנ״ו, צ״ח, ע״ב, וואָס ער האָט געבראַכט א דין אין נאָמען פון ענן אין ענין פון נחלות: ווען עס איז דאָ א זוהן מיט א טאָכטער א. וו. די גאַנצע הלכה איז מיט דעם לשון פון תלמוד, נאָר דער הדסי האָט מיט זיינע נאַרישע מליצות צוגעגעבען זאַכען, ווי דער שטייגער זיינער איז אין גאַנצען ספר, אַז קיין איין ציטאַטע אפילו פון די אַלע ציטאַטען וואָס ער ברענגט פון אנדערע איז ניט אין דער שפּראַך פון דעם, פון וועלכען ער האָט איבערגעשריבען און אפילו אין פסוקים איז ער ניט מדקדק און איז מוסיף אויף זיי. און דער חכם הר״ר נייאבויער אין זיין חבור צור געשיכטע „דעם קאַראַאיזמוס“, וואָס איז געדרוקט מיט דעם ספר אפריון עשה לו פון קראי שלמה הטראקי (לייפּציג 1866) האָט געבראַכט אין הערה ג׳ אן איבער־

געשריבענעם פרק פון ספר דברי ענין לויט כתב יד פעטערבורג 641 און ער איז אין ענין פון עריות. און ער איז אינגאנצען אין אראמיש. ניט אָבער אין א ריינער אראמישער שפראך, נאָר מיט דער שפראך און סגנון פון תלמוד בבלי, א צוזאַמענמישונג פון אראמיש און העברעאיש. נאָך מעהר איז ער עהנליך צו דער שפראך פון די גאונים אין זייערע תשובות און אין די פסקי הלכות זייערע, אזוי איז דאָס זעהר קלאָר פאר דעם, וואָס טראַכט זיך איין דאָרטען, און אויך אין אשכול הכופר.

זייט 122, צייכען (י"ד).

י"ד) אָט דאָס שרייבט ר' אהרן בן אליה דאָרטען: דער טעם פון דער שבועה איז, ווייל די אידען האָבען זיך צוטיילט אויף קראים און רבנים, און עס קען דעריבער זיין, אז אַ קראי וועט נעמען א רבנית, אָדער אַ רבני אַ קראית — נעמט מען פון זיי דעריבער א שבועה, זיי זאָלען בלייבען שטעהן אין קאַראַאי־מישען דת. פון דעם זעהען מיר, אז זיי האָבען זיך יאָ געמעגט מתחתן זיין מיט די רבנים. און מעהר איז עס ערקלערט אין ספר המבחר פון ר' אהרן הראשון, פרשה משפטים. ער שרייבט פאָלגענדעס: נאָכדעם, וואָס זיי האָבען זיך אָפּגעריסען פון די אנשי הקבלה, האָבען זיי מתקן געווען א גדר, אז דער וואָס וויל זיך מזווג זיין מיט אן אשה פון זיי, זאָל ער זי ניט נעמען נאָר אויף דעם תנאי, אז זיי זאָלען זיך ניט סומך זיין אויף דער קבלה. אין לקוטי קדמוניות אבער האָט ער געשריבען אין נאָמען פון דער הקדמה אפיריון עשה, אז ענן האָט מתקן געווען, מען זאָל זיך ניט מזדווג זיין און מתחתן זיין מיט די רבנים, און ווי עס זעהט זיך פון דעם, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט האָט ער פאַלש עדות געזאָגט.

קאַפּיטעל 6.

זייט 126, צייכען (א).

א) אין דער בראשור וואָס מיר האָבען דערמאָנט פון געלעהרטען ר' פינחס פראנקעל באהאנדעלט ער אויספירליך און מיט צווינגענדע ראיות דעם דאָזיגען ענין. ער באווייזט, אז דער דאָזיגער גנאי ברוך האָט געלעבט נאָר אין דער פאַנ־טאַזיע פון די קאַראַאימען. און די אלע רייד פון קונטרס וועגען דער פעלשונג פון יענעם בריף זיינען באַגרינדעט אויף ראיות פון דער טראדיציע און שקול הדעת און אויף באווייזע, וואָס זיינען גענומען פון קונטרס אליין. איך בין אָבער מוסיף אויף זיינע רייד, וועלכע באשטעטיגען מאנכעס פון בריף און ווארפט ארויף די פעלשונג נאָר אויף דעם גרעסטען טייל פון איהם. איך אָבער זאָג אויף דעם גאַנצען בריף, אז לא היה ולא נברא. הדיסי האָט געזאָגט אין אויבענדערמאָנטען פלאַץ, וואָס ווערט געבראַכט אין טעקסט, אז ער איז גע־ווען דער רבי פון ענן און זיינע אנהענגער, און דער תלמיד פון עזרא. און רבי אברהם פערקאוויטש האָט פארטייטשט, אז דאָס איז, ווי זיי האָבען געזאָגט אויף שמואל הקטן — דער תלמיד פון הלל. און ער האָט פארגעסען אדער ניט גע־וואוסט זייער מאמר וועגען הלל, אז ער איז געשטאָרבען האָבען זיי געזאָגט וועגען איהם: א פרומער, א באשיידענער, א תלמיד פון עזרא (סוף סוטה) און אין תקון הקראים (נספחות 186): און דאָס איז דער תקון, וואָס אונזערע

לערער האָבען מתקן געווען... פריער ענן... און נאָך איהם, ווען עס זיינען אויפ־געשטאַנען זיינע תלמידים... און זיי האָבען איינגעפיהרט דעם דאָזיגען מנהג... ווי דער מנהג פון גנאי ברוך דער ראש פון בית דין פון עזרא הכהן א. וו. און ער פאַרענדיגט: און דער דאָזיגער מנהג... דער מנהג פון די ראשונים... און זיי זיינען פון די מענשען פון בית דין פון עזרא און אויך דער מנהג פון גנאי ברוך דער ראש בית דין פון עזרא הכהן א. וו. און עס איז קלאָר, אַז דיזער שרייבער האָט א טעות געהאַט אין מיין פון הדסי'ס אויסדרוק און ער האָט געדענקט, אז ער מיינט אין בוכשטעבליכען זין און דעריבער האָט ער גע־שריבען וואָס ער האָט געשריבען.

זייט 126, צייכען (ב).

ב) זעה וועגען איהם אין לקוטי קדמוניות זייט קס"ז; ער שרייבט, אז די קראים האָבען איהם געהאַלטען פאר א קאַראַאים. עס איז אָבער ניטאָ קיין ראיה דערויף. און פארקערט פון דעם, וואָס ער איז געווען רב סעדיה'ס א תלמיד, ווי די קאַראַאימען אליין האָבען געזאָגט וועגען איהם, איז צו דרינגען, אַז ער האָט באלאנגט צו די רבנים. ער איז געווען א גר צדק און ווערט אָנ־גערופען ביי די קראים עקילס הגר. און אין דוד מרדכי י"א, ע"ב רופט ער איהם ר' דוד המקמץ גר צדק. און זעה נספחות זייט 55 אין דער בריף, וואָס ר' מנחם הקראי האָט געשיקט צו עקילס הגר ביי דעם רבני רב סעדיה.

זייט 130, צייכען (ג).

ג) שוין ר' שמחה פינסקער אין לקוטי קדמוניות זייט מ"ב האָט עס געפיהלט, אז דער אָנהויב פון זיינע רייד אין דער הקדמה ווייזט ביז צו א געוויסען גראַד, אז ער איז ניט געווען פון די קדמונים, און פונדעסטוועגען האָט ער זיך געמאַטערט צו ברענגען גלאט ראיות פון סגנון פון זיין שפּראַך און פון דעם, וואָס ער האָט געהייסען לערנען משנה און תלמוד, אז ער איז געווען פון די גאָר ערשטע. און זיינע רייד געפעלען מיר גאָר אינגאנצען ניט. ווארים דאָס, וואָס נסי האָט געשריבען, אז ער האָט געשריבען העברעאיש און ניט אראמיש, וואָס איז א שענדליכע שפּראַך, ווארום צוליב איהר האָבען די אידען פארגעסען זייער שפּראַך און דעריבער גרייזען זיי אין דער תורה און פאר־לירען זיך צו געפינען איהר ריכטיגען מיין און געהען אוועק פון אמת'ען פּשט געהט ניט אויף די קראים, וואָס זיינען געווען פאר איהם, נאר אויף די מדרשים פון תלמוד און די איבעריגע מדרשים.

זייט 131, צייכען (ד).

ד) עס וואָלט צופיעל פארנומען אויסצורעכענען דאָ די אלע ענינים, וואָס אין זיין פירוש אויף די עשרת הדברות, פון וועלכען מען זעהט, אז עס האָבען איהם באהערשט דער גאנג און דער סגנון פון מדרש פון די רבנים. באלד אין אָנהויב פון זיינע רייד וועגען פסוק מי יודע פשר דבר (ווער ווייס די ערקלע־רונג פון דער זאַך) דברים לא נאמר (עס שטעהט ניט דברים) צו לערנען אונז, אז אפילו דער וואָס ווייס נאָר איין זאך צו דרש'ענען פון די עשרת הדברות ווערט אויך אנגערופען חכם. און ער האָט מפרש געווען דעם טעם פון גלוי שכנה דורך דונערען און בליצען על פי משל: די תורה איז געגליכען צו פייער

א. וו. און ער האָט געזאָגט: אין ערשטען טאָג זיינען באַשאַפען געוואָרען זיבען זאַכען, און עס געפינען זיך דאָרטען נאָך פילע זאַכען, וואָס עהנליכעס געפינען מיר אין מדרש. און ווייס, אז מיט זיין גאנצער באַרימערייַ, אז ער האָט אויסערוועהלט ריינעם לשון קודש, האָט ער זיך ניט געקענט באַגעהן, ער זאָל זיך ניט באַנוצען מיט טערמינען, וואָס ער האָט גענומען פון תלמוד און מדרש, ווי: צו לערנען דיר (ללמוד), ווי זיינען די רייד געזאָגט געוואָרען (במה דברים אמורים) משל, צו וואָס איז די זאַך גלייך (משל למה הדבר דומה) מצות עשה, מצות לא תעשה (אַ אָנזאָג צו טאָן עפּעס און א פאַרזאָג ניט צו טאָן עטוואָס) בעל קרי (איינער וואָס איז אומריין געוואָרען ביינאַכט) מלמד (לערענט עס אונז) הרי (איז דאָך) ואל תתמה (און זאָלסט זיך ניט וואונדערען הלכך (אוז דעריבער), אויף איהם זאָגט דער פסוק, (עליו הכתוב אומר), ער פרעגט און ענטפערט צום ענין (שואל בענין ומשיב כהלכה), און נאָך פילע אַזעלכע אויסדריקע. מיר געפינען אלזא, אז מיט זיין גאנצער באמיהונג צו רעדען א ריינעם העברעאיש, איז ער דאָך געווען געצוואונגען צו זוכען הילף אין דער שפּראַך פון דער משנה.

זייט 132, צייכען (ה).

ה) אין די אלע ספרי מצוות פון די קראים האָט איך ניט געפונען קיין זאַך ציטירט פון זיין ספר המצוות. דער חכם דיקעס אין מיטטיילונגען זייט 26 ברענגט א פירוש פון איהם אויף ממחרת השבת, וואָס שטעהט אין יהושע. און זעה נאָך אין לקוטי קדמוניות, אין נספחות, סימן א׳.

ו) איך האָב פאראיבעל אויף ר׳ שמחה פינסקער, וואָס ער האָט אוועק־

זייט 133, צייכען (ו):

געשטעלט א כלל, אז אַט יענע אלע חכמים, וואָס זיינען געווען ביז ארום פופציג יאָהר נאָך ר׳ סעדיה גאון און זיי האָבען זיך נאָר מיט דעם שטודיום פון תנ״ך באשעפטיגט, זיינען פארדעכטיגט ביי איהם אין קאַראַאיזם און ער גיט דאָרטען צו אין די הערות 163, אז אפילו ווען מיר זעהען, אז ווער פון זיי האָט זיך נוהג געווען לויט די מנהגים פון די רבנים, שטעהט ער נאָך אליין אינערליך אין דער חזקה פון א קאַראַאים, ביז מיר ווייסען ניט צוליעב וואָס, מיר באַדאַרפען איהם האַלטען פאר א רבני. און צוליעב דעם זעלבען טעם האָט ער אויך געהאלטען מנחם בן סרוק אין דער חזקה פון א קאַראַאים, און איך שווער, אז די פיהרונג זיינע איז ניט די פיהרונג פון א אמת׳ען פאָרשער. און עס פארדריסט מיר זעהר, וואָס ער האָט דערמיט געגעבען א פתחון פה די ליצנים צו זאָגען אויף איהם, אַז ער האָט עס גענומען פון זיך אליין. און אין אלע זיינע ראיות וואָס ער האָט געבראַכט אויף מנחם׳ען איז אפילו קיין ברעקעל ניטאָ, וואָס זאָל אונז צווינגען צו מאַכען אַזא באַהויפּטונג. און אין אלע זיינע כתבים איז אפילו דער קלענסטער רמז ניטאָ פון קאראאיזם. וואו איז דער קאַראַאים אין דער צייט פון ר׳ סעדיה גאון אדער אביסעל שפּעטער נאָך איהם, וועלכער זאָל זיך באַנוצען מיט א מאמר פון תלמוד, ווי ער האָט עס געטאָן צום סוף פון זיין בריף צו רב חסדאי׳ן, וואו ער שרייבט: ער איז אפשר פארוואנדעלט געוואָרען ווי פון איוב איז געוואָרען אויב (שונא) א. וו.

און דאָס איז פון דער גמרא בבא בתרא. און פון די ענטפערס פון זיינע תלמידים צו דונש איז דאָך קלאָר, אז זיי זיינען געווען צווישען די פאָרעהרער פון משנה און תלמוד ערך חנויה (זייט 44) און זיי טייטשען דעם פסוק „אשה חדשה“, וואָס ער האָט זי באַניוט צו זיך. און זיי ברענגען זייערע רייד בפירוש: די חכמים האָבען געזאָגט: אז די שטיינער פון די לוחות זיינען פּערעל־שטיינער געווען (זייט 72) און אין פיעלע ערטער פון זייערע תשובות געפינען מיר, אַז זיי האָבען גערעדט פון ר׳ סעדיה גאון מיט כבוד און פון דעם אַלעם איז דאָך קלאָר, אז די תלמידים זיינען געווען אמת׳ע רבנים. און ווי אזוי קען אויפ׳ן געדאַנק אויפגעהן, אז זייער רבי, פאר דעם כבוד פון וועלכען זיי האָבען זיך מוסר נפש געווען איז געווען א קאַראַאים! און דער אמת איז ווי דער רבנו תם האָט געשריבען אין ספר ההכרעות (זייט 8) אין פירוש אשר לוא חומה: און מנחם, דער ב ע ל ה ל כ ה ו ס ב ר א פון דער געמאַטערקייט פון דער מסורה און מקרא האָט אָנגענומען דעם גלייכען וועג. און זאָל איהם גאָט מוחל זיין ר׳ שמחה פינסקער וואָס ער האָט גערעדט שלעכטס אויף א מענשען א צדיק אָהן א טעם אָהן אן אמת און האָט ארויסגעזאָגט זיין אורטייל צו באשולדיגען איהם אין אוילעניש.

זייט 137, צייכען (ז).

ז) זעה לקוטי קדמוניות אין די נספחות זייט 62. דאָרטען ברענגט סלמון בן ירוחם א פירוש אויף שאול׳ס נאָמען וועגען דעם דבור „לא תנאף“ און דאָס זיינען זיינע רייד: און עס האָט שוין ערקלערט מרנא שאול ראש הגולה ירא אלהים, אז דאָס איז אן הזהרה אויף אלע מינים פון נאוף און זנות, סיי מיט אן אשת איש און סיי מיט א פנויה און אויף אלע פארבאָטענע עריות, סיי משכב זכר און סיי מיט א חיה אדער א בהמה. דער דאָזיגער פירוש איז שוין אָבער אויך געבראכט געווארען אין פירוש אויף די עשרת הדברות פון נסי בן נח און מען קען ניט מכריע זיין, ווער האָט פון וועמען איבערגעשריבען. פון יאשיהו, דער זוהן פון שאול האָב איך געזעהן אין אשכול הכופר סימן רנ״ח, ווי ער האָט געשריבען: עס האָט אזוי פעסטגעשטעלט דער משכיל, די ליכט פון גלות נוחו עדן, אז די קינדער פון מת טיילען זיך מיט זייערע פעטערס, ווי די תורה זאָגט. און אין ענין פון מקדש זיין אן אשה ווערט געבראכט אין זיין נאָמען, אז זיי ווערען געמאכט דורך זעקס זאכען: גאב, עדות, אפשריפט, ביאה, קידושין און מקבל קנין זיין. זעה גן עדן סדר נשים פ״ו און זעה אויך אין אשכול הכופר.

זייט 140, צייכען (ח).

ח) דער חכם נייאבויער אין זיין חבור, וואָס מיר האָבען דערמאָנט, הערה 5, זייט 107, ברענגט דעם דאָזיגען שלום לויט א מאַנוסקריפּט אין פעטערבורג מיט איניגע גרייזען. און פונדעסטוועגען האָט ער דאָרטען געשריבען, אַז בנימין איז נאָר אין זיין אָרט א ראש געווען. לויט דעם אָבער, וואָס מיר האָבען ארויסגעדרונגען פון בריף זעהט מען, אַז זיינע רייד זיינען געהערט געווארען אין גלות און ער האָט פאר זיי געזעצען געמאַכט.

זייט 140, צייכען (ט).

ט) אויף צו מאמת זיין אונזערע רייד וועלען מיר דאָ ברענגען אייניגע ביישפילע. דער רוב פון די דינים וועגען דיינים און עדות זיינען גלייך אין זייערע ענינים צום דין פון דער גמרא. ער האָט נאָר על פי רוב משנה געווען זייער פאָרם און זייער שפּראַך און אויסגעברייטערט זיי, ווי: און דער שופט באדארף געהן צום לשכת הגזית צו לערנען א. וו. און אויב אין גלות זאָל ער געהן צו א קלוגערען פון איהם, ווארום עס שטעהט און דו זאָלסט אויפשטעהן און געהן צום אָרט א. וו. (ענין א. ב) און דאָס איז אָהן צווייפעל פון ספרי ובאת (און דו זאָלסט קומען) צוצוגעבען דעם בית דין, וואָס אין יבנה. צווייי יוסף בן שמעון אין איין שטאָדט... שרייבט מען ארויס זייער באַשעפטיגונג און אויב זיי האָבען אויך איין באַשעפטיגונג שרייבט מען אויך די גאַס פון זייער הויז א. וו. (א. ענין ד׳) פונקט ווי אין דער משנה און אין דער גמרא בבא בתרא (קע״ב). **און זעה דאָרטען וועגען דעם דין, אַז א שומר האָט אי־בערגעגעבען צו א שומר** (ב. ענין ג׳), ווי אַלעס איז פון תלמוד גענומען. די קליינע און גרויסע ברידער א. וו. איז דער בית דין שטעלט אָן אַן אפּוטרופּוס א. וו. און אז זיי וועלען אויסוואקסען וועלען זיי קענען שווערען א. וו. (ג, ע״א) אַלעס פון דער גמרא קידושין (מ״ב) און גטין (נ״ב) און אזוי ווי אבא שאול דאָרטען. דער וואָס זיין יורש איז אוועקגעגאנגען למדינת הים... און ער האָט איבערגעשריבען זיינע נכסים פאר אן אנדערען און נאָכדעם איז געקומען זיין יורש איז זיין מתנה קיין מתנה ניט... סיידען ער האָט איבערגעלאָזט... עפּעס (ג׳ ע״ג) פון דער גמרא (בבא בתרא קמ״ו.) אַ מאַן שרייבט זיין נאָמען אויף א שטר מיט דער חתימה פון זיין האַנד און זאָגט אויף דעם עדות אפילו נאָך פיעלע יאָהרען א. וו. (ד) ברייתא כתובות (כתובות ב׳). ער טענה׳ט צו זיין חבר: איך האָב ביי דיר פינף הונדערט שקלים. און זיין חבר זאָגט: להד״ם (לא היו דברים מעולם — עס איז גאָר ניט געווען קיינמאָל) און עדות זאָגען פאר איהם עדות אויף צוויי הונדערט. באצאָהלט ער צוויי הונדערט און שווערט אויף דעם איבעריגען (ד:) ר׳ חייא קמייתא (ווי ר׳ חייא האָט פריהער געזאָגט) אין אָנהויב בבא מציעא. דער כלל פון דער זאַך איז, אַז איך האָב כמעט ניט געפונען ביי איהם קיין איין דין אפילו, וואָס זיין מקור זאָל ניט זיין פון תלמוד, און אפילו דאָרטען וואו ער קריגט אויף איהם, איז ער דורך דעם תלמוד צום דין געקומען.

זייט 140, צייכען (י).

י) אין פּסוק „שבו איש תחתיו" (זאָל יעדער זיצען אויף זיין פּלאַץ) טייטשט ער: תחתיו ממש, ניט אין א מעהר ברייטערען זין (גן עדן ל״א ע״ג) און דאָס איז, ווי דער תלמוד האָט מפרש געווען: תחתיו ממש, דאָס הייסט אין די ד׳ אמות. כי ישבו אחים יחדיו (אז ברידער וועלען וואוינען צוזא־מען) אן אמת׳ער ברודער, ניט קיין פאַמיליען ברודער (דאָרטען נשים, י״ג) און ווי דער תלמוד איז מפרש. ולא תסוב נחלה ממטה אל מטה ולא תסיב נחלה ממטה למטה (עס זאָל די נחלה ניט איבערגעהן פון איין שבט צום צווייטען). — דערפון איז געדרונגען, אז דער מאן ירש׳נט זיין פרוי (דאָר־טען ירושה, ה׳) און ווידער מדרש פון ר׳ ישמעאל (בבא בתרא קי״א). אויב

עָס איז דאָ א זוהן, ירש'נט די טאָכטער גאָר ניט (אשכול הכופר צ"ח) און ווי דער מדרש פון דער גמרא דאָרטען ק"י און ירושלמי פרק ח', הלכה א'. אן עוף באדארף האָבען שחיטה מן התורה געגען ענן (גן עדן שחיטה, י"ב) און ווי דער מדרש פון תלמוד. דער וואָס מאָהנט פון זיין חבר הונדערט גולדען... און דיעזער חבר מאָהנט פון ז י י ן חבר — נעהמט מען צו פון דעם און מען גיט דעם צווייטען, ווי עס שטעהט „און ער זאָל אָפּגעבען צו דעם, וואָס ער איז שולדיג (מ"ב, ג', ע"ב).

זייט 140, צייכען (י"א).

י"א) ער האָט מתיר געמאכט אויפצוקלייבען אום שבת פּרוכט וואָס פוילט אין זיין הויף און ער האָט גע'אסר'ט, וואָס עס פוילט אין רשות הרבים, ווארים עס שטעהט געשריבען ביים מן: זיצט יעדער אויף זיין פּלאַץ, זאָל קיינער פון זיין אָרט ניט ארויסגעהן, און עס איז ניט גע'אסרט געוואָרען ביים מן נאָר ברענגען פון דרויסען, און דאָס אייגענע איז מיט פּרוכט, וואָס פוילט (גן עדן שבת י"ט) און ער האָט מפרש געווען דעם פסוק אין עזרא וועגען די מינים פאר דער סוכה און זוי זיינען דאָרטען דריי און ער האָט ניט געשריבען אויך ערבי נחל (ווערבען) — בנימין האָט דארויף געזאָגט, אַז דער־ריבער האָט ער ניט געזאָגט ערבי נחל, ווייל ער האָט געזאָגט, צא ההרה, איז דער פּשט: איהר געהט ארויף אויף דעם באַרג און ברענגט די זאַכען, וואָס געפינען זיך אויף דעם באַרג און מיר ווּלען ברענגען ערבי נחל (דאָרטען סכות, א'). אין נספחות 72 אין נאָמען פון בנימין: לא תצא כצאת העבדים — אין פעלדער און וויינגערטנער ווי דער שטייגער איז פון די מענשען. און דער קאַראַאים פּערקאָוויץ, וועלכער האָט געבראכט דעם דאָזיגען מאמר האָט איהם פארקירצט, און ער האָט זיך אָהן צווייפעל געשעמט מיט זיין נאַרישקייט (מאמר ב', ה', ע"ג). מען נעמט ניט אויף די עדות נאָר פאר דעם בעל דין אין די אויגען, ווי עס שטעהט כחשי בפני: אויף מיין פאלשקייט זאָל ער אין מיין געזיכט עדות זאָגען. דאָרטען (ו' ע"א) א בעל חוב מעג פאַר זיך אַוועקנעמען זיינע קליינע קינדער פאר קנעכט, ווארום עס ווערט געזאָגט: און דער מאנער איז געקומען אוועקצונעמען פאר זיך מיינע צוויי קינדער פאר קנעכט און זעה וויי־טער פּרק ז' הערה 3. דאָרטען (ע"א) דער וואָס איז מאַנס א בתולה זאָל ער געבען איהר פאָטער וועדליג עס טרעפט אן א חומר (געוויסע מאָס, דרייסיג כּאה) גערשטען (?!) ווארום עס שטעהט ז ר ע חומר שעורים בחמישים שקל כסף (דאָס פ א ר ז ע ה ע ן פון א חומר גערשטען פאר פופציג זילבערנע שקלים). דיזע אלע פּירושים בעדאַרפען קיין פּירוש ניט האָבען צו באַווייזען זייער פארגרייזקייט און משונה'דיגקייט.

זייט 140, צייכען (י"ב).

י"ב) אין משאת בנימין (ב' ע"א) ווערט געבראכט אין אדרת אליהו (ענין שבת, פּרק כ"ב) און ער איז פארשולדיגט געוואָרען אין א משפט פון מומים אָדער אן אנדערע דינים מיט זיין חבר אָדער אין אלע דינים, וואָס מען משפּט ניט אין גלות, זאָל ער געהן איבערבעטען זיין בעל דין. מיר ווּלען אויך אָננעמען אלעס פון איהם. אויב ער וועט אבער ניט געהן איבערבעטען

און אויב ער וועט ניט מקבל זיין אויף זיך דעם משפט פון גאָט, וועלען מיר איהם אָפּשיידען פון אונז. פונקט ווי דער פסק פון ר׳ צדוק גאון (שערי צדק, חלק ד׳, סימן ב, י״ד און חלק ג׳ סימן ס׳) וואָס ער האָט געהייסען אין דיני קנסות, דער מזיק זאָל געהן און איבערבעטען און אויב ער פאָלגט ניט, איז מען איהם מנדה. דאָרטען ז׳ ע״ב (דו טאָרסט ניט ברענגען אַ אידען אין דיני עכו״ם (גמרא גטין פ״ח) ניט מיט זייערע שטרות, ניט מיט זייערע פסקי דינים און ניט מיט זייער עדות־זאָגען (מיט דעם האָט ער געמיינט געגען דער משנה ערשטען פרק פון גטין: אלע שטרות, וואָס געהען אריין אין די געריכטען פון די גויים כאָטש זייערע חת׳מענער זיינען ניט קיין אידען — זיינען זיי כשר) כאָטש זיי משפט׳ען לויט דער תורה. ווארום עס שטעהט ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם (און דאָס זיינען די געזעצען, וואָס דו זאָלסט טאָן פאַר זיין) פאַר די אידען און ניט פאַר די גויים (מכילתא אָנהויב משפטים, גטין פ״ח) און ניט געהן און ניט פיהרען צו זייער בית דין, ווי עס שטעהט: המבלי אין אלהים בישראל, איז דען גאָט ניטאָ צווישען די אידען א. וו. (עס ווייזט מיר אויס, אז דאָס איז געציעלט געגען דעם פסק פון די גאונים אין נאָמען פון רב פלטוי. זעה בית יוסף, חושן משפט, סימן ב׳. און כאָטש בנימין איז געוועזען פאַר רב פלטוי׳ן, פונדעסטוועגען ווייזט מיר אויס, אז שוין די גאָר ערשטע גאונים האָבען אזוי געפסק׳ענט) צו זוכען הילף אָבער פון זיי צו צו־גרייטען און פאַרשטאַרקען דעם דין תורה אויף די פושעים פון צווישען די אי־דען מעג מען (משנת גטין, דאָרטען, בבא בתרא מ״ח). און זעה ירושלמי גטין פ״ט.

זייט 141, צייכען (י״ג).

י״ג) עס שיינט מיר, אז דאָס, וואָס ער האָט געבראַכט אַ ראיה אויף דעם באַשאַפען ווערען פון די מלאכים פון פסוק בראשית ברא א. וו. האָט ער גע־מיינט מיט דעם זייער מדרש אין בראשית רבה: את השמים — מרבה צו זיין די זון און די לבנה א. וו. און ער האָט גע׳דרש׳ענט דעם „את" מרבה צו זיין די מלאכים. ווארום אזוי האָט הדסי ערקלעהרט זיינע רייד: זיין כבוד און זיינע כתות מיט די אויבערשטע הימלען מיט דער ערד מיט אַלע אונזערע כתות, און אלע אונזערע באַשעפעניש׳ן... יעדען איינעם אין זיין טאָג אין די זעקס טעג פון דער וואָך, און דאָס איז די מחלוקת פון רבי יהודה און ר׳ נחמיה רבי נחמיה זאָגט, אז זיי זיינען אין דעם אייגענעם טאָג באַשאַפען געוואָרען, נאָר באַוויזען האָט זיך יעדער איינציגער אין זיין צייט. בראשית רבה פרשה י״ב. ילקוט ז׳.

קאַפּיטעל 7.

זייט 148, צייכען (א).

א) זעה אין לקוטי קדמוניות אין די נספחות פון זייט 27 ביז 43 וואָס עס שטעהט געשריבען אין דער שטראָף בריף פון רב סהל בן מצליח, וואָס ער האָט געשריבען צום רבני יעקב בן שמואל. און זעה נאָך אין חלוק הקראים והרבנים אין די נספחות זייט 104.

זייט 150, צייכען (ב).

ב) איך האָב מאריך געווען אין דער ערקלערונג פון דער שיטה פון די בעלי הרכוב, ווייל די חכמים, וואָס האָבען געשריבען וועגען דאָזיגען געגענ־שטאַנד — די, וואָס איך האָב זייערע רייד געזעהן — האָבען ניט קלאָר געמאכט אלעס. זיי האָבען נאָר געשריבען, אז זיי זיינען מחמיר פּיעל אין עריות, זיי האָבען אָבער זייער שיטה ניט געגעבען. נאָר ר׳ פּינחס פראנקעל אין זיין מאמר וועגען די קראים, (וואָס איז געדרוקט ביי היש און גרובער) האָט זיך פארנומען ווי געהעריג מיט איהר ערקלערונג. אין אנקלאנג אבער מיט דעם כאראקטער פון זיין ארביט האָט ער אויך געמוזט מקצר זיין.

זייט 153, צייכען (ג).

ג) אין אשכול הכופר דף צ״ז, ע״ד באהאנדעלט ער דעם ענין, צי עס איז א חיוב אויף די יתומים צו באצאָהלען דעם חוב פון זייער פאָטער. האָט ער געזאָגט, אז זיי זיינען מחויב צו באצאָהלען דעם חוב פון זייער פאָטער פון דעם, וואָס שטעהט און דער מאנער איז געקומען צונעמען מיינע צוויי קינדער פאר קנעכט און דער נביא האָט איהר ניט געזאָגט, אז דער קרעדיטאָר האָט קיין רעכט ניט צו מאָנען פון די יתומים, איז דערפון געדרונגען, אז לויט דער מיינונג פון נביא, האָט ער מיט רעכט געמאָנט און ער האָט מאריך געווען דאָרטען ביז צום מיעד מאָכען, און דאָס אלעס נאָר כדי צו להכעיס׳ען די רבנים, וואָס זאָגען, אז די מטלטלין פון יתומים ווערען ניט משתעבד (אויסגעזעצט) צום בעל חוב. אָבער זעה נאָר, ווי דער דאָזיגער מבוהל קרום־פלפול׳ט זיך. ער רעדט אויף אזא אופן, גלייך ווי אויסער דעם, וואָלט די גאנצע ספור המעשה געווען לויט דעם דין און יושר נאָך. צי נעהמט מען דען די קינדער פון בעל חוב פאר קנעכט פאר דעם חוב פון פאָטער. און דער וואָס וועט מעיין זיין אין דעם דאָזיגען ספר וועט געפינען וואונדערליכע זאכען פון די קרומע ראיות, וואָס זיי ברענגען אויף דעם דאָזיגען שטייגער, פון נביאים און כתובים.

זייט 153, צייכען (ד).

ד) אין תנ״ך איז וועגען דעם דאָזיגען פסוק דאָ א קרי און א כתיב. געשריבען איז שלשים און לייענען—לייענט מען שלישים. און לויט דעם טיפען פשט פון פסוק און לויט דעם סדר פון די פסוקים, זעהט זיך, אז ריכטיג איז, ווי דער כתיב שלשים, ווארום פון פסוק י״ז ביז כ״ב, וואָס אין קאפּיטעל כ״א פון משלי געהט דורך איין געדאַנק. און דער מחבר רעדט עס און רופט צו זיינע צוהערער אָדער לעזער, אז זיי זאָלען הערען די רייד פון די חכמים און זאָלען זיך אויך צו זיין מיינונג צוהערען, ווארום עס וועט פאר זיי זיין גוט און וואויל, אז זיי וועלען זיי היטען. און ער זאָגט: וועגען האָבען בטחון אין גאָט האָב איך זיי געלאָזט וויסען ה י י נ ט. אויך אייערנעכטען אָבער האָט ער זיי געשריבען, צולאָזען זיי וויסען די רייד פון אמת. און דעריבער איז דער „שלשים" פון פסוק כ׳ דער געגענזאץ פון היום אין פסוק י״ט. נאָר עס זעהט זיך, אז מען האָט פארביטען דעם נקוד און מען האָט מנקד געווען שלישים מיט א קמץ און מיט צוויי חיריק׳ן צוליב דעם מדרש, וואָס מען האָט גע׳דרש׳נט אויף דעם וואָרט אז עס געהט אויף די דריי טיילען פון די הייליגע שריפטען,

תורה, נביאים, כתובים. **און עס איז אויף דעם וועג פון אל תקרי — זאָלסט** ניט לייענען אזוי נאָר... אין דאָס איז א פארענטפערונג פאר די בעלי מדרש הרבנים, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל ניט אָפּגעהאלטען צו דרש׳ענען אויף דעם שטייגער. און ניט נאָר דאָס, דאָס באווייזט אויך, אַז דער דרך המדרש האָט באַאיינפלוכט אמאָל די בעלי הנקוד. די קראים אָבער, וואָס בארימען זיך, אז זיי ערקלערען שטענדיג דעם תנ״ך לויט דעם ריכטיגען פשט, מיט וואָס וועלען זיי זיך פארענטפערען? וועלען זיי זאָגען, אז דאָס איז דער פשט פון פסוק? די הויפּט זאַך איז אָבער, אז אין זייערע פירושים האָבען זיי געהאט אן אנדער פניה, און זיי האָבען איהם מפרש געווען לויט ווי זיי האָבען עס באדארפט און לויט דעם צוועק, וואָס זיי האָבען פאר זיך געשטעלט.

זייט 153, צייכען (ה).

ה) **אן אבל איז פטור פון תפילין, ווייל עס שטעהט ביי זיי פאר** (ברכות י״א). וויפיעל וויכטיגע הלכות קען מען אָפּלערנען פון די דאָזיגע פסוקים פון חנה (דאָרטען ל״א) שירה על היין — פון דעם פסוק המשמח אלהים ואנשים (דאָרטען ל״ה) פון וואנען וויים איך, אז הפקר בית דין איז הפקר, ווארום עס שטעהט געשריבען, און דער, וואָס וועט ניט קומען אין דריי טעג לויט דער עצה פון די שרים א. וו. (גטין ל״ו) פון וואנען וויים איך, אז מען שווערט צו מקיים זיין א מצוה, ווארום עס שטעהט געשריבען נשבעת, ואקיימה א. וו. (נדרים ח׳) נזיר עולם מיקל בתער מאבשלום: אַז דער וואָס האָט אויף זיך גענומען אייביגע נזירות, שערט זיך ארום, ווען עס וואַקסען איהם אָן צופיעל די האָר — מיר לערנען עס אָב פון אבשלום׳ען (עזרא ד׳). דעם דין פון שטרי מקח לערנען מיר אָב פון ירמיה (קידושין ט. כ״ז. בבא בתרא ק״ס) אן ערב איז משתעבד (מוז באצאָהלען דעם חוב) פון פסוק, לקח בגדו, כי ערב זר, ער האָט צוגענומען זיין קלייד, ווייל ער האָט ערב געווען א פרעמדען (בבא בתרא קע״ג). קרקע ווערט נקנה בכסף, פון פסוק שדות בכסף יקנו (קידושין כ״ו) קרקע ווערט נקנה דורך חזקה פון פסוק „און וואוינט אין אייערע שטעט, וואָס איהר האָט פארנומען״ (דאָרטען) אַז עס קען זיין אַ שליח לדבר עבירה האָט שמאי אָפּגעלערענט פון פסוק פון שמואל (דאָרטען מ״ג). דאָס האָבען מיר פון תורת משה ניט געלערענט, פון די רייד פון יחזקאל בן בוזי, אבער האָבען מיר עס יאָ אָפּגעלערענט (יומא ע״א) א סוכה העכער פון צוואנציג איז פסול פון פסוק „וסוכה תהית לצל יומם״ און אַ סוכה זאָל זיין צום שאטען פון טאָג (סוכה ב׳). פון וואַנען וויים איך אז אבלות איז זיבען טעג ווארום עס שטעהט געשריבען והפכתי חגיכם לאבל. איך וועל פאַרוואַנדלען אייערע יום טובים אין טרויער (מועד קטן כ׳) און די מעהרסטע דיני אבלות לערנען מיר אָפּ פון דברי קבלה (דאָרטען ט״ו) און פיעלע איסורים פון מזבח לערנען מיר אָפּ פון פסוק פון יחזקאל ממשקה ישראל (חולין צ׳, תמורה כ״ט און אין פיעלע ערטער). א מצוה, וואָס קומט דורך אן עבירה פון פסוק והבאתם את הגזול (סוכה ל׳). פון די אלע זיינען איניגע נאָר א גלוי מילתא (עס ערקלערט דעם ענין) און דער רוב איז אן אמת׳ע אָפּלערנונג — ווי הפקר בית דין, שווערען, מקיים זיין א מצוה, קנין כסף ביי קרקע, קנין חזקה, שליח לדבר עבירה די אלע פון **יחזקאל, אבלות — זיבען טעג און מצוה הבאה בעבירה, און דאָס האָט גאָר ניט**

צו טאָן מיט זייער כלל, אז דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן, אז זאכען פון דער תורה לערנען מיר ניט אָפּ פון דברי קבלה, ווארום זיי האָבען עס גע־זאָגט נאָר בנוגע אָפּצולערנען א זאך, וואָס שטעהט געשריבען אין דער תורה לויט איינע פון די מדות פון דברי קבלה, ווי אין חגיגה (י') און אין נדה (כ"ג), וואָס זיי האָבען געוואָלט לערנען אַ גזרה שוה און אין בבא קמא (ב'), וואָס זיי האָבען געוואָלט אָפּלערנען דורך א בנין אב. און דאָך אין אַזוינע פעלע אפילו האָבען זיי אָפּגעלערענט פאר א גלוי מילתא, ווי ער האָט מפרש געווען אין בבא קמא דאָרטען. און אַזוי איז אויך געדרונגען אין נזיר (ג'): הריני נזיר לשלח פרע (איך נעם אויף זיך צו זיין א נזיר, זיך לאָזען פאַר־וואקסען די האָר) — איז ער אַ נזיר. ווארום מיר לערנען אָפּ פרע פון אַ גזירת שוה פון דברי קבלה. און דער טעם איז, ווייל דאָס איז מעהר ניט, ווי נאָר א גילוי מילתא. און ווייס, אז אין דאָזיגען ענין, איך מיין צו זאָגען, אין ענין פון כח פון די זאכען, וואָס מען לערענט אָפּ פון די נביאים זיינען ניט די אלע מיינונגען פון די קאַראַאימען גלייך. און דער בעל אדרת אליהו (ענין שבת, פי"ד) האָט געשריבען אין נאָמען פון די ערשטע חכמים, אז יע־דער מצוה, וואָס איז ערקלערט געוואָרען איהר טעם אין די רייד פון די נביאים האָט זי איהר שורש און עיקר אין דער תורה, פון וואנען זי ווערט אַרויס־גענומען. און ר' לוי בן ר' יפת האָט געענטפערט, אז עס איז פאראן אַן אונ־טערשיד צווישען דעם, וואָס ווערט גענומען פון די מצוות עשה און מצוות לא תעשה פון דער תורה, וואָס זי איז, ווי באַוואוסט, אן אייביגע, וועלכע איז געגעבען געוואָרען דורך דעם האַר פון די נביאים און צווישען דעם, וואָס ווערט געזאָגט אין די שריפטען פון די נביאים, ווייל יעדער נבואה איז לויט דעם דור. און זעה נאָך דאָרטען גוט אין אלע זיינע רייד. און נאָך דאָרטען אין ענין פון חג המצות, סוף פרק ב'.

זייט 154, צייכען (ו).

ו) דאָס זיינען די רייד פון ר' אהרן בן אליהו אין ספר גן עדן ענין עריות, פרק ב': און די צווייטע דיעה (דאָס הייסט אין ענין פון היקש ביי עריות איז די דיעה פון ר' יוסף נשמתו עדן און די דיעה פון חכם ר' ישועה זיין תלמיד, וועלכע זיינען געגאַנגען נאָר נאָך דעם, וואָס איז געשריבען און נאָך דעם היקש. ער מיינט צו זאָגען, א קלאָרען היקש, וואָס קומט אַרויס פון אַנאַליז, ניט א היקש אויף א היקש, ווי די מיינונג פון די מרכבים איז. און ר' יוסף איז דאָס דער, וואָס ווערט גערופען הרואה, ווארום ער איז געווען אַ בלינדער, האָט מען איהם אַזוי גערופען, און ער ווערט אויך גערופען המאור אָדער די גרויסע ליכט, אויך די ליכט פון גלות. און אין יעדען פלאַץ, וואָס ר' אהרן בן אליהו דערמאָנט אין ספר ר' יוסף סתם, איז דאָס דער רואה. און ריכטיג איז, וואָס דער חכם ר' שמחה פינסקער האָט געזאָגט, אז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט, ר' ישועה זיין תלמיד איז דאָס ניט זיין תלמיד ממש, ווארום ער איז געווען פיעל צייט נאָך איהם. ער האָט איהם אָבער גערופען זיין תלמיד, ווייל ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך איהם. און נאָך מעהר וועט ערקלערט ווערען ווייטער.

זייט 155, צייכען (ז).

ז) דאָס זיינען די רייד פון ר׳ אהרן בעל המבחר אין דער הקדמה פון זיין ספר: און מען קאָן ניט טענה׳ן געגען אונז, אַז אויך מיר פאַרלאָזען זיך... אויף דער העתקה, דיזע העתקה צושטערט ניט, וואָס איז אין דער אמת׳ער שריפט (תורה) און עס איז וועגען איהר קיין חלוקי דיעות פאַראַן, נאָר זי איז ביי אַלעמען פון כלל ישראל גלייך אָנגענומען. און ער האָט פאַרשטאַנען צו שווייגען וועגען די רמזים אין דער תורה שבכתב, ווארום ער האָט געוואוסט, אז עס איז פאַלש. נאָר ר׳ אהרן דער לעצטער אין גן עדן, ענין שחיטה אין דער פתיחה איז שוין יאָ אָוועקגעגאַנגען פון אמת און האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָס מען נעמט אָן פון סבל הירושה באַדאַרף עס זיין אַרויסגעהאָלפען פון פסוק. און דאָס איז די דיעה פון די קדמונים, וועלכע עס האָט געבראַכט ר׳ טוביה העובד, וואָס מיר האָבען געבראכט אין פנים. און אַזוי איז אויך געשריבען אין אדרת אין ענין פון קידוש השם. און דאָרטען אין פרק א׳ פון ענין שחיטה האָט ער געשריבען: און די חכמים עליהם השלום האָבען געשריבען, אַז יעדער קבלה, וואָס געהט ניט אנטקעגען דעם, וואָס עס איז געשריבען, און ווערט אויך אַרויסגעהאָלפען פון געשריבענעם, וועלען מיר אויף זיך מקבל זיין. און נאָך דער דאָזיגער פאַלשער סברא געהען אַלע נאָך. און עס איז קלאָר ביי מיר, אז זיי האָבען אלע געוואוסט, אז עס איז ניט אמת, ווארום, ווען ניט אזוי, פאַרוואָס האָבען זיי ניט אָנגעוויזען אויף די רמזים אין אַלע ערטער, וואָס זיי פארלאָזען זיך אויף דער העתקה.

זייט 157, צייכען (ח).

ח) זעה אין אשכול הכופר, זייט פ׳, ענין ד׳, אין ענין פון שחיטת הפסח אָן הכרעת פון דער סברא צווישען די פסוקים בנוגע דער צייט פון שחט׳ען דעם פסח. און זי איז פון די קדמונים. איין פסוק זאָגט: אין פיערצעהנטען טאָג פון חודש — זאָל זיין דער פסח פאר גאָט. און דאָס איז, ווען עס פאַלט אויס דער פיערצעהנטער ערב שבת, און אַן אַנדער פסוק זאָגט: אין פיערצעהנטען פון חודש צווישען טאָג און נאכט. איז דאָס, ווען דער פיערצעהנטער פאלט אין אוינעם פון די איבעריגע טעג פון דער וואָך. און איין פסוק זאָגט: דאָרטען זאָלסט דו שחט׳ען דעם פסח אין אווענט — איז דאָס ווען דער פיערצעהנטער פאַלט אויס שבת. און די דאָזיגע סברה ווערט געבראַכט אין אַלע זייערע ספרי מצוות.

זייט 157, צייכען (ט).

ט) דער חכם ר׳ שמחה פינסקער אין לקוטי קדמוניות, זייט קי״ט האָט מאריך געווען צו באַווייזען, אז אבו סעיד אָדער סעיד אַליין אָדער אויך סעדיה דער זוהן פון ר׳ יפת איז דאָס דער, וואָס איז על פי רוב באַוואוסט מיט דעם נאָמען פון ר׳ לוי בן ר׳ יפת הלוי און ער האָט מחבר געווען א ספר מצוות אין יאָהר ד׳ אלפים תשס״ז ליצירה (דאָרטען קס״ט), און אין נספחות, זייט 90, האָט דער מחבר איבערגעשריבען פון ספר המצוות פון דאָזיגען ר׳ לוי. ער האָט אָבער זעהר מקצר געווען, אַזוי, אַז עס זיינען כמעט קיינע נוצען ניטאָ אין זיינע ציטאַטען. עס ווערט אבער דאָרטען אויך געבראַכט, וואָס דער דאָזיגער ר׳ לוי בן יפת ברענגט די רייד פון ענן, וואָס האָט אָנגעזאָגט מאכען

דאָס מל זיין פארנאכטליך צו. כדי דאָס פאַרהוילען זיך זאָל פאַרקומען אין דער וואָכען. און דערביי האָב איך געהערט, אַז לייטע אין פאַרשיידענע פלעצער ווילען ניט מל זיין אום שבת, נאָר אום זונטאג. און עס איז געדרונגען פון זיינע רייד, אז ער אליין אבער איז מסכים מיט די רייד פון ענן, און דאָס איז אַ וואונדער, ווארום ער איז דאָך סותר זיינע אייגענע רייד, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז מען טאָר ניט דן זיין אין דער תורה לויט דער סברא. און די שיטה פון ענן'ען אין דעם איז דאָך נאָר פון דער סברא.

זייט 161, צייכען (י).

י) אין אשכול הכופר (צ"א, ע"ג) האָט ער ערקלערט די מצוה פון לא תסור אויף זאָגען, וואָס מען דרינגט אַרויס פון די מדות. ווארום דער „כי יפלא" (אַז עס וועט פאַרהוילען זיין פון דיר) קאָן ניט געהן אויף זאַכען, וואָס זיינען אַרויסגעשריבען נאָר אין אַזויגע, וואָס זיינען באַהאַלטען. און ער ענדיגט דאָרטען, אז יעדער זאַך, וואָס מיר ווייסען ניט ניט פון שכל, ניט פון אויסדרינגען און ניט פון סבל הירושה, קאָן זייער ענין געוואָר ווערען פון די דאָזיגע פיערצעהן מדות, וואָס מיר האָבען דערמאָנט. נון מיר ווילען ניט זיך אויס'טענ'ען מיט דעם דאָזיגען מאַן, וואָס ווידערהאָלט זיך אומאויפהערליך און איז על פי רוב סותר זיינע אייגענע רייד. און עס איז קיין וואונדער ניט, ווארום דער דאָזיגער מחבר מיט זיין גאנצער בקיאות איז ניט געווען קיין עהרליכער און איז ניט געווען פעסט אין זיין מיינונג. און אין שטות זיינעם האָט ער נאָך געשריבען זיין ספר אין ריפמען און האָט געשריבען משונה'דיגע מליצות, אָהן צווייפעל, כדי ער זאָל זיך אויך אין דעם אונטערשיידען פון די רבנים, און דעריבער איז דער גאנצער פליום זיינער אַוועקגעגאַנגען אויף אַזויגע נאַרישקייטען, און בנוגע צום עיקר ענין זיינעם איז ער צומישט געבליבען. מיר ווילען אבער דאָס יא פרעגען: אין זאַכען, וואָס זיינען פון „סבל הירושה" — וואָס ווילען זיי טון מיט דעם „בעל תוסיף"? און אויב זיי האָבען געזאָגט, אז אויף דעם סבל הירושה איז דאָ א רמז אין פסוק און ר' טוביה העובד האָט געזאָגט, אז ער (דער סבל הירושה) איז דער פירוש פון דעם פסוק און ניט, אַז דער פסוק איז זיין פירוש. על דרך משל, דער מאמר ושחט (און ער זאָל קוילען) וואָס שטעהט אין דער תורה איז דער רמז אויף די פינף הלכות שחיטה פון סבל הירושה און ער איז זיין פירוש. קאָן ער דאָך זאָגען וועגען יעדער הלכה למשה מסיני, אז זיי זיינען אלע אָנגעבונדען אין מאמר התורה. און וויים, אז אין קיין זאַך האָבען די קראים אַזוי ניט געבלאָנדזשעט, ווי אין דעם ענין פון סבל הירושה, ווארום זיי האָבען אליין געוואוסט, אז זייער התנצלות איז א פאלשע התנצלות געווען. און זעה וואָס ער האָט געשריבען אין אדרת אליהו ענין תפלה, פרק ח'. און דאָס איז זיין לשון דאָרטען: דעריבער האָבען מחמיר געווען די חכמים אין ענין פון נטילת ידים (די הענט וואשען) פאר דעם עסען און דאָס האָבען זיי פון סבל הירושה איין דור נאָך דעם צווייטען. און דאָס איז א סתירה. ווארום אויב דאָס איז פון סבל הירושה איז דאָך עס מן התורה און וואָס זשע פאר א חומרא איז דאָ. און ער האָט ווידער געזאָגט: און די בעלי התלמוד האָבען מחייב געווען א ברכה בײַ נטילת ידים און זיי האָבען געזאָגט: אשר קדשנו במצוותיו וצונו... (וואָס

ער האָט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און האָט אונז אָנגעזאָגט) און ביי אונז איז די דאָזיגע ברכה קשה, ווארום, ווי אַזוי קאָנען מיר זאָגען אשר צונו און גאָט האָט ניט געהייסען. אויב אַזוי אבער, איז מען דאָך עובר לויט זייער שיטה אויף בל תוסיף?

קאַפּיטעל 8.

זייט 166, צייכען (א).

א) עס האָט שוין געשריבען ר׳ כלב אפנדופולו אין זיין הקדמה „נחל אשכול״, וואָס איז א שליסעל צום ספר אשכול הכופר, אַז עס זיינען פאַראַן אין ספר פיעלע ענינים, וואָס דער מחבר דערמאָנט מעהר ווי איין מאָל. און איך גיב צו, אַז אמאָל ווידערהאָלט ער זאכען און איז סותר זיינע אייגענע רייד, און באַזאָנדערס איז ביי איהם דאָ א צומישעניש אין ענין פון די מדות. ווארום פון דעם, וואָס מיר האָבען געשריבען אין טעקסט זעהען מיר, אַז צווישען די אכציג מדות געפינען זיך איין און דרייסיג פון תלמוד. און אין סימן קע״ד רעדט ער פון פיערצעהן מדות, נאָר די קראים האָבען זיי אלע כולל געווען אין זיי.

זייט 175, צייכען (ב).

ב) אויך דאָס האָט ער געבראכט אין מטה אלהים אין נאָמען פון ענן, אַז ער האָט אָפּגעלערענט דעם היתור פון טומאת מת אין גלות. עס שטעהט זאת התורה ביי עולה מנחה און שלמים און נגעים און עס איז געזאָגט געוואָרען זאת תורת הזב. איז אַזוי ווי עולה א. וו. זיינען בטל געוואָרען אין גלות, אַזוי זיינען אויך טומאת מת און זב ניט גילטיג אין גלות. און גרעץ האָט ריכטיג אויפמערקזאם געמאכט, אַז ער האָט אָפּגעלערענט דורך א גזירה שוה פון זאת התורה. און מיר געפעלט, אַז עס איז פאַראַן א פעהלער אין כתב יד, ווארום ער האָט אָפּגעלערענט טומאת מת דורך דער דאָזיגער גזירה שוה און ער האָט ניט געבראכט דעם פסוק און עס באדאַרף אָהן צווייפעל זיין אין כתב יד: און עס שטעהט „זאת התורה אדם כי ימות באוהל״.

זייט 179, צייכען (ג).

ג) אין ענין פון בנין אב פון צוויי פסוקים גיט ער צו פון דריי און פון פיער פסוקים. און זעה אין פירוש פון ראב״ד אויף ספרא, אַז בנין אָב פון צוויי פסוקים און דריי איז איין זאַך. ער האָט אבער פאַרפעהלט מפרש צו זיין דעם ענין דהיינו, אַז פון איין זייט איז פאַראַן אן אונטערשיד צווישען זיי ביידען און פון איין זייט א צד השוה. נאָר פון אַזאַ בנין אב לערנען מיר אָפּ, ווארום אויב ניט אַזוי, זיינען זיי דאָך צוויי פסוקים, וואָס קומען צוזאַמען און מיר קומען צו א מחלוקת, צי מען לערענט אָפּ אָדער ניט.

קאַפּיטעל 9.

זייט 189, צייכען (א).

א) איך האָב אויפגעהערט צו ברענגען די מראה מקומות אין די ספרים פון די קראים וועגען יעדען דין, וואָס איך האָב געבראַכט פון זיי, ווארום איך

האָב אין דעם קיין נויטוועגדיגקייט און נוצליכקייט ניט געזעהן. עס וועט נאָר ברענגען צופיעל אריכות, וואָס איז איבעריג פאַר מבינים. איך וועל נאָר אויפמערקזאם מאכען, אז אלעס, וואָס איך האָב געבראכט איז לויט די ספרים פון זייערע דינים, געזעצען און פירושים אויף תנ״ך, ווי דער ספר המחבר, יהי מאורות אין כתב יד, גן עדן, כתר תורה, אדרת אליהו, משאת בנימין, אשכול הכופר, דוד מרדכי, אורח צדיקים, אפריון עשה, חלק א׳, אפריון עשה, חלק ב׳ אין כתב יד, די ציטאַטען אין לקוטי קדמוניות און נאָך מאַנכע כתב יד׳ען, וואָס איך האָב פון די וואָס געפינען זיך אין סעמינאר פון פינסקער׳ס ירושה.

זייט 191, צייכען (ב).

ב) **אַלע זייערע מפרשים שרייען גוואלדיג אויף די בעלי הקבלה, וואָס זיי זיינען מחייב די פרויען מקריב צו זיין דעם פסח און זאָגען דאָך, אַז דאָס** עסען פאַר זיי איז מעהר ניט, ווי א רשות. זעה גן עדן, ענין פסח, פרק ד׳ און אין מבחר, פרשה בא און אין אדרת אליהו ענין פסח פ״ו. זיי האָבען אבער פאַלש עדות געזאָגט אויף די בעלי הקבלה. עס איז דאָ א מחלוקת וועגען דעם דאָזיגען ענין. און לויט די רייד פון דעם, וואָס זאָגט, אז דער קרבן פסח איז פאַר פרויען א רשות און ניט קיין חוב, איז אלעס א רשות, סיי מקריב זיין איהם און סיי עסען איהם. און זעה פסחים (3) און אין ירושלמי דאָרטען **פרק ח׳, הלכה א׳.**

זייט 194, צייכען (ג).

ג) **און ר׳ יהודה הדסי אין אשכול הכופר** (ע״ח, ע״ד) שרייבט פאָל־גענדעס: עס זיינען פאַראַן ספיקות, וואָס מיר געהען אין זיי לקולא א. וו. ווי די ביהכנען און פליגען שמירען איין האָניג, ווייַן און בוימעל... אויך אויף פירות און ירקות געהען די שרצים און מאַכען זיי אומריין... און די אלע זאַכען געהען מיר אין זיי לקולא. און דער ענין פון אותו ואת בנו... פון א טשערדע וואָס ווערט געקויפט אין מאַרק — זיינען מיר ניט אָנגעזאָגט דערויף און מען מעג זיי קוילען אין איין טאָג. און אַזוי אויך דער ענין לא תביא תועבה אל ביתך (זאָלסט ניט ברענגען קיין אומווירדיגקייט אין דיין הויז) און יעדער כסף תועבה, וואָס מיר ווייסען ניט דערפון, איז דאָס ריין. און ער האָט געבראכט נאָך ספיקות פון זעלבען מין, וואָס מען געהט אין זיי לקולא. און אין אמת׳ען האָבען די אלע זאכען גאָר ניט צו טון מיט א ספק, ווארום עס איז אין זיי קיין צד איסור ניטאָ און פון גאָר לכתחלה באַדאַרף מען זיי פאַר קיין איסור ניט האלטען.

זייט 194, צייכען (ד).

ד) די קראים אסר׳ען בפירוש די, וואָס איז מסוכן, און דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז איבעריג, ווארום אַ מסוכנת איז ערגער פון אַ קראַנקער און עס איז א כל שכן. זיי האָבען ארויסגעשטעלט איהר איסור כדי צו דעמאָנסטרירען זייער געגנערשאפט צום תלמוד, ווי זייער שטויגער איז. דערפאַר וואָס דער תלמוד איז מתיר א מסוכנת, ווען זי האָט זיך נאָך געוואָרפען, האָבען זיי ערקלערט בפירוש, אז זי איז אסור, באָטש צום עיקר הדין האָבען זיי עס ניט באַדאַרפט האָבען, ווארום עס איז א קל וחומר פון א קראַנקער.

זייט 195, צייכען (ה).

ה) עס ווייזט אויס, אז אין דער צייט פון די ערשטע דורות פון די קראים איז דאָס באַהאַנדלען די פראגע וועגען די משומדים געווען זעהר נויטיג, און עס האָבען זיך געפונען אַהן צווייפעל פיעלע, וואָס האָבען פאַרלאָזען דאָס אידישע גלויבען. ווארום אויך די גאונים זיינען געצוואונגען געווען צו האנדלען וועגען זעלבען ענין, און אויך זיי האָבען באשלאָסען, אז דער משומד ירשעט ניט זיין פאָטער, און זיי האָבען זיך געמאַטערט צו פאַרענטפערען בדוחק דעם פשט פון דער גמרא, וואָס ווייזט אויף פאַרקערט, און באַמיהט זיך צו ברענגען א דרש־ראיה, וואָס יעדער וואָס זעהט זי, דערקענט באלד, ווי געמאַטערט זי איז. זעה אין די תשובות שערי צדק, חלק ד׳, שער ג׳, סימן כ׳ און אין חמדה גנוזה, סימן נ״ב.

זייט 198, צייכען (ו).

ו) ר׳ יוסף בן אברהם הכהן, ווערט גערופען הרואה, אויך דאָס ליכט, אָדער די גרויסע ליכט און ער האָט געשריבען אין ספר מטה אלהים, עס ווערט געבראכט אין דוד מרדכי (י״א ע״א): און ער (דאָס הייסט ר׳ סעדיה גאון) איז געווען דער תלמיד פון ר׳ סלמון בן ירוחם און ר׳ יוסף האָט איהם אָפּגעפרעגט (ר׳ סעדיה גאון) און זיי זיינען בײדע אין איין צייט געווען. און ר׳ יוסף האָט איהם אָפּגעפרעגט און האָט איהם באַזיעגט מיט זיינע טענות, ווי ער האָט עס דערמאָנט אין ספר המאור און ער האָט איהם מחבר געווען אין יאָהר פיער טויזענט, זעקס הונדערט און ניינציג ליצירה. און דאָס שטימט מיט איין אמת מיט דער צייט פון ר׳ סעדיה גאון. אויסער דעם, וואָס ער האָט מיט גרויס פלייס געפאָרשט די תורה, האָט ער געפלייסט אויף דער חכמת הפילוסופיא. זעה אין לקוטי קדמוניות, זייט קט״ו און זייט ר״י און באַזאָנדערס אין דער הערה, סימן י״ד 172. און דאָרטען האָט ער געבראַכט, אז ער האָט מחבר געווען דרייצעהן ספרים, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער איז אין חקירה וועגען אמונות און דיעות. און אין די ערקלערונגען פון די מצוות האָט ער דריי ספרים. א׳ ספר המצוות, ב׳ ספר מועדים, ג׳ ספר האביב. און דאָס אלעס, וואָס דער חכם פינסקער האָט געפונען פאר נויטיג צו דערצעהלען אונז וועגען איהם, און מען באַדאַרף באַדויערען, וואָס ער האָט זיך באַנוגענט נאָר מיט וועניגע ביבליאָגראפישע באמערקונגען. די לעצטע קראים אבער האָבען איבערגעלאָזט אין זייערע ספרים א סך פראַגמענטען אויף זיין נאָמען בנוגע צו ערקלערען די מצוות, און פון זיי קאָנען מיר משפט׳ען אויף זיין וועג אין פאַרשטעהן די תורה. על פי רוב דרש׳עט ער דעם פסוק על פי חקירה שכלית אויף דעם שטייגער פון די ערשטע בעלי המחקר, וואָס זוכען צו געבען טעמים צו די מצוות, און אויך די פאָרם, וואָס ער האָט געגעבען צו זיינע פירושים איז א לאָגישע און וויסענשאַפטליכע. און פיעלע פון זיינע פירושים אויף דיזען שטייגער וועסטו געפינען אין ספר המבחר פון ר׳ אהרן הראשון און אין גן עדן און אין כתר תורה פון ר׳ אהרן דעם לעצטען און אין אדרת אליהו. און פון זיינע טעאָרעטישע געדאנקען אין די חקירות פון אמונות ודיעות געפינען זיך אויך אין די אויבענדערמאָנטע ספרים אין איניגע קאַפּיטלען און באזאָנדערס אין ספר עץ חיים. זעה דאָרטען פרק י״ט, וואָס ר׳ יוסף האָט

זיך משתדל געווען צו ערקלערען די רייד פון דער תורה, וואָס האלטען אין זיך הגשמה און דער מחבר פון עץ חיים איז נאָך איהם נאָכגעגאַנגען. און אפשר האָט אויך דער הדסי אין אשכול הכופר, וואָס האָט ערקלערט די דאָזיגע טערמינען לויט די ערקלערונגען פון די משכילים, געמיינט די ערקלערונגען פון רואה. און פרק ס״ה האָט ער געשריבען, און ווי זיס זיינען די רייד פון רבנו יוסף המאור אין ענין פון חקירה און נבואה. און דאָרטען פרק ע״ב אין ענין פון די תוארים. און אין פרק ע״ו פון משיג זיין און פיהלען. פרק פ״ו אין ענין פון ידיעה. אין פרק צ״ד וועגען דעם באַגריף פון רעדען ביי גאָט און זיין מעגליכקייט. און אמאָל ברענגט ער זיינע ספרים הנעימות והמחקר, ניט דערמאָנענדיג דעם נאָמען פון מחבר, און עס איז קלאָר דאָרטען, אַז זיי זיינען ביידע איינס. און דער רואה האָט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס ער איז אַ גרויסער געגנער פון תלמוד און ער איז צו פיעל געמאַטערטען פלפול אבער געקומען צוליעב זיין באגעהר צו שטעלען זיך שטענדיג אנטקעגען איהם. און זיינען זיי מסכים, אז מען איז מעבר דאָס יאָהר נאָר לויט דעם פריהלינג געגען דעם תלמוד. זיי זיינען אבער מודה, אז מען איז ניט מעבר אין מיטען חודש. און ער זאָגט, אז אויב דער פריהלינג איז געקומען פאר דעם פופצעהנטען אין ניסן מאכט מען איהם פאר דעם ערשטען חודש אויף צוריק און מען מאַכט פסח. און דאָס איז מאָדנע. און עס איז אן אבזיכטליכע געגנערשאַפט. און ער אליין האָט אין זיינע לעצטע יאָהרען איינגעזעהן די נאַרישקייט פון זיין פסק דין און האָט דערויף חרטה געהאט (גן עדן הבדל שנה, פרק י׳) און אין פירוש פון מלאכה האָט ער געזאָגט, אז דאָס וואָרט מלאכה ווייזט, אז יעדער שאפענדער טאט הייסט מלאכה. ער האָט אבער געזאָגט, אז אויך קאַליע מאכען געהט אריין אין דאָזיגען כלל. און דאָס איז א גרייז (דאָרטען, ענין שבת, פרק א׳) און ער האָט גע׳פסק׳ענט, אז ספק נפשות איז ניט דוחק שבת פון זיין אייגענער סברה און האָט ניט אָנגעגעבען קיין קלאָרען טעם דערויף (דאָרטען, פרק י״ז). און האָט אויסגעדרונגען על פי חקירה, אז דאָס עסען מצה איז א מצוה אלע זיעבען טעג (זעה מצות, פרק ג׳). און דאָס אלעס נאָר ווידערצושפעניגען דעם תלמוד. און אז עס איז איהם שווער געווען פעסטצושטעלען זיין דיעה אין ענין פון „ממחרת השבת" האָט ער, דער דאָזיגער פילוסוף, זיך פאַרנומען אויף דעם וועג פון נסים און האָט געזאָגט, אז על פי נס האָבען זיי געוואָרט און די זריעה איז ניט פאַרדאָרבען געוואָרען, ווי דער ענין פון „ולא יחמוד איש את ארצך" — קיינער ווערט ניט גלוסטען דיין לאנד (זעה שבועות, פרק ג׳) און אין אלע פון זיינע רייד איז ער פון די מחמירים און פון יענע קראים, וואָס האָבען מוסיף געווען גדרים און סייגים אויף די מצוות פון גאָט. און ער האָט אויך פעסטגעשטעלט דעם כלל: עס איז גוט, מיר זאָלען מחמיר זיין און ניט מקיל זיין (ענין מצות, פרק א׳).

קאפיטל 10.

זייט 205, צייכען (א).

א) זעה לקוטי קדמוניות זייט ט״ו וועגען ר׳ סלמון בן ירוחם, וואָס איז געגאַנגען קיין מצרים לערנען דעם קאראַאימישען דת און פארשפּרייטען איהם.

און אין די הערות סימן י"ד זייט 195 האָט ער געשריבען אין נאָמען פון ר' יוסף הרואה, אז ער האָט געזאָגט, אז ער איז ארומגעגאנגען און ארומגע־שוועבט אין ווייטע שטעט און מדינות. און פון נסי בן נח האָט ער געשריבען דאָרטען זייט ט"ו, אז ער איז געווען ארומגעוואָגעלט פון איין פלאץ צום צוויי־טען. און דער אמת איז, אז ער אליין האָט אזוי געשריבען אין דער הקדמה צו זיין ספר „פלס באור המצוות". דאָס ארומוואָגלען אבער איז געווען, קען זיין, ניט צו לערנען אנדערע, נאָר צו לערנען זיך אליין, ווי עס איז קלאָר פאַר דעם, וואָס איז מעיין אין יענער הקדמה.

זייט 208, צייכען (ב).

ב) דער רבי נאָך פון די אלע קראים אין אונזער דור, דער קאַראַאים אברהם פערקאָוויטץ אין זיין מאמר „חותם תכנית" און אין פירוש אויף דעם ספר מבחר ישרים (גאזלאיי תק"צ) האָט זיין גאַנצען כעס אויסגעלאָזט אויף די רבנים דורך מלשינות און מסירות. און ער זאָגט דאָרטען בפירוש, אז נאָר די פירושים זיינען שולדיג געווען אין די ליידען פון דעם גרינדער פון זייער דת און זיי האָבען פאראורזאכט זיין טויט און די קראים האָבען אין דעם קיין אנטייל גענומען.

זייט 211, צייכען (ג).

ג) אין די ספרים פון די קראים געפינען מיר, אז זיי האָבען זיך גע־פלייסט צו דערוויטערען די מליצות און די טערמינען, וואָס געפינען זיך אין די ספרים פון די חז"ל און האָבען אויסגעטראכט נייע, וואָס זיינען זעהר שווער צום פארשטעהן. און איך וועל דאָ פאָרלעגען מאנכע. ק ב ל ה האָבען זיי גערופען מיט פארשיידענע נעמען: סבל הירושה (די לאַסט פון דער ירושה), העתקה (איבערליפערונג), עדה, קבוץ. מה מציבו (אזוי ווי מיר געפינען...) האָבען זיי גערופען הפוך, און אמאָל האָבען זיי איהם גערופען גזירה שוה. ספק — פוגה. ענין — מענה. מיוחד (ספעציעל) ממוסגל. לדון (צו באַהאַנד־לען) להקיש. דרך משל — דרך מעבר. תכלית — צדייה. רומז — מרמיז. הנאה — הועלה. חנוך (נהיל לאוט) רשות אָדער היתר — עובר. גדיל — בוגר. גזירה שוה — חיק שערך. סברה — דרך הגברה. אומדנא — דרך הקרבה. חלוק — פרק. הוכחת אדער ראיה — אשור (א באשטעטיגונג) חל יחול (עס פאַלט אוים) קרה יקרה. און עס זיינען געפונען זיך נאָך אזעלכע. דערפאַר וואָס זיי האָבען פארמיאוסט די שפראך פון אונזערע חכמים ז"ל, האָ־בען זיי זיך באנוצט מיט דעם ווערב הרה (שוואנגערען) אויך אויף א מעוברת'־דיגער בהמה, און זיי האָבען געזאָגט „ההרה" טאָר מען ניט קוילען צוליעב אָ אותו ואת בנו אין דער ווערב געפינט זיך ניט אין ערגעץ אין תנ"ך נאָר אויף אָ פרוי. און זיי האָבען פאַרגעסען אז מעוברת, ווי די חכמים שרייבען איז אמת'ער ריינער העברעאיש און ווי עס שטעהט שירו עובר ולא יגעיל (זיין אָקס וועט אויסטראָגען און וועט ניט מפיל זיין).

ק א פ י ט ע ל 11.

זייט 220, צייכען (א).

א) עס איז גאָר קיין צאָהל ניט פאראן צו די אלע לעגענדארע זאַכען,

וועלכע געפינען זיך אין קאראן און אין אנדערע שריפטען פון די מוסעלמאַנער שרייבער, וואָס זייער יסוד איז אין די אגדות פון תלמוד און מדרש, און זיי זיינען דאָרטען געענדערט געוואָרען און געפעלשט געוואָרען, לויט ווי זיי האָבען באדארפט און פאר די צוועקען, וואָס זיי האָבען זיך געשטעלט. זעה אין בוך „ביבלישע לעגענדען דער מאחמאדענער", (פראנקפורט 1845), פון דר. ג. וואל, אין וועלכען דער מחבר האָט צונויפגעזאַמעלט זייערע לעגענדען פון קאראן און פון אראבישע מאַנוסקריפּטען. און מיר ווענען דאָ ברענגען איין ביישפּיל צו־ליעב זיין וואונדערליכקייט. דאָרטען זייט 12 ווערט דערצעהלט, אז אין זעקס־טען טאָג, מנחה צייט, איז אדם באַשאַפען געוואָרען. פיער מלאכים, גבריאל, מיכאל, אזרפיל און אזריאל האָבען צונויפגענומען ערד פון אלע פיער עקען פון דער וועלט און פון דער ערד איז אדם באשאפען געווארען. דאָס האַרץ און די קאָפּ זיינען באַשאַפען געוואָרען פון דער ערד, וואָס אין געגענד פון מעקא און מעדינא, פון דעם פּלאַץ, אוואו עס האָבען זיך שפּעטער געפונען די הייליגע קאבבא און דער קבר פון מחמד. און דאָס אלעס איז פון אונזער אגדה. זעה סנהדרין (ל"ח). אמר ר' מאיר, אדם הראשון — איז פון דער גאנצער וועלט זיין ערד צונויפגענומען געווארען. און אזוי איז דאָס אויך אין אבות דרבי נתן, פרק א', און אין ירושלמי נזיר, פרק ז', הלכה ב' געפינט זיך, אז ער האָט איהם באַשאַפען פון ארט פון מזבח. און אין בראשית רבה, פון אָרט פון וואנען עס קומט זיין כפרה איז ער באַשאַפען געוואָרען. און פון דעם זעהסטו דו, אז דער מקור פון דער אגדה איז אין תלמוד און אין מדרש און דער מאטעריאל איז געענדערט געוואָרען לויט זייערע צוועקען, און זיי האָבען גע־זאָגט ממקום הקאבבא. און ווייס, אז די דאָזיגע אגדה געפינט זיך אויך אין פרקי דרבי אליעזר, פרק י"א און אין תרגום יונתן אויף דער תורה און דאָר־טען איז דער סגנון איהרער פונקט, ווי ער איז אין אויבענדערמאָנטען בוך. זעה דאָרטען, און עפּעס מוז דאָך זיין אין דעם. און עס איז ניט אונזער פליכט צו ברענגען פיעלע ביישפּילען, ווי שוין אויך צוליעב דעם, וואָס החכם גייגער האָט אין דעם ספר, וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען אויף איהם, שוין בא־וויזען דאָס קלאָר ווי דער טאָג דורך פיעלע ראיות. און כאָטש מען קען נאָך מוסיף זיין אויף זיינע ראיות איז ניט אָבער דער צוועק פון אונזער חבור צו ערגענצען זיינע ראיות.

זייט 222, צייכען (ב).

ב) מיר האָבען שוין געזעהען אין דער פאָריגער הערה, אז אין פרקי דרבי אליעזר איז דער סגנון פון דער אגדה וועגען דעם, ווי אדם איז באַשאַפען געווארען פונקט ווי דער סגנון פון דער זעלבער אגדה, וואָס ווערט געבראכט אין די שריפטען פון די מוסעלמאַנער און די דאָזיגע אגדה איז ניט די איינ־ציגע, ווארום מיר געפינען פיעלע אגדות אין פרקי דרבי אליעזר, וואָס מיר געפינען ניט זייער גלייכען אין די פריערדיגע מדרשי אגדה, און זיי ווערען דערמאָנט אין די אגדות פון קאראן און אין זייערע איבעריגע שריפטען, ווי די אגדה דאָרטען פרק י"ג פון סמאל'ען, וואָס האָט געריטען אויפ'ן שלאַנג, און אלעס, וואָס ער האָט גערעדט, האָט עס סמאל פון איהם ארויסגערעדט —

געפינט זיך אויך אין עהנליכע אגדה אין קאראן. זעה אין אויבענדערמאָנטען ספר פון גייגער זייט 101 און ער ברענגט נאָך אזעלכע.

זייט 224, צייכען (ג).

ג) זעה אין ראַ"ש, שבת פרק ב', סימן י"ח, וואו ער האָט געשריבען פאָל־גענדעס: און אין סדור פון רב עמרם גאון שטעהט אויך געשריבען, אז דער וואָס צינדט אָן א ליכט נאָך שבת מאַכט אַ ברכה. און אַזוי האָט אויך גע־שריבען דער ר"ן דאָרטען און דער מרדכי און דער בעל שלטי הגבורים און אין תוספות דארטען (כ"ה): פאראגראף חובא שטעהט געשריבען, אייניגע ווילען האָבען, אַז מען מאכט ניט קיין ברכה אויף אָנצינדען די ליכט פון שבת, ווייל עס איז א חוב, און דער רבנו תם איז דוחה זייערע רייד. און איך האָב ניט געפונען ביי קיינעם פון די ערשטע פוסקים, וואָס זאָל וויסען אן אנדער מקור פאר דער דאָזיגער ברכה אויסער ווי אין סדור פון רב עמרם גאון. און דע־ריבער איז עס א וואונדער אין מיינע אויגען, וואָס איך האָב געפונען, אין די הגהות מרדכי פרק ב' פון שבת און אין הגהות מיימוני פרק ה' פון הלכות שבת, וואָס זיי האָבען געזאָגט אין נאָמען פון ירושלמי ברכות, פרק הרואה און ביצה פרק ד', אז מען מאַכט יא א ברכה אויף די ליכט פון שבת און יום טוב. און דאָס איז ניטאָ אין אונזער ירושלמי.

זייט 225, צייכען (ד).

ד) כאָטש די ראשונים שוין האָבען אָנגעגעבען דעם טעם פון דעם דאָזיגען מנהג צוליעב רב ספרא'ן, וואָס האָט געזאָגט, אז שטענדיג זאָל א מענש אייב־טיילען אין דרייען זיינע יאָהרען, א דריטעל אוועקגעבען אויף תנ"ך, א דריטעל אויף משניות און א דריטעל אויף גמרא און ער פיהרט אויס דאָרטען, אז מיט יעדען טאָג באזונדער זאָל ער זיך אזוי באגעהן, אז מען באדארף אלע טאָג לערנען מקרא, משנה און גמרא, זעה טור אורח חיים, סימן נ' און בית יוסף דאָרטען, איז דאָס אָבער דאָך ניט מבטל אונזער השערה.

א

אינהאלט־פארצייכניס:

זייט

קאפיטעל 1: די רבנן סבוראי און די ערשטע גאונים — 9—32

עוואלוציע אין דער וועלט פון אידעען און געדאנקען — 9

די פארשיידענע פאזען פון אנטוויקלונג אין דער אויסטייטשונג פון דער תורה ביז צו די רבנן סבוראי — 10

דער מצב התורה אין ארץ ישראל ארום דער צייט ווען דער תלמוד ירושלמי איז געשלאָסען געווארען — 12

וואָס די רבנן סבוראי האָבען אויפגעטאָן — 15

דער אָנהויב פון דער תקופה פון די גאונים — 19

מחמד און די אידען — 21

דער ראש גולה בוסתנאי — 23

תקנת מורדת פון די גאונים — 26

רב ששנא גאון — 27

די פארגעטערונג מיט וועלכע די שפעטערדיגע דורות האָבען זיך צו די ערשטע גאונים באצויגען — 29

קאפיטעל 2: וועגען די גאונים אין אלגעמיין — 32—53

די הכנסות פון די ישיבות — 32

די אויפגאבען פון די ישיבות — 35

די תשובות פון די גאונים — 38

די גאונים אַלס לערער און וועג־ווייזער אין ענינים פון "אמונות ודיעות" — 41

ווער זיינען געווען די צוזאַמענשטעלער פון די תשובות הגאונים — 43

די פאַרפאַסער פון די „הלכות קטועות" און די געגנערשאפט פון די גאונים צו זיי — 46

דער בליאונגס־פעריאָד פון די ספרי מדרש — 50

קאפיטעל 3: ר"ש מקיירא. — ר"א משבחא. — די ישיבה פון פומבדיתא ביז צו ענדע פון זעקסטען יאָהר־הונדערט — 53—68

רב אחא משבחא און זיין ספר השאילתות — 53

רב שמעון מקאירא און דער ספר הלכות גדולות — 59

מהלוקות און שנאה אין די ישיבות — 61

חסידות און קבלה קריגט דעם פארצוג איבער תורה און חכמה — 64

זייט

קאפיטעל 4: מר רב יהודאי בר נחמן, ביז צום סוף פון זעקסטען יאָהרהונדערט — 68—94
רב יהודאי גאון און זיין ספר הלכות פסוקות — 68
דער כאראקטער פון די תשובות פון די שפעטערדיגע גאונים. 83
דער גאון מר רב צדוק בר רב אשי און די תקנות, וואָס ער האָט מתקן געווען — 86
מר רב משה גאון — 91

קאפיטעל 5: די אנשטעהונג פון קאראאיזם — 94—124
דער לימוד־התורה אין ארץ ישראל אין דער צייט, ווען דער „תלמוד ירושלמי“ איז געשלאָסען געווארען — 94
א צייט פון רעליגיעזע ספיקות — 97
ספרי מדרש און קבלה — 100
קליינע אורזאכען בריינגען צו גרויסע פאָלגען — 102
די פאלשע געשיכטען, וואָס די קאראאימען דערציילען וועגען זייער גלויבען — 105
די מחלוקות פון ענן מיט די גאונים — 109
זוכט נאָך גוט אין דער תורה — 115
די וועגען ווי אזוי ענן האָט באקעמפט די תורה שבעל פה — 119

קאפיטעל 6: די קאראאימען ביז צו ענדע פון זעקסטען יאָהרהונדערט — 124—145
גנאי ברוך — 124
נסי בן נח — 127
די קראים בארימען זיך מיט גרויסע אידישע פערזענליכקייטען, וואָס האָבען קיינמאָל ניט באלאנגט צו זיי — 132
אן ערליכער געגנער — 137
די קראים האָבען זיך אלץ מעהר פון תלמוד דערווייטערט — 142

קאפיטעל 7: די טעאָרעטישע גרונד־לאגען פון די קראים — 145—165
פעסימיסטען און מחמירים — 145
דער זין פון מצוות — 149
נביאים און כתובים אויף דער אייגענער מדרגה ווי תורה — 151
היקש — 154
כבל הירושה — 155
שכל און וויסען — 156
שיקול הדעת און עניין — 158
לא תוסיפו — 159
דער יחיד באדארף ניט אין זיינע מיינונגען דעם רבים זיין אונטערוואָרפען — 161

קאפיטעל 8: די מדות און כללים, מיט וועלכע די קראים האבען זיך באנוצט אין זייער פארשען די תורה און זייערע אויף דעם פראסטען פשט באגרינדעטע פירושים 183—165
אומדאנקבארע תלמידים 165
עקשנות און אויגען־פארבלענדעניש 171
אומזיסטע בארימעריי 177

קאפיטעל 9: דער אונטערשייד צווישען רבנים און קראים אין זייערע מנהגים 202—183
א שווערער עול פון דינים 183
דעם שבת אין אייזערנע קייטען פארוואנדעלט 185
אלע באוועגונגען פארבאטען אום שבת 190
אן אונטערשייד אין ביין און פערציג דינים 193
א שפיעל און ווערטער 197

קאפיטעל 10: די וועגען פון די קאראאימען צו פארשפרייטען זייער דת 218—202
די קאראאימען מאכען זייער צענטער אין ארץ ישראל 202
מסירה און פארלוימדונג 207
העברעאיש ווערט די שפראך פון זייערע געלערנטע 209
די טעמים פון די מצוות 211
א פארלארענער קאמף 215

קאפיטעל 11: וואס האבען זיי אויפגעטאן 228—218
דער איסלאם ניט גינסטיג צו די קאראאימען 218
די אורזאכען 220
דער געגען קאמף פון די גאונים געגען די קאראאימען 222
נייע מנהגים און תקנות 224
די גוטע ווירקונג פון די קאראאימען אויף די רבנים 227

באמערקונגען פון פארפאסער 280—231